STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00442

SHMUESN MIT YIDISHE SHRAYBER

Jacob Pat

Permanent preservation of this book was made possible by
Mildred H. Gordon
in memory of
Nathan Gross

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמועסן מיט יידישע שרייבער

יעקב פאט

שמועסן מיט ייִדישע שרייבער

JACOB PAT

SHMUESEN MIT YIDDISHE SHRAJBER

CHATS WITH JEWISH WRITERS

אַרויסגעגעבן דורכן מחבר
אין ניו־יאָרק 1954

—

הויפּט־פאַרקויף:
„ציקאָ“ און אַרבעטער־רינג־
ביכער־לאַגער

—

שער־בלאַט און אותיות צום
אײנבאַנד — י. שלאָס

PRINTED IN THE UNITED STATES OF AMERICA

BY MARSTIN PRESS, INC., NEW YORK CITY

I. LONDON, *President*

428

אינהאַלט:

זייט

33 — דוד איגנאַטאָוו

45 — דוד אײנהאָרן

63 — יוסף אָפּאַטאָשו

79 — יעקב גלאַטשטײן

97 — אהרן גלאַנץ - לעיעלעס

113 — י. י. טרונק

131 — ה. לײוויק

175 — איציק מאַנגער

193 — מאַני לייב

211 — ש. ניגער

229 — צביון

243 — ה. רויזנבלאַט

261 — אברהם רייזען

275 — י. י. שוואַרץ

וואָס איז געוועזן

דער זין און מיין ציל ביי די „שמועסן מיט די יידישע שרייבער"?

צו וואָס זיי אַרויסגעבן איצט אין אַ בוך?

איך האָב עס געטאָן, קודם-כל, מיט אַ סך נייגיריקייט און מיט דער כוונה צו ברענגען אַן אינטערעסאַנטן און באַלערנדיקן לייען-שטאָף צום לעזער.

דורך די „שמועסן" האָב איך געוואָלט דערגיין צו דעם, וואָס עס איז ביי יעדערן פון זיי דער עיקר פון זיין שאַפן, וועלכע כוחות, סיבות און רעיונות האָבן אים באַוועגט צו זיינע ווערק. איך האָב געוואָלט דערהערן זיינע מחשבות וועגן זיך, וועגן דער וועלט, וועגן זיין פאָלק. כדי די שרייבער בעסער צו דערזען, דערהערן, דערפילן און פאַרשטיין, האָבן מיר געמאַכט „רייזעס" אין די לענדער פון די שרייבער. מיר האָבן זיך באַמיט, וויווייט מעגלעך, קומען צו אַ חשבון הנפש.

עס איז אויך געוועזן מיין כוונה אַריינצופירן דעם לעזער אין דער היים און אין וואַרשטאַט פון שרייבער, מאַכן אים אינטימער, אים אַריינציען אין דער איבערלעבונגס-סביבה, אין דער גייסטיקער וועלט פון שרייבער און דורך

דעם ענגער מאַכן די פאַרבינדונג צווישן דעם שרייבער און זיין לעזער. איך האָב אויך געפילט, אַז דער חשבון הנפש פון די שרייבער איז אויך אַ חשבון הליטעראַטור, אַ חשבון האומה, און איז עלול אין אַ געווויסער מאָס צו ווערן אויך דער חשבון הנפש פון די לעזער.

עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז צווישן די שורות זאָל זיך אויך האָבן דורכגעשלאָגן די באַציאונג, די מחשבה און די שטימונג פון דעם, וואָס האָט געפירט די „שמועסן" און נאָכדעם זיי געשריבן.

אין די „שמועסן" האָבן די שרייבער צונויפגעצויגן זייערע סך־הכלען און געמאַכט זייערע אויספירונגען. עס שיינט מיר, אַז עס איז אַרויסגעקומען אַ חשבון פון אַ גאַנצן דור. „דער נס פון דער יידישער ליטעראַטור איז אפשר אַזוי גרויס ווי דער נס פון מדינת ישראל" — האָט געזאָגט אין זיין שמועס מיט מיר ה. לייוויק. האָבן מיר געזוכט אין די „שמועסן" דעם באַשייד אויף דער גרויסער רעטעניש, וואָס הייסט „יידישע ליטעראַטור", געזוכט אויפן אַמע־ריקאַנער הימל דעם מזל־שטערן פון יידישן לשון. יידישע ליטעראַטור, יידיש לשון, יידיש פאָלק — עס איז דאָך איין מזל פאַר זיי. האָבן מיר אויך געזוכט דעם ענטפער אויף דער פראַגע — וואוהין גייט דאָס יידישע פאָלק פון אַמעריקע?

וואוהין גייסטו, אַמעריקאַנער יידישער דור?

אין יעדן טראָפּן וואַסער איז דאָ דער גאַנצער ים. אין פאָלק איז די גאַנצע וועלט. אין דער נשמה פון שעפערישן יידישן שרייבער, פון עכטן קינסטלער, איז דאָס גאַנצע פאָלק — זיינע נעכטנס, זיין היינט און זיין מאָרגן. אונ־זער פאָלקס־געשיכטע איז אָנגעלאָדן מיט דראַמע. און אַזוי איז דאָס האַרץ און דער מאַרך פון די ווערטפולע יידישע שרייבער. איך האָב געהאַט שמועסן מיט 14 יידישע שרייבער, און די מערהייט פון זיי האָט אָפּגע־וואָרפן דעם געדאַנק פון קונסט צוליב קונסט, קונסט סתם אַזוי. דער יידישער שרייבער פון אונזער דור איז אָנגעלאָדן סיי מיט קינסטלעריש־שעפערישן דראַנג און סיי מיט טיפער אומרואיקייט פאַרן פאָלקס שיקזאַל.

אין בוך זיינען דאָ „שמועסן", ווי געזאָגט, מיט 14 יידישע שרייבער, וואָס זיינען זיילן פון דער יידישער ליטע־ראַטור. צוליב פאַרשיידענע סיבות, האָב איך נאָך ניט געהאַט די מעגלעכקייט דורכצופירן „שמועסן" מיט נאָך אייניקע וויכטיקע יידישע שרייבער. איך האָף, אַז איך וועל עס קאָנען טאָן אין דער צוקונפט.

אין משך פון דריי יאָר האָב איך געפירט די „שמועסן" און זיי געשריבן בהדרגה. לכתחילה האָב איך גאָרניט געהאַט בדעה זיי צונויפצונעמען אין אַ בוך. דעם געדאַנק האָבן מיר כסדר אַנטקעגן געטראָגן לייענער און שריי־בער — אין אַ בוך וועט עס זיין אַן אסיפה רבאַ פון יידישע שרייבער פון אונזער לעצטער תקופה. די לייענער וועלן זיך גערן וועלן מצרף זיין אין דער שרייבער־מסבה. איך האָב מסכים געווען זיי צונויפצונעמען אין אַ בוך.

◈

„למי אני עמל" — בין איך שוין דער לעצטער — דאָס בויערט אין דער נשמה־טיפעניש. „איז געבויט געוואָרן די פּיראַמידע פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, כדי זי זאָל נאָך אין אונזערע טעג אוועקגע־טראָגן ווערן אין עולם השכחה?" פון דער פראַגע שלאָגט מיט טראַגיק. „האָבן מיר, ראַנגלענדיק זיך, געלעבט צוויי טויזנט יאָר אין מדבריות און אונטערדריקונגען, כדי במנוחה אויסצוגיין אויף די פרייע פליינען פון אַמע־ריקע?" — זוכט אַן ענטפער אויף דער קיום־פראַגע דער יידישער שעפערישער מענטש.

„גייט די יידישע מדינה זיך אָפּרייסן פון די תפוצות און שאַפן אַ נייעם מענטשן, אַ נייעם ייד און אַ ניי פאָלק אין ארץ ישראל?" — אַזוי פרעגט מען, צערודערט, און מען זוכט אומרואיק אַ באַשייד.

נאָכן אונטערגאַנג פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום, פּנים אל פּנים דער דאָליע פון יידישן לשון אין אַמעריקע, אויפן ראַנד צווישן דורות, איז דער יידישער שרייבער אַ דראַמע פאַר זיך אַליין.

אָפּשטאַם

פון וועלכע לענדער זיינען געקומען די שרייבער פון די „שמועסן?״ —

פון פּוילישע שטעט און שטעטלעך — 4:

יוסף אָפּאַטאָשו, יעקב גלאַטשטיין, אהרן לעיעלעס-גלאַניץ, י. י. טרונק.

פון וויים-רוסלאַנד און ליטע — 5:

דוד איינהאָרן, ה. לייוויק, ש. ניגער, אברהם רייזען, י. י. שוואַרץ.

פון אוקראַאינע — 3:

דוד איגנאַטאָוו, מאַני לייב, ה. רויזנבלאַט.

פון רומעניע — 1:

איציק מאַנגער.

פון לעטלאַנד — 1:

צביון.

וועלכער איז זייער סאָציאַלער אָפּשטאַם?

פון באַלעבאַטישן אָפּשטאַם — 6:

יוסף אָפּאַטאָשו, ה. רויזנבלאַט, יעקב גלאַטשטיין, ש. ניגער, צביון, אברהם רייזען.

פון אינטעליגענטישן אָפּשטאַם — 2:

דוד איינהאָרן, אהרן לעיעלעס-גלאַניץ.

פון רבנישן אָפּשטאַם — 2:

י. י. טרונק, י. י. שוואַרץ.

פון אומפאַרמעגלעכן און אַרבעטער אָפּשטאַם — 4:

דוד איגנאַטאָוו, מאַני לייב, ה. לייוויק, איציק מאַנגער.

די פערצן שרייבער פון די „שמועסן״, וואָס פאַרנעמען אָדער האָבן פאַרנומען וויכטיקע פּאָזיציעס אין דער יידישער ליטעראַטור, שטאַמען פון אַלע סביבות און שיכטן פון אונזער פאָלק. אין חדר איז געשטאַנען זייער אַלעמענס תורה-וויגל. סאָציאַליזם איז געווען דער אידעאַל פון די

מערסטע פון זיי. דירעקט פאַרבונדן מיט דער סאָציאַליס־טישער באַוועגונג איז געווען די איבערוויגנדע מערהייט (פון זיי 6 — מיטן „בונד״). צוויי זיינען געווען פּאָליטיש אומבאַשטימט.

די פּיראַמידע

מיר זיינען דורכגעגאַנגען זייערע וואַנדערונגען איבער לענדער, דורכגעמאַכט די יאָרן פון זייער איינוואָרצלונג אין אַמעריקע. אין פאַרלויף פון די „שמועסן״, וואָס האָבן זיך געצויגן שעהען, האַלבע נעכט, האָבן מיר דורכ־געבלעטערט זייערע ווערק, דערגרונטעוועט זיך צו זייערע שעפערישע אידייען, צו זייערע שרייבערשע שולן און ריכטונגען, צו זייערע מחשבות און איבערצייגונגען, צו זייערע דערגרייכונגען און אַנטוישונגען; געשמועסט וועגן מענטש, גאָט און שיקזאַל, וועגן וועלט און פאָלק — וועגן די תוך׳איקע יידישע פּראָבלעמען.

נעם איך צונויף אַלע „שמועסן״ און איך דערמאָן זיך י. י. טרונק׳ס היים־חסידישע רייד וועגן דער יידישער „פּי־ראַמידע״; אַלע וויכטיקע פּאַקטן פון די לעבנס פון די שרייבער, זייערע איבערלעבונגען, רעיונות, האָפנונגען און יאושן, פאַרמעסטונגען און דורכפאַלן. זעט עס מיר איצט ווירקלעך אויס ווי אַ נאַציאָנאַלע „פּיראַמידע״.

יידיש

דער מזל פון יידישן לשון, פון דער יידישער ליטעראַטור האָט געפּלאַטערט אין און איבער אַלע „שמועסן״. „שוין ניטאָ באַלד מיט וועמען צוריידן, אפילו ניט מיט די אייגענע קינדער״ — האָט געקלאָגט י. י. שוואַרץ. „די מלכּה יידיש איז געשטאָרבן!... איך קום פון אַ שלעפער־שטוב. דורך יידיש בין איך דערהויבן געוואָרן... אָ, ברידער, דעקט מיט אַש צו די קעפּ...״ — האָט ממש געוויינט אינמיטן דער נאַכט מאַני לייב, וועמענס טאַטע עס איז געווען דער „העכסטער אָרימאַן אין ניעזשין״.

עס האָט אויסגעוויזן אַן פאַרצווייפלונג ה. לייוויק: „וואו זיינען די יורשים?"

קיינער פון די שרייבער — בוכשטעבלעך קיינער — האָט אָבער ניט אויפגעגעבן די האָפענונג. יעדער איינער האָט געזוכט נחמה, אַ ברעט אויפן ים, די כוואַליעס זאָלן אים ניט פאַרפלייצן.

יידישע ליטעראַטור

פון אַלע „שמועסן" וואַקסט אַרויס מיט אַ באַזונדערער דערהויבנקייט דער „נס פון דער יידישער ליטעראַטור". זאָגט ה. רויזנבלאַט: „נאָך היינט ווייסט מען, — ווען מען דערפילט די גרויסקייט פון די ווערק". מיט קראַפט האָט י. אָפּאַטאָשו געהאַמערט וועגן די כחות, עלעמענטן, וואָס ליגן אין דער יידישער ליטעראַטור, אין דער יידישער שפּראַך, אין די יידישע גלות־תקופות. „ניטאָ קיין חורבן. עס לעבט אין אונזער בלוט שפּאַניע, ליטע, פּוילן, ארץ־ישראל" — האָט ער געזאָגט. „די יידישע ליטעראַטור טראָגט אין זיך דאָס האַרץ פון פאָלק און די שיינקייט פון דער וועלט" (מאַני לייב). „מיר זיינען געווען ניי, מיר זיינען געווען אַנדערש" — האָט שטאָלצירט דוד איגנאַטאָוו וועגן די אָנפאַנגער פון די נייע ריכטונגען אין דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. האַרט פאַר זיין אַוועקגיין פון דער וועלט האָט אברהם רייזען געזאָגט: „די יידישע ליטעראַטור האָט פאַנאַנדערגעאַקערט די שוואַרצע ערד פון דער פאָלקס־געשיכטע... פון רמב"ם ביז פרץ'ן האָט זיך געצויגן איין ליניע..." איציק מאַנגער האָט געזאָגט: „איך געהער ניט צו די מקוננים. דאָס וואונדערלעך געשאַפענע אין יידיש וועט בלייבן אייביק".

די שרייבער האָבן אויסגעדריקט זייער האָפענונג און גלויבן אין דער צוקונפט. „איך זע די אויפגייענדע בענקשאַפט נאָך יידיש" (יעקב גלאַטשטיין). „די יידישע ליטעראַטור מוז זיין, אַז דער ליטעראַטור זיינען מיר שטום"

(א. לעיעלעס-גלאַנץ). „עס איז אַ כעמישער שטאָף, וואָס קאָן קלעקן אויף דורות" — האָט אַרויסגעגעבן זיין משפט ש. ניגער. „דאָס גוטע וועט בלייבן, עס וועט בלייבן דאָס, וואָס איז אין תוך יידיש" — האָט געזאָגט דוד איינהאָרן.

אַמעריקע

וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דאָס אַמעריקאַנער יידנטום? וואָס וועט פון דעם ספינקס אַרויסקומען? וואוהין גייט דאָס יידישע פאָלק אין אַמעריקע? — דאָס איז געווען די ברענענדיקסטע פראַגע, אויף וועלכע עס איז אָבער געווען זייער שווער צו געבן אַן ענטפער. „איך דערמאָן זיך מיט ליבשאַפט די יידישע מאַסן פון פוילן..." — האָט געזאָגט מיט בענקשאַפט איציק מאַנגער, און אַנגע־וויזן אויפן פייערדיקן פראַגע-צייכן, וואָס הענגט איבערן קאָפּ פון יידישן ישוב אין אַמעריקע. יעקב גלאַטשטיין האָט אויסגערופן: „אַמעריקע איז אַ געזאַנג צו דער מענטשהייט" — און גערעדט מיט בטחון וועגן נייע יידישע דורות.

קיינער האָט ניט געקאָנט ריידן קלאָר וועגן דעם יידישן פנים פון די נייע קומענדיקע יידישע דורות אין אַמעריקע. „עס וועט זיין... עס וועט לעבן!" — איז אָבער געווען דער ווילן, וואָס איז דער פאָטער פון געדאַנק.

מדינת ישראל

עס איז געווען אוממעגלעך, אַז אפילו איין שרייבער זאָל ניט ריידן וועגן מדינת ישראל. אין זייערע רייד איז געווען אַ געמיש פון התלהבות און תרעומות, פון האָפענונג און טענה. עס איז מיין איינדרוק, אַז קיינער צווישן יידן טראַכט ניט און רעדט ניט אַזוי פאַרטיפט וועגן מדינת ישראל, ווי די יידישע שרייבער. נאָך אַלע טענות און תרעומות, נאָך אַלע פראָטעסטן און מאַנונגען, האָבן זיך געטראָגן פון אַלע הערצער בענקשאַפט, האָפענונג און ברכה.

וועלט

שיקזאַל פון דער וועלט, גורל פון דער מענטשהייט — מיט דעם איז פאַרבונדן דער יידישער גורל, דער גורל פון מדינת ישראל און דער גורל פון יידישן פאָלק אומעטום. גייט די מענטשהייט באַרג-אַרויף, צי באַרג-אַראָפּ? גייט די וועלט, חס ושלום, צו אַ דריטער וועלט-מלחמה? וואָס וועט זיין דער מזל פונם חלום וועגן גלייכהייט און גערעכטיקייט? — קיינער פון די שרייבער איז ניט אַריינגעפאַלן אין אַ לייכטן אָפּטימיזם. יעדן איינעמס האַרץ און מאַרך איז שווער באַלאָדן. מען האָט זיך אָבער באַמיט צו פאַרטרייבן דעם יאוש. „די געשרייען פון די טויזנטער ביכער, די געוויינען פון די טויזנטער לידער...” (יעקב גלאַטשטיין). די כוואַליעס פון די געדאַנקען, וואָס טראָגן זיך פון זיי, זיינען אין די „שמועסן” דערהויבן געוואָרן צו גייסטיקע פעסטונגען, וואָס דאַרפן זיין שטאַרקער ווי שטאָלענע.

מענש און גאָט

ווי האָט עס גאָר געקאָנט מעגלעך זיין, עס זאָל אין די שמועסן ניט קומען צום ענין מענש און גאָט? וועגן „צער און פאַרשעמונג פון מענשן”. וועגן דעם „פאַרשמיסענעם שם” האָט אַרויסגעוויטאָגט ה. לייוויק. י. י. טרונק האָט זיין אייגענע קאָנצעפּציע וועגן גאָט און גאָטהייט. „נאָר דער מענש, וואָס גלויבט אין גאָט, קאָן זיין אַ פריי-דענקער” — האָט ער אויסגערופן. צום קלאָרסטן האָט געמאַכט זיין באַציאונג צו גאָט דוד איינהאָרן: „גאָט פון דער וועלט? ... יאָ, איך גלויב אין אים” — האָט ער געזאָגט. „איך גלויב, אַז עס איז דאָ אַ גרויסע וועלט-חכמה, וואָס מען רופט „גאָט”. ערגעץ מוז זיין עמיצער, וואָס דענקט, וואָס עקספּערימענטירט, האָט פּלענער, האָט אַ ציל”.

בטחון

בטחון אין מאָרגן, גלויבן אין יידישן מזל אין אַמעריקע, אין דער נאַציאָנאַלער צוקונפט פון מדינת ישראל האָט, אין סך הכל, אַרויסגעשלאָגן פון די שמועסן. האָט געזאָגט צביון: „אַלע נעכטנס און דער היינט וועלן צוטראָגן צום בנין פון פאָלק, צו זיין זיין״. האָט געזאָגט יוסף אָפּאַטאָשו: „יידן האָבן תמיד געלעבט, געליטן און געטאָן מצוות און עבירות, און — געלעבט ווייטער״.

עטישער אינהאַלט

אין אַלע „שמועסן״ האָט זיך דורכגעטראָגן אַן אַבסאָלוטע אָנערקענונג פאַר דער וויכטיקייט פון עטישן אינהאַלט אין די ליטעראַטור־שאַפונגען, באַזונדערס אין דער יידישער ליטעראַטור. ש. ניגער האָט עס אַרויסגעבראַכט אַזוי: „איך האָב געקעמפט אַ לעבן לאַנג פאַר דער קונסט פון וואָרט. נאָר וואָרט אַליין איז ניט גענוג. עס מוז אויך זיין אַ גייסטיקער אינוועטאַר. מען מוז זיין אַ שותף צו אַלע שעפערישע כחות. מען מוז שעפן פון אַלע טיפע קוואַלן...״

◆

איך גיב איצט איבער דאָס בוך „שמועסן מיט יידישע שרייבער״ צו די לייענער. מיין וואונש איז, עס זאָל ניט געפינען זיין „רוע־פּלאַץ״ אויף דער פּאָליצע און שטיין דאָרטן במנוחה אָדער ,ווי עס טרעפט אָפט, אפילו דאָרטן אויך ניט, — עס זאָל זיך דערקלייבן צום לייענער׳ס קאָפּ, צו זיין געמיט.

◆

דער סדר פון די שמועסן מיט די שרייבער איז לויט דעם א״ב פון זייערע נעמען.

פינף פון די „שמועסער" זיינען שוין אוועק — דוד איגנאַטאָוו, אַברהם רייזען, מאַני לייב, יוסף אָפּאַטאָשו, צביון. זכרונם לברכה! עס קלינגען איצט די רייד פון די נפטרים וועגן וועלט און פאָלק, וועגן דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, וועגן יידן אין אַמעריקע און די יידן אין מדינת ישראל, ווי צוואות. די „שמועסן" זיינען געשריבן געוואָרן בלשון קעגנוואָרט. אָט זיצן מיר און שמועסן. די שרייבער ריידן אויך וועגן זייערע צוקונפט־פּלענער. אָט נעמט זיך באַלד דוד איגנאַטאָוו פאַרענדיקן זיין ראָמאַן **„באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ"**. אָט גייט שוין מאַני לייב צונויפזאַמלען, צום ערשטן מאָל, אַלע זיינע לידער אין איין בוך. אָט קלייבט זיך אַברהם רייזען שרייבן זכרונות וועגן דער יידישער הילף־באַוועגונג אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אויך אַרויסגעבן צוויי ביכער פּראָזע — **„הירש למדן"** און **„קלמן אויפגעקלערטער"**. אָט נעמט זיך יוסף אָפּאַטאָשו שרייבן אַ נייעם ביאָגראַפישן ראָמאַן **„צוויי דורות"**. און אָט זיץ איך מיט צביונען אויפן ברעג פון ים און ער זאָגט מיר: „איך האָב נאָך מיין סך הכל ניט געמאַכט, איך האָב נאָך אַ סך צייט פאַר דעם..." איצט זיינען זיי שוין מער ניטאָ. אַריינגעבנדיק די „שמועסן" צום דרוק אין אַ בוך, האָב איך דעם לכתחילה׳דיקן נוסח פון די „שמועסער" ווי אויך זייערע רייד וועגן דעם, וואָס זיי גייען טאָן מאָרגן, ניט געענדערט. איך האָב זיי געלאָזן אַזוי ווי זיי זיינען געזאָגט געוואָרן.

איך האָב זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז מיינע „שמועסן" מיט אַ טייל פון די שרייבער וועלן ווערן אויך **„יזכורס"**.

◆

„עס איז אומעטיק אין הויז פון דער יידישער ליטעראַטור — האָט מיר געזאָגט, שמועסנדיק, יעקב גלאַטשטיין אין אַ שעה פון השתפכות הנפש — מען האָט אָנגעהויבן אויסדרייען די קנייטן פון די לאָמפּן. מען מוז מאַכן ליכטיק".

איז דאָס אויך דער ציל פון מיין בוך „שמועסן":

— מען מוז מאַכן ליכטיק!



דוד איגנאַטאָוו



דוד אײנהאָרן



יוסף אָפּאַטאָשו



יעקב גלאַטשטיין



אהרן גלאַנץ־לעיעלעס



י. י. טרונק



ה. לייוויק

איציק מאַנגער

מאַני לייב



שמואל ניגער



צביון

ה. רויזנבלאַט



אברהם רייזען

י. י. שוואַרץ

דוד איגנאטאוו

האַרט ביי דער עווענױ עס,

אויף 1371 איסט 7־טע סטריט, ביי בראַיטאָן ביטש אין ברוקלין, אַריינ־געדרוקט צווישן צוויי גרעסערע הייזלעך, שטייט אַ שמאָל, אָנדערהאַלבן שטאָקיק, אַלט הייזל. דער באַלעבאָס איז דוד איגנאַטאָוו. אַ פּאָר טרעפּ־לעך אַרויפצוגיין. די טירן ניט פאַרשלאָסן. אַ שטופּ, און אַריין אין לאַנגן, שמאָלן, אַ ביסל טונקעלן הויז. קיינער איז ניטאָ אין הויז. רוף איך:

— דוד איגנאַטאָוו!... איז דאָ פאַראַן דוד איגנאַטאָוו?...

איך האָב דערהערט לאַנגזאַמע טריט. עס איז מיר אַנטקעגן געקומען דער באַלעבאָס — דוד איגנאַטאָוו. ער גייט שווער. עס איז אים לייכטער צו גיין מיט דער לינקער פוס ווי מיט דער רעכטער. זיין קאָפּ, אַזוי ווי שוין אַ סך יאָרן, שוואַרץ, געמישט מיט גרויליכע פּעדים. זיין אויסזען — אומעטיק.

— שלום־עליכם. וואָס מאַכט איר?

— קומט דאָך אַריין אַ מענטש. שלום־עליכם. — האָט ער גע־ענטפערט.

איך נעם זיין האַנט און וויל זי חבריש אַ דריק טאָן. כאַפּט ער זי צו:

— ניין. ניין. אָט די האַנט טאָר מען ניט דריקן. נאָט די אַנדערע.

דוד איגנאַטאָוו איז שוין אַ היפּשע עטלעכע וואָכן פון שפּיטאָל. ער האָט געהאַט אַן ערנסטע אַטאַקע. איצט איז ער אַרויס פון סכנה, פאַרבע־סערט זיך כסדר. דער דאָקטער זאָגט, ער וועט זיין אַ לייט. דערווייל זיצט ער מערסטנס אין שטוב, גייט זעלטן אַרויס. ער איז שוין לאַנג ניט געווען אין דרויסן, צווישן מענטשן.

— איך דאַרף אַ ביסל געזינטער ווערן. איך וועל. —

אַרומשלעפּנדיק זיך מיט מיר צוזאַמען איבער זיין דירה, ווייזט ער מיר, זיינע 4־5 צימערן. ער וואוינט שוין אין דעם הייזל עטלעכע און

צוואַנציק יאָר. ער האָט פֿיינט זיך אַרומשלעפּן איבער דירות, זוכן נייע. אַוועקגעזעצט זיך, זיצט מען. ער האָט אויך פֿיינט צו טוישן מעבל. אַוועקגעשטעלט אַ טיש, אַ שטול, אַ בענקל, שטייט עס. טשעפּעט עס ניט.

— ווען איך האָב געקויפֿט דאָס הויז, מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק — דערציילט ער מיר — האָב איך פֿאַרמאָגט נאָר אַ פּאָר הונדערט דאָלער. איך האָב ניט געוואָלט, מיין ווייב זאָל זוכן נייע דירות. פֿון אַן אייגן הויז לויפֿט מען ניט אַרויס.

זיצט ער אַליין יאָרן אין דעם הויז, אָפּגעצאָלט אַ האַלבן לעבן „מאָרטגעדזשעס", פּראָצענטן, חובות, און דאָס הויז איז נאָך אַלץ ניט זיין אייגנס, אָבער שוין באַלד, כמעט. אין אויבערשטיבל, אַ פּאָר צימערן. דאָרטן האָט ער אַ שכן — זיין טאָכטער מיני, מיט איר מאַן און צוויי קינדער. דאָס יינגל שאול, דאָס מיידל חיה. ער האָט אויך אַ זון, וואָס הייסט דניאל. ער וואוינט ווייט פֿון דאַנען. האָט שוין אויך אַ ווייב און אַ קינד. און דער „יונגער" דוד איגנאַטאָוו איז שוין אַ זיידע פֿון דריי אייניקלעך. שבת קומען די אייניקלעך צום זיידן.

דורכגעגאַנגען די 5-4 צימערלעך פֿון דוד איגנאַטאָווס וואוינונג, דורכגעקוקט די אָריגינעלע בילדער אויף די ווענט, אַריינגעבליקט אין די פּאָליצעס ביכער, אין די זשורנאַלן, מאַנוסקריפּטן, וואָס וואַלגערן זיך אין פֿאַרשיידענע ווינקלען, — ביז מיר זיינען געקומען אין קיך אַריין. דוד איגנאַטאָוו איז אַ בריה אין קיך, אַ שטיקל פּאַכמאַן. האָט ער אויפֿגעקאָכט טיי, און מיר ביידע האָבן געטראָגן די טיי מיט די קיכלעך, די עפּל, אַ אַ פֿלעשל וויין און קעלישקעס אין עס-צימערל אַריין. איצט קאָן מען שוין זיצן ביים אַלטן טיש, וואָס איז שוין אויך מסתמא אַלט אַ פּאָר צענדליק יאָר, כאַפּן אַ זופּ, און כאַפּן אַ שמועס.

שמועסן מיר פֿריער סתם אין דער וועלט אַריין, און מע דערציילט אַ ביסל מעשיות, רכילות. מע באַרירט משפּחה-ענינים, פּרנסה-ענינים, ביז מען קומט צו דער וועלט — צו דער אַלגעמיינער וועלט, צו דער יידישער וועלט, צו יידישע ענינים, און איך זאָג אויס איגנאַטאָוון דעם באַזונדערן ציל פֿון מיין קומען צו אים, חוץ דעם בקור-חולים:

— איך האָב געהערט — זאָג איך צו אים, — איר זייט פֿאַרטיק געוואָרן מיט אַ ניי און גרויס ווערק, „גדעון". איך האָב געהערט, איר ווערט שוין צוריק אַ מענטש, שטייט שוין אויף די אייגענע פֿיס. מע האָט מיר אויך דערציילט וועגן נאָך אַ ווערק, וואָס איר האַלט אין שרייבן, וועגן אייער היים-שטעטל „באַרג-אַרויף און באַרג-אַראָפּ". זיינען דאָס אַלץ וויכטיקע ענינים. איך וואָלט טאַקע געוואָלט כאַפּן מיט אייך אַ שמועס מכוח דעם אַלעמען און, דער עיקר, מכוח אייך אַליין, מכוח דוד איגנאַטאָוון.

אונזער שמועס האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט, געדויערט היפּשע עט־לעכע שעה, ביז איך האָב געזען, אַז דוד איגנאַטאָוו ווערט מיד, שטרענגט זיך צו פיל אָן. האָבן מיר אָפּגעלייגט דעם שמועס אויף אַן אַנדער מאָל. אין עטלעכע טעג אַרום בין איך נאָך אַמאָל געווען ביי אים, און מיר האָבן ווידער געשמועסט. עס זיינען אויפגעלעבט געוואָרן אַ סך נעכטנס, קאַמפן, נצחונות, מפּלות. עס זיינען אַרויסגעקומען געשטאַלטן פון פאַר־געסעניש. מיר זיינען פאַרקראָכן אין פּראָבלעמען פון ליטעראַטור און קונסט, יידישע פּראָבלעמען...

וועל איך פאַרצייכענען דאָס וויכטיקסטע.

עס איז געווען אַמאָל, אַמאָל, אין סאַמע באַגינען...

דוד איגנאַטאָוו איז געבוירן געוואָרן אין אַן אוקראַיניש שטעטל, ברוסילאָוו, ניט ווייט פון קיעוו. יינגלוויז געלערנט אין חדר. בחורוויז געלערנט ביי אַ לערער. געווען אַן עקסטערן. ביז ער איז אַוועק פון ברו־סילאָוו אין דער גרויסער שטאָט קיעוו. עס איז געווען 1902-1903, ערב דעם גרויסן „פינפטן" יאָר. און דער 18-יאָריקער דוד איגנאַטאָוו איז דעמאָלט אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער „איסקראַ", אין דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. זיין לאַנד איז געווען רוסלאַנד, זיין שפּראַך — רוסיש. מערניט — דער אָפּשטאַם, דאָס שטעטל, די היים, די סביבה, דער געמיט זיינען געווען יידיש.

עס איז דעמאָלט געווען אַ גרויסע, וואונדערלעכע צייט, דער שטורעם פון דער רוסישער רעוואָלוציע. מע שלאָגט זיך פאַר פרייהייט און גלייכ־קייט. מע שרייבט, מע פאַרשפּרייט אַליין פּראָקלאַמאַציעס. מע גייט אויף געהיימע פאַרזאַמלונגען. מיט איין וואָרט, מע מאַכט רעוואָלוציע און, פאַרשטייט זיך, מע ווערט אויך אַרעסטירט. עס איז אָבער ניט געווען פאַר איגנאַטאָוון קיין שכל צו זיצן אין דער פּאָליצייסקער קוטשע. שמירט מען אונטער, מען גיט זיך אַן עצה, מען איז אַ בריה, און מען אַנטלויפט. ער האָט דערשמעקט, ווי ער זאָגט, ווידער לופט, פרישע לופט. ער האָט דעמאָלט דערשפּירט, אַז עס איז אוממעגלעך צו פאַרטראָגן אַ טורמע, אַ פענצטער מיט גראַטעס, אַ פאַרשלאָסענע טיר.

ווערט ער אַ פּראָפעסיאָנעלער רעוואָלוציאָנער, אַ „איסקראַוועץ". ער אָרגאַניזירט רעוואָלוציאָנערע פאַרזאַמלונגען פון סטודענטן, וואו מען לאָזט אַריין נאָר דורך פאַרשטעלטע „פּאַראָלן". ער דערמאָנט זיך די גע־היימע דיסקוסיעס צווישן ברוך סטאָלפּנערן און די בונדיסטן. „איסקראָוו־צעס" האָבן אים אויסגעזען צו זיין גערעכט. וויבאַלד אַלע זיינען חברים, וויבאַלד מען איז סאָציאַליסטן, זיינען דאָך אַלע גלייך. צו וואָס דאַרפן זיין די יידן באַזונדער, אין באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס. איז ניט גלייכער

צוזאַמען אין דער גרויסער „איסקרא", דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע? — מע דאַרף ניט קיין באַזונדערע יידישע קלייזלעך!...

די גוטע, נאַאיווע ראָמאַנטישע צייט!

און אָט איז אָנגעקומען פאַר דוד איגנאַטאָוון דער פּריזיוו. דער צאַר רופט אין קאַזאַרמע אַריין. מע דאַרף אָנטאָן דעם סאָלדאַטסקן מונדיר, אַריבערגיין אויף סאָלדאַטסקער קאַשע, פאַרזונקען ווערן אין סאָלדאַטשינע... ניין, דאָס ניט. זיין ברודער יאַנקל פון אַמעריקע רופט אים צו זיך, אין פרייען לאַנד אַריין. זיין עלטערער ברודער יצחק איגנאַטאָווסקי רעדט אים צו, און — ווילד...

גנבעט דוד איגנאַטאָוו די גרענעץ פון בראָד און קומט, אין 1906, צו זיין ברודער יאַנקל אין ניו־יאָרק. עס איז געווען די צייט, ווען מאַני לייב איז געווען אַ קאַמאַשן־שטעפּער, באָסין און כאַימאָוויטש זיינען געווען שניידער, זישע לאַנדוי אַ טאַפּעצירער, י. י. שוואַרץ און י. אָפּאַטאָשו — לערער אין אַ תּלמוד־תּורה. איז דער איסקראָוועץ פון ברוסילאָוו און קיעוו, מיטן רוסישן לשון אויף דער צונג, דוד איגנאַטאָוו, געוואָרן אַ פענצטער־וואַשער. איז אים ניט געפעלן געוואָרן דער פאַך. איז ער געוואָרן אַ הוט־מאַכער און ער האָט פאַרדינט 6 און אַפילו 7 דאָלער אַ וואָך.

„איסקרא" איז אין ניו־יאָרק מער ניטאָ. די וועלט אין אַמעריקע איז גאָר אַן אַנדערע ווי אין קיעוו. עס איז דאָ וואָס צו זען, צו לערנען און נאָכצוטראַכטן. אין זיין אַליינקייט האָט ער זיך גענומען צו דער פעדער.

— איך האָב אָנגעהויבן שרייבן אין רוסיש — דערציילט ער מיר.

ער האָט דעמאָלט געשריבן ניט מיט דער מחשבה צו דרוקן. געשריבן פאַר זיך, אַראָפּגעשריבן פון האַרצן, פון געדאַנק. רוסיש איז אים געווען גרינגער. ער האָט דאָך אַזוי פיל רוסישע ביכער געלייענט, אַזוי פיל רוסישע שרייבער געקענט. האָט ער געשריבן אויף רוסיש.

— געשריבן, געשריבן און געהאַלטן אין שופלאַד, קיינעם גאָר ניט אויסגעזאָגט. עס ליגט נאָך איצט ערגעץ אין שופלאַד מיינע אַ דראַמע פון יענער צייט.

— ווי הייסט זי, אייער דראַמע? — פרעג איך אים.

— איך געדענק שוין אַליין ניט, — ענטפערט ער.

ער באַגעגנט יונגע מענטשן זיינס גלייכן. יונגע שרייבער אָדער אַזעלכע, וואָס קלייבן זיך ווערן שרייבער. מען באַגעגנט זיך אין קאַפע, אויפן גאַס, מען רעדט וועגן ליטעראַטור.

— ביז עס איז אַריינגעקומען אין מיר אַזוי ווי אַ מאַנקאָליע — איך מוז דרוקן, עפּעס דרוקן.

ער איז אויפגעשטאַנען מיט אַזאַ חלום און מיט אַ דראַנג דרוקן. געגנוג מיטן שופלאַד! מע מוז אַרויס אין דער וועלט.

זיין ערשטער שריט איז געווען אַ דורכפאַל. דאָס האָט מען אים אַנגעזאָגט אין בריוו-קאַסטן פון דער „פרייע אַרבעטער-שטימע": ניין, עס וועט ניט געדרוקט ווערן. ש. יאַנאָווסקי, דער רעדאַקטאָר פון „פרייע אַרבעטער-שטימע", האָט אים אָפּגעגעבן צוריק זיין ערשט ווערק — נאָך ניט גוט, רוי, ניט דרוק-פעאיק.

אַזאַ מזל האָט געהאַט זיין ערשטע דערציילונג, „דערוואַכונג", אַ מעשה וועגן דער דערוואַכונג פון אַ יונג מיידל. דאָס האָט אים אָבער ניט דערשלאָגן. ער האָט ניט מסכים געווען מיט דער „פרייע אַרבעטער-שטימע" און מיט איר פּסק. מען איז געווען יונג, קעמפעריש, בונטאַריש — די אַלטע ווילן ניט צולאָזן די יונגע, פאַרשפּאַרן דעם וועג. די יונגע דאַרפן זיך דורכרייסן דעם וועג, שאַפן אַן אייגענע טריבונע. מע וועט זיי באַווייזן, די אַלטע!

עס איז געשאַפן געוואָרן אין יענער צייט דער זאַמל-העפט, די „יוגנט", דורך די אָרעמע דאָלערס פון די יונגע. דאָרטן איז דערשינען דוד איגנאַטאָווס ערשטע ליטעראַרישע אַרבעט. דאָס איז געווען אין 1907.

די יוגנט איז געווען טראַציק, אָבער דאָך האָט זי זיך אַליין ניט געטרויט. זי האָט געמוזט האָבן אַ סמיכה פון אַן עלטערן, „פון אַ שרייבער מיט אַ נעכטן, מיט אַ באָרד".

— „האָבן מיר גענומען צו הילף יואל ענטינען..." — דערמאָנט זיך דוד איגנאַטאָוו יענע צייט, יענעם יונגן אַמאָל, און ווערט ייִנגער ריידנדיק וועגן דעם.

מע האָט געהאַט דערפאָלג, מענטשן האָבן געזאָגט „גוט, ער האָט טאַלאַנט..." דאָס האָט געוואָרעמט, געטריבן. מע האָט דערזען, עס זיינען דאָ לעזער, יונגע לעזער, באַגייסטערטע מיידלעך און בחורים, וואָס עס ציט זיי צו די יונגע, צו די שטורמער. אַ ביסל שפּעטער איז דערשינען דוד איגנאַטאָווס אַ מאַגער, קליין ביכל מיט איין דערציילונג: „צוויי קרעפטן"... — ער שלעפּט איצט אַרויס פון זיין ביכער-פּאָליצע דאָס אַלטע, קליינע ביכל. לייענט איך אַרויס די הקדמה, וואָס חברים האָבן געשריבן צו זיינע „צוויי קרעפטן":

— „עס איז געקומען אין אַמעריקע דער ייִדישער אינטעליגענט, דער מענטש מיט אידעאַלן. ער איז דאָ אַנטוישט. זיינע געטער זיינען

געשטאָרבן. נייע געטער זיינען נאָך ניטאָ. ער איז היימלאָז. זיין געוועזן אין לעבן זיינען זיינע הענט. ער איז אָבער פול מיט גייסט. ער מאַטערט זיך איבער שווערע פּראָבלעמען, איבער די העכסטע וועלט־פּראָבלעמען. ער פאַרבינדט זיינע ליידן מיט די פאָלקס־אומגליקן, מיט די געהיימע־נישן פון דער אייביקייט".

דער הקדמה־שרייבער זאָגט, אַז דאָס אַלץ ברענגט אַרויס דוד איגנאַטאָוו אין זיינע „צוויי קרעפטן".

אין דוד איגנאַטאָווס קליין ערשט ביכל איז געדרוקט אַ מאָטאָ, מיט פּעטיט־בוכשטאַבן:

„געפלויגן, געפלויגן די גילדענע פאַווע איבער אַלע ימען.
לאָז זשע גריסן, דו, גילדענער פויגל, דער ליבער, האַרציקער מאַמען".

צי איז טאַקע דעמאָלט געפלויגן דער גילדענער פויגל איבער אַלע ימען איז שווער צו וויסן. אָבער דאָ, ביים אַלטן טיש מיט די פּאָר גלעזלעך וויין איז דער גילדענער פויגל פון זכרונות געפלויגן וויט, זייער וויט.

דוד איגנאַטאָוו איז דעמאָלט געווען יונג, זייער ענערגיש, אַזוי ווי עס שרייבט איצט וועגן יענעם דוד איגנאַטאָוון יוסף ראָלניק: „דער 22־יאָריקער דוד איגנאַטאָוו איז אַן אַמביציעזער, אַ רירעוודיקער, ווי אַ יונג פערדל, וואָס שטייט ניט איין אויף אַן אָרט, און גראָבט מיט די שאַרפע קאָפּיטעס אין האַרטן, פאַרפרוירענעם שניי..." האָט מען געשריבן, געדרוקט, געשאַפן די באַרימטע זאַמלביכער „ליטעראַטור", אָרגאַניזירט ליטעראַטור־אָוונטן. צו זיי קומט אַ גרויסער עולם, אַזוי ווי אַראָפּגעשיקט פון גאָט אַליין, יונגע בחורים, יונגע מיידלעך. מען פאָדערט די יונגע, מען וויל הערן די יונגע, אָט די, וואָס שרייבן אַנדערש, אָט די, וואָס ריידן אַנדערש.

— האָט איר געהאַט, חוץ טאַלאַנטן, אויך אידעען, אַ פּראָגראַם, אַ ציל? — פרעג איך דוד איגנאַטאָוון.

— איך קאָן אויף דעם ניט ענטפערן קלאָר — זאָגט ער מיר. — איך מיין אַז אויסדריקלעך, באַוואוסטזיניק האָבן מיר ניט געהאַט קיין פאָרמולירטע פּראָגראַם, אַ באַשטימטן ציל. אָבער אין אונדז, אינעווייניק, איז עפּעס פון דעם געווען. מיר האָבן געוואוסט, געפילט, מיר זיינען נייע מיר זיינען אַנדערש. מיר זיינען אַ נייער שיכט, אַ נייע פלאַך, מיר שאַפן אַ נייע פּאָזיציע, מיר טראַכטן אַנדערש, מיר קוקן אַנדערש, מיר גייען אַנדערש.

דערציילט ער אויך: ער און זיינע חברים האָבן זייער קלאָר געוואוסט, אַז זיי זיינען מער ניט קיין ברוסילאָווער אָדער אומאַנער, אַז זיי

זיינען שוין אַמעריקאַנער. מע מוז אַרויסברענגען אין דער ליטעראַטור אַמעריקע, דאָס לעבן אין אַמעריקע, דעם אַמעריקאַנער יידן. עס מוז קומען די אַמעריקאַנער טעמאַטיק. אין די נאָוועלע, דאָס ליד נאָר געווען פון דער אַמעריקאַנער סביבה, פון אַמעריקאַנער קאָלאָריט, איז דאָס שוין געווען גוט אויף אַ העלפט. אַבי אַמעריקע.

אָט אַזוי, שמועסנדיק, וואַרפן מיר דורך דוד איגנאַטאָווס אַ בערגל ביכער, וואָס ער האָט פאַר אַלע זיינע אַמעריקאַנער שעפערישע יאָרן געשריבן: „אויף ווייטע וועגן", ראָמאַן אין דריי ביכער; „אין קעסל-גרוב", „צווישן צוויי זונען", „דאָס פאַרבאָרגענע ליכט", „פאַר אַ נייער וועלט", „יפתח-בוד", „וואונדער-מעשיות פון אַלטן פראַג", און איצט — דער ספר „גדעון".

פרעג איך אים:

— איר זייט געקומען מיט דער אידעע אַמעריקע, מיט דער אַמעריקאַנער טעמאַטיק. וואָס-זשע האָט אייך אַוועקגעצויגן צו דער תנ"ך-וועלט און צו די פּראַגער וואונדער-מעשיות?

פאַרטיפט ער זיך אין זיך אַליין, און עס געדויערט אַ היפּשע ווײַלע ביז ער קאָן זיך אַליין אָפּגעבן אַ דין-וחשבון, און ער זאָגט מיר שפּעטער, אַז די ערשטע וועלט-מלחמה האָט אים געפּלעפּט, צעטומעלט, צעבראָכן. ער האָט געזען ווי מענטשן ווערן צעריסן, אידעען ווערן צעפּליקט, צעשאָסן. ווי קאָן מען שרייבן וועגן לויפנדיקן לעבן, וועגן פאַרבייגייענדיקע מענטשן, ווען זיי ווערן צעוואונדיקט, צעבלוטיקט, צעלעכערט, אומגעבראַכט? עס האָט אים דעמאָלט פאַרפעלט לופט צו אָטעמען. עס איז אים ענג געוואָרן, און דעריבער האָט ער זיך געקערט צום לעבן, וואָס איז אייביק, צו די אייביקע ליכט, וואָס באַהאַלטן זיך אין דער פאָלקס-מעשה, אין דעם אַלטן און אייביקן תנך. אויב דער דורכלויפנדיקער היינט ווערט צעשאָסן, ווענדט ער זיך צו יענע נעכטנס, וואָס די געשיכטע האָט אויסגעהיט, וואָס וועלן בלייבן אויף אייביק, אויף דור-דורות, גייט ער צו נחמן בראַסלאַווער, גייט ער צו די בלעטער פון תנ"ך. זיין בוך „אויף ווייטע וועגן" האָט ער אָנגעהויבן שרייבן נאָך פאַר דער ערשטער וועלט-מלחמה. עס איז אָבער געקומען די מלחמה, האָט ער מער ניט געקאָנט אים פאַרזעצן. ער האָט אים אַוועקגעלייגט, און ער איז אַנטלאָפן צו די אַלטע וואונדער-געשיכטעס.

רעדט דוד איגנאַטאָוו אַזוי:

— אין תנ"ך איז דאָך געבליבן פון דער מעשה נאָר אַ פּרט, אַ וואונק. די מעשה אַליין איז דאָך געווען גרעסער. דער פּלאַם פון דער צייט איז דאָך געווען גרעסער ווי דער פונק, וואָס איז פאַרזיגלט געוואָרן אין ספר. דאַרף מען אַוועק מיט דער אייגענער פאַנטאַזיע, מיט דער איי-

טואיציע, מיטן געפיל, צו יענער צייט, צו יענעם פלאַם, און אַרויסכישופן מער, דאָס גאַנצע, דאָס פולע...

און ער קומט צו זיין באַליבטער טעמע:

— דאָס גאַנצע לעבן אויף דער וועלט איז דאָך אייגנטלעך אַ מעשה־לע, וואָס חלומט זיך עמעצן. מיר אַלע זיינען טיילן, קאַפּיטלעך פון אָט דער מעשהלע. לאָמיר הערן די מעשה מער, לאָמיר זוכן, לאָמיר דערזען דעם פלאַם.

עס שרייבט שוין זיין „גדעון" לאַנג, שוין אוודאי צען יאָר. ער האָט עס געשריבן אין ווייסע פּערזן. די צווייטע וועלט־מלחמה מיט אירע גרויזאַמקייטן, מיט דער שחיטה פון זעקס מיליאָן יידן, האָט אים גע־שטויסן אין די אַלטע פלאַכן פון דער ביבל־מעשה, צו יענע פאַרשוואו־מענע געשטאַלטן און פאַרהוילענע צייטן.

— זיינען דאָ צווישן אייערע ווערק ביכער, וואָס זיינען אייך נענטער צום געמיט? — פרעג איך אים.

— איך קאָן אויף דעם ניט ענטפערן — זאָגט ער מיר. איך ווייס נאָר, אַז דעמאָלט ווען איך האָב זיי געשריבן איז געווען מיין געפיל, מיין שטימונג, מיין געמיט מיט זיי פאַרנומען. דעמאָלט, ווען איך האָב עס געשריבן, איז פאַר מיר געווען נאָר דאָס געגעבענע ווערק, וואָס איך האָב געשריבן, אָבער, אַז זיי זיינען שוין אָנגעשריבן, דאַרפן זיי שוין לעבן זייער אייגן לעבן. איצט זיינען זיי ביי מיר אַלע גלייך, ווי קינדער ביי אַ פאָטער.

אַ גלאָז טיי, אַ גלעזעל ווייז, און אונזער שמועס וואַרפט זיך אַריבער צו תכלית־פראַגעס:

— ווען איר גיט איצט אַ קוק — זאָג איך צו אים — הינטער זיך, אויף דעם דורכגעגאַנגענעם וועג, איר זעט דעם איצטיקן מצב פון יידיש, פון דער יידישער ליטעראַטור, די קנאַפּקייט פון דער לעזער־מאַסע, און איר שטעלט זיך די פראַגע — האָט עס געלוינט? זה שכרי מכל עמלי... און וואָס וועט זיין ווייטער?

ענטפערט מיר דוד איגנאַטאָוו אַזוי:

— עס האָט געלוינט. יאָ, עס האָט געלוינט, עס גייט ניט פאַרלאָרן. עס ווערט געפירט אַ חשבון. זאָלן בלייבן ביכער. ביכער וועלן פירן זייער אייגן לעבן און וועלן דערגיין, ווייל תרגום אונקולוס דערגייט נאָך אויך היינט צו אונז. עס דערגייען נאָך שנים מקרא ואחד תרגום, אפילו ווען צו ווינציקע. דו דאַרפסט ניט זאָרגן וואָס עס וועט זיין, וואָס עס וועט געשען מיט דעם לעזער, מיט דער שפּראַך. דו דאַרפסט נאָר טאָן, שאַפן,

דאַרפסט ניט טראַכטן וועגן טאָמער, טאָמער. דו דאַרפסט ניט אָנהויבן און פאַרענדיקן. דו דאַרפסט נאָר ממשיך זיין. טאָן און לא עליך המלאכה לגמור!

ער דערציילט מיר, אַז אים האָט תמיד מער אינטערעסירט דאָס שרייבן, דאָס ווערק ווי דאָס אַרויסגעבן. זאָל נאָר געשריבן ווערן. ווערק האָבן זיך ביי אים אויסגעוואַרט לאַנגע יאָרן. ער שרייבט. ער ווערט מיד, רייסט איבער, נעמט זיך צו אַ צווייט ווערק. אין אַ צייט אַרום קערט ער זיך צוריק צום ערשטן.

— איר זייט געווען לאַנגע וואָכן קראַנק, געלעגן אין שפּיטאָל. איר זייט שוין וואָכן אין הויז — זאָג איך צו אים. — איר האָט געהאַט צייט אויף מחשבות. איר ווייסט אונזערע יידישע קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען — ישראל, גלות, העברעאיש, יידיש, אַסימילאַציע, נייע דורות. — נו, האָט איר זיך עפּעס דערטראַכט אין אייער אַליינקייט? ווילט איר אפשר זאָגן עפּעס דעם עולם?

— איך האָב ניט קיין געפיל — זאָגט ער צו מיר, — אַז דער עולם פרעגט אונז און וואַרט אויף אַז ענטפער, באַזונדערס, אַז ער וואַרט אויף אַן ענטפער דורך ווערטער. ניין, נאָר ניט סתם ווערטער. עס דאַרפן זיין מעשים, טאָטן. אַ סך מעשים צוזאַמען דערשלאָגן זיך שוין צו ענטפערס, און אונזער טאָט, אונזער מעשה איז דאָס ווערק.

— אַז מיין „גדעון" איז פאַרטיק געוואָרן — דערציילט ער מיר — האָב איך זיך גענומען צום „באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ".

— וועגן וואָס איז אייער „באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ"? — פרעג איך אים.

—עס איז די מעשה וועגן מיין שטעטל. יענע יידישע שטעטל איז שוין ניטאָ. קערט זיך צו איר דער דמיון. עס איז אַז אַנדער גאַנג צוריק אין דער געוועזענער היים, אין שטעטל אַריין, ווי אַמאָל־אַמאָל עס פלעגן די יידישע שרייבער פון אַמעריקע זיך קערן צו דער טעמאַטיק פון דער אַלער היים. די חרובע שטעטלעך זיינען איצט הייליקע שטעטלעך. הייליק מיט זייערע פּשוטע מענטשן, זייערע באַלעגאָלעס און בעל־מלאכות, מיט זייערע וואַסער־טרעגער און שמשים, זייערע מלמדים און קרעמלעך.

דער ציילט ער מיר וועגן אַ העלד פון זיין „באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ" — יאַנקל בעקער.

אַ מאָדנער ייד איז געווען יאַנקל־בעקער. חוץ דעם, וואָס ער איז געווען אַ בעקער, איז ער אויך געווען אַ בעל־רחמים. ער פלעגט זיך אָפּרייסן פון בעקער־אויוון, אָנשעפּן אַ „טיקווע" (אַ מין עמער אויף אוקראַאינער יידיש) וואַסער פון טייך און טראָגן אין בית־המדרש אַריין. יידן

דארפן וואסער צו וואשן די הענט, דארפן וואסער אויף א טרונק, ברענגט זיי יאנקל־בעקער, אז שכר, נאר צוליב דער מצווה, טאג איין טאג אויס, זומער און ווינטער.

פארן זיך צוזאמען פויערים אויפן יאריד, עסן געזאלצענע הערינג און חזיר, דארשט זיי נאך א טרונק. זיי גייען אוים נאך א ביסל וואסער. זייערע מיילער זיינען אבער גוייש־טריפענע פון חזיר־עסן. קאן אבער ניט צוזען יאנקל־בעקער דעם דארשט פון די גויים מיט די געזאלצענע צונגען און ער שאפט זיך איין נאך א „טיקווע", און שלעפט שוין פון טייך צוויי „טיקוועס" וואסער — איינע א כשרע, פאר די יידעלעך אין בית־מדרש, און די צווייטע — א גויישע, א טריפענע. כאפן די פויערים יאנקלס וואסער צו טרינקען און ווילן אים דערפאר באצאלן א גראשן, א קאפיקע, אבער יאנקל נעמט ניט קיין געלט פאר וואסער. געבן דארש־טיקע גויים א טרונק איז אויך א מצווה, ווייל גויים זיינען דאך אויך מענטשן, און יאנקל פארקויפט ניט קיין מצווה.

די גויים אויפן יאריד וואונדערן זיך. זיי זיינען ניט געווען גע־וואוינט, אז א ייד זאל זיי באדינען, און דערצו נאך אומזיסט. זיי האבן אים דורכאוס געוואלט באצאלן, אבער יאנקל דער בעקער האט זיך גאר באליידיקט, ניט געוואלט נעמען. נעמט ער שרייען אויף זיי. האבן זיי אים אנגעהויבן רופן „סוויאטאי זשידאק" — דאס הייליקע יידל. אז מען וויל אים געבן א קאפיקע, מע טשעפעט זיך צו צו אים, מע וויל מהנה זיין דעם הייליקן יידל, צעשרייט זיך יאנקל: „טרינקט דאס וואסער און טשעפעט זיך אפ!"

עס איז דערגאנגען צו דעם, אז יאנקלען איז שווער געווארן צו טראגן צוויי „טיקוועס" מיט וואסער אזש פון טייך. האט ער געמוזט נעמען נאר איינע, און ווייל אויף די דארשטיקע גויים איז געווען א גרעסערער רחמנות — נעבעך גויים מיט געזאלצענע צונגען פון חזיר זייערן — האט ער זיי אוועקגעגעבן דאס גאנצע וואסער. די יידעלעך אין בית־מדרש וועלן זיך שוין אן עצה געבן. אזא איז געווען יאנקל־בעקער פון דוד איגנאטאווס שטעטל.

— וואס האט איר עס ביי זיך צווישן פאפירן אויף אייער שטול. לאמיר דאס גיין דרוקן — זאג איך צו אים.

— איך דארף עס נאך איבערקוקן, פארריכטן, צורעכטמאכן — זאגט ער מיר. — און דערצו איז דאך דער עיקר די מעשה, און די מעשה איז — שרייבן דאס ווערק. דאס דרוקן איז שוין א שפעטערדיקע זאך, און אפשר אויך א גאט־זאך.

איצט איז ער פארטיק מיט „גדעון", און אז ער וועט פארטיק זיין מיטן „בארג ארויף און בארג אראפ", האט ער א אידעע זיך ווידער א

דוד איגנאַטאָוו

כאַפּ צו טאָן צו דער וועלט פון תנ״ך צו דער אַלטער, אייביקער מעשהלע — זאָל נאָר זיין כוח.

שפּעט אין אָוונט קום איך אַרויס אין דרויסן. דער סאָבוויי איז פול מיט מענטשן, וואָס פאָרן קיין בראַיטאָן־ביטש, און פון בראַיטאָן־ביטש קיין קוני איילענד, פול מיט ברוקלינער יידן. ווער וויים גאָר פון זיי, אַז דאָרטן, אויף דער זיבעטער סטריט, אין אַן אַלט, אָפּגעלאָזן הייזל, זיצט אַ ייד אַ קינסטלער, אַ בעל־דמיונות, דוד איגנאַטאָוו, וואָס שטאַמט פון אוקראַינע, האָט געשטורעמט אַמעריקע מיט דעם שטורעם פון די „יונגע", און — נאָך שווערע חדשים אין שפּיטאָל — רעדט ער וועגן דעם, אַז דאָס גאַנצע לעבן איז אַ מעשהלע, וואָס חלומט זיך עמעצן, און מיר אַלע זיינען שטריכן, ברעקלעך, שורות, ווערטער און אותיות פון יענער וואונ־דערלעכער, זיך אייביק שפּינענדיקער מעשהלע.

דוד איגנאַטאָוו האָט נאָך דערלעבט צו האַלטן אין זיינע ציטערדיקע הענט זיין בוך „גדעון", וואָס איז דערשינען האַרט פאַר זיין שטאַרבן. מיטן פאַרשנעלערן די דערשיינונג פון בוך האָט אויך עפּעס געהאָט צו טאָן, אַזוי גלויב איך, דער „שמועס" וואָס איז געווען געדרוקט אין „צוקונפט".

דוד איינהארן

„דער זיידע איז שוין טויט,

דער בית־המדרש איז פארברענט. נאָר אייביק בלייבט זיין חלום און אייביק בלייבט זיין ניגון..." — דאָס זיינען שורות פון דוד איינהאָרנס פּרעלוד צו זיין לעצטנס־דערשינענעם בוך „געזאַמלטע לידער", 1904־1951, א בוך, וואָס איז כולל א האַלבן יאָרהונדערט פּאָעטישע שאַפונג. אזא סך־הכלדיק בוך איז א גענוגנדיקע סיבה אויף דורכצושמועסן זיך מיטן פּאָעט וועגן זיין דורכגעמאַכטן שעפערישן וועג.

אונדזער שמועס האָט זיך געצויגן א היפּש ביסל שעהן. מיר זיינען דורכגעגאַנגען שטעט און לענדער, די גרויסע און טראַגישע יאָרן פון אונדזער האַלבן יאָרהונדערט, די צייטן פון ווילנע און וואַרשע, פון רעוואָלוציעס, קאָנטר־רעוואָלוציעס און מלחמות; מיר האָבן גערעדט וועגן יידן און יידישקייט, וועגן ארץ־ישראל און גלות, וועגן סאָציאַליזם און אמונה; דורכגעמישט בלעטער בשותפותדיקע זכרונות וועגן מענטשן און געשעענישן; געשמועסט וועגן יידיש און יידישער ליטעראַטור... — צום סוף, ווען מיר זיינען שוין ביידע געזעסן און בלויז געשוויגן, האָב איך געקוקט אויף דעם ווייס־באַוואָקסענעם קאָפּ פון דעם אַמאָל יונגן, נאָך היינט קעמפערישן דוד איינהאָרנען, געקוקט אויף דעם ערשטן דיכטער פון „לעצטן בעל־תפילה", אויפן יונגן זינגער פון „ליטע" און „בעריאָזקעלע", פון דער „אידיליע", דער בלאָסער בת־מלכה, — קעגנאיבער מיר איז געזעסן דער מיט טרויער אָנגעלאָדענער מחבר פון „אב־הרחמים" פון „שבת־חזון", דער זינגער פון „לעצטן גמרא ניגון". — און איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אז דער זעלביקער ניגון, וואָס „זינגט אין זיין בלוט שוין פופציק יאָר", טראָגט זיך בלחש איבער אונדזער טיש.

איצט, ווען איך ברענג אַרויף אונדזער שמועס אויפן פּאַפּיר, איז שוין א פּאָר וואָכן נאָך אונדזער געשפּרעך. זע איך פאַר מיינע אויגן דאָס בילד פון זיין ליד „נעילה": די זיידעס מיט די לאַנגע

ווייסע בערד, מיט די הויכע, ערנסטע שטערנס און אראפגעלאזטע ברעמען, זייערע לאנגזאמע טריט אין פייערלעכן גיין, ווי זיי בארירן מיט זייערע ווייסע קיטלען די ערד...

„א גאנצע וועלט האט זיך געהיילט פון זייערע וואונדן,
א גאנצע וועלט האט זיך געטרייסט מיט זייער פיין".

דוד איינהארן איז פארבונדן מיט זיי — און נאר מיט זיי — מיט לייב און לעבן דורך ווייי און האפענונג. מיטן געפיל פון יענער פארבונדנקייט פארשרייב איך מיין שמועס מיט אים.

ווילסטו דעם דיכטער קענען, מוסטו גיין אין זיין לאנד. האב איך געבעטן דוד איינהארנען, ער זאל מיך קודם־כל א ביסל אוועקפירן צו זיין לאנד, זיין היים, זיינע קינדער־יארן, זיין משפחה, טאטע־מאמע, זיידע־באבע.

— איך טו דאס זעלטן — האט ער מיר געזאגט — אבער קומט, לאמיר גיין אהינצו.

פארקוקט ער זיך אהין, אין דער ווייטנס, אויף זיין אנהייב און מקור, און דערציילט מיר:

— איך בין געבארן געווארן אין שטעטל קארעליטש, מינסקער גובערניע, ביי נאווארעדאק. פון קארעליטש קיין נאווארעדאק, פון נאווארעדאק קיין רבעזשעוויטש, ביי קוידאנאוו, פון דארט זיינען מיר אריבער קיין וואלקאוויסק, גראדנער גובערניע, און פון וואלקאוויסק — ווילנע.

און פון ווילנע?

דאס געהערט שוין ניט צו די קינדער־יארן. דאס געהערט שוין צו דער געשיכטע פון מיין לעבן. פון ווילנע — אין דער גרויסער וועלט אריין — אין דער שווייץ, אין פראנקרייך; פון דארטן — אין פוילן, אין דער שטאט ראדאם. נאכדעם — אין ווארשע. און פון ווארשע — צוריק אין מערב־אייראפע — אין דייטשלאנד, פראנקרייך. פון דארטן — אין אמעריקע, און צוריק אין פאריז. קומט די צווייטע וועלט־מלחמה, און איך ראטעווע זיך אין אמעריקע, מיין לעצטע סטאנציע.

גייען מיר צו די קינדער־יארן:

— מיין זיידע איז געווען ר' חיים עוזר איינהארן. ער איז געווען א פארמעגלעכער בשמים־קרעמער.

דוד איינהארנס טאטע, ר' בנימין־קדיש איינהארן, איז גע־קומען אויף דער וועלט אין דער עפאכע פון דער גרויסער עמאנצי־

פּאָציע ביי יידן. זיין טאַטנס עלטערער ברודער, יוסף־איסר, איז געווען איינער פון די דריי תּלמידים פון דעם גרויסן בעל־מוסר און גאון ר' ישראל איסר סאַלאַנטער, וואָס ער האָט געשיקט שטודירן אין ברעסלוי, דייטשלאַנד, מיטן צוועק צו פּאַראַייניקן בילדונג מיט אמונה.

זאָגט טרויעריק דוד איינהאָרן:

— ר' ישראל סאַלאַנטערס דריי שליחים קיין ברעסלוי האָבן שלעכט געענדיקט. זיי האָבן פּאַרלאָזט צום סוף די יידישע אמונה און זיך פּאַרבלאָנדזשעם אין דער גויישער וועלט.

יוסף־איסר איינהאָרן, דוד איינהאָרנס פעטער, האָט אויסגע־שטודירט מעדיצין, איז געקומען פון דייטשלאַנד צוריק אין רוסלאַנד, און געוואָרן דער עלטסטער פון קאַמענעץ־פּאָדאָלסקער שפּיטאָל. די משפּחה האָט געהאַלטן, אַז ער איז אַראָפּ פון דרך הישר, מע האָט מורא געהאַט, אַז דער ייִנגערער זון, בנימין־קדיש, זאָל זיך ניט פּאַר־קוקן אויפן עלטערן ברודער, יוסף־איסר. האָט אים די באָבע דבורה חתונה געמאַכט, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגער ישיבה־בחור, מיט אַ טאָכטער פון דער משפּחה קינקולקין. די ווילנער מאַנופאַקטור־סוחרים קינקולקין, דעם קינקולקין־הויף, האָבן די ווילנער ייִדן גוט געקענט.

— מיין טאַטן האָט מסחר ניט צוגעהאַלטן. עס האָט אים געצויגן דער וועג פון זיין ברודער, און ער איז אַוועק לערנען אין זשיטאָמירער ראַבינער־שול. חיים זעליג סלאָנימסקי איז געווען איינער פון זיינע לערערס.

ער האָט געענדיקט די זשיטאָמירער ראַבינער־שול אין 1876, און איז ניט געגאַנגען ווערן ראַבינער. ער איז גאָר אַוועק אין אַ מיליטעריש־מעדיצינישע אַקאַדעמיע אין פּעטערבורג. ער איז גראָד געווען דער לעצטער ייִד, וואָס מע האָט דאָרטן אויפגענומען.

— ער איז שפּעטער אויך געוואָרן אַ מיליטערישער דאָקטאָר, ווי זיין ברודער יוסף־איסר, וואָס איז געווען הויפּט־דאָקטאָר פון מי־ליטערישן שפּיטאָל אין זשיטאָמיר און נאָכדעם אין סאַראַטאָוו. געווען איז עס אין דער צייט פון דער טערקישער מלחמה. די שפּיטאָלן זיינען געווען הינטערן מלחמה־פראָנט.

יוסף־איסר איינהאָרן, דוד איינהאָרנס פעטער, דער ברודער פון בנימין קדיש, איז געשטיגן הויך אין מיליטער־ראַנג. ער איז דערגאַנגען צום ראַנג פון אַ גענעראַל אין צאַרס אַרמיי. ער האָט אָבער אויך אינגאַנצן „איבערגעביטן דאָס רענדל" — ער האָט זיך געשמדט.

— דאָס אומגליק מיט זיין ברודער, דער שמד, האָט איינגאַנצן צעטרייסלט מיין טאַטן, דעם מיליטער־דאָקטער בנימין־קדיש איינהאָרן. ער האָט געבעטן, מע זאָל אים צונעמען פון יענער געגנט און אריבערפירן אין א ווילנער שפּיטאָל.

דערווייל האָט מען אים אָבער געשיקט אין א מיליטערישן גאַרניזאָן, וואָס איז גלייך אַוועק אונטערדריקן אַן אויפשטאַנד פון די באַלטישע פּויערים. צוריק פון די באַלטישע געגנטן איז ער געקומען גאָר אַן אַנדער מענטש, — א דערשיטערטער פון שווערע איבער־לעבונגען.

— אין ווילנע האָט ער אָראָפּגעריסן זיינע עפּאָלעטן, אַוועק־געוואָרפן זיין אָפיצערישע שווערד און איז געוואָרן א פּרוש אין גאונס קלויז.

— ווי שרייבט דוד איינהאָרן אין זיין ליד? —

„מיר וועלן פאַרבלייבן אין שול
ווען די טריט פון דעם לעצטן אין וויים וועט פאַרשווינדן
און עס וועט דעם נר־תּמיד פאַרלעשן דער ווינט".

דריי יאָר איז ער געזעסן אַליין, פאַרזונקן אין דער גמרא, אָפּגעטיילט פון דער וועלט, אין התבודדות.

„די שול דאַרף ניט קיין עולם פון טויזנטער מענטשן,
פון אייביק אָן היטן יחידים איר פּראַכט...
דער נאַכט־ווינט האָט באַווייזט דעם טאַטן צו חצות".

דערציילט ער מיר ווייטער די אויסטערלישע געשיכטע פון זיין טאַטן אַזוי:

— אין דריי יאָר אַרום איז געקומען צו אים אין קלויז זיינער אַן אַנדער ברודער, איסאַק, אַן אינזשינער, א לערער ביי באַראָן גינזבורגן, און אים אָנגעזאָגט, אַז זייער עלטערער ברודער, דער גענעראַל, איז געשטאָרבן. דעמאָלט האָט מיין טאַטע פאַרלאָזן די שול און זיין פּרישות. פון דעם גאונס קלויז איז ער ארויסגעקומען מיטן געדאַנק צו גיין אין קליינע שטעטלעך און דאָרטן זיין א דאָקטאָר ביי יידן. ער האָט אַזוי געטאָן, פון שטעטל צו שטעטל, ביז ער האָט זיך באַזעצט אויף לענגער אין וואָלקאָווייסק.

— דאָרטן איז ער געווען סיי א דאָקטער און סיי א ראַבינער.

דוד איינהאָרן דערציילט מיר, אַז ער האָט געלעבט אין זיין קינדהייט א טאָפּלט לעבן: אין שטוב — די היים פון א מיליטער־

דאָקטער. די שפּראַך — טאַקע ייִדיש, זײַן טאַטע האָט ניט געוואָלט ריידן רוסיש, ווײַל „דאָס איז „פּראַוואָסלאַוויע". אָבער דער שטייגער — אַ מין דוואָריאַנסקע הויז. דער טאַטע האָט געהייסן „פּאַפּאַ" און די מאַמע „מאַמאַ". ער האָט געהאַט רייכע שפּילצייג; אַ לאָקאָמאָטיוו, וואָס פֿון אים האָט געשלאָגן אַ פּאַרע. אָבער אויסער דער שטוב — אין חדר, אויף דער גאַס, אין בית־מדרש — זיך געחברט מיט די אָרעמע קינדער. דער טאַטע האָט זייער פֿיינט געהאַט די גבירים פֿון קהל. ער האָט מיט זיי מלחמה געהאַלטן. ער איז געווען דער דאָקטער פֿון די אָרעמע לײַט.

מיר קומען צו דער צײַט, ווען דוד אײנהאָרן איז אַרײַנגעקומען אין דער ייִדישער פּאָעזיע, צו דער צײַט פֿון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, און נאָך מער — רעוואָלוציע אין דער ייִדישער געטאָ. פֿאַרבאַהאַלטענע כּוחות האָבן זיך געריסן פֿון אונטער דער ערד צו דער אויבערפֿלאַך. עס איז אויך געווען די צײַט בעת דעם סאַמע אויפֿגאַנג פֿון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור.

זיצן מיר ביים טיש און ריידן וועגן יענער צײַט. געשעענישן, שטימונגען, בילדער מישן זיך צונויף מיט די בלעטער פֿון זײַן לידער־ בוך. מיר שטעלן זיך טאַקע אָפּ אויף לידער, וואָס טראָגן די ציפֿערן פֿון יענער צײַט — 1905, 1906, 1907, 1908. — דאָס זײַנען לידער, וואָס האָבן געבילדעט דעם פֿונדאַמענט פֿון זײַן פּאָ־ עטישן בנין, לידער, וואָס האָבן זיך אַרײַנגעגראָבן אין זכּרון פֿון אונדזער דור, וואָס זײַנען געוואָרן אונדזערע אַלעמענס; לידער קערנ־ דיק־ייִדישע, שטימונגען און מאָטיוון, וואָס זײַנען אַרויסגעשעפּט געוואָרן פֿון דורותדיקע ברונימער; לידער, וואָס האָבן זיך געזונגען און זינגען זיך אַליין.

— דערמאָנט איר זיך יענע טויזנטער יונגע, חלומדיקע, פֿאַר־ ליבטע און פֿאַרבענקטע זין און טעכטער פֿון די ייִדישע שטעט און שטעטלעך ? ...

יענע צײַט קומט איצט צו אונדז נאָך אַ מאָל. פֿון די לידער האָט געשמעקט מיט עכטקייט. זיי זײַנען געווען פּשוט און ליכטיק, ייִדיש־פֿאָלקסטימלעך און יונג, נײַ.

קומט אַרויס אין אונדזער געשפּרעך די „בלאַסע בת־מלכּה". זי קומט אַרויס פֿון איינעם פֿון די בלעטער פֿון זײַן לידער־בוך און פֿון אונדזער זכּרון. זי קומט מיט אויגן פֿאַרחלומטע, אָפֿענע און צאַרטע, און בלויע ווי אין פֿרילינג דער הימל; מיט לאָקן צעוואָרפֿענע, זײַדענע, שוואַרצע. עס פֿאַלן פֿון אירע אויגן טרערן פֿון ליבע. זיי פֿאַלן ווי פּערל.

עס איז די צײַט פֿון 1905. דוכטן דוכט זיך, אַז די וועלט רייסט זיך אָפּ פֿון אירע קייטן. עס דוכט זיך, אַז ייִדישע דורות

דאָס אייניקל פון ר׳ חיים־עוזר דעם בשמים־קרעמער און דער זון פון בנימין־קדיש דעם פרוש און דאָקטער, האַלט זיך פעסט אָן דעם שנור, וואָס פאַרבינדט די דורות:

„זאָל אונדז דדערנאָך בענטשן אַ גרייז־גרויער זיידע,
וואָס וועט אונדז דעם חלום פון פאָלק איבערגעבן,
צו טראָגן אים ווייטער מיט גלויבן אין לעבן.״

דערציילט מיר דוד איינהאָרן:

— שולדיק פאַר דעם, וואָס מיינע אַ סעריע לידער האָט זיך געדרוקט אין 1906 אין דער ליטעראַרישער ביילאַגע פון דעם ווילנער בונדישן „מאָרגנשטערן״ איז געווען אַ מיידל, מיינס אַ שוועסטערקינד, ליזע איינהאָרן. זי איז געווען באַקאַנט מיט דעם באַוואוסטן בונדיסט און קאָרעקטאָר פון דער „פאָלקסצייטונג״, פּייסאַכזאָן, וואָס איז בימי היטלער אומגעקומען ווי אַ קדוש אין בענדין, וואַרפנדיק זיך פאַר זיין טויט מיט אַ שטיין אויף אַ נאַצי. אים האָט זי איבערגעגעבן מיינע לידער, אָן מיין וויסן. ער האָט זיי ווייטער איבערגעגעבן צום דעמאָלטיקן ליטעראַטור־רעדאַקטאָר א. ווייטער. נאָכדעם זיינען זיי געדרוקט געוואָרן אין „מאָרגנשטערן״.

וולאַדימיר קאָסאָווסקין — זאָגט מיר דוד איינהאָרן — איז ניט געפעלן געוואָרן מיין „בעריאָזקעלע״.

ער איז געווען דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון „פאָלקס־צייטונג״. האָט ער איבערגעלייענט די שורות אין דער „בעריאָזקע״:

„איך בין דאָ אָן עלנטער געקומען פון דער ווייטן.
פרעמד איז מיר דער גאָט פון דאַנען און פרעמד איז מיר זיין שפּראַך...״

און ער זאָל נאָכדעם האָבן געזאָגט צו דוד איינהאָרן:

— וואַרפט אַרויס דאָס וואָרט „גאָט״,

און ער האָט דאָס ליד, צוליב זיין „רעליגיעזקייט״ ניט געדרוקט. עס האָט אָבער ניט לאַנג געדויערט און דאָס זעלבע ליד איז געזונגען געוואָרן בכל תפוצות ישראל און דורך אַלע אַרבעטער־כאָרן.

זאָג איך צו אים:

— איך זע איצט פאַר מיינע אויגן פאַרזאַמלונגען פון יידישע אַרבעטער, קאָנצערטן פון אַרבעטער־כאָרן, וואָס האָבן געזונגען געשמאַק, מיט התמדה, ווי אַ תפילה:

„רואיק, רואיק שאָקלט איר געלאָקטעס גרינעס קעפּל
מיין ווייסינקע בעריאָזקעלע, און דאַוונט שטיל...״

קינדער פון ײדישע שולן, װאָס זײנען שױן הײנט פאַרבערענט, האָבן אױסגעזונגען אױף זײערע יום־טובים:

„יעדעס, יעדעס בלעטל אירס שעפּטשעט שטיל אַ תּפילה.
זײ־זשע, קלײן בעריאָזקעלע, מתפּלל אױך פאַר מיר."

באַװײזן זיך אַצינד בײ אונדזער טיש די שאָטנס פון יענע כאָרן, די שאָטנס פון די פאַרברענטע קינדער.

דדוד אײנהאָרנס פּאָעטישער אָנהײב פאַלט צונױף מיטן ײדישן „ליטעראַטור־רענעסאַנס", מיט דער צײט פון ש. ניגערס, א. װײטערס און שמריהו גאָרעליקס „ליטעראַרישע מאָנאַט־שריפטן", מיט דער צײט, װען ער האָט זיך באַװיזן מיט זײנע ליטע־לידער:

— מיש אױף דאָס בוך און גיב אַ קוק:
„עס האָט מיך געפאַנגען דער אומעט, װאָס שװעבט אױף די טונקעלע פעלדער
און רוט אױף די אײנזאַמע בײמלעך, װאָס שטײען צעװאָרפן אױף זײ. . ."

זאָגט דוד אײנהאָרן:

— איך האָב דעמאָלט געװאױנט אין צװײ שטעט — אין װאָלקאָװיסק און אין װילנע. ניט געקאָנט אײנזיצן אין װאָלקאָװיסק, פלעג איך אַװעק אין װילנע. שװער געװאָרן אין װילנע, בין איך אַװעק אין װאָלקאָװיסק.

עס איז פאַר אים קלאָר געװאָרן — דערצײלט ער, — אַז מען מוז אױסמײדן די אָפיציעלע פּובליציסטישע שפּראַך, מע מוז גראָבן אין די סאַמע פאָלקס־טיפענישן, גײן צום קװאַל, און דער קװאַל איז — פאָלקלאָר.

— איך האָב דעמאָלט — דערצײלט ער — זיך געגראָבן אין ײדישן פאָלקס־ליד, געזוכט דאָס ריכטיקע לשון, געזוכט די ריכטיקע אױסדרוקס־פאָרם.

ער האָט דעמאָלט געדרוקט לידער סײ אין ציוניסטישן „ײדיש פאָלק", אונטער דער רעדאַקציע פון דר. יוסף לוריע, און סײ אין עס־עסישן „נײער װעג", אונטער דער רעדאַקציע פון ש. ניגער און בערטאָלדי.

— אין „ײדיש פאָלק" האָט זיך געדרוקט מײן „אידיליע".

מישן מיר אױף דאָס בלאַט אין בוך און פרישן אָפּ סײ די שטימונג, סײ דעם אַראָמאַט פון יענער צײט און פון יענעם ליד:

„שטיל זאָל זיך טראָגן פון ערגעץ אַ ווייטן,
אַ טונקל־באַלויכטענעם נידריקן פענצטער,
אַ שטילער, פאַרטרויערטער יידישער ניגון,
וואָס זאָל אין אַ חלום אַ ווייטן פאַרוויגן..."

פון יענעם אָנהייב ביז היינט זיינען שוין באַלד אַריבער פופציק יאָר. דוד איינהאָרן זאָגט מיר:

— איך האָב געהאַט עטלעכע עפּאָכעס אין מיין שאַפן. עס איז אויך געווען אַ צייט, ווען איך האָב זיך געפונען אונטער דער ווירקונג פון דער דייטשער ליטעראַטור. איך האָב דעמאָלט געלעבט אין אייראָפּע, אָפּגעריסן פון שטאָם, פון דער סביבה, געווען שטאַרק באַאיינפלוסט פון דער דייטשער פּאָעזיע. איך האָב דעמאָלט געשריבן לידער, וואָס, לויט מיין איצטיקער מיינונג, האָבן זיי ניט געטויגט. אַ העלפט פון מיינע לידער פון דער „דייטשער צייט" האָב איך ניט אַריינגענומען אין מיין בוך. עס איז פאַר מיר געווען אַ צייט פון שווערע שטימונגען און איבערלעבונגען.

ער דערציילט מיר אויך, אַז פון 1917 ביז 1920 האָט ער קיין איין ליד ניט געשריבן.

— און נאָכדעם? פרעג איך אים.

— נאָכדעם — ענטפערט ער מיר — האָב איך ווידער געשריבן אין דעם טאָן פון 1910 און 1912.

טוען מיר אַ בלעטער די לידער פון אַ צאָל יאָרן. אָט איז 1910:

„שטיל אויף די טרעפּלעך פון אָרון
די שכינה אַן עלנטע שטייט.
איר קאָפּ איז געבויגן אין טרויער,
און שוואַרץ, ווי די נאַכט, איז איר קלייד..."

אין 1912 האָט ער אַזוי געשריבן וועגן משיחן:

„דאַן נידערט די שכינה אַראָפּ אויף זיין קאָפּ
און קושט אים מיט ליבע דעם שטערן.
און טרייסט אים, און וויזט אים די גאולה אין טרוים,
און וויינט מיט באַהאַלטענע טרערן..."

מיר לויפן אַריבער אין אונדזער שמועס פון 1912 ביז 1928. שרייבט ער שוין ניט אין וואָלקאָוויסק, ניט אין ווילנע, נאָר אין פּאַריז:

„דו ביסט מיט מיר, איך ווייס.
עס איז דיין רו.
וואָס דעקט מיך צו
מיט גרינע בלעטער.
עס איז דיין זון, וואָס לייכט מיר אומעטום,
עס איז דיין ליכט, וואָס גליט אין מענטשנס בליק..."

— נאָך יאָרן ניט־שרייבן זאָגט ער — האָב איך זיך אומגעקערט צום ליד, וואָס איז יידיש, רעליגיעז, סימבאָליש.

ער האַלט, אַז אַחוץ פון דעם אייגענעם פאָלקס־מקור, קאָן די יידישע פּאָעזיע באַפרוכפּערט ווערן פון דער סלאַווישער און ראָמאַנישער. דייטשע פּאָעזיע איז קאַלט. עס איז דאָ אין איר מער געדאַנק ווי געפיל. די יידישע פּאָעזיע איז עמאָציאָנעל, זי האָט מער טעמפּעראַמענט. ער האַלט, אַז די יידישע פּאָעזיע מוז זיין דורך און דורך פון יידישער טעמאַטיק. זי דאַרף זיין אויסגעוויקט אין יידישקייט:

— יידיש, רעליגיעז, סימבאָליש...

דוד איינהאָרן ברענגט אַרויס די דאָזיקע ווערטער מיט אינערלעכער איבערצייגונג און גלויבן:

„איך האָב געהאַט אַ גאָט און האָב אים פאַרלאָרן.
איצט הער איך אים גיין דורך גאָלדענע קאָרן.
עס קושט יעדער זאַנג זיינע ליכטיקע טריט..."

— מיינט איר עס באמת? — פרעג איך אים אויף טשיקאַווע.

— זאָל בעסער ריידן דאָס ליד:

„ביינאַכט, ווען די שטילקייט מאַכט אויפעט איר טויער
און סיצ'יט אַ ווייטער געזאַנג אין מיין אויער,
דאַן גליען אין הימל מיר אויף זיינע צייכנס,
און סידוכט מיר, אַז כיקאָן אים דערגרייכן..."

נעם איך אַרויס פון זיינע ווערטער אַזוי: הערן די טריט פון גאָט צווישן קאָרן, זען זיינע צייכנס אין הימל, ווען „די שטילקייט מאַכט אויפעט איר אויער" — דאָס איז דער תמצית פון זיין באַצייכענונג — „יידיש, רעליגיעז, סימבאָליש." דאָס איז דער תוך, ווי ער מיינט, פון זיינע לידער. מיר מאַכן עס נאָך קלערער אין אונדזער שמועס:

אין 1909 האָט ער געחלומט אין וואָלקאָוויסק, אַז זיין ליד זאָל ווערן „אַ בעכער פאַר די טרערן פון דער שכינה". אין 1912 האָט ער געשריבן אין ווילנע, אַז עס ליגט אויף אים „אַ צער פון טויזנט דורות, אַ גרייטקייט אין פייער גיין און גאָט פון דאָרטן בענטשן." און אין זיין לעצטן „ווידוי", אין 1951, אין ניו־יאָרק, האָט ער געשריבן וועגן דעם „געזאַנג פון אַלטן יידישן בלוט, וואָס שטראָמט פון טויזנטער יאָרן", וועגן טעג און נעכט אין אַלטן, שטילן בית־מדרש, וואו „גאָט האָט יעדן טאָג אַ נייע וועלט געשאַפן." און ער שליסט זיין לידער־בוך פון 1952 מיט אַ ליד וועגן גאָט:

„אָ, גאָט, איך ווייס, דו ביסט מיט מיר,
דו ביסט מיט מיר אַפילו דאַן,
ווען איך פאַרלייקן דיר."

לאָמיר אַ ווײַלע לאָזן אָן אַ זייט זיין בוך לידער און ווידער אַריינקוקן אין דעם בוך פון זיין לעבן. דערציילט ער מיר אַז ער איז אַוועק פון ווילנע צוליב דער ווילנער פּאָליציי, אין 1912, נאָכדעם ווי ער איז אָפּגעזעסן 6 חדשים אין טורמע. האָט ער זיך באַזעצט אין דער שווייץ. ער האָט דעמאָלט געשריבן פּראָזע. ער האָט געשריבן די „שריפטן פון לעצטן ייד". געדרוקט יעדע וואָך אין סאַלוצקיס „נייע וועלט" אין ניו־יאָרק, געשריבן דאָרטן וועגן אייראָפּע, וועגן ליטעראַטור, וועגן דער מלחמה. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געוועזן אין בערן. צוזאַמען מיט פּראָפעסאָר ל. הערש און נחמנזאָן האָבן זיי דאָרט אַרויסגעגעבן אַ וואָכנשריפט „די פרייע שטימע". דאָס איז דעמאָלט געווען די איינציקע צייטונג, וואָס איז צוגעלאָזן געוואָרן צו די פאַרקאָנטראַקטירטע פּויליש־יידישע אַרבעטער אין דייטשלאַנד. ער האָט דעמאָלט ניט געהערט צו קיין שום פּאַרטיי. ער איז געווען געשטימט פּאָלקסטימלעך, דעמאָקראַטיש, יידיש. ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען פּוילן, איז ער אַוועק קיין ראַדאָם, זיך דאָרט באַזעצט און חתונה געהאַט.

— באַקום איך אַ בריוו פון וואַרשע, פון וולאַדימיר מעדעם. ער לאַדט מיך איין צו שרייבן אין דער צייט־שריפט פון „בונד" די „לעבנס־פראַגן", וואָס ער האָט דעמאָלט רעדאַגירט. ער האָט מיך געקענט פון מיינע אַרטיקלען אין דער דערמאָנטער „פרייער שטימע".

לכתחילה האָט ער אים אָפּגעזאָגט. ער האָט געוואָלט פריער זיין אין וואַרשע און זיך אַרומזען.

— אין וואַרשע האָב איך געזען, אַז די איינציקע ריינע, אָנשטענדיקע צייטשריפט איז די „לעבנס־פראַגן".

ער האָט אָנגענומען מעדעמס פאָרשלאָג. ער איז אוועק צוריק אין ראַדאָם און האָט פון דאָרטן געשריבן אין די „לעבנס־פראַגן" אונטערן פסעוודאָנים „מאַנאַקאָרנס", וואָס אויף לאַטיין הייסט עס איינהאָרן.

— ווען די דייטשן זיינען אַרויס פון וואַרשע האָב איך באַקומען אַ טעלעגראַמע פון מעדעמען: קומט צופאָרן. איך בין געקומען אין וואַרשע און אַריין אין דער קאָלעגיע פון דער רעדאַקציע „פאָלקס־צייטונג". דאָרטן האָב איך געשריבן ביז 1920, ווען די רוסן זיינען דערנאָנגען נאָענט צו וואַרשע. „דעמאָלט בין איך אַוועק אין בערלין".

אין יענער צייט, פאַרן אַוועקגיין אין בערלין, איז געשטאַנען אַ צוג מיט אוקראַינער יידן אויפן „בריסקער וואָקזאַל" אין וואַרשע, — וואַגאָנעס מיט 450 אוקראַינער יידן. אין סאַמע בהלה האָבן זיך די וואַגאָנעס יידן געלאָזט פון וואַרשע קיין דאַנציג. ער איז געווען מיט זיי צוזאַמען און האָט עס באַשריבן אין אַכט אַרטיקלען פאַרן „פאָרווערטס". אַב. קאַהאַן האָט אים טעלעגראַפירט: בלייבט אין בערלין און זייט דער קאָרעספאָנדענט פון „פאָרווערטס".

שרייבט ער שוין במשך אַ סך יאָרן, חוץ לידער, אויך פובליציסטיק. ער האַלט ניט פובליציסטישע אַרבעטן פאַר מינדערווערטיק. ער האָט געשריבן פון בערלין, געשריבן פון פאַריז, געשריבן וועגן זיין ערשטער רייזע אין אַמעריקע, געשריבן וועגן די ערשטע צייטן פון נאַציזם אין דייטשלאַנד, געשריבן וועגן דער בין־השמשות־תקופה אין פראַנקרייך; וועגן דער סכנה פון אַ צווייטער וועלט־מלחמה, געשריבן וועגן ציוניזם און אָרטאָדאָקסיע, וועגן ליטעראַטור און קולטור. איצט איז ער שוין אַ תושב אין אַמעריקע צוועלף יאָר און שרייבט כסדר, וואָך־וועכנטלעך, וועגן אַקטועלע ענינים. ער האָט אין אַמעריקע אויך אַרויסגעגעבן זיין לידער־בוך „אב־הרחמים" און איצט — די „געקליבענע לידער."

— איר האָט דאָך קלאָרע שעפערישע צילן — זאָג איך צו אים, — איר האָט אייער באַשטימטן וועלט־בליק, איר האָט אייערע שאַרפע מיינונגען וועגן יידן און יידישקייט. קאָנט איר עס אַרויסזאָגן פאַר מיר על רגל אחת?

— מיין גרונד־געדאַנק איז — זאָגט ער מיר — אַז עס איז ניטאָ קיין אַנדער יסוד פאַר דער יידישער שאַפונג — און ניט נאָר דער פאָעטישער — אויסער די ראַמען פון רעליגיעזן יידישן פילן און דענקען. פאַרלירן מיר אָט דעם יסוד, גייען מיר אונטער.

ער זאָגט עס מיר נאָך פשוטער:

— גייט אונטער די יידישע שול, גייען מיר אַלע אונטער. איך גלויב ניט אין וועלטלעכן נאַציאָנאַליזם ביי יידן.

און ער מאַכט אַזאַ סך־הכל:

— ווען איך האָב געזען די פּראַקטישע און פּאַקטישע אַסימי־לאַציע, ווען איך האָב געזען, אַז די רעליגיע גייט אונטער, בין איך געוואָרן סיי איר מקונן און סיי איר משורר.

„אָפּט טרעפט מיר, ווען איך גיי ביינאַכט אַליין אין פעלד
און מיין נשמה בייגט זיך, זיפצט פון שווערער לאַסט..."

— וואָס טו איך דעמאָלט?

„דאַן הייב איך אויף די אויגן צום אין־סוף..."

און עס געשעט — די גאַנצע וועלט ווערט מיר אַזוי נאָענט, גלייך ווי דער גאַנצער אוניווערס וואָלט געווען מיין היים —

„דעמאָלט קומט רו, בטחון, און דעמאָלט —
אַ לויב־געזאַנג זיין נאָמען,
וואָס איז געווען און איז,
און וואָס וועט אייביק זיין..."

ער ווייזט מיר דערביי אָן, אַז אין זיין „גמרא־ניגון", וואָס מיט אים עפנט ער זיין בוך „געקליבענע לידער", קאָן מען זען די גאַנצע אַנטוויקלונג פון זיין גאַנג.

— זייענדיק אַנטוישט אין דער אָרטאָדאָקסיע צוליב איר צוריקגעשטאַנענקייט, אויסגעטריקנקייט, בין איך דערגאַנגען צו דער ריינער פאָרם פון יידישקייט, צו דער ריינקייט פון דער יידישער מאָראַל, צום תנ"ך.

ער מיינט, אַז די יידישע רעליגיע קאָן ניט אונטערגיין. זי מוז אָבער אָננעמען אַנדערע פאָרמען. אין אַמעריקע, וואו עס געפינט זיך איצט דער רוב מנין און בנין פון יידישן פאָלק, וועט דער דריטער דור שאַפן אַ נייע פאָרם פאַר דער יידישער רעליגיע, צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען פון נייעם לעבן, אָבער איינגעפונדעוועט אין די גרונט־אידייען פון דער יידישער אמונה און מאָראַל.

— אייער מיינונג וועגן ציוניזם? — פרעג איך אים.

— די מדינה איז אַ פאַקט. מיין באַציאונג צום פאַקט פון דער זעלבשטענדיקייט פון יידישן ישוב איז אַ פּאָזיטיווע. צום פּאָ־ליטישן ציוניזם באַצי איך זיך נעגאַטיוו. דער קיום פון יידישן פאָלק קאָן זיך ניט האַלטן אויפן יסוד פון שטאַט און מלוכה.

— וואָס איז אייער באַציאונג צום „בונד", צום בונדיזם? — פרעג איך אים ווייטער.

— איך בין קיינמאָל ניט געווען קיין מאַרקסיסט. איך בין קיינמאָל ניט געווען קיין בונדישער פּאַרטיי־מענטש. אפילו אין וואַרשע האָב איך ניט געהערט צו דער פּאַרטיי.

ער זאָגט מיר ווייטער:

— אין כאַאָס פון יידישן לעבן האָט פאַר מיר אַרויסגעשטראַלט די אַלטע בונדישע גוואַרדיע. די מענטשן זיינען געשטאַנען זייען הויך. עס איז מיר שטענדיק טייער געווען די אידייע פון סאָציאַלער גערעכטיקייט.

ער דערציילט מיר:

— איך האָב קיינמאָל ניט געדאַרפט ביים „בונד" שרייבן וואָס איך האָב ניט געוואָלט שרייבן. איך האָב געשריבן פריי וואָס איך האָב געטראַכט און געפילט.

ער מאַכט עס פאַר מיר נאָך קלערער:

— איך זע פאַר מיר וולאַדימיר מעדעמען. איך זע מיכאַלעוויטשן. זיי זיינען געווען נאָענטע צו מיין האַרצן, צו מיין נשמה. איך בין שטענדיק געווען אַן עטיש־רעליגיעזער סאָציאַליסט.

ער קלערט מיר אויף, אַז צו אַרבעטן אין דער בונדישער ליטעראַטור האָבן אים געבראַכט די אידייען פון ישעיה און ירמיהו.

— אין דער בונדישער צייטונג אין פּאַריז, „אונדזער שטימע", פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָב איך געשריבן אונטער אַ תנאי, עס זאָל זיין מיינע אַן אייגענע צייטונגס־זייט, פאַר וועלכע איך בין אַליין פאַראַנטוואָרטלעך.

— וואָס טראַכט איר וועגן די אַמעריקאַנער יידן?

— עס זיינען דאָ פינף מיליאָן יידן. פעסט ביים פאָלק וועלן בלייבן נאָר די, וואָס וועלן זיך האַלטן ביי רעליגיעזער יידישקייט. אַ סך יידן וועלן אָפּפאַלן. פאַרפאַלן. וועט אָבער בלייבן אַ געזונטער קערן. זאָל זיין איין מיליאָן, צוויי מיליאָן. יידן אין אַמעריקע וועלן, ווי אַ פאָלק, האָבן אַ קיום נאָר אויף אַ רעליגיעזער באַזע.

— און וועגן סאָציאַליזם אין אַמערקע?

— איך גלויב, אַז עס וועלן דורכגעפירט ווערן אַ סך וויכטיקע, גרינטלעכע סאָציאַלע רעפאָרמען. דאָס וועט געשען אויפן וועג פון נאָרמאַלער אַנטוויקלונג. עס וועט מוזן איבערגעלאָזט ווערן די איניציאַטיוו צום יחיד. איך בין קעגן אַ סאָציאַליזם, וואָס מאַכט דעם שטאַט פאַר דעם באַלעבאָס איבער אַלץ און אַלעמען.

— און וואָס טראַכט איר וועגן דער יידישער ליטעראַטור?

— דאָס, וואָס איז ווערטפול, דאָס וויכטיקסטע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין ווערט געשאַפן, קומט אַריין אין דעם גרויסן אוצר, אין נאַציאָנאַלן און וועלט-לעבן. גוטס וועט איבערגעזעצט ווערן, ניט גיין פאַרלאָרן. עס איז ניט פאַרפאַלן געוואָרן אונדזער שפּאַנישע תקופה, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין פיר שפּראַכן — העברעאיש, אַראַמעאיש, אַראַביש און שפּאַניש. יידישע שאַפונגען, וואָס האָבן אַ ווערט, וועלן אויך ניט גיין לאיבוד. בלייבן וועט אָבער דאָס, וואָס איז אין תוך יידיש.

דעם טרויער, די איינזאַמקייט פון דער שאַפונג אין יידיש האָט ער שוין דערפילט אין ווילנע. ער האָט שוין דעמאָלט געשריבן וועגן יידישע לידער, וואָס בלאָנדזשען ווי אַ מחנה יתומים אָן אַ טאַטן, אָן אַ מאַמען, און זוכן אום אַ נשמה, וואָס זאָל זיי פאַרשטיין. ער האָט געשריבן וועגן לידער, וואָס זוכן אין זייער איינזאַמקייט אַ טרייסט אין געוויין, לידער, וואָס זוכן טרייסט אין אַ שול אַ פאַר-לאָזטער, וואו עס מורמלט נאָך אַ יידיש קינד אויף יידיש „טאַטע, מאַמע"... דעמאָלט אין 1910, אין ווילנע, האָט ער געשריבן, אַז ער וויל, אַז ווען ער וועט זיין אויג פאַרמאַכן, זאָל קאָנען אַן אור-אייניקל באַטש פאַרשטיין די יידישע ווערטער, וואָס וועלן זיין אויסגעקריצט אויף זיין מצבה.

עס איז טרויעריק. אָבער דאָך דאַרף מען, מוז מען שאַפן אין יידיש. אַ יידישער שרייבער קאָן שאַפן און זיך אויסלעבן נאָר אין יידיש.

— מיר דאַרפן — זאָגט ער — ווירדיק פאַרענדיקן אונדזער עפּאָכע.

„אָ, גאָט, איך ווייס, ס'וועט גאָרנישט אין דיין וועלט פאַר-
לאָרן,
ווי די פאַרגאַנגענהייט, וואָס לעבט נאָר אין זכרון,
דורך דורות לאַנג, און ווערט צוריק געבאָרן.
גלייך ווי דער שטערן-שטראַל, וואָס פליט מיליאָנען יאָרן
ביז ער דערגרייכט מיין בליק,
ווי אַ חלום פון וויטן גליק..."

— איר קערט זיך אום כסדר צום וואָרט „גאָט" — זאָג איך צו אים. — איך וויל פון אייך הערן: גלייבט איר בלב ונפש אין גאָט, וואָס פירט די וועלט?

— ווען דו פאַסט-אויף דעם גלויבן אין גאָט — ענטפערט ער מיר — ווי אין אַ פּערזענלעכן גאָט, איז שווער אויף דעם צו

ענטפּערן. אָבער אויב ניט קיין פּערזענלעכער, נאָר אַ גאָט פון דער וועלט... יאָ, איך גלייב אין אים. איך גלייב אַז עס איז דאָ אַ גרויסע וועלט־חכמה, וואָס מען רופט גאָט. ערגעץ מוז זיין עמיצער, וואָס דענקט, וואָס עקספּערימענטירט, האָט פּלענער, האָט אַ ציל.

ווייל איך ביי אים נאָך עפּעס וויסן. איך וויל וויסן ווער עס איז אים צום נאָענטסטן פון די יידישע שרייבער.

זאָגט ער מיר:

— פּרץ. מענדעלע, שלום־עליכם זיינען געווען נאָר צוגרייטער פון אונדזער ליטעראַטור. זיי האָבן געשריבן ווערק, אָבער נאָך ניט געשאַפן די יידישע ליטעראַטור. ערשט פּרץ האָט עס געטאָן. ער האָט אונדז געגעבן פּאַרנעם. ער האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר אַ גרויסער ליטעראַטור.

— ליידער — זאָגט ער — איז זי אָבער איבערגעבראָכן געוואָרן.

און ער קומט צום אויספיר:

— יידישע ליטעראַטור איז אַנדערש און מוז זיין אַנדערש ווי וועלכע־עס־איז אַנדערע ליטעראַטור. דער עיקר — די יידישע ליטעראַטור מוז האָבן אַן אידייע, אַ יידישע אידייע.

ביים סוף פון אונדזער שמועס, ווענד איך אים צום אינטים־פּערזענלעכן, צום דיכטערס זעלבסט־געפיל, פּנים אל פּנים מיטן בוך — 50 יאָר לידער. דער אויסדרוק פון זיין געזיכט ווערט דעמאָלט טרויעריקער, און ער זאָגט מיר, אין אַ פּאָר ווערטער:

— איך פיל זיך ווי איינער פון די לעצטע...

לאָמיר דאָ בלייבן שטיין.

ביי אונדזער טיש איז שטיל געוואָרן. עס הענגען איבער אים די ווערטער: „איך פיל זיך ווי איינער פון די לעצטע.‟ עס איז אַ געפיל פון איינזאַמקייט. איך קוק אויף אים, אויף זיין גרויסן, געדיכטן ווייסן קאָפּ, וועלכן איך האָב גוט געקענט ווען ער איז נאָך געווען שוואַרץ און יונג. עס שיינט מיר אַצינד, אַז דאָס גאַנצע לעבן זיינס, חוץ קליינע אָפּנייגונגען, האָט ער געשריבן איין גרויס ליד, איין גרויס ווערק, אויף איין טעמע. ער האָט געזונגען איין ניגון — דעם גמרא־ניגון.

איך קוק נאָך אַמאָל אַריין אין זיין פּרעלוד און שאַפונגס־„ווידוי‟, און לייען פון דאָרטן אַרויס די שורות:

„דאַן איז דער זיידע לעבן טיש געזעסן,
געבויגן אויף דער אָפענער גמרא,
אין אַלץ און אַלעמען פאַרגעסן,
געוויגט זיך אויף די פליגלען פון געזאַנג..."

עס איז ניט א ליד וועגן זיידן, דעם בשמים־הענדלער ר' חיים־עוזר איינהאָרן. עס איז ניט א ליד וועגן דעם טאַטן, דעם דאָקטער־פרוש, ר' בנימין־קדיש איינהאָרן. עס איז א ליד וועגן ר' חיים־עוזרס אייניקל, וועגן ר' דוד איינהאָרן.

יוסף אפאטאשו

יוסף אָפּאַטאָשו האָט פאַרענדיקט

זיין „בר־כוכבא״, צווייטער טייל פון יידישן אויפשטאַנד. דעם 24־טן דעצעמבער איז זיין 65־יאָריקער געבוירנטאָג. דער מחבר פון צוואַנציק יידישע בענדער קלייבט זיך מיט זיין פרוי אַדעלאַ אויף אַ באַזוך אין ישראל, צו זיין צוועלפטן העברעאישן באַנד. — דאָס זיינען גענוג סיבות אויף אַ ברייטלעכן שמועס, אויף אַ שטיקל חשבון הלעבן והיצירה. גיי איך צו אים וועגן דעם אין אָנהייב פון אַ סוף־הארבסטיקן אָוונט. דער אָוונט איז נאָך גרויס, די נאַכט איז לאַנג — עס וועט זיין גענוג צייט פאַר דעם.

איך בין געגאַנגען צו דער 150־סטער גאַס, וואו עס וואוינט אָפּאַטאָשו, אויף דער מערב־זייט פון בראָדוויי, נאָענט צום ריווערסייד, דורך גאַסן באַוואוינטע פון טונקל־הויטיקע. גייענדיק איז געקומען פאַר מיין געדאַנק אַ היפּשע צאָל פון אָפּאַטאָשוס פאַרשוינען — פערד־גנבים, קונצן־מאַכער, טענצערינס, קראַדניקעס, בערקע דער בעל־עגלה, לילי מיט אירע ממזרים, מאָרים דער שיכור, קאַטערינשטשיקעס. ווי קומען צווישן די פאַרשוינען ר׳ מענדעלע קאַצקער, ר׳ מרדכי פון די „פּוילישע וועלדער״, דער תנא רבי עקיבא, דער געוועזענער פּאַסטוך, דער גיבור בר־כוכבא ...

די ווענט, די פּאָליצעס, די עטאַזשערקעס פון אָפּאַטאָשוס פיר צימערן ריידן מיט רמזים פון יאָרהונדערטער. מאָלערישע בילדער, סקולפּטורן, יקר־המציאותן, היסטאָרישע דאָקומענטן, אַלטע ספרים, אָריגינעלע פאָטאָגראַפיעס. קוקט אַראָפּ פון דער וואַנט אַ פּראַכטפולע יפת־תואר, אַ מיליאָן פּויליש־יידישע יחוסדיקע מאַמעס, אויסגעדריקט אין איין געשטאַלט. „דאָס איז מיין מאַמע נאַנטשע״ ... — זאָגט מיר אָפּאַטאָשו מיט שטאָלץ. זי איז געמאָלט געוואָרן פון מאָלער ב. רעדער. איר קאָפּ איז פאַרנעם, שטאָלץ. איר פּנים שיינט מיט ליכטיקייט, אָבער אויך מיט טרויער. דער קאָפּ האָר, דער שנור פּערל אויפן האַלדז, פּליסטערן וועגן פאַרשוואונדענע דורות. איך

דערמאָן זיך די בילדער פון אָפּאַטאָשוס „ווען פוילן איז געפאַלן", און עס קלעמט דאָס האַרץ. דאָס לעצטע ביל פון אַזעלכע יידישע מאַמעס פון פוילן.

— דער מאָלער רעדער האָט געמאָלט קאָפּיעס פון מיין מאַמעס פּאָרטרעט פאַר ראָקפעלער, ראָזענוואַלד, פאַר מיין זון דוד. — באַרימט זיך אָפּאַטאָשו.

אויף די אַנדערע ווענט הענגען מאָלערייען פון שאַגאַל, מערזער, מאַנע קאַץ, גליצנשטיין. אויף טישלעך און פּאָליצעס שטייען סקולפּטורן, האָלצשניטן פון באַקאַנטע קינסטלער, בשמים־ביקסלעך, לייכטער, פּסח־קערות, חנוכה־לעמפּלעך, אַן אויסטערליש דין־געפלאָכטענע מנורה. אָט איז שאַגאַלס אַ ייד מיט אַ ספר־תורה, די ספר־תורה איז אַ סך גרעסער פאַר דעם יידן, וואָס טראָגט זי.

אָפּאַטאָשו איז פאַרקאָכט אין זיינע אַנטיקן. ער שלעפּט אַרויס פון די פּאָליצעס און שופלאָדן ספרים, יקר־המציאותן, דאָקומענטן פון ווייטע יאָרהונדערטער. אָט איז „ספר הליכת עולם" פון 1593, פון ישוע הלוי. אויף זיין ערשטן בלאַט איז געשריבן מיט אַ יידיש פון קנאַפּע דריי הונדערט יאָר צוריק: „דאָס ספר איז מיר ליב, ווער עס שטילעט, דער איז אַ דיב". אָט זיינען קונסט־אַרבעטן פון זיבעצנטן יאָרהונדערט, אָט איז אַ זכר פון וואַרשעווער בערסאָנס מוזיי — דאָס ביל פון הרב הגאון ר' שמחה בונעם פון פּשיסכע.

— קוקט אַריין אין „ספר שארית־יוסף".

קוק איך אין יידישן ספרל פון זעכצנטן יאָרהונדערט. קוק איך אינעם ספרל: „שיחה בין שנת תק"ס ובין שנת תקס"א" — צוויי יאָרן שמועסן זיך דורך צווישן זיך. איך ווער דאָרט געוואָר, אַז אין יענער צייט האָבן אונדזערע אור־אור־באָבעס געלערנט קבלה, דעם זוהר. — אָפּאַטאָשו רעדט וועגן דעם ווי ער וואָלט זען מיט זיינע אויגן יענע באָבעס מיטן זוהר אין די הענט.

און אָט איז אַ „שויתי", וואָס פלעגט הענגען אויף די עמודים פון די חזנים אין די אַלטע בתי־מדרשים „שויתי ד' לנגדי תמיד". „אָט דעם „שויתי" האָט מיר געגעבן דוד האָפּשטיין אין מאָסקווע, ער האָט געוואָלט אים אויסטוישן אויף אַן אַמעריקאַנער שרייב־מאַשינקע." ניטאָ מער דער „שויתי" דאָ און אין מאָסקווע איז ניטאָ מער דוד האָפּשטיין.

אויף איינער פון די פּאָליצעס שטייט אַן אָריגינעלע אַרבעט פון משה עובד פון לאָנדאָן — אַ מנורה פון צוויי „ש", וואָס זעען אויס ווי די „ש" פון די תפילין, פון מזוזות, וואָס ווייעט פון זיי מיט „שדי", און עס זאָלן זיין לזכרון פון די זעקס מיליאָן קדושים.

און אָט איז שאַגאַלס „אַ ייד מיט אַ ציג", אַ ציג, וואָס איז געשטאַנען אונטער יאַנקעלעס וויגעלע. דער ייד איז אַזוי מעשה־האַפּטיק ווי די ציג.

— לאָמיר אַרויסקריכן פון די יאָרהונדערטער, מיר וועלן דאָרט בלייבן שטעקן... — זאָג איך צו אים, כּדי אַריבערצוגיין צום געפּלאַנטן שמועס.

אָפּאַטאָשו גיט זיך אונטער. ער זיצט ביים טיש, קעגנאיבער מיר. איך קוק אויף דעם כאַראַקטעריסטישן קאָפּ, אויף זיינע פאַר־אומעטיקטע אויגן, וואָס שטעקן אַזוי ווי אַרוים פון שטיקער געשיכטע, פון פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער, פון אַלטע ספרים, פון תורה, מדרש, קבלה. איך קוק אויף דער פּאַליצע, אויף וועלכער עס שטייען די צוואַנציק בענדער פון יוסף אָפּאַטאָשו. איך קאָן ניט פאַרגעסן דאָס בילד, וואָס הענגט אויף אַן אַנדער וואַנט — די מסיבה פון משה קולבאַק, זלמן רייזין, מאַקס עריק און יוסף אָפּאַטאָשו. אַ בילד גענומען אין ווילנע. איז שוין ווילנע ניטאָ. זיינען שוין קולבאַק, רייזין און עריק ניטאָ. אומגעבראַכט. ניט ווייט פון זיי איז שאַגאַלס האַלצשניט פון אַ האָן, מיט וועלכן יידן פלעגן שלאָגן כּפּרות.

— אין 1886, מיט פינף און זעכציק יאָר צוריק, איז דאָס ייִנגעלע יוסף מאיר געבאָרן געוואָרן אין הויז פון וואַלד־סוחר ר' דוד אָפּאַטאָווסקי, אין סאַמע מיטן ווינטער, דעם 24־טן דעצעמבער — אַזוי הייבן מיר אָן מיט דער לעבנס־געשיכטע פון יוסף אָפּאַטאָשו.

דאָס איז געווען אין די פוילישע וועלדער, אין סטופּסקער וואַלד, הינטער מלאַווע. מע האָט אים אַ נאָמען געגעבן נאָך זיינע צוויי עלטער־זיידעס. יוסף האָט געהייסן זיין טאַטנס זיידע, אַ קאָצקער חסיד, אַ שניט־סוחר פון טשעכאַנאָווע, אַ ייד אַ גביר. מאיר איז געווען זיין עלטער־עלטער־זיידע, דער לאָסקער און פּעטריקאָווער רב — ר' מאיר בן ר' אליקום געץ.

— אַקוראַט צוויי הונדערט יאָר נאָכן געבורט פון מיין עלטער־עלטער־זיידן ר' מאיר, וואָס האָט געשריבן די הקדמה צום ספר שאלות ותשובות „אבן השהם", בין איך געבאָרן געוואָרן און גערירשנט דעם נאָמען מאיר — דערציילט מיר אָפּאַטאָשו וועגן זיין יחוס־ירושה.

אָפּאַטאָשוס מאַמע נאַנטשע האָט געשטאַמט פון רייכע וואַלד־יידן. זי האָט געלייענט די „סדרה" אויף פויליש, אין צילקאָווס איבערזעצונג. איר טאַטע, אברהם דאַמבקעוויטש, האָט זיך ניט געקאָנט אונטערשרייבן, ער האָט אָבער מזווג געווען זיין טאָכטער, די שיינהייט, מיטן יונגן למדן און משכּיל, וואָס האָט געשריבן

העברעאישע שירים און געווען א חובב ציון, דוד אָפּאַטאָווסקי, וואָס שטאַמט פון ר' מאיר פון טאַנהויזן, מיטל־פראַנקאָניע, פון 1530 יאָר.

יוסף אָפּאַטאָשו האָט באַקומען א יידיש־למדנישע דערציאונג. צו פערצן יאָר האָט ער שוין געלערנט דעם מורה־נבוכים און דעם כוזרי, אבן עזרא. געווען אויסגעבונדן אין זיין טאַטנס העברעאישער ביבליאָטעק. צו פופצן יאָר האָט מען אים געשיקט לערנען למודי־חול אין דער וואַרשעווער האַנדלס־שולע. ער האָט געלייענט די פּוילישע און רוסישע ליטעראַטור. אין 1905 איז ער אַוועק קיין נאַנסי, פראַנקרייך, אָנגעקומען אין דאָרטיקן פּאָליטעכניקום, זיך געלערנט אויף אינזשעניער.

— ווי קומט איר קיין אַמעריקע?

— מע האָט פאַרווערט יידן צו האַקן וועלדער, האָט מיין טאַטע, דער וואַלד־סוחר, געמוזט עוקר זיין קיין אַמעריקע.

ווייזט מיר אָפּאַטאָשו פאַרשריבן אויף א שער־בלאַט פון א ספר מיט זיין טאַטנס האַנטשריפט: „נסעתי בשלשה לחדש מאי 1906, באתי ניו יארקה בשלשה ועשרים, ג' בהעלתך, י"ב סיוון". — דעם 12 סיוון, יאָר 1906 איז זיין טאַטע אָנגעקומען אין ניו־יאָרק. אין דעם זעלבן ספר איז נידעריקער פאַרשריבן מיט אָפּאַטאָשוס האַנטשריפט, אויך אויף לשון־קודש: „באתי ניו־יארקה 1907.11.3, שם האניה טראווע". מיט דער שיף „טראַווע", וואָס האָט געמאַכט איר לעצטע רייזע פון אייראָפּע, איז דעם 11־טן מערץ 1907 אָפּאַטאָשו אַריינגעקומען אין אַמעריקע.

אויפן זעלבן ספר איז פאַרשריבן דאַטעס פון געבוירן און טויט פון אַנדערע בני־משפחה, ווי למשל: „מיין מאַמעס מצבה אויפן מלאַווער בית־עולם: מרת נאַנטשע בת ר' אברהם הכהן אָפּאַטאָווסקי."

— איז אייער מאַמע געווען א בת־כהן... — זאָג איך — און איר זייט א חצי כהן.

ניטאָ שוין יענע כהנים און די בנות כהנים, און אויך יענע יידן, וואָס האָבן פאַרשריבן זייער יחוס אויף די דפים פון די ספרים. ניטאָ שוין אַפילו יענע מצבות.

אָפּאַטאָשוס טאַטע האָט זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק, אויף דעלענסי סטריט, און געעפנט א געוועלב פון שניידער־צודאַטן אין ברוקלין, אָנשטאָט האַקן פּוילישע וועלדער. זיין זון יוסף האָט מיט א יאָר שפּעטער פאַרקויפט זיין טאַטנס ביבליאָטעק און געקויפט א שיפסקאַרטע צום טאַטן אין ניו־יאָרק.

— האָט איר שוין געשריבן אויך אין פּוילן? — פרעג איך אים, אריבערגייענדיק צו די יאָרן פון אָפּאַטאָשוס שאַפן.

זיין טאַטנס שטוב איז געווען מסוגל צו שרייבעריי. דער טאַטע האָט אַליין געשריבן שירים. אין שטוב פלעגן אריינקומען משה מערקער, א למדן, א געלערנטער, וואָס איז שפּעטער געווען איינער פון די גרויסע אינזשענערן־אַנטדעקער פון דער בעל־טעלעפאָן־קאָמפּאַניע. אָפּאַטאָשוס טאַטע האָט מיט אים געלערנט מורה־נבוכים. עס פלעגט אויך אריינקומען דער שפּעטערדיקער שרייבער יקיר ווארשאַווסקי, דער העברעאישער קריטיקער פישל ליאַכאָווער, וואָס האָט נאָך דעמלט געטראָגן א חסידישע קאַפּאָטע. יוסף אָפּאַטאָשו האָט אָנגעהויבן שרייבן אין פּוילן, אָבער ניט געדרוקט. מיט א דערציילונג און רעקאָמענדאַציע־בריוו פון יצחק גרינבוימען, א פּלאָצקער שכן, און פון דעם שלאָסער, רעוואָלוציאָנער און פּלאַמיקן רעדנער קאָשעקעוויטש, פרצעס א ידיד, האָט ער זיך געלאָזט צום ערשטן מאָל צו י. ל. פרץ.

— איך בין אריין צו פרצן, איך האָב אים געזען זיצנדיק ביים טיש, עסנדיק סמעטענע. ער האָט גערעדט מיט צוויי מיידלעך אויף רוסיש, איז שוין מיר ניט אויסגעקומען אים צו ווייזן מיין דערציילונג.

דערציילט ער מיר וועגן זיינע געפילן און טראַכטענישן פון יענער וויטער צייט:

— עס איז מיר ניט געווען צום הארצן, וואָס די וועלט, די נאַטור, די מענטשן זיינען אין דער יידישער ליטעראַטור געוואָרן פאַרטשאַלנט. דער הימל איז ניט קיין הימל, נאָר עפּעס א תכלת, די ביימער זיינען גאָר יידן, וואָס שאָקלען זיך צו מנחה. איך האָב גוט געקענט דעם אמתן וואַלד, דאָס ריכטיקע פעלד, די גרינע לאָנקעס, די וואַלד־העקער, די גויים, די יידן. איך האָב שוין געהאַט א ידיעה אין דער פּוילישער און רוסישער ליטעראַטור, איך האָב געהאַט א דראַנג צו שרייבן גאַנץ אַנדערש, ווי מען האָט דעמלט געשריבן...

אַז ער איז געקומען אין אַמעריקע, איז ער אַוועק אין קופּער־יוניאָן זיך צו לערנען פאַר אַן אינזשענער. צו פאַרדינען אויף לעבן האָט ער שווער געאַרבעט. ער האָט געאַרבעט אין א ציטונג־אַגענטור פון 4 פאַרטאָג ביז זיבן פרי, פאַנאַנדערגעטראָגן ציטונגען איבער די „סטענדס”, אָנגעהויבן מיט 6 דאָלער א וואָך און דערגאַנגען ביז אַכט אין פאַרלויף פון צוויי יאָר. ער האָט געצאָלט דריי דאָלער א חודש פאַר א דירה מיט אָנבייסן, און א מיטיק האָט דעמלט געקאָסט פופצן סענט.

אין 1909 איז ער אָנגענומען געוואָרן פאַר א העברעאישן לערער אין „טרימאָנט פרי היברו סקול”. דאָרט האָבן אויך געאַרבעט

אלס לערער בלאך, דער היינטיקער דירעקטאר פון דער יידיש־העברעאישער אפטיילונג ביי דער ניו־יארקער „פאבליק לייברערי", דר. וואקסמאן, דער פאעט י. י. שווארץ.

י. י. שווארץ איז דארט אויפגענומען געווארן אלס לערער גלייך ווי ער איז אראפגעקומען. ער איז געווען א מאן מיט א ריכטיקער „אסאבע". אים איז אבער שווער געווען איינצוהאלטן דעם קלאס קינדער, קריעת ים־סוף. אפאטאשו האט מיט זיין אויסזען און הילוך ניט שטארק נושא חן געווען. ער איז אהין געקומען ווי ער שטייט און גייט פון די צייטונג־סטענדס, מיט א פנים גארניט פון א „היברו טיטשער". מע האט אים דאך אנגעשטעלט, געפרואווט, און ער איז געבליבן דארט א לערער.

מיר קומען צו דעם אנהויב פון אפאטאשוס שריפטשטעלעריי אין אמעריקע. ער פירט דעם שמועס בארג־ארויף, בארג־אראפ, ער רעדט בצמצום, אבער שארף, קלאר, בילדעריש, גאנץ בליציק. עס הייבט זיך אויף א פארהאנג איבער א לעבן פון א ייד א תלמיד־חכם, וואס זיצט על־התורה ועל העבודה, מיט א קאמפאס אין קאפ, מיט אן אימפעט אין הארצן, וואס ווייס זיין ציל, וואוהין ער גייט. א מייסטער מיט אחריות.

— אין די אוונטן, ביינאכט — זאגט ער — שרייב איך ניט, איך לייען דעמלט, איך לערן, איך רו; מיין ארבעטס־טאג הייבט זיך אן אין דער פרי. איך ארבעט ביים שרייב־טיש יעדן טאג פינף־זעקס שעה. איך שרייב איבער מיינע זאכן א סך מאל.

„די קורצע דערציילונג איז א שטיק ארויסגעריסן לעבן, דארף גארניט האבן קיין אנהייב און קיין סוף, אזוי ווי דאס האט ניט דאס לעבן אליין, — עס לעבט". — רייסט ער אזוי ארויס שטיקער לעבן שוין פערציק יאר.

„ווי קום איך צו יידיש?" — פרעגט אפאטאשו, און ענטפערט: יידיש איז געווען אונדזער לעבן, אונדזער וואר, די צייט, די גאס." זיין אור־זיידע ר' אליקום געץ האט אין זיין ספר „שו"ת אבן השוהם" איבערגעגעבן די גביית־עדות אין יידיש. דאס איז געווען עכט, אמתדיק, האט געשטימט מיט דער ריכטיקייט פון די עדות. פאלק האט אויפגעוואכט אויף יידיש, געזונטע פלאסטן האבן זיך אויפגעעפנט. אין יידיש קאן מען זיין אוממיטלבאר מיטן פאלק, בצמצומדיק, געזונט. זיין ווידערווילן צו די „ביימער, וואס דאווענען מנחה", האט ער ארויסגעפירט אין זיין ערשטער דערציילונג „אויף יענער זייט בריק". די שארמאנשטשיקעס, קאטערינשטשיקעס, וואס האבן זיך שטענדיק געפונען הינטער זיין זיידנס מאיאנטקעס. עס

האָט אים געצויגן צו געזונטקייט, פּשטות פון פאָלקס־מענטשן. ער האָט זיך געבונטעוועט קעגן די שיינע, זיידענע לייט. ער האָט אָנ־געהויבן שרייבן זיין „אויף יענער זייט בריק" נאָך אין פּאַריז, אָבער געדרוקט האָט ער עס אין אַמעריקע אין 1910, אין זאַמלבוך „ליטעראַטור", רעדאַגירט פון דוד איגנאַטאָוו און י. י. שוואַרץ. דאָס איז געווען זיין ערשטער אַריינגאַנג אין דער יידישער ליטעראַטור. ער איז אַריין מיט אַ כאַפּטע עמך.

מיר לויפן פאַרביי די ערשטע ליטעראַרישע יאָרן, די ליטע־ראַרישע סביבה, די אימיגראַנטן־סביבה, די אידייען און קאַמפן פון יענער צייט אין אַמעריקע און אין דער וועלט, די כמאַרעס פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, און מיר קומען צו דעם:

— מיינע „פּוילישע וועלדער" האָב איך אָנגעהויבן שרייבן אין 1914 און פאַרענדיקט אין 1918.

אויף דער וועלט איז אָנגעגאַנגען מלחמה, יידיש לעבן ווערט געשלאָגן אין פּוילן, ליטע, אוקראַינע. אָפּאַטאָשו שטודירט יידישע געשיכטע. „איך האָב געלייענט גרעצן, געלייענט דובנאָוון — דער־ציילט ער מיר — און איך האָב זיך רק געחידושט: „ווי־זשע האָבן דאָך די יידן געלעבט, די פּשוטע יידן?" — ער לייענט וועגן גזירות, רדיפות, שמד, צרות, אָבער טראַץ דעם האָט דאָך געלעבט אַ פאָלק, עס זיינען דאָך געוואַקסן דעמבעס ניט אין קעלערן!...

חוץ פינצטערניש, איז דאָך געווען טאָגליכט. עס זיינען דאָך געווען מעשים. עס איז דאָך געווען לעבן. עס זיינען דאָך געווען מער פּשוטע מאָנטיקס און מיטוואָכס ווי שבתים. פאַרוואָס ווייסן ניט און דערציילן ניט וועגן דעם די ביכער פון יידישער געשיכטע?

ער איז אַ געבאָרענער אין אַ פּוילישן וואַלד. זיינע זיידעס האָבן געהאַט אַ שייכות צו דער פּוילישער „פּאָווסטאַניע" פון 1863. די משפּחה איז אַ קאַצקער, אָנגעפּילט מיט לעבן און געזונטע כוחות. זיין זיידע ר' פייוויש־שראַגע אָפּאַטאָווסקי פון זדונסקע־וואָליע, דער ערשטער טוך־פאַבריקאַנט נאָך פאַר די לאָדזשער, פלעגט שיקן צום קאָצקער רבינס טיש הונדער־פופציק־רובלדיקע פעסלעך אַלטן ווייַן. „איך האָב ניט קיין טלית, קיין תכלת — זאָגט אַ חסיד צום רבין. — „טאָ וויקל זיך איין אין תכלת פון קצוי אָרץ." — ענטפערט אים דער רבי. אין זיין טאַטנס שטוב איז שוין אויך געווען השכלה, די מאַמע האָט געלייענט פּוילישע ביכער. די געשיכטע פון פּוילן, די מעשים פון די יידן אין פּוילן, איז אַריין אין מיין בלוט, אין מיין געמיט. פּוילישע אויפשטאַנד־האָפענונגען זיינען מיר געווען היימיש. עס ליגט מיר אין קאָפּ פּרצעס רעדע אין 1908: „גייט אַרויס פון

שטעטל, גיט אונדז דעם שטיינער־שליפער שפינאָזע, גיט אונדז רבי עקיבאן". — אַזוי איז ער געפירט געוואָרן צו די „פוילישע וועלדער", צו „אַ טאָג אין רעגנסבורג", צו אליה בחור, און אין דער זעלבער צייט — צו זיינע גשליפענע נאָוועלן פון אַמעריקאַנער יידישן לעבן.

אין 1915 האָט שלום עליכם געשריבן אַפּאָטאָשון נאָכן איבערלייענען זיין „ניו־יאָרקער געטאָ": „דאָ וועט איר זיין גרויס. איר זייט גאָר מייסטעריש, אַזעלכע קלאָרע, לויטערע, לעבעדיקע יידישע טיפּן. מאָלט בילדער פון אַמעריקאַנער יידישן לעבן!"

— ער האָט אים אָבער, ווי מיר זעען, ניט אין גאַנצן געפאָלגט, ער איז אַוועק צו די „פוילישע וועלדער" און דערגאַנגען צו „רבי עקיבא" און „בר כוכבא". עס האָט אים געצויגן צו דער גרויסער יידישער טעמע, און במילא — צום היסטאָרישן ראָמאַן.

— דער גוייִשער היסטאָרישער ראָמאַן, דער ראָמאַן פון וואָלטער סקאָט, פון סענקיעוויטש, איז אַ גוטע, אינטערעסאַנטע היסטאָרישע מעשה, סתם אַ מעשה. דער יידישער היסטאָרישער ראָמאַן איז אַ שטיק גרויס יידיש לעבן אין אַ גוייִשער ראַם. די יידישע פאַמיליע איז ניט סתם אַ פאַמיליע, נאָר אַ גורלדיקער המשך פון אברהם, יצחק, יעקב... די היסטאָרישע תקופה האָט שטענדיק געהאַט אין זיך כוחות, עלעמענטן, סיטואַציעס, וואָס מיר געפינען אויך היינט, אין אונדזער תקופה.

ניינצן יאָרהונדערט האָבן יידן געפירט אַ לעבן אין פאַרשיידענע גוייִשע וועלטן. געשטיגן, געפאַלן, געלעבט, געשטאָרבן און ווידער געלעבט. — „מיר האָבן געהאַט שבתים און אינדערוואָכנס, מיר האָבן געהאַט הייזער, ברייזער, מעבל, מלבושים, געטאָן מצוות און עבירות. וואו, וואו איז דאָס אַלץ?..." — ברענט מיט זיינע פראַגעס אַפּאָטאָשו ביי אונדזער שמועס־טיש. „מיר האָבן געמאַכט ספרים, הייליקע ספרים. מיר האָבן געהאַט רבנים, צדיקים... וואו איז אָבער דער פּשוטער מענטש, דער עם־הארץ?"

— די יידישע געשיכטע איז דאָך תמיד אַ געשיכטע פון צוויי פעלקער. אונדזער פאָלק האָט דאָך תמיד געלעבט צווישן פעלקער — יידן און פרס, יידן און בבל, יידן און רוים, יידן און דייטשלאַנד, יידן און פוילן, יידן און רוסלאַנד. אַזוי זיינען מיר געוועזן אַ פאָלק אין דער וועלט, אַ וועלט־פאָלק!...

מירריידן וועגן „שמואל בוד", וועגן „אַ טאָג אין רעגנסבורג", וועגן „אליה בחור" און עס קומען אַרויס — פּשוטע יידן, יידענעס, פידלער, בעטלער, מחברים, כלי־קודש. ביז מיר קומען צו זיין „לעצטן יידישן אויפשטאַנד", צו „רבי עקיבא".

— זיין פיגור האָט מיר געוואַלדיק אימפּאָנירט. ער האָט געבראָכן טראַדיציעס. די תּלמידי חכמים האָבן געלאַכט פון אים, ער איז אָבער געגאַנגען זיין וועג... ר' עקיבא, דער געוועזענער פּאַסטוך... ער מאַרשירט מיט פערציק טויזנט תּלמידים...

דער קינסטלער אָפּאַטאָשו האָט געפילט, אַז ער דאַרף קודם־כּל שאַפן די אַטמאָספער, דאָס לעבן פון יענער צייט, דאָס לשון, די בגדים, די מאכלים, דעם שטייגער, די סביבה, און ערשט אַהין אַריינפירן בר־כוכבאן.

קומען אַרויס פון זיין פעדער פּראַכטפולע סצענעס, געשטאַלטן, פאַרביקע יידישע קליידונג. עס ווערן לעבעדיק די מענער, די פרויען פון יענער צייט — די גילדערנע רינגען און בראַסלעטן, די קייטן, די שנורן פּערל, בורשטין. עס קומען אויף די דערפער, די שטעט, די גאַסן, די הייזער די פעלדער און וועלדער, — „ירושלים געקריצט אין זילבער און גאָלד."

— ארץ־ישראל — זאָגט ער מיר אַגב אורחה — איז אין אונדזער בלוט.

משיח איז ניט פאַר אים אַ ייד אויף אַ ווייסן פערדל. ער איז דער מענטש פון מעשים. אויסלייזונג דורך גבורה און מסירת נפש.

— רבי שמעון בן גמליאל האָט געשמיסן רבי עקיבאן... מע האָט רבי עקיבאן ניט געלאָזט פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון רבי שמעון בן גמליאל, ווייל עס איז געווען ווייניק צו זיין דער גרעסטער בר־אוריין ווי רבי עקיבא, מע האָט אויך געדאַרפט האָבן יחוס, רייכן אָפּשטאַם, און ער, רבי עקיבא, איז גאָר אַרויסגעקומען פון פּשוטן פאָלק, פון עמך!... עס האָט מיך געצויגן צו אים.

— וויפיל מאָל זייט איר געווען אין אייראָפּע? — פּרואוו איך אַריבערפירן דעם שמועס צו אַקטועלע ענינים.

זיבן מאָל, אין 1922, 1925, 1928, 1931, 1934, 1937, 1938. עס האָט געצויגן צו וואַרשע, צו ווילנע. פון דערווייטנס האָט עס אָבער שטענדיק אויסגעזען בעסער ווי פון דער נאָענט. בין איך אַוועק צוריק קיין אַמעריקע, און עס האָט ווידער געצויגן, ביז האַרט פאַר דער מלחמה, ווען די יידן זיינען פאַרברענט געוואָרן, ווען „פּוילן איז געפאַלן".

אין רוסלאַנד איז ער געווען צוויי מאָל — אין 1928 און אין 1934. עס האָט אים געלאָקט די „יידישע אויטאָנאָמיע", די האָפענונג אויף יידישער שפּראַך, קולטור, ליטעראַטור. „לאָמיר גיין דאָ אויף דער גאַס אין קיעוו און הערן יידיש און אָפּשטעלן די מענטשן, וואָס זעען אויס ווי יידן, און פרעגן צו זיי פאַרשטייען יידיש" — דער־

מאַנט זיך אַפּאַטאָשו אָן זיין געשפּרעך מיט דוד האָפשטיין. — אָבער אַוועקגעפאָרן, און מיטגענומען מיט זיך אומעט...

ביז מע האָט שוין מער ניט געקאָנט אַהין פאָרן. ביז עס איז מער ניט געווען צו וועמען און צו וואָס צו פאָרן. זעסט דאָך דאָס בילד אויף דער וואַנט — משה קולבאַק, מאַקס עריק, זלמן רייזין...

זאָג איך צו אים:

— לאָמיר הערן פון אייך וועגן אונדזער תכלית. וואָס וועט זיין דער מזל פון אונדזער ליטעראַטור, פון אונדזער לשון?

ברענט אַפּאַטאָשו:

— מיר מוזן געבן אַ יידישע ליטעראַטור פאַר דער וועלט. מיר וועלן דאָס קאָנען! עס זיינען דאָ קליינע פעלקער, ווי למשל, די נאָרוועגער, וועמעס ליטעראַטור איז געוואָרן אַ וועלט־ליטעראַטור!

מיר מוזן זיך נעמען צו גרויסע טעמאַטיק. מיר האָבן צו שעפּן פון אומעטום. מיר דאַרפן שרייבן אַזוי, אַז פון יעדן ווינקל, פון וועלכן מיר זאָלן נאָר צוגיין, זאָל מען זען די גאַנצע זאַך!... נעמט שפּאַניע, נעמט פראַנקרייך, נעמט האָלאַנד. עס דאַרפן קומען גרויסע אַרכיטעקטן. אָט איז אין זיין צייט געקומען דער רמב״ם מיט זיין משנה־תורה און אַריינגעגעבן אין צוויי ספרים דעם גאַנצן תלמוד. אָט איז געווען די גרויסע „גילדערנע עפּאָכע״ — זי איז גרויס, זי איז ווירקזאַם אין פאַרלויף פון הונדערטער יאָרן. וואָס אָבער מיינט די „גילדערנע עפּאָכע״? — דריי גרויסע יידן — ר׳ יהודה הלוי, ר׳ משה אבן עזרא, ר׳ שלמה בן גבירול... דריי יחידים האָבן אויפגעהאַלטן און אָפּגעהיט פאַר דורות אַזוי פיל גרויסקייט. עס איז דאָ אַ צייט, ווען די קוואַנטיטעט איז ניט אַזוי וויכטיק ווי די קוואַליטעט. עס דאַרפן זיין די יחידים, וואָס גלויבן באמונה שלמה, אַז די כוחות פון פאָלק ליגן אין זיי במעמקים. אויב ליטעראַטור וועט זיין קערנדיק, תוכנדיק, וועט זי לעבן און ווירקן.

און ספר פון מיין אור־אור־זיידע ר׳ אליקום — דערמאָנט ער זיך — איז דאָ אַ היתר אַריינצוטאָן קאַלך אין קבר פון אַ מת. פון דעמאָלט ביז היינט לערנען די פּוסקים, אַז על פּי דין מעג מען פאַרברענען אַ מת.

„וועט בלייבן יידישקייט?... למי אני עמל? פאַר וועמען?.. צוליב וואָס?...״ — פרעגט און ענטפערט אַפּאַטאָשו. — אַזוי האָט שוין אויך געקלאָגט דער משורר גאָרדאָן. ער האָט געמיינט, אַז מען גייט שוין אונטער. און אָט איצט, ניט געקוקט אפילו אויף

חורבן היטלער, לעבט אַ יידיש פֿאָלק, שאַפֿט, בויט, איז אויפֿגעשטאַנען מדינת־ישראל, איז אויפֿגעקומען דער מעכטיקער יידישער ישוב אין אַמעריקע.

ניטאָ קיין חורבן און חורבות. עס לעבט ווידער אין אונדז!... — עס לעבט אין אונדז שפּאַניע, ליטע, פּוילן. — עס לעבט ארץ־ישראל אין אונדזער בלוט.

דערמאָנט זיך יוסף אָפּאַטאָשו אָן דר. ניומאַן, וואָס איז מיט יאָרן־יאָרן צוריק געזעסן אין אַ ווינקל אין „שלומס קאַפע", פֿאַרטיפֿט אין אַ גריכישן ספר — די דראַמעס פֿון אַריסטאָפֿאַנעס. „איך לייען די אייביקייט" — האָט ער דעמלט געזאָגט, ווען מען האָט אים איבערגעריסן מיט אַ שלום־עליכם.

אונדזער שמועס האָט זיך שוין אַריינגעצויגן שפּעט אין דער נאַכט. איך הער פֿון אַ ווייטן צימער שרייב־מאַשין־קלאַפּעריי. דאָס „קלאַפּט" אָפּאַטאָשוס פֿרוי, אַדעלאַ, זייטלעך פֿון „בר־כוכבא." קומען אַריין די שאָטנס פֿון יענע קנאישע געשטאַלטן צו אונדז אין צימער, און אָפּאַטאָשו ענטפֿערט מיר אויף אַ פֿראַגע:

— מיר דאַרפֿן איצט האָבן קנאים, פֿאַרעקשנטע כהנים. מיר דאַרפֿן פֿאַריאָגן יעדן כלל־טוער, וואָס פֿריידיקט איינס און פּראַקטיצירט עפּעס אַנדערש, וואָס לערנט יידן יידישקייט און זיינע אייגענע קינדער שמדן זיך, לערער, וואָס לערנען מיט יידישע קינדער יידיש און זייערע אייגענע קינדער קענען ניט אַ וואָרט יידיש... מיר וועלן בלייבן אַ קליינע גרופּע. — זאָל זיין אַ קליינע, אָבער אַ גאַנצע, אַ פֿולע, אַ שטאַרקע!...

יידיש און העברעאיש?... — נאָר חסר־דעהניקעס קאָנען איצט באַנייען דעם קאַמף צווישן אונדזערע לשונות. אָן העברעאיש זיינען מיר נעכטן געבאָרן, אָן יידיש זיינען מיר שטומע אין וויג.

רעדט אָפּאַטאָשו ווי אַ מקובל וועגן יידיש לשון, וועגן יידישע ווערטער, פֿון וועלכע עס שלאָגן בשמים, ראָזינקעס מיט מאַנדלען, וועגן צוויבערלעכע פֿאַרבינדונגען צווישן יידישע ווערטער, וועגן אָפּשטאַם און שייכות פֿון ווערטער.

— דריי חדשים האָט געדויערט — דערציילט ער מיר — ביז איך האָב אויסגעפֿונען דעם אויסדרוק „טויבן־טירקלען". איך האָב געוואוסט וועגן טירקל־טויבן, געוואוסט אַז טויבן וואָרקען. איך האָב געזוכט, געזוכט, און געפֿונען — „טויבן־טירקלען". פֿון טירקל־טויב האָב איך באַשאַפֿן דעם ווערב: „טירקלען".

— „מיר וואוינען דאָך, ווי איר זאָגט, — וועגד איך זיך צו אים — אין דער וועלט, צווישן גויים. וואָס־זשע איז אייער מיינונג וועגן דער וועלט און אירע גויים?

ער איז אַ מאמין אין דער וועלט און אַ מאמין אין מענטשן. ער גלויבט, אַז אפילו אין דייטשלאַנד זיינען דאָ צדיקים. די וועלט איז ניט כולה רשע. ער האָט געשריבן וועגן גוטע דייטשן, ניט געקוקט וואָס מע האָט געהאַט צו אים טענות צוליב דעם. די וועלט איז באַשאַפן צום גוטן. דאָס איז דער יידישער דרך!...

אָט, למשל, די מעשה וועגן דוד בוימקאַלער...

דוד בוימקאַלער איז געווען אַן אַלטער אַנטיקוואַר אויף שוויענטאָ־קזשיסקע גאַס אין וואַרשע. קומט צו אים אַריין זיין פריינד, דער ליבהאָבער און זוכער פון יקר־המציאותן, דער פּוילישער שול־אינספּעקטאָר מיכאַלסקי. דוד בוימקאַלער האָט פאַר אים אַ יקר־המציאות — אַן אַלט פסול און טריף־ביכעלע פון 17־טן יאָרהונדערט, וועגן דעם, אַז יידן נוצן בלוט אויף פסח. דאָס ביכעלע קאָסט פינף הונדערט גילדן. „איך האָב אים ביי מיר" — זאָגט אים דער פּוילישער שול־אינספּעקטאָר מיכאַלסקי. נעמט דעמלט דוד בוימקאַלער און צערייסט דאָס ביכל. צעריסן פינף הונדערט גילדן. „דו מעגסט עס האָבן — האָט ער געזאָגט צום אַלטן פּוילישן געלערנטן, ווייל דו ביסט פון די חסידי אומות העולם. האָסטו אים שוין פון פריער, האָב איך דעם לעצטן צעריסן..." זאָגט אָפּאַטאָשו: „אויב זיי זיינען דאָביידע, סיי דוד בוימקאַלער און סיי מיכאַלסקי, און זיי זיינען ביידע פריינד, איז נאָך דאָ אַ האָפענונג פאַר דער וועלט..."

ער גלויבט אין די דרימלענדיקע כוחות פון אַמעריקאַנער יידנטום. עס וועט ווערן גרויס. חכמת היהדות פון דייטשלאַנד איז שוין לאַנג אַריבער קיין אַמעריקע. דאָ זיינען דאָ גרעסערע תלמידי־חכמים ווי אין ירושלימער אוניווערסיטעט. דער אַמעריקאַנער יידישער דריטער דור גייט צו זיין אַ דור פון שיינע מענטשן און שיינע יידן. עס גייט דאָ אום אַ בענקשאַפט נאָך יידישקייט. אין הויז פון צווייטן דור איז געווען אַ כאַאָס, צעטומלטקייט. עס זיינען ניט געווען קיין מזוזות און אָפט האָבן שדים אַרומגעטאַנצט. דער דריטער דור האָט טענות צו די טאַטעס און קוקט אַריבער צו די זיידעס.

— עס ציען זיך צו אונדז — זאָגט ער — פעדים פון אַלע צייטן און דורות, פון אברהם אבינו, פון בר־כוכבא, פון רבי עקיבא, פון שלמה בן גבירול, פון רש"י, פון יהודה הלוי, פון פּרץ, פון די געטאָ־אויפשטענדלער, פון די בעלי־הגנה אין ישראל. דאָס זיינען פיגורן, וואָס ציען זיך אויף די זעלבע פעדים...

יידן האָבן תמיד געלעבט, געאַרבעט, געהאַנדלט, מלחמה גע־האַלטן, געטאָן מצוות און עבירות. קוקט אַריין אין די רבנישע שאלות ותשובות, און איר וועט דאָרט לייענען וועגן יידן, וואָס ליגן ניט

קיין תּפילין, וואָס זינדיקן מיט אשת־איש, וועגן ווייבער, וואָס האָבן מזנה געווען, וועגן יידן, וואָס האָבן ניט מל געווען זייערע קינדער, וועגן ווייבער, וועמעס נעזער מען האָט אָפּגעהאַקט מחמת זנות. אייביק איז אַזוי געווען! אַזוי איז דאָס לעבן!! ווייסט איר דאָך פון מעשה זמרי. אָט האָט דאָך דוד המלך סיי געשריבן תּפלות און סיי געלאָזט אָפּהאַקן דעם קאָפּ פון יענעם יידן, וועמעס שיינע ווייב ער האָט געגלוסט.

— מע זאָגט דאָך, אַז מיר זיינען די לעצטע יידן...

— מיין זיידע האָט מסתמא געמיינט, אַז זיין זון, וואָס האָט ניט געוואָלט פאָרן צום רבין, איז שוין דער לעצטער ייד. איך וויל ניט הערן קיין קדיש. נעמט, למשל, מעשה ישראל... וואָס — דער לעצטער ייד?... האָט מדינת ישראל אַ קלאַפּ געטאָן אויף די קלאַווישן פון פאָלק און אַלע אונדזערע הערצער האָבן אויפגע־ציטערט. עס טרעפט, אַז מע קלאַפּט אויף די קלאַווישן און עס האָט ניט קיין אָפּקלאַנג? — זיינען ניט שולדיק די קלאַווישן, נאָר די מוזיק.

לאָמיר ארייננעמען אין אונדזער שמועס אויך פּרצן. זאָגט אָפּאַטאָשו אַזוי:

— ער האָט אונדז געשטויסן זיך צו פאַרטראַכטן. ביז פּרצן זיינען געווען נאָר ביימער, אַפילו דעמבעס אין דער יידישער ליטע־ראַטור, עס איז אָבער נאָך ניט געווען קיין וואַלד. ער האָט געשאַפן דעם וואַלד. ער האָט אַרויסגערופן דעם רעספּעקט, דרך־ארץ צו אונדזער וואַלד.

דערביי אַ גוט וואָרט:

— פּרץ האָט געהאַט קלייען אין זיין ברויט. ווען די נביאים זיינען אַוועק אין די בערג אויף התבודדות, האָבן זיי געגעסן אָט אַזאַ ברויט.

דערציילט מיר אָפּאַטאָשו, אַז ער רויכערט ניט, ער טרינקט ניט, ער האָט ליב צו שפּרייזן איבער זיינע צימערן, נעמען אין די הענט אַן אַלטן ספר, אַ פּאַרמעט, און דאָס ווייעט אַן מיט ווינטן פון דורות, מיט שטימונג. ער האָט ניט פּאַרטיק אין קאָפּ זיין ווערק איידער ער זעצט זיך צום שרייבטיש, אַזוי ווי דאָס האָט געהאַט דוד בערגעלסאָן — דאָס אויפשרייבן איז געווען פאַר אים נאָר די פאַרענדיקונג פון שעפערישן פּראָצעס. אָפּאַטאָשו האָט די אידייע אין קאָפּ, אָבער דאָס ווערק ווערט געבאָרן ביים שרייבטיש.

און אָט ליגן אויפן טיש אַלטע קמעות, מטבעות פון יידישן מינץ. און אָט שטייט אַ מעטאַלן אָרון־קודש. מיר עפענען אים און

נעמען פון אים אַרויס אַ קליין פּאַרמעט־ספר, אַ תורהלע און אַ מגילה. וואָס פאַר אַ גלגול פון אַ ספר־תורה. זי שטאַמט פון ספרד. אַפּאַטאָשו האָט זי באַקומען אין מאָסקווע אַ מתנה פון דוד האָפּשטיינען. איזי כאַריק און מינסק האָט ניט געוואָלט געבן אַפּאַטאָשון אַ פּראָטעקציע־בריוול צום סאָוועטישן גרענעץ־אַמט, מע זאָל אים לאָזן אַרויספירן דאָס ספר־תורהלע. ער האָט געפּלאָמט מיט צאָרן אויף דוד האָפּשטיינען, וואָס גיט גאָר מיט אַפּאַטאָשון אַ ספר־תורהלע. עס איז אַ סקאַנדאַל!... פּרץ מאַרקיש האָט זיך יאָ איינגעשטעלט און איז אַוועק מיט אַפּאַטאָשון און מיט דער ספרדישער ספר־תורהלע צום גוייִשן גרענעץ־אינספּעקטאָר, וואָס איז גאָר געווען אַ מומחה אויף ספר־תורהס, מסתמא ווייל ער האָט שוין דעמלט געהאַט אַ סך דורכגעקוקט און אַרויסגעלאָזט. די רעוואָלוציע מעג זיי אַרויס־לאָזן, זי דאַרף ניט קיין ספר־תורהס.

— ניע קאָשערנאַ ספר־תורה... — האָט געזאָגט דער גוייִשער אינספּעקטאָר.

די ספר־תורה איז ניט קיין כשרע, ווייל אַ פּאָר אירע אותיות האָבן זיך אָפּגעריבן און מע האָט געהאַט אַרייַנגעקלעפּט נייע. אַ געקלעפּטע ספר־תורה איז ניט כשר. ער האָט זי אָבער אַרויסגעלאָזט.

האַלטן מיר ביידע אין די הענט דאָס קליינע ספר־תורהלע, וואָס שטאַמט פון ספרד, קומט פון רוסלאַנד. אַ וואַרשעווער ייד, שטאַבזיב, הי״ד, האָט געמאַכט דאָס אָרון־קודשל און זי ליגט איצט ביי אַפּאַטאָשון אויפן טיש, אויף דער 150־סטער גאַס.

קומט שוין דער שמועס צו קינדער, צו אייניקלעך. אין זעלבן ספר, וואו עס זיינען פאַרשריבן די אָבות פון יוסף אַפּאַטאָשו און זיין קומען קיין אַמעריקע, איז אויך פאַרשריבן, שוין אויף יידיש, מיט אַפּאַטאָשוס כתב: „דן אַפּאַטאָשו, געבאָרן 7 מאַי, 4:51 פאַר־טאָג, אין לענאָקס שפּיטאָל, אין 1947״. — דאָס איז דאָס געבורט פון יוסף אַפּאַטאָשוס אייניקל.

מיין מחותן, וויינבערג פון פּינסקער ברענטש אַרבעטער־רינג, זיין זיידע — דערציילט מיר אַפּאַטאָשו — האָט גענומען אונדזער אייניקל אין שול אַריין. ער האָט אים געזאָגט, אַז דאָס איז גאָטס הויז. „פאַרוואָס דאַרף גאָט וואוינען אין אַזוי פיל הייזער?״ — האָט געפרעגט דאָס אייניקל.

— וואָס האָט איר אים געענטפערט? — פרעג איך.

— זאָל עס בלייבן פאַר אים אַ שאלה. ער וועט שפּעטער דעם ענטפער אַליין געפינען...

עס איז שפּעט אין דער נאַכט. אַדעלע אָפּאַטאָשו קלאַפּט נאָך אַלץ אויף דער שרייבמאַשין די זייטן פון בר־כוכבא. שוין ביי דער טיר דערציילט מיר אָפּאַטאָשו וועגן זיינע פּלענער.

נאָך פּסח וועלן מיר פאָרן קיין ישראל...

— און וואָס וועט איר טאָן נאָכדעם?

— איך וועל זיך זעצן שרייבן אַ ביאָגראַפישן ראָמאַן „צוויי דורות"... עס זאָלן נאָר זיין כוחות.

— אַ גוטע נאַכט, אָפּאַטאָשו, כוחות וועלן זיין!

יעקב גלאטשטיין

עס שמועסט

מיט מיר יעקב גלאַטשטיין אַזוי:

— פּאָעזיע און פּראָזע, בעלעטריסטיק און פּובליציסטיק — זיי טיילן זיך ניט אויף קודש און חול. זיי זיינען אַלע פאָרמען פון גייסטיקן אויסדרוק, און אַלע מוזן זיי האָבן גייסטיקע אָנגעלאָדנקייט.

— פּאָעזיע איז ניט אַ ליריש בהמהלע, וואָס ליגט אויפן גראָז און מעלה גרהט. אַ ליד איז ניט אַ פּאָעטיש שעפּעלע, וואָס מעקעט סתם צו דער לבנה.

האָב איך אים געזאָגט:

— שרייבנדיק וועגן חיים גרינבערגן, האָט איר זיך אויסגעדריקט, אַז עס איז ניט געבליבן קיין אַנדער זאַך ווי זוכן מיט שיינע, מאַגישע לאַמטערנעס דעם פייער־שפּיל פון ווערטער. איר האָט אויך געזאָגט, אַז, אויב עס פעלט אמונה, דאַרף מען כאָטש שיין זוכן אמונה. בלויז מאַגישע לאַמטערנעס? בלויז זוכן? בלויז פייער־שפּיל פון ווערטער? — מיינט עס ניט דאָס זעלביקע — אַ ליריש שעפּעלע מעקעט צו דער לבנה?

כדי אָוועקצושטעלן שאַרפער די פראַגע, האָב איך אויפגעמישט דעם ערשטן זייטל פון זיין לעצטן בוך, „דעם טאַטנס שאָטן". דאָרטן איז אַ ליד וועגן אַ מעסער־זשאָנגלער, וואָס זשאָנגלירט אַ לעבן לאַנג מיט אַ מעסער. געצילט און געטראָפן. אויסגעמיטן — און געטראָפן. ער ווייס ניט, סוף־כל־סוף, צי איז ער אַ געווינער אָדער אַ פאַרלירער. און דער מעסער־זשאָנגלער איז נאָר אַ משל צום ווערטער־זשאָנגלער, „וועמען דער מזל האָט אָפּגעטאָן אַ שפּיצל און אים אָנגעטאָן אין אַ נאַרן־מיצל", ביז ער דערזעט ווי הויל עס זיינען די רייד.

זאָג איך צו גלאַטשטיינען:

— זשאָנגלירן מיט ווערטער? טראָגן נאַרן־מיצלעך?

ער איז שאַרף מיט זיין פעדער און שאַרף מיט זיין צונג. ער האָט אַ פולן קאָפּ מיט געדאַנקען. ער איז אַ בקי אין ליטעראַטור, אַ מייסטער אין לשון. ער האָט זיינע קלאָרע מיינונגען און איינ־שטעלונגען אין וועלט־פּראָבלעמען און אין די יידישע פראַגעס. ער איז גרייט געווען צום ווערטער־געפעכט.

— לאָמיר גיין בהדרגה — האָב איך אים אָפּגעהאַלטן. מיר האָבן צו גיין אַ לאַנגן וועג.

דאָס האָט געדאַרפט זיין אַ שמועס אין פאַרבינדונג מיט זיין נייעם־צוויילפטן בוך „דעם טאַטנס שאָטן" אין פאַרבינדונג מיט אַלע זיינע ביז איצטיקע ביכער און ליטעראַרישע אַרבעטן.

— זאָגט מיר עפּעס וועגן אייערע קינדער, — האָב איך אָנ־געהויבן, כדי היימיש, משפּחהדיק צו מאַכן די אַטמאָספער.

— איך האָב צוויי זין און אַ טאָכטער: גבריאל, שאול און נעמי. אַלע דריי שוין זעלבשטענדיקע מענטשן. שאול איז אַ כעמיקער אין דער שטאָט ווילמינגטאָן, דעלאַווער. גבריאל האָט געשריבן ליטע־ראַרישע עסייען אין סאָציאַליסטישן „ניו לידער". איצט שפּילט ער זיך אַרום מיט געלט־מאַכן אויף וואָל סטריט. ער האָט פריער גע־אַרבעט אין אַ לופט־פלי קאָמפּאַני און געשאַפן אַ סענסאַציע מיט זיין אַקטיווער אַרויסטרעטונג קעגן ראַסן־דיסקרימינאַציע. מיין טאָכטער נעמי האָט חתונה געהאַט מיט אַ זייער פעאיקן לערער פון פיזיק אין פורדין אוניווערסיטעט, אין לאַפאַיעט, אינדיאַנאַ.

איך האַלט אין האַנט זיין לעצטן בוך, „דעם טאַטנס שאָטן", און לייג אים פאָר:

— לאָמיר אַ פאָר טאָן קיין לובלין, צו אייער טאַטן...

— געווען ביי אונדז אַ באַלעבאַטיש־מתנגדיש הויז — דער־ציילט גלאַטשטיין. — אַ פרומע שטוב. ווען איך בין דאָרטן געווען אַ קינד, בין איך געשטאַנען עטלעכע טריט נאָענט צו גאָט. מיין טאַטע האָט געהאַט זעקס ברידער — אַ מאַנסבילשע משפּחה. מיר האָבן געוואוינט אין לובלין, „הינטערן שלאָס", אויף ריבנע גאַס, אויף יענער זייט טויער.

עס האָט מיר אַ טיאָכקע געטאָן. עס האָט זיך באַוויזן דער שאָטן פון לובלין, די אַלטע געטאָ־מויער מיט די טיפע געוועלבן, מיט די בתי־מדרשים און חסידים־שטיבלעך און, להבדיל, די אַלטע קלויסטערס, דער גרעסטער גלחים־סעמינאַר אין פוילן, דאָס ראַטהויז.

לובלין, מיט איר גרעסטער ישיבה, חכמי לובלין, און גרעסטער יידיש־וועלטלעכער פּרץ־שול, און „פּרץ־הויז“, וואָס די יידישע אַרבעטער האָבן אויפגעבויט. לובלין, מיט איר יידישער צייטונג און רעדאַקטאָר שאול סטופּניצקי, מיט איר פאַלקיזם און בונדיזם, מיט איר אגודה און ציוניזם, מיט איר קאָמוניזם; די הייזער פון די שיינע יידישע באַלעבאַטים, פון די זיידמאַנס און ערליכס — טאַטע־מאַמע פון קדוש הענריק ערליך; די סאָציאַליסטישע הייזער פון שטאָט, דאָס הויז פון די ניסנבוימס, פון די הערשנהאָרנס.

לאָמיר זיך אָפּריידן. שאָטנס קאָנען אונדז פאַרהאַלטן.

דערציילט ער מיר, אַז זיין טאַטע האָט געהאַט אַ קראָם פון פאַרטיקע קליידער. ער האָט פאַרדינט צען רובל אַ וואָך און פינף האָט ער אויסגעגעבן אויף דער בילדונג פון זיין זון. ביז 16 יאָר האָט ער אים געגעבן לערנען אין חדרים, צו גוטע רביים, געלערנט גמרא, פּוסקים. שפּעטער האָט ער אים געשיקט צו למודי־חול. ער האָט געמאַכט 6 קלאַסן גימנאַזיע ווי אַן עקסטערן.

— געווען איז מיין טאַטע אַ טייערער ייד. איך זע זיין שאָטן לעבן מיר. ער האָט אַזוי ווי געהייליקט זיין זון צו דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט געבראַכט אין שטוב אַריין פאַר מיר פּרצן, שלום־עליכמען, רייזענען. ער האָט אָנגעקוואַלן ווען איך האָב פאַר־געלייענט פון דער יידישער ליטעראַטור. עס זעט מיר אויס, אַז ער האָט געוואָלט האָבן אַ זון אַ יידישן שרייבער. כ'האָב עס דערמאָנט אין מיינס אַ ליד.

יעקב גלאַטשטיין איז געבאָרן געוואָרן אין לובלין, דעם 20טן אויגוסט 1896. זיין פעטער, דעם טאַטנס אַ ברודער איז געווען משהלע דער שטאָט־חזן. זיינע צוויי שוועסטער־קינדער, יעקב און יוסף־שלמה גלאַטשטיין, זיינען געווען די משוררים, גרויסע מנגנים, שפּעטער — כאָר־פירערס, קאָמפּאָזיטאָרן.

— איך האָב געקענט אייערע צוויי שוועסטערקינדער אין וואַרשע — זאָג איך אים — באַזונדערס דעם קאָמפּאָזיטאָר יעקב גלאַטשטיין. ער איז געווען דער דיריגענט פון די כאָרן פון אונדזערע קינדער־שולן, און אין דער זעלביקער צייט אויך דיריגענט פון דער גרויסער נאָזשיקס שול, אויף גזשיבאָווסקע גאַס. צען יאָר איז ער געווען דער געזאַנג־פירער אויף מיינע אָפענע פאָרומס אין וואַרשע, אויף קראָכמאַלנע גאַס. ער איז געווען דער דיריגענט פונעם בונדישן „צוקונפט“־כאָר. ער האָט געשאַפן אין געטאָ די נאָטן צום ליד פון יצחק קאַצענעלסאָן „אַרויסגעגאַנגען אַ ייד אויף דער גאַס“, געווען דער דיריגענט פון כאָר אין געטאָ. שפּעטער איז ער אומגעקומען אין קדושה. אומגעקומען דער יידישער משורר.

אזוי קומען מיר צו יעקב גלאַטשטיינס ליד וועגן יידישע שול־משוררים:

„אַזוי קליין און קינדיש
ווער מיר, יידישע, זינגענדיקע נאַכט,
מיט אַלע דיינע מתיקותדיקע תפילות
פון קליינע משוררימלעך,
וואָס די אָרעמקייט האָט זיי אויסגעצוואָגן
און אויסגעקעמט,
צו שטיין פאַר גאָט אין נייע,
יום־טובדיקע שטיוועלעך".

— אין עלטער פון 76 יאָר איז מיין טאַטע אומגעקומען ביי דער ערשטער „אַקציע" אין לובלין. ער איז אוועק אין מאַידאַנעק, צוזאַמען מיט זיין ברודער דעם חזן און מיט די איבעריקע קינדער. בעת דער פייערונג פון דעם לאַמעד־פּרייז, וואָס איך האָב באַקומען, האָב איך איבערגעלייענט אַ ליד „צו מיין טאַטן".

זיין שאָטן שטייט אים פאַר די אויגן. זיין לעצט בוך, „דעם טאַטנס שאָטן" ליגט פאַר אונדז אויפן טיש — ער דערציילט מיר, אַז ער האָט אָנגעהויבן שרייבן ווען ער איז נאָך זייער יונג געווען. „איך געדענק גאָרניט ווען איך בין ניט געווען קיין שרייבער."

ווען ער איז אַלט געווען 17 יאָר, האָט בעל־מחשבות אָנגענומען צו דרוקן זיינע אַ דערציילונג אין „פריינד", וואָס איז שוין דעמאָלט דערשינען אין וואַרשע, אָבער די דערציילונג איז קיינמאָל ניט גע־דרוקט געוואָרן. מיינער אַ שליח, אַ פריינד, האָט אים צופיל דאַקוטשעט.

פאַרטריבן פון פוילן האָט אים דער אַנטיסעמיטיזם, דער באַיקאָט אויף יידן. ער דערציילט מיר אַזאַ מעשה פון יענער צייט:

מיין טאַטע האָט אַנאָנסירט זיין קליידער־געשעפט אין דער פּוילישער צייטונג „זשעמיאַ לובעלסקאַ". די צייטונג „פּאָליאַק־קאַטאָליק" האָט פאַרגעוואָרפן דער „זשעמיאַ לובעלסקאַ" הלמאַי זי אַנאָנסירט יידישע קרעמערס. די באַשולדיקטע צייטונג האָט זיך פאַר־ענטפערט, אַז דער ייד איז טאַקע טריף, אָבער זיין געלט איז כשר. ווען דער אַגענט פון דער צייטונג איז געקומען אין מיין טאַטנס געשעפט, האָט ער אים פּראָסט־פּשוט אַרויסגעוואָרפן.

מע האָט באַליידיקט יידן אין די גאַסן, אַראָפּגעשטופּט זיי פון די בענק אין זאַקסישן גאָרטן. עס איז געוואָרן ענג צו לעבן. דער יינגסטער פון זיין טאַטנס ברידער, פּנחס גלאַטשטיין, האָט שוין

געוואוינט אין ניו־יאָרק. האָט ער זיך געלאָזט צו אים אין אַמעריקע. דאָס איז געווען אין 1914. אין דעם זעלבן יאָר האָט די „פרייע אַרבעטער־שטימע” געדרוקט זיינע אַ דערציילונג, „אַ געפּערלעכע פּרוי”, אַ מין מאָפּאַסאַנישע מעשה.

מיטן באַזעצן זיך אין אַמעריקע איז געקומען אַ נייער פּעריאָד אין זיין לעבן. ער האָט זיך גענומען לערנען ענגליש. געלערנט אַ סך און פלייסיק. ער האָט אָנגעהויבן לערנען יוריספּרודענץ אין ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט. זיין סביבה איז געוואָרן אַן אַמעריקאַנישע אָדער יידיש־אַמעריקאַניזירטע. „אַזוי ווי איך וואָלט איבערגעלאָזט מיין ליטעראַרישע ירושה אויף יענער זייט ים”.

פון וואָס צו לעבן האָט ער ניט געהאַט. זיינע הענט האָבן ניט געטויגט צו מלאכה. אין אַ קורצער צייט האָט ער געאַרבעט אפשר אין פופציק שעפּער און ניט געטויגט אין קיינעם. האָט ער געמאַכט אַ יששכר־זבולון געשעפט מיט זיין שוועסטערקינד יוסף גלאַטשטיין. ער האָט אים געגעבן 33 סענט אַ טאָג און ער, יעקב גלאַטשטיין, האָט געלערנט אַמעריקאַנער תורה אין ניו־יאָרקער אוני־ווערסיטעט. ניטאָ מער לובלין, עס איז אַן אַנדער וועלט.

— אַן איבערקערעניש האָט געמאַכט אין מיר אַ שווייגנדיקער יונגערמאַן, אויך אַ סטודענט. ער האָט מיר דערציילט וואונדער שבוואונדער: עס איז דאָ אין אַמעריקע אַ יידישע ליטעראַטור. עס איז דאָ אַ מאַני לייב, אַ זישע לאַנדוי, אַ ה. לייוויק, אַ מנחם, אַ משה דילאַן. ער האָט מיר אויפגעקלערט למדניש נייע שיטות אין דער ליטעראַטור. דאָס איז געווען נחום ברוך מינקאָוו.

— איך האָב זיך צוריק גענומען צו דער יידישער פּען. — דערציילט ער מיר. — ש. יאַנאָווסקי, רעדאַקטאָר פון „פרייע אַר־בעטער שטימע” האָט מיר אָבער געזאָגט: „גיי בעסער אויפן דרך הישר, גיי אַוועק פון שרייבעריי. ווער בעסער אַ לאָיער”. דער נאָמען יעקב גלאַטשטיין האָט געקאָנט פּסלענען אין יאַנאָווסקיס אויגן אַפילו דאָס בעסטע ליד. האָב איך זיך דעריבער אונטערגעשריבן מיט אַ פרויען־נאָמען — קלאַראַ בלום. דעמאָלט האָבן די לידער געטויגט.

קלאַראַ בלום האָט אָפּגעדרוקט אין „פרייע אַרבעטער שטימע” 15 לידער. זיי האָבן אויסגענומען. דער רעדאַקטאָר האָט געמאַכט קאָמפּלימענטן קלאַראַ בלום אין אַן עדיטאָריעל. צו לאַנג איז עס אָבער ניט געבליבן אַ סוד. ש. יאַנאָווסקי איז געוואָר געוואָרן. דעמאָלט האָט קלאַראַ בלום אויפגעהערט צו קאָנען שרייבן.

עס איז געקומען די צייט פון דער גרופּע „אין זיך”. נחום ברוך מינקאָוו, וואָס האָט שוין געהאַט ברייטערע ליטעראַרישע פאַר־

בינדונגען, האָט אים אַריינגעפירט אין הויז פון דער ליטעראַטור. ה. לייוויק און משה לייב האַלפּערן האָבן אים מקרב געווען.

איך געדענק — דערציילט יעקב גלאַטשטיין — ווי איך בין צום ערשטן מאָל געקומען צו ה. לייוויקן, צוזאַמען מיט נ. ב. מינקאָוו. פאָרגעלייענט לידער אויף מבינות. ה. לייוויק האָט אין יענער צייט געמאַכט אַ לעבן דורך אַרויסנעמען אַהיים אַרבעט פון ל. מילערס שליפעס־וואַרשטאַט. ה. לייוויק איז געשטאַנען ביים טיש, געקלעפּט די שליפעס, און איך האָב פאָרגעלייענט מיינע לידער. איך האָב באַקומען פון אים סמיכה. ער אַליין איז נאָך דעמאָלט געווען אַ גאַנץ יונגער פּאָעט.

עס איז געווען די צייט פון זשורנאַל „פּאָעזיע", אַרום וועלכן עס האָבן זיך גרופּירט יהואש, משה לייב האַלפּערן, א. גלאַנץ, צילינע דראַפּקין, מאַני לייב און די צוויי סטודענטן — נ. ב. מינקאָוו און יעקב גלאַטשטיין. „איך בין געוואָרן אַן אָנגעלייגטער גאַסט אין דער סביבה פון „פּאָעזיע".

פון דעמאָלט ביז היינט האָט ער שוין געדרוקט צוועלף ביכער.

— דאָס ערשטע בוך מיינס — זאָגט ער — האָט געטראָגן אַ חוצפּהדיקן נאָמען: „יעקב גלאַטשטיין". דאָס לעצטע בוך האָט אַ שטילן נאָמען: „דעם טאַטנס שאָטן".

ער רעכנט אויס די נעמען פון אַלע זיינע ביכער: אין 1921 — „יעקב גלאַטשטיין", אין 1926 — „פרייע פערזן", אין 1929 — „קרעדאָס", אין 1937 — „יידיש־טייטשן", אין 1938 — „ווען יאָש איז געפאָרן", אין 1940 — „ווען יאָש איז געקומען"; נאָך אַ בוך אין 1940 — „עמיל און קאַרל". אין 1943 — „געדענק־לידער", אין 1944 — „יאָסל לאָקש", אין 1946 — „שטראַלנדיקע יידן", אין 1947 — „אין תוך גענומען", און איצט אין 1953 — „דעם טאַטנס שאָטן". צוועלף ביכער אין 22 יאָר.

— יעדע פאַר יאָר, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט איינעם פון מיינע ביכער, שפּיגלען אָפּ די געגעבענע יאָרן, די איבער לעבונגען, געדאַנקען און שטימונגען. פריער זיינען געווען צייטן פון פרייען געמיט, פון יוגנטלעכקייט און קונסט לשם קונסט, הגם איך „גלייך" ניט דעם אָט דעם אויסדרוק. נאָכדעם איז געווען אַ קרעסטשענדאָ אומרו פון דער וועלט, יידישער אומרו. אַ סך פון מיינע ווערק האָבן צו טאָן מיט געשעענישן פון דער צייט, מיט איבערלעבונגען פון פּרט און כּלל, מיטן יידישן פּוילן.

ער רעדט וועגן די יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען ער האָט געשריבן זיין ווערק „אַ גוטע נאַכט, וועלט". דאָס איז

געווען אין יאַנואַר 1938, אַנדערטהאַלבן יאָר פאַר היטלערס מלחמה. איצט קלינגט דאָס ליד ווי אַ פאָראויסזאָגונג פון אָנקומענדיקן חורבן.

— עס זייענען געווען ווערק אין דער וועלט־ליטעראַטור — זאָגט גלאַטשטיין — אין וועלכע עס איז אויך געווען דאָס זעלבע פאַרגעפיל, אָבער ביי יידישע שרייבער איז געווען די פאָר־אָנונג שטאַרקער. ה. לייוויק איז געווען פון די, וואָס האָבן דערהערט דעם אַלאַרם־גלאָק פון דער געשיכטע, פון גורל, מע האָט אים דערפאַר אין יענער צייט גערופן „דער קלאָג־פּאָעטער". יאָ, עס איז געווען צוליב וואָס צו קלאָגן, ווען מע האָט דערשפּירט דעם אָנקום פון דער קאַטאַסטראָפע.

— מע האָט אָפּט באַשולדיקט אונדזערע ווערק, אונדזערע לידער, אַז זיי זיינען סתם אין דער וועלט אריין, אָפּגעריסן פון וועלט און פאָלק, דאָס איז פאַלש. מע קאָן אין זיי קלאָר און בולט זען די אוממיטלבאַרע פאַרבינדונג.

ער גייט צוריק צו זיין אָנהייב:

— איך האָב אָנגעהויבן מיין שרייבערשע קאַריערע מיט דער־ציילונגען. עס איז געווען אין יענער צייט אַ רייזינישער דרך — דערפירן אַ דערציילונג אָדער אַ ליד צו אַ פינאַל, צו אַ שפּיץ. זאָגן ביים סוף אַ שטיק פּקחות. האָט אָבער געפעלט דער שפּיץ פון דער מעשה, האָט די מעשה ניט געטויגט. אונטער אַ פרעמדן נאָמען, י. יונגמאַן, האָב איך געדרוקט אין „מאָרגן־זשורנאַל" אַרום הונדערט דערציילונגען. איך האָב זיך באַקענט מיט דער אַמעריקאַנער מאָדערנער פּראָזע און פּאָעזיע, און בין געוואָר געוואָרן אַז מע קאָן שרייבן אָן שפּיצן און אָן וויצן.

— איך האָב זיך קיינמאָל ניט געשפּילט מיט לידער, געווען פון סאַמע אָנהייב אָן שטאַרק ערנסט. געהאַט אַ געוואַלדיקע ליבשאַפט צום יידישן קינסטלערישן וואָרט. געהאַט אַ בענקשאַפט, דאָס יידישע וואָרט זאָל אָפּקלינגען אין דער וועלט. מיר האָבן דאָך אַ וועלט־לשון!

עס איז נאָך ניט געווען אַזאַ פילאָלאָגישער וואונדער ווי יידיש!

ער לויפט אַריבער צו מוזיק. ער רעדט וועגן דער אָפּערע „וואָצעק", פון אַלבאַן בערג, וואָס איז אין מוזיק אַרנאָלד שעהנבערגס אַ תלמיד. די אָפּערע שטעלט זיך די אויפגאַבע צו געבן פּסיכאָאַנאַ־ליטישע מוזיק.

— אונדזער דור — זאָגט ער — האָט אַרויסגעגעבן זיגמונד פרוידן, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט דעם נשמה־געראַנגל פון אונדזער דור. די מוזיק וויל דעם נשמה־געראַנגל איבערגעבן מוזיקאַליש. די ליטעראַטור וויל עס אַרויסברענגען מיט אירע מיטלען.

— אונדזער דור — זאָגט ער — האָט געהאַט באַרג־אַרויפן און באַרג־אַראָפּן, געהאַט דורכפאַלן. איך האָב געהאַט דרך־ארץ אויך פאַר די דורכפאַלן פון אונדזער דור.

פון מוזיק — צו מאָלעריי. פון די קלאַסיקער — צו די אימ־פּרעסיאָניסטן, צו די נייע מאָלער, וואָס האָבן געזוכט אַרויסצו־ברענגען די נשמה־איבערלעבענישן, די אין־זיכישע טיפענישן פון דור. זיי ווילן עס אַרויסברענגען דורך פאַרבן.

עס איז אויפגעקומען אַ דראַנג ביי אונדז ניט צו ריידן מיטן אַלטן לשון, מיט די אַלטע ווערטער. דאָס איז געווען ביי אַלע פעלקער — אַ מין צייט־דראַנג. עס איז פאַר אים פאַרשטענדלעך — זאָגט ער, — וואָס די נייע שטרעמונגען אין דער קונסט האָבן זיך אין יענער צייט באַוויזן אפילו אין רוסלאַנד — דעקאַדענטן, פוטוריסטן, וואַלערי בריוסאָוו, אַלעקסאַנדער בלאָק, אַנדריי בעלי, איגאָר סעווער־יאַנין, — זיי האָבן געוואָלט געבן אונדזער דור אַ קינסטלערישע צונג.

— אין 1950 — זאָגט ער — אין געוואָרן דרייסיק יאָר זינט עס האָט זיך אויסגעבילדעט די גרופּע „אין זיך", וואָס האָט אָנ־געהויבן מיט מחלוקת, מיט מלחמה מיט די אַ ביסל עלטערע פּאָעטן, מיט דער גרופּע „יונגע".

לויט זיין מיינונג זיינען דאָס נאַטירלעכע רעוואָלטן. די גרופּע „אין זיך" האָט געפירט אַ קאַמף קעגן דעם מאַנגל פון אידייען אין פּאָעזיע. די גרופּע „יונגע" האָט פריער געפירט אַ קאַמף קעגן די „אַלטע", קעגן די פּובליציסטן־געשרייען פון אַ מאָריס ראָזענפעלד. ביי די „אַלטע" איז געווען אַ מעלאָדראַמאַטישער נאַציאָנאַליזם, מעג ער האָבן אויך געהאַט כוח.

— די גרופּע „יונגע" האָט דערקלערט אַ רעוואָלט קעגן דער שופרדיקייט פון די „אַלטע", קעגן ווינטשעווסקין, עדעלשטאַטן, ראָזענפעלדן, אָבער זיי, „די יונגע" זיינען דערגאַנגען צו דער וואַנט פון עלעגאַנץ. זיי האָבן געהאַט גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער עלע־גאַנץ פון יידישן פערז, פאַר דער דערגרייכטער דינקייט פון יידישן וואָרט, אָבער זיי זיינען אויך. ליידער, דערגאַנגען צו אידייען־לאָזיקייט, צו פּרוכטלאָזער ליריק.

די „אינזיכיסטן" האָבן בשעתם אויסגעברייטערט די פּאָעטישע מעגלעכקייטן. אין פאָרם — פרייער דרך, סימפאָנישע רחבות, אין אינהאַלט — צוריק צו טעמאַטישקייט.

— לאָמיר מאַכן אַ סך־הכל — זאָגט ער — פון די אַנט־וויקלונגען און קאַמפן פון אונדזער דור: די נייע יידישע געשיכטע האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ גרויסער דיפערענציאַציע צווישן אידע־

אַליסטישע יידישע באַוועגונגען. ביז עס קומט צו דער אויסקריסטאַליזירונג פון אַ נייעם טיפּ ייד.

ווער איז עס דער נייער טיפּ ייד?

— איך מיין אָט דעם נייעם טיפּ ייד, וואָס האָט געליטן און געשאַפן, און זיינע לײדן האָבן אים דערהויבן, דעם ייד, וואָס האָט אוועקגעגעבן זיין לעבן פאַר אידעאַלן, זיך מקריב געווען, איך מיין דעם יידן, וואָס איז געווען הונגעריק נאָך וועלטישקייט, וואָס האָט אָפּגעגעבן זיין לעבן פאַר ציוניזם, פאַר סאָציאַליזם, ער האָט פאָרמירט דעם נייעם טיפּ ייד.

— איך רייד וועגן דעם נייעם טיפּ ייד און איך זע די, וואָס זיינען אין קדושה אוועק אין די יאָרן פון די נאַצישע געטאָס. איך זע די יידן, וואָס האָבן אוועקגעוואָרפן גלויבנס און זיי שפּעטער צוריקגעפונען. דער נייער טיפּ ייד איז נאָך ווייניק דאָ אין אונדזער ליטעראַטור, כמעט ניטאָ. מענדעלע, ער האָט געזען דעם אַלטן יידן, דעם געוועזענעם. שלום עליכם ער איז ניט אַוועק פון שטעטל. שלום אַש, ער האָט געמעלאָדראַמאַטעוועט מיט אויסגעטראַכטע יידן. דוד בערגעלסאָן האָט אַ ביסל געעפנט דאָס מויל פון יידישן אינטעליגענט, בלויז אַ ביסל. די געשטאַלט פון דעם נייעם טיפּ ייד דאַרף זיך נאָך באַווייזן אין דער יידישער ליטעראַטור.

— און אייערע ווערק? — פרעג איך אים.

— איך וואַרף אַ בליק אויף אַלע מיינע ווערק, און איך געפין אין זיי — זאָגט ער מיר — דעם גייסט פון אָט דעם נייעם יידן. איך האָב באַמיט זיך צו פאַרטיפן אין אים, אַרויסברענגען זיין אינערלעכקייט אין אַלע פאָרמען, סיי אין פּאָעזיע און סיי אין פּראָזע.

— מיינט איר אויך אייערע פּובליציסטישע ווערק?

— איך אַרבעט אין דער זשורנאַליסטיק שוין אַ סך יאָרן. געשריבן זשורנאַליסטיק אין דער צייטונג „די נייע וואַרהייט". נאָכדעם, פון 1926 — אין „מאָרגן־זשורנאַל".

ער האָט זיך געהאַלטן ביים דעמאָלט אָנגענומענעם כלל, און זיך געשעמט מיט זשורנאַליסטיק. „עס איז געווען אַ צייט, ווען פּאָעטן האָבן מורא געהאַט טאָמער באַקומען זיי, חלילה, אַ שטעלע אין אַ צייטונג". ער האָט זיך מיט זיין זשורנאַליסטיק אויסבאַהאַלטן. ער איז געווען אַ נחבא אל הכלים.

— דער רעדאַקטאָר פון „מאָרגן־זשורנאַל", מעקלער, האָט מיך אין 1938 געצוואונגען אונטערצושרייבן מיין אמתן נאָמען אונטער מיין קאָלום אָנשטאָט דעם פּסעוודאָנים „איצקוס". איך האָב אוועקגעוואָרפן דעם פאַרשטעלטן נאָמען.

ער איז פון דעם צופרידן. „מע האָט זיך אויסגעיאָלדעוועט" — זאָגט ער. — מע האָט פאַרוואָרפן די נאַרישע צניעות. אַזוי אין דער וועלט־ליטעראַטור, אַזוי אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור און אַזוי אויך אין דער יידישער. מע האָט זיך פאַרבונדן מיטן אַקטועלן לעבן. די ליטעראַטור איז געוואָרן ווירקזאַמער...

— דער שרייבער האָט ניט קיין צוויי קעשענעס פאַר זיינע ווערק — איינער פאַר פובליציסטיק און די צווייטע פאַר פאָעזיע. עס מוז זיין איין קעשענע. דער שרייבער, מעג ער זיין אַ פּאָעט, מוז זיין פאַרבונדן מיט דער רעאַליטעט, מיט די קאַמפן אין דער געזעלשאַפט, מיט די אידעאָלאָגיעס.

קומען מיר אויך צום קאָמוניזם.

— זינט די קאָמוניסטן זיינען געקומען אויף אונדזער גאַס — זאָגט ער — בין איך געוועזן זייער אומקאָמפּראָמיסלעכער שונא. איך בין געוועזן צווישן די 21 שרייבער, וואָס האָבן געחתמעט אַן אויפרוף קעגן ייקוף. ווען אָלגין איז „געלאָפן" פאַר קאָנגרעסמאַן פון די פאַראייניקטע שטאַטן און אַ סך יידישע שרייבער האָבן פאַר אים געחתמעט אַן אויפרוף, האָב איך פאַרעפנטלעכט 10 פונקטן, פאַרוואָס איך קאָן ניט שטימען פאַר אָלגינען.

לכתחילה האָט ער געהאַט געדרוקט אייניקע לידער אין דער „פרייהייט". אָבער ווי נאָר ער האָט דערשפּירט איר כאַראַקטער, האָט ער אויפגעהערט דאָרטן דרוקן.

— איך בין ניט נאָר אַ שונא פון קאָמוניזם, נאָר אַ קעמפנדיקער שונא. איך האָב אין סאַמע בראשית דערזען דעם בראָך, וואָס קאָמוניזם ברענגט מיט זיך, די וואולגאַריזירונג פון מענטש. ער שאַפט אַ פּסיכאָפּאַטאָלאָגישן מענטשן. מיר האָבן זיך מיטן קאָמוניזם געראַנגלט און וועלן זיך נאָך ווייטער דאַרפן מיט אים ראַנגלען.

פרעג איך אים:

— זייט איר אַ פועלי־ציוניסט? איר זייט דאָך איצט איינער פון די רעדאַקטאָרן פון „אידישן קעמפער"?

— איך בין פאַרבונדן מיטן אַרבעטער־ציוניזם שוין 15 יאָר. קיין פּאַרטיי־מיטגליד בין איך ניט.

ער האַלט, אַז שטייענדיק פון דער ווייטנס, ניט צוגייענדיק נעענטער צו די קרעפטיקע, שעפערישע אידעאָלאָגיעס, האָט דער יידישער שרייבער פאַרפּוּשט גרויסע מאָמענטן, גרויסע מעגלעכקייטן אין יידישן לעבן. מע איז ניט געקומען נאָענט אין קאָנטאַקט מיט דעם פיינעם יידישן פאָלקסמענטש, זיך געשטעלט צו אים מיטן רוקן. די אומפּאַרטייאישקייט, אָדער איבערפּאַרטייאישקייט פון די שרייבער

האָט געשאַפן אַ חלדיקע ליטעראַטור. „מיר האָבן ניט געהאַט קיין כּלי, קיין פאָרם פאַר אונדזער געשריי״.

— מיר האָבן אין אַמעריקע פאַרפּושט יידיש. ווען מיר וואָלטן זיך גענומען שטאַרק, אַנטשיידנדיק, עקשנותדיק פאַר יידיש מיט 40 יאָר צוריק, ווי מיר טוען עס איצט, וואָלטן מיר איצט גאַנץ אַנדערש אויסגעזען. מיר וואָלטן איצט געהאַט מער חזקה, מער דריסת הרגל אין יידישן לעבן. מיר האָבן מיט דעם געזינדיקט.

ער גלויבט, אַז „ווען מיר וואָלטן געגעבן אין צייט חשיבות צו יידיש, ווען מיר וואָלטן געגעבן דעם יידישן לשון פולע אָנערקענונג, וואָלטן די באַלעבאַטישע יידן, די הונדערטער און טויזנטער אַל־ראַיטניקעס אויך אַזוי געטאָן. צאָלן מיר איצט פאַר אונדזערע זינד. עס איז אַ ווייטיק, אָבער — מע טאָר ניט ווערן פאַרצווייפלט. איך גלויב, אַז יידיש וועט זיך נאָך דורכרייסן אַ וועג. איך הער, איך זע די אויפגייענדיקע בענקשאַפט נאָך יידיש״.

— זייט איר אַ סאָציאַליסט? — פרעג איך אים.

— איך גלויב אין סאָציאַליזם איצט מער ווי ווען־עס־איז פריער.

ער רעדט מיט התלהבות. די וועלט מוז האָבן אָפּטימיזם. קינסטלעך קאָן מען ניט מאַכן קיין אָפּטימיזם, אָבער עס איז דאָ אין דער וועלט, אין דער געשיכטע אָפּטימיזם. די וועלט, די מענטש־הייט מוז גיין צו אַ „העפּי ענד״. עס וועט מוזן קומען די באַפרייאונג פון די פינצטערע כּוחות, וואָס בושעווען. עס איז איצט אַ קאָש־מאַר. מע וועט זיך פון אים באַפרייען. אַז מע קוקט אויף אַמעריקע, דערקענט דאָס לאַנד, מע באַנעמט עס, — וועקט זיך אויף אין זיך אַ געזאַנג צו דער מענטשהייט.

— ווען ניט דער אָפּטימיזם, ווען ניט דאָס שטרעבן צום גוטן, וואָלטן מיר שוין געהאַט די דריטע אַטאָמישע מלחמה. די מענטשהייט וואָלט געשטאַנען אויף צוויי זייטן פראָנט, אויפן „סטאַק״ אַטאָם־באָמבעס, און זיך געהאַלטן ביי די גאָרגלען. די באַפרייאונגס־באַוועגונגען, די געשרייען פון טויזנטער ביכער, די גע־וויינען פון לידער, די כוואַליעס פון געדאַנקען האָבן אַ סך אויפגעטאָן. מיר האָבן אַריינגעטראָגן באַוואוסטזיין אין דעם מענטשן. מיר האָבן לעבעדיק געמאַכט אין דער פאַנטאַזיע דאָס בילד פון אַ בעסערן מענטשן. איך מיין, מיר אַלע, און איך אויך — זיינען אַ טייל פון וועלט־אָפּטימיזם.

און ער דערמאָנט זיך:

— ווען איך בין געזעסן אויף דער באַנק אין ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט, מיט עטלעכע און דרייסיק יאָר צוריק, האָבן זיך מיינע יידישע אוניווערסיטעט־חברים געשעמט מיט יידיש. און היינט...

ער האַלט, אַז היינט איז דאָ מער פּיעטעט צו יידיש, אַ סך מער אינטערעס. עס פאַרשווינדט די אַמאָליקע וואולגאַריזאַציע אין די ברייטע שיכטן. ער פאָרט איבערן לאַנד, קומט צווישן אַמעריקאַנער יידן, און ער זעט און פילט אַ נייעם גייסט.

— מע שרייבט, מע זאָגט, אַז אונדזער יוגנט איז אידייענלאָז. דאָס איז ניט ריכטיק, אַ בלבול. ווען דאָס וואָלט געזאָגט וועגן אונדזער יוגנט אַ גוי, וואָלטן מיר אים אָנגענומען פאַר אַן אַנטיסעמיט. עס איז געקומען די צייט צו אָנערקענען אונדזער יוגנט. איך קען יונגע יידן — שרייבער, וואָס שרייבן ענגליש און האָבן געפונען אַ גרויסן אינטערעס אין יידיש. איך ווער געוואָר, אַז מיין בוך לייענען אויך יונגע אַמעריקאַנער יידן. איך קום אויף אַ פאַרזאַמלונג פון יונגע יידן. אַלע ריידן ענגליש. וואו בין איך אַריינגעפאַלן מיט מיין יידיש? איך הייב אָן צו ריידן, מאַך אַ „טעסט", דערצייל אין פאַר־לויף פון מיין רעדע אַ וויץ אויף יידיש. און, אָט, זעט, אַלע צע־לאַכן זיך. זיי פאַרשטייען. איך לייען פאַר מיינס אַ ליד — שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן. זיי פאַרשטייען.

— און דער אינהאַלט, די פאָרם פון אונדזער היינטיקער שאַפונג איז מער נאָענט צום היינטיקן מענטשן, צום היינטיקן ייד. אונדזערע בילדער זיינען בשותפותדיקע. מיר ריידן אין תוך איין לשון.

יעקב גלאַטשטיין שטייגט העכער אין זיין אַפּאָטעאָז צו יידיש.

— עס קומט אַ יראת הכבוד פאַר יידיש. עס קומט אַ הונגער נאָך יידיש. יידיש וועט נאָך אויפלעבן. יידישע ווערק, יידישע לידער און יידישע פּראָזע ווערן איצט איבערגעזעצט אין ענגליש. ווער זיינען די איבערזעצער? יידן — ענגליש־שרייבער, באַקאַנטע אַמערי־קאַנער שרייבער: דעלמאָר שוואַרץ, סאָל בעלאָס, אירווינג האָו, אַלפרעד קעיזין. פינף אַזעלכע זיינען שקול כנגד טויזנטער שטומע.

— איך וואָלט געוואָלט פון אייך הערן וועגן אייער ליטעראַטור־קריטיק — זאָג איך צו אים.

— איך שרייב קריטיק בדחילו ורחימו. איך וויל העלפן שאַפן אַ יום־טוב פאַרן יידישן בוך. עס איז אומעטיק אין הויז פון דער יידישער ליטעראַטור. מע האָט אָנגעהויבן אַליין אויסדרייען די קנויטן אין די לאָמפּן. מען מוז מאַכן ליכטיק.

ער איז צופרידן, וואָס זיינע אַרטיקלען אין „קעמפער" וועגן ביכער און שרייבער געהערן צו די פּאָפּולערסטע צווישן די לייענער. זאָג איך צו אים אַזוי:

— איך האָב צו אייך אַ פאָרשלאָג. לאָמיר אַ ביסל „ריידן אין לערנען", ווי מען פלעגט זאָגן אין די מוסר־ישיבות. לאָמיר, למשל, עפענען אייער נאַרוואָס־דערשינענעם לידער־בוך, אַ בלעטער טאָן די זייטן און אַ ביסל אַ שמועס טאָן וועגן עטלעכע לידער אייערע.

— אדרבא — ענטפערט ער מיר.

זעצן מיר זיך אַוועק ביים ספר, ווי אין אַ בית־מדרש אָדער ישיבה, און מישן אויף אויף טראַף דאָס ליד „דאָסטאָיעווסקי":

„דאָסטאָיעווסקי האָט אַוועקגעשטעלט גאָט
ביי זיך אויפן טיש,
ווי אַ פלאַש בראָנפן, און געזשליאָקעט..."

— דאָסטאָיעווסקי — טוט זיך אַ כאַפּ גלאַטשטיין. — ער האָט מיך אַלע מאָל פאַרפאָלגט. איך האָב אַ סך געטראַכט וועגן אָט דעם פּאַן־סלאַוו דאָסטאָיעווסקי. איך האָב בסדר געפרעגט: סטייטש, אָט דער מייסטער, וואָס האָט געקאָנט באַשרייבן דעם טויט פון אַ קינד מיט אַזאַ גרויסקייט, מייסטערשאַפט, האָט ניט געקאָנט דערזען די טראַגעדיע פון יידישן פאָלק. אין מיינע צוויי לידער „דאָסטאָיעווסקי" האָב איך געוואָלט דורכלייכטן מיין באַציאונג צו אים. דאָסטאָיעווסקי, וואָס האָט באַפוילן זיינע פאַרשוינען צו קלעטערן צו גאָט, האָט אָבער ניט דערזען די יידן, וואָס האָבן „מקבל געווען דאָס לעבן אויף אַ סיני פון פאַרשטענדלעכן און ליכטיקן צער".

— לאָמיר עפענען אַ ווייטערדיקן דף אין בוך „דעם טאַטנס שאָטן":

פאַרט אַ ייד קיין ארץ־ישראל. וויינען אין אים אַלע פיינען —

זיין קינד האָט מען פאַרברענט, זיין ווייב פאַרפייניקט. „וויינען אין אים אַלע פריידן". דער ייד, דער גיבור מיטן שווערד, צווינגט אים „אַריינצוטאַנצן" אין ארץ־ישראל אפילו אַ וויינענדיקן.

מיר לייענען אַרויס פון זיין ליד „דער אַלטער ייד", אַז „אין יעדן דור דאַרף זיך דאָס פאָלק אַ ביסל שרעקן, כדי צו לעבן."

מיר קומען צו נחמן בראַצלאַווערס שטילע, טיפע און לויטערע „ניגונים":

„איך וועל דיר מגלה זיין אַ סוד, נתן, —
דאַוונען מנוחה דאַרף מען קאָנען..."

דער טאָג גייט אונטער שטיל, מיט נשיקה. ער ליגט ממש ביי די פּיס. די ווערטער פון מנחה זיינען גאָלדן, לויטער... — „פּאראָן, נתן, אזא געקעכץ, ווי הונגער. פאַרזוך עס, נתן".

זאָגט דער בראַצלאַווער:

איך בין דיר מוחל דעם פעטסטן שטיק לוויתן, אויב מע זאָל צונעמען מיין שענסטע קרוין — דאָס וואָרט.

זאָגט מיר יעקב גלאַטשטיין:

— איך האָב אויסגעקליבן דעם בראַצלאַווער, דעם אויטענטיש ליבהאָבער פון יידישן לשון, און קינסטלערישן דערציילער, און איך האָב געערעדט מיינע רייד דורך אים.

מיר שטעלן זיך אָפּ אויף לידער, וואו עס הערט זיך דאָס עכאָ פון דער יידישער טראַגעדיע אין היטלערס טעג.

— מיר האָבן דורכגעמאַכט אונדזער גרויסן אומקום — זאָגט ער מיר. — עס איז שווער וועגן דעם צו שרייבן. עס איז צו גרויס. די גרויל איז צו באַרבאַריש. עס איז צו ברוטאַל. ניטאָ קיין ווערטער. האָב איך געפּרואווט עפּעס זאָגן אין שטילע, געדעמפטע טענער. די גאַנצע יידישע וועלט איז דאָך איינגעשטילט געוואָרן אין מאַי־דאַנעקס וועלדל!

לייענען מיר אַרויס אַ פּאָר שורות פון דעם ליד „איך וויל זיך איינגלידערן":

„דער בית עולם איז לעבעדיק אַ גאַנצע נאַכט
מיט פאַרדאַגהטע מתים...

יעקב גלאַטשטיין האַלט, אַז די פּערפעקטע פּאָעזיע איז אין קליינעם ליד. ער ווייזט מיר אָן אויף טייל קליינע לידער זיינע, וואָס זיינען טאַקע פּערפעקט. מיר לייענען זיי צוזאַמען ביים טיש, אינמיטן דער נאַכט. ער זאָגט מיר, אַז ער האָט געוואָלט כאָטש אין אַ קליינעם מאַסשטאַב רעקאָרדירן אונדזער גרויסן אומגליק אין רוסלאַנד:

„ווי פלאַטערלעך צום פייער
זיינען געפלויגן קולבאַק, בערגעלסאָן און מאַרקיש".

אונ וואָס איז געוועזן דער סוף? —

געבוונדענע, אויפן פאַרלאָשענעם שטיין,
זיינען זיי געבליבן ליגן מיט אויסגעברענטע אויגן..."

קומען מיר צום אָנהייב פון אונדזער שמועס — סתם פּאָעזיע און אינהאַלט־פּאָעזיע. גלאַטשטיין מישט אויף לידער פון דער וועלט־

ליטעראַטור, פון דער אַמעריקאַנער פּאָעזיע, שטעלט זיך אָפּ אויף שעקספּירס סאָנעטן, און זאָגט אַזוי:

— זיי, די אמתע, גרויסע פּאָעטן, האָבן געגעבן טיפע לעבנס־חכמה, אַרומגעפלויגלט מיט פּאָעזיע. די, וואָס האָבן אויסגעליידיקט די פּאָעזיע פון אינהאַלט, האָבן געמאַכט פון איר אַן אומנייטיקן לוקסוס. פּאָעזיע איז ניט קיין קליין־קונסט. זי איז ניט איינצושלעפערן אָדער בלויז צו פאַרווײַלן. פּאָעזיע דיסקרימינירט אויך ניט קיין טעמע.

מיר פאַרהאַלטן זיך ביי זיין ליד „יידיש".

— ניט די באַוואוסטזיניקע אַסימילאַציע איז אונדזער שונא — זאָגט ער — נאָר די טויטע האַנט פון דעם עם־הארצישער אַסימילאַציע.

ער בייטשט אָט די עם־הארצישע אַסימילאַציע אין זיין ליד „יידיש": אַ חתן איז געקומען פון יענער זייט גרענעץ צו זיין אַמעריקאַנער כּלה. ער רעדט פריי, ווי בהרחבהדיק, יידיש. אַ מחיה צו הערן. אָבער אין דער עם־הארצישער, אַסימילירטער אַמעריקאַנער משפּחה האָט מען גאָר געפילט אין זיין יידיש אַ באַליידיקונג — סטייטש און סטייטש! דער טאַטע פון דער כּלה איז שוין לאַנג אַ סיטיזען. פאַרוואָס און פאַר ווען קומט אַ מיידל אַזאַ פאַרפאַטשעניש?

יידישער קיום, יידישקייט, מאָדערנער ייד, יידיש לשון, ארץ־ישראל — דאָס זיינען ענינים, וואָס פאַרנעמען יעקב גלאַטשטיינס האַרץ און קאָפּ. ער קערט זיך כּסדר אום צו דעם.

— זאָל ריידן דאָס ליד „אַ פּאַטער צו זיין זון":

דער טאַטע גיט איין זיין קינד עם־לעפּעלעך יידישקייט. ער שטעלט זיין קינד פּאָקן, צו באַוואָרענען אים קעגן דרויסן. ער איז אַן אכזר, דער טאַטע. טאָג איין, טאָג אויס, יידישט ער זיין זון. ער גיט אים איין „האַפּט און יידישן דויער". זיין זון וועט אָבער אוועק־בלאָנדזשען. די פרעמד וועט אים פאַרשלעפּן. דעם טאַטנס תורה וועט אויסוועפּן. עס וועלן אָבער —

„אַלע דיינע פאַרבענקטע אברים
שרייען שמע ישראל!"

ער האַלט, אַז דאָס יידישע ליד דערגייט, דורך ענגלישער איבערזעצונג, צו דער וועלט. די באַרימטע אַמעריקאַנער אַנטאָלאָגיע, „עי ליטל טרעזשורי אָוו וואָרלד פּאָועטרי" האָט שוין היי־יאָר אַריינגענומען לידער פון יהואש, רייזען, לייוויק, זישע לאַנדוי. אויך זיינס אַ ליד וועגן נחמן בראַצלאַווער.

— אונדזערע יידישע לידער שלאָגן זיך דורך וועגן, אַפילו דער „בראַצלאַווער"...

רוען מיר זיך אָפּ אויף אַ פּאָר שורות פון אַ ליד וועגן דעם חודש מאַי, אַ יידישן יינגל און אַ שטענגל בעז. „וואָס איז דאָס?" פרעגט ער. עס איז אַ מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציע. ס'איז אַ פרייער פערז. געדענקט, ניט הפקר, נאָר פריי. עס איז אַ ריטמישע איבער־דיכטונג פון אַ געמיטלעכן שמועס.

— אין חודש מאַי, דווקא אין חודש מאַי, פלעגן ביי אונדז אין לובלין קראַנק ווערן די קינדער. מען פלעגט עפענען די טירן, די פענצטער, פלעגן אַריינקומען די ווינטן, און די קינדער פלעגן ווערן קראַנק. אָבער דער בעז פלעגט זיך צעבליען, צעשמעקן. דאָס קראַנקע יינגל האָט אין חודש מאַי ניט מורא געהאַט פאַרן טויט.

„דער חודש זינגט, ווי אַ קליין יינגל,
וואָס האַלט אַ שטענגל בעז..."

עס איז געווען זומער. אין מיטן דער נאַכט, איבער דעם האָדסאָן. עס האָט אַ שמעק געטאָן מיט אַ שטענגל בעז פון לובלין. יענער קראַנקער יינגל איז שוין מער ניטאָ. ער איז אַוועק אין מאַי־דאַנעק. קעגנאיבער מיר איז געזעסן דער געוועזענער יידישער יינגל פון „הינטערן שלאָס" אין לובלין. ער האָט במשך פינף צענדליגג יאָר אַריינגעזאַפּט אין זיך יידישע דראַמע און וועלט־דראַמע, וועלט־פּאָעזיע און יידישע פּאָעזיע. ער איז אָנגעלאָדן געוואָרן מיט שע־פערישן כוח און ציל־באַוואוסטקייט. אַריינגעזאַפּט אין זיך די גרויסקייט און וואונדער פון אַמעריקע. דערשפּירט די אחריות פון דעם לעבנגעבליבענעם דור יידן. דערזען דעם שימער פון דער גאָל־דענער קייט, וואָס ציט זיך דורך דורות און שטחים, פון דעם ירדן ביז דעם האָדסאָן. ער האָט דערשפּירט די אומרו, די שרעק, וואָס „אונדזער פאָלק דאַרף האָבן, כדי צו לעבן". ער האָט באַקומען בטחון אין דער צוקונפט. און עס קלינגען נאָך אַמאָל אָפּ זיינע ווערטער:

— אַ ליד איז ניט קיין שעפּעלע, וואָס מעקעט צו דער לבנה.

איך האָב זיך אויפגעהויבן, אַרויסגעקוקט פון פענצטער. עס האָט אַריינגעשיינט אַ באַלויכטענער ברעג פון האָדסאָן, פון דעם גרעסטן פּאָרט אין דער וועלט. אַרום איז די אָנגעצונדענע שטאָט ניו־יאָרק, דער וועלט־ריז מיט זיינע פּלאַי־פּלאַים, מיט זיינע צוויי מיליאָן יידן.

אהרן גלאנץ לעיעלעס

לעיעלעס דער פּאָעט

האָט ניט געפעלשט גלאַנצן דעם פּובליציסט... — האָט מיר געזאָגט אהרן גלאַנץ־לעיעלעס, אין סך־הכל פון זיינע פערציק יאָר דיכטערישער, פּובליציסטישער, קולטור־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

א שריפטשטעלער מיט א פעסטן אידעאישן באָדן אונטער די פיס, מיט א פאַרנעמיקן וועלט־בליק, מיט דייטלעך־קלאָרע מיינונגען וועגן יידישער קולטור, יידישער ליטעראַטור און יידישער שפּראַך, וועגן מדינת ישראל און תפוצות ישראל, א קעמפערישע נאַטור, — האָט ער מיר געזאָגט:

— מיר, די אָרעמע יידן, זיינען די עמוסן אויף די וועלט־מערק...

א הויז אין ניו־יאָרק, נאָענט צום ריווערסאַיד דראַיוו, פיר צימערן, פול מיט ביכער — די וואוינונג פון אהרן גלאַנץ־לעיעלעס.

ביכער, ביכער, ביכער אויף לאַנגע און קורצע פּאָליצעס, אויף טישן און טישלעך, ענגלישע און יידישע, זשורנאַלן, צייטונגען. די צימערן ריינע, באַלעבאַטיש געאָרדנט, גוט אויפגעראַמט, בילדער אויף די ווענט, משפחה־פּאָטאָגראַפיעס, מאָלעריי־בילדער, אָבער עס פילט זיך אין זיי, אין די צימערן, א מאָנענדיקע לערקייט. אהרן גלאַנץ־לעיעלעס איז דאָך ניט לאַנג צוריק געוואָרן אַ אַלמן.

— דאָס בילד איז פון מיין טאָכטער דינה...

זי איז שוין א חתונה־געהאַטע, קוקט יונג, שיין און ענערגיש אַרויס פון בילד. זי וואוינט מיט איר מאַן, שאול לעוויט, אין אַן אַנדער גאַס.

— מיין זון וואוינט אין וואַשינגטאָן.

ער גרויסט זיך מיט זיינע אייניקלעך. ער ווייזט מיר זייערע בילדער. איז שוין אהרן גלאַנץ־לעיעלעס א זיידע, מטופל מיט איי־

ניקלעך. אין אמעריקע זיינען די זיידעס יונגע, אָן בערד, אַנדערש ווי אין קרושניעוויץ, וולאָצלאַוועק און לאָדזש.

אין דער גרויסער שטוב איז שטיל און אומעטיק. אין די צימערן איז ניט לאַנג צוריק אויסגעגאַנגען זיין פרוי, פאַניע, נאָך א לאַנגער, טרויעריקער קראַנקייט. ער קערט זיך אום צו איר גאַנץ אָפט במשך אונדזער לאַנגן שמועס אין הארבסטיקן אָוונט. ער מאַכט אַליין פאַר אונדזביידן טיי אין קיך, דערלאַנגט כיבוד — א טעלער קיכעלעך.

— מיין פרוי האָט לאַנג געוואוסט — דערציילט ער מיר — אַז זי איז פאַרמשפּט צו שטאַרבן. זי האָט זיך טראַגיש־רואיק איינגעלעבט מיטן טויט במשך עטלעכע יאָר. פאַר דער צייט פון איר קראַנקייט זיינען עטלעכע נאָענטע פריינד אונדזערע געשטאָרבן. אפילו איר דאָקטער איז אַוועק פון דער וועלט. זי האָט קלאָר געזען איר נאָענטן סוף, געטראָגן אין זיך די אומעטיקייט פון פאַטאַלן שיקזאַל. עס האָט זיך אָבער לאַנג פאַרצויגן. זי איז געוואָרן אומרואיק — אפשר איז א טעות מיט דער דיאַגנאָזע פון איר קראַנקייט? אפשר איז איר גאָר באַשערט צו לעבן? זי האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם פאָדעם פון האָפענונג גראָד אין די לעצטע וואָכן, אין די לעצטע טעג.

ווילט זיך אריינבערענגען אין דער פאַראַבלטער שטוב די וואַרעמקייט פון די יונגע יאָרן, פון קרושניעוויץ, וולאָצלאַוועק, לאָדזש, פון וואַנען ער שטאַמט, וואָס זייער חיתוך־הדיבור ליגט נאָך פעסט אין זיין מויל:

— נעמט מיך א ביסל אהינצו, צו אייער היים אין פוילן.

ער טוט דאָס גערן. דער גאַנג אהיים איז לאַקנדיקער.

— מיין מאַמעס, חישע גאָלדעס, שטאָט איז געווען וולאָצלאַוועק. מיין טאַטנס, עוזר־זלמנס, איז געווען קרושניעוויץ. איך בין געבוירן געוואָרן אין וולאָצלאַוועק און דערצויגן געוואָרן אין לאָדזש.

זיין טאַטע איז געווען בחורווייז אַן עלוי, א תלמיד פון קרושניעוויצער רבי ר׳ אברהמעלע באָרנשטיין, וואָס איז שפּעטער געווען באַרימט איבער גאַנץ פוילן — ר׳ אברהמעלע דער סאָכאַטשעווער רבי. אין די חיבורים פון סאָכאַטשעווער רבין איז דערמאָנט זיין טאַטע דער עלוי: „הבחור עוזר מקרושניעוויץ". זיין טאַטנס משפּחה האָט געהאַט א קרובהשאַפט מיטן ביאַלער רבין.

זיין זיידע, זיין מאַמעס טאַטע, ר׳ מרדכי פאַקמאַן, איז געווען א פּאַדריאַטשיק, ער זאָל האָבן געשפּילט א ראָל אין דער פוילישער פאָוסטאַניע אין 1863. אַזוי איז געווען די מסורה אין דער משפחה. וועגן זיין טאַטן זאָגט ער אַזוי:

— ער איז געווען איינער פון די ערלעכסטע און גערעכטסטע מענטשן, וואָס איך האָב געקענט...

זיין טאַטע איז געווען אַ משכיל, אַ געבילדעטער ייִד, אַ לערער אין לאָדזשער האַנטווערקער שול.

— געווען אַ שרייבער, אַן אומהיילבאַרער פאַנטאַזיאָר, פאַרפאַסט לידער, דראַמען, געשריבן ייִדיש, און אויך העברעאישע קאָרעספּאָנדענציעס אין „הצפירה", געווען באַקאַנט מיט נחום סאָקאָלאָוו.

זיין מאַמע, און גאָר ספּעציעל זיין באָבע, דער מאַמעס מוטער, איז געווען שטאַרק פאַרקאָכט אין מעשׂיות וועגן איר יחוס. דער „גרויסער דיין" ר' מאיר פון וואַרשע איז געווען איר קרוב. דער כאָרזשעלער רבי איז געווען איר מחותן, דער מעזעריטשער רבי — אַ לייבלעכער גליד־גליד שוועסטערקינד. זי איז געווען אַן אָפּשטאַמיקע פון ר' ליפּמאַן יום־טוב העלער, פון „תוספות יום־טוב".

— אַ סימן מובהק אין אונדזער משפחה איז געווען דאָס כעסנות פון „תוספות יום־טוב" — ביי מיין באָבען, ביי אַלע אירע זין און טעכטער, ביי מיינע פעטערס און מומעס, ביי מיר אַליין. אַז מיין טאָכטער דינה ווערט אויפגערעגט, פאַרענטפערט זי זיך: „איך קום דאָך אַרויס פון תוספות יום־טוב".

ווען ער איז נאָך געווען אַ צוועלף־יאָריק ייִנגל, האָט אים זיין טאַטע אַריינגעגעבן אין דער זיבן־קלאַסיקער רוסישער קאָמערץ־שול, אַ מין גימנאַזיע.

— איך האָב געטראָגן אַ מונדיר מיט אַ גרינעם קאָלנער, מיט גלאַנציקע מעשענע קנעפּ; זומערצייט — אַ ווייסע „דענקע" אויפן היטל מיט אַ קאָקאַרדע.

צו זעכצן און אַ האַלב יאָר האָט ער געענדיקט די קאָמערץ־שול, דער בעסטער שילער. דריי חדשים איז ער געווען אַ בונדיסט און אַריבער צו די ס. ס. ער געדענקט פון יענער צייט אין לאָדזש דעם באַרימטן רעדנער פון די ס. ס. — דאַניעלי־טשערניכאָוו.

עס איז געווען אַ שטורמישע צייט, די יאָרן פון רעוואָלוציע, ניינצן פינף. דעמאָנסטראַציעס, שטרייקן, באַריקאַדן, אַרעסטן, פּראָקלאַמאַציעס אויף פּויליש און ייִדיש. דריי שטעט אין גרויסן צאַרישן רוסלאַנד האָבן דעמאָלט ספּעציעל „געברענט מיט רעוואָלוציע" — פּעטערבורג, מאָסקווע, לאָדזש. די שטאָט לאָדזש איז געווען פול מיט יונגער אַמביציע, מיט ענערגיע. די ייִנגסטע שטאָט אין פּוילן — די שטאָט פון פאַבריקן, פון טעקסטיל, געאַרבעט פאַר גאַנץ רוסלאַנד, פאַר די ווייטסטע מערק. ייִדישע ענערגיע. איינפאַל פון שטורמישוואַקסנדיקן לאָדזש האָט פאַרפלייצט רוסלאַנד ביז סיביר, ביז די

גרענעצן פון כינע און יאפאן. לאָדזש איז געווען אַ שטאָט פון דריי גרויסע פעלקער — פאָליאַקן, יידן און דייטשן...

דעם יונגן סאָציאַליסט, אַהרן גלאַנצן, וואָס האָט אַקערשט געהאַט פאַרענדיקט די קאָמערצשול, האָט מען אַרעסטירט מיט פּראָקלאַמאַציעס. זיין טאַטע האָט „איינגעלייגט וועלטן", אים אַרויסגעשלעפּט פון „אוטשאַסטאָק", און אים אָנגעזאָגט: „פאָר קיין לאָנדאָן". ער האָט דאָרטן געהאַט אַ פעטער חיים הערש פּאַקמאַן, אַן אייגנטימער פון הייזער און פון טיי־און קאַווע־געשעפטן.

— איך בין געווען אין לאָנדאָן פיר און אַ האַלב יאָר, געלערנט אין קאַלעדזש, געשריבן, פאַרדינט אויף ברויט אַ פונט אַ וואָך דורך פאַרקויפן זונטיק קאַווע אין די הייזער. מיין פעטער האָט געוואָלט פון מיר מאַכן אַ גרויסן מאַטעמאַטיקער, אָבער דער פּראָפעסאָר זעליג בראָדעצקי, דעמאָלט אַ יונגער בחור, האָט ניט געהאַלטן פון מיין מאַטעמאַטישער גאונות.

סוף דעצעמבער 1909 איז ער אַוועק קיין אַמעריקע. די „גאַנצע וועלט" האָט זיך דאָך געלאָזן איבערן ים, קיין אַמעריקע. וואָס האָט ער געטאָן די ערשטע יאָרן אין אַמעריקע?

— ענגלישע שטונדן, שילדן־מאָלעריי, שרייבעריי, לערעריי, רעדנעריי. אַוועק פון ניו־יאָרק קיין שיקאַגע, געווען דאָרטן דריי יאָר צייט דער פּרינציפּאַל פון דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שול.

ער האָט אונטערגענומען פאַר די „ס. ט." (סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן) אַ לעקציע־טור איבערן לאַנד, און אין 1914 איז ער געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער יידישער שרייבער. ער האָט אָנגעהויבן ווי אַ לייבאָר־רעפּאָרטער אין „טאָג" אונטער צביונס רעדאַקציע.

— ווען האָט איר געדרוקט אייער ערשט ליד? — פרעג איך אים.

— אין 1910, אין זשיטלאָווסקיס „דאָס נייע לעבן". זיך אונטערגעשריבן „א. פּראַכט", וואָס שטאַמט פון „א. גלאַנץ". איך האָב געדרוקט לידער אין דער „פאָלקס־שטימע", אונטערגעשריבן — אַגני (גענומען פון די איניציאַלן אלף גימל, און וואָס האָט דערמאָנט אין דעם נאָמען פון אינדישן גאָט פון פייער).

ער איז געווען אין יענער צייט אַ פייערדיקער בחור.

אין 1914 האָט ער צום ערשטן מאָל געדרוקט אַ ליד אונטערגעשריבן „א. לעיעלעס", אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע", געבויט אויפן נאָמען פון זיין פרוי, וואָס האָט געהייסן פייגע־לאה. ער האָט דאָרט אויך געדרוקט פּובליציסטישע אַרטיקלען וועגן קראָפּאָטקינען,

וועגן דעם, אַז ווען די פּרויען וואָלטן געדאַרפֿט פירן די מלחמות, וואָלט קיינמאָל קיין מלחמה ניט געווען.

— פון דעמאָלט ביז היינט — זאָגט איך צו אים — זיינען שוין אַוועק פיר צענדליגג יאָר. וואָס איז אייער ליטעראַרישער סך־הכל?

— עלף ביכער...

אין 1918 — דער „לאַבירינט"; אין 1921 — די „מעשה פון די הונדערט"; אין 1922 — „יונג האַרבסט"; אין 1926 — „שלמה מולכו"; אין 1926 — „ראָנדאָס און אַנדערע לידער"; אין 1927 — „אשר לעמלין"; אין 1934 — „צו דיר, צו מיר"; אין 1941 — „צו דיר, אַמעריקע"; אין 1941 — „פּאַביום לינד"; אין 1946 — „אַ ייד אויפן ים". אָנהויב צוואַנציקער יאָרן איז אַרויס אַ מאָנאָ־גראַפיע וועגן יעקב וואַסערמאַן.

— אייערע איצטיקע ליטעראַרישע פּלענער?

— איך האָב פיר גרייטע ביכער — ליטעראַרישע עסייען, יידישע קולטור־ענינים, דראַמען, לידער. עס זיינען אָבער ניטאָ קיין פינאַנץ־מעגלעכקייטן זיי אַרויסצוגעבן.

ער דערציילט מיר, אַז אין „מוסד ביאַליק" דערשיינט אין 1954 זיינס אַ בוך לידער, איבערגעזעצט פון שמשון מעלצער און ה. בנימין. איך לייג אים פאָר:

— לאָמיר גיין אַ ביסל צוריק, צו אייער ליטעראַרישן אָנהויב, צו דער צייט פון יוגנט־שטורמען, ליטעראַטור־קאַמפן. דער שטורעם האָט זיך געלייגט, די „יונגע" זיינען אַלט געוואָרן, אָדער אַוועק פון דער וועלט, קאָן מען שמועסן וועגן יענער צייט בנימוס. לאָמיר גיין צו די יאָרן 1917־1918.

רעדט אהרן גלאַנץ־לעיעלעס וועגן יענער ווייטער צייט. ער האָט שוין געדרוקט לידער, וואָס זיינען געווען אַנדערש — אַנדערש אין אינהאַלט, אין לשון, אין נוסח. אַ יונגער פּאָעט, מ. אַפּראַנעל, האָט אים צונויפגעבראַכט מיט צוויי אַנדערע יונגע פּאָעטן, קאָלעדזש־סטודענטן, נ. ב. מינקאָוו און יעקב גלאַטשטיין.

— איך האָב אים, אַפּראַנעלן, געזען צום ערשטן מאָל אין שלומס קאַפע. ער איז געווען מאָדנע אָנגעטאָן, אויסגעזען ווי אַ גוי, געקוקט אויף מיר, געקוקט, נאָכדעם זיך געווענדעט אויף ענגליש: „איר שרייבט מאָדערנע לידער", און צוגעגעבן: „איך שרייב אויך מאָדערנע לידער".

מע האָט זיך באַפריינדט, געזעסן צוזאַמען אין פּאַרק און פאָר־געלייענט לידער איינער פאַרן אַנדערן:

„סעלימאַ, סעלימאַ,
גלוטיקע ליפּן פון בליענדן רויט,
בלוטיקע ברוסט־שנעבלעך פון מאַניענדיקן רויט.
זיי צויבערן אויס פּורפּורנע, פּאַמסענע נעפּלען,
און צינדן דעם מאַרך אָן מיט רויט...״

נ. ב. מינקאָוו האָט געפּלאַנט ארויסצוגעבן אן אנטאָלאָגיע פון יידישער פּאָעזיע, אַן אנדער מין ווי מ. באַסינס. דערמאָנט זיך לעיעלעס, ווי זיין פּרוי האָט גערעדט מיט זיי, און זיי געגעבן דעם געדאנק צונויפצונעמען די סאַמע נייע, יונגע פּאָעטישע כוחות אין אַ נייער, אויסגעשפּראָכענער ריכטונג אין דער פּאָעזיע. זי האָט גוט געקענט די ענגלישע, רוסישע, יידישע ליטעראַטור. זי האָט אַנטוויקלט אירע מחשבות וועגן דער נייער יידישער פּאָעזיע.

— מיר זיינען געזעסן און זיך צוגעהערט צו איר מיט טיפסטער אויפמערקזאַמקייט.

אין 1920 איז דערשינען דער ערשטער נומער „אין זיך״. עס האָבן זיך אין אים באַטייליקט מ. אַפּראַנעל, אל. גוריא, יעקב גלאַטשטיין, בערנאַרד לואיס, ראובן לודוויג, אַ. לעיעלעס, נ. ב. מינקאָוו, יעקב סטאָדאָלסקי... — וואו זיינען זי איצט? — טייל פּאַרנעמען וויכטיקע פּלעצער אין דער יידישער ליטעראַטור. אַנדערע זיינען שוין אַוועק.

— איר, „אינזיכיסטן״, — זאָג איך אים — זייט געווען יונג, די גרופּע „יונגע״ זיי זיינען אויך געווען יונג. וועגן וואָס־זשע איז געווען די גרויסע מלחמה להשמיד ולהרוג?

— עס איז גאָר ניט געווען קיין מלחמה ביז פאַרניכטונג — ענטפערט ער מיר. אין אונדזער ערשטן מאַניפעסט האָבן מיר גע־שריבן: „איינהאָרן, מנחם, מאַני לייב, זישאָ לאַנדוי, ראָלניק, סלאָנים, שווארץ, אייזלאַנד, מ. ל. האַלפּערן, ב. לאַפּין — אָט־די אַלע זיינען אויך גוט, און גוט אין זייער צייט. זיי האָבן פאַרדינסטן און ניט נאָר ווילן מיר דאָס ניט לייקענען, נאָר מיר פאַרשטייען און גיבן גערן צו, אַז בלויז אַדאַנק זייער אַרבעט איז מעגלעך געוואָרן אַ ווייטערע אַנטוויקלונג פון דער יידישער פּאָעזיע, פון וועלכער די אינטראָספּעקטיווע ריכטונג איז אַן אויסדרוק״. ספּעציעל נאָענט צו אונדז זיינען געווען יהואש און לייוויק. וואָס איז געווען דער עיקר פון יענעם קריג? — זיי האָבן געהאַט טאַלאַנט, ווי, למשל, משה לייב האַלפּערן, מאַני לייב. זיי זיינען אָבער געווען קאָנצענטרירט בלויז אויף שטימונג. זיי האָבן איגנאָרירט געדאַנק אין ליד, זיי האָבן מבטל געמאַכט אידייע, זיי האָבן ניט געוואָלט זען אין דער פּאָעזיע

דעם אויסדרוק פון נאַציאָנאַלן קאַמף. מיר האָבן זיך געשטעלט מיטן פּנים צום לעבן, אין קאָך פון דער וועלט, פון דער אַלגעמיינער און פון דער יידישער. ניט נאָר מעג מען שרייבן לידער וועגן אַן אַרבעטער־שטרייק, נאָר אַפילו וועגן מעיאָר־וואַלן. מע קאָן שרייבן וועגן דעם מיט ליידנשאַפט, ווי מע שרייבט וועגן ליבע צו אַ פרוי.

לעיעלעס האַלט, אַז די דעמאָלטיקע „יונגע” זיינען געווען באַאיינפלוסט פון די מערב־אייראָפּעאישע און רוסישע סימבאָליסטן. עס איז געווען ביי זיי נעפּלהאַפטע שטימונג. עס מוזן אָבער אין דער שאַפונג זיין גרויסע אידייען. טאַלאַנט איז טאַקע קודם־כל, דער אָנהייב, אָבער — טאַלאַנט אַליין איז ווייניק.

— מיר האָבן געקעמפט פאַר עכטע פּאָעזיע, וואָס איז דורכגענומען, אין דער זעלבער צייט, מיט טיפער אידייאישקייט.

לעיעלעס איז איבערצייגט, אַז די קאַמפן זיינען געווען נייטיק. אין פאַרלויף פון געפעכט שלאָגן אַרויס אמתן. צווישן רויך קומט אַרויס דער שיין פון פייער.

— מיר האָבן געפירט מלחמות. אין קאָפּ זיינען געפלויגן שאַרפע ווערטער פון איין טיש צום צווייטן. ווען די ווערטער וואָלטן געווען מעסערלעך, וואָלטן זיי דערהרגעט מענטשן. עס איז אויך געווען אומנייטיקע פאַרביטערטקייט, אָבער מע האָט דאָך געקעמפט אין אַלע ליטעראַטורן. אַז מע קוקט איצט הינטער זיך, מוז מען זאָגן, אַז אלה ואלה זיינען געווען דברי אלקים חיים.

אין 1923 האָט מען אָפּגעשטעלט דעם זשורנאַל „אין זיך”. יהואש האָט אים דעמאָלט געזאָגט, אַז ער באַטראַכט עס פאַר אַ קאַטאַסטראָפע אין דער יידישער ליטעראַטור — אַ נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע. ער האָט זיך אויסגעדריקט, אַז דער „אין זיך” האָט אים „פּשוט געראַטעוועט”.

ריידן מיר וועגן יענער ווייטער צייט, וועגן אַלט און יונג, וועגן מחיצות פון צייט, הינטערגרונדן, געשעענישן, און ער זאָגט אַזוי:

— אברהם רייזען האָט אָנגעהויבן אין קיידאַנאָוו. און „קיידאַנאָוו” איז אין דעם פאַל אַ שם־כולל. עס איז אַ נאָמען פון אַ תקופה.

— און איר? — פרעג איך אים.

— איך האָב געהאַט הינטער זיך וולאָצלאַוועק, לאָדזש, לאָנדאָן, געהאַט הינטער זיך דעם וואונדערלעכן לאָנדאָנער בריק, דעם יג.. דעם טונעל אונטער דער טעמזע, די ברייטע שטעט פון דער וועלט, רוסלאַנדס ערשטע רעוואָלוציע, די ערשטע וועלט־מלחמה, די יידיש.. קאַטאַסטראָפע.

ער ווייזט מיר, ווי אַ משל, זיין אייגן ליד: „די מעשה פון די הונדערט" — אַ גרויסע פּאָעמע, געשריבן נאָכן שוידערלעכן אומגליק פון די יידן אין אוקראַינע, סוף ערשטער וועלט־מלחמה.

הונדערט ניסים־דן זיינען געבליבן אַליין אין אַן אוקראַינער וואַלד נאָך די פּאָגראָמען און שחיטות:

„...אין יענעם טאָג איז אויף דער וועלט אַרויס אַ געלע משוגענע זון

און די ערד געברענט מיט געלן בראַנד.
אין יענעם טאָג האָט אַ הייסער גלייכגילטיקער הימל
געגלאָצט מיט שטאַרער היץ אויף דער ערד,
און אויף די גראָזן,
און אויף די ברואים,
און אויף די מענטשן.
אין יענעם טאָג איז דאָס בלוט פון די מענטשן
געוואָרן סם..."

אין יענעם אוקראַינער וואַלד, צו דער מאה יידן, איז אַראָפּ־געקומען גאָט אַליין פון די הימלען. עס איז פאַרשטומט געוואָרן די שירה פון די מלאכים און גאָט בעט די הונדערט יידן אין וואַלד, זיי זאָלן אים אַרויסלאָזן פון בונד מיט זיי:

„באַפרייט מיך, איר איבערגעבליבענע,
פון דער אַחריות פון יעדן נייעם טאָג,
פון דעם חוב צו דעם לעצטן.
לייזט מיך אויס!"

בילד, געפיל, געדאַנק, שליחות זיינען זיך מזווג אין פּלאַמיקן פערז:

— גאָט בעט ביי די יידן אין וואַלד, זיי זאָלן אים באַפרייען פון ברית מיט ישראל... דאָס בילד אין וואַלד איז גרויס. גאָטס בקשה איז עוקר הרים. די הונדערט טראַגישע און אייביקע ניסים־יידן זיינען אַ קאַפּיטל אין דער מגילה פון דער יידישער אייביקייט. גאָטס הכנעה און תשובה איז אַ פּרק „נחמו, נחמו, עמי". מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער האָבן מיר דאָס ווידער געהאַט ביי יצחק קאַצענעלסאָן אין זיין „אויסגעהרגעטן פאָלק".

אַ גלאַנץ־לעיעלעם איז איבערצייגט, אַז יענע ליטעראַטור־קאַמפּן זיינען געווען אַ נויטווענדיקייט. די ווירקונג פון דער גרופּע

„אינזיכיסטן" איז געווען אַ שטאַרקע. ער פאַררופט זיך אויף אורי צבי גרינבערגן, מלך ראַוויטשן, פּרץ מאַרקישן.

— ניט אָפּשטעלנדיק זיך אויף פּרטים — זאָגט ער — איז די גאַנצע יידישע ליטעראַטור אין אַ באַשטימטער מאָס אַוועק אויף דעם דרך.

אַ. לעיעלעס־גלאַנץ איז אויך אַקטיוו אין דער יידישער געזעל־שאַפטלעכקייט, אין יידישער קולטור־בויאונג. ער איז אין אַוואַנגאַרד אין קאַמף פאַרן יידישן לשון, פאַר וועלטלעכקייט אין יידישן נאַציאָנאַל־קולטורעלן לעבן.

— איך בין פאַרבליבן עד־היום — זאָגט ער מיר — אַ הייסער חסיד פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אידייע. מיר זיינען אַ גרויס וועלט־פאָלק. יידיש לשון איז אַזאַ גרויסער פאָלקס־אוצר, אַז דאָס פאָלק קאָן גאָר אָן אים ניט לעבן. איך בין פאַר דער וועלט־באַפרייענדיקער נאַציאָנאַלער אידייע פון מיינע יונגט־יאָרן אין לאָדזש עד היום הזה!

ער זעט ניט קיין מחיצה צווישן זיין פּאָעזיע און פּובליציסטיק. ער שרייבט ניט מיט צוויי הענט, נאָר מיט איינער. אַז טשווירטשיל קאָן קריגן דעם נאָבעל־פּרייז פאַר ליטעראַטור, איז עס אַ גוטער באַ־ווייז פאַר דער שייכות צווישן ליטעראַטור און אידייע, נישט בלויז סטיל.

— איך געהער צום אַרבעטער־רינג — זאָגט ער מיר — איך געהער צום קולטור־קאָנגרעס, איך שרייב פּובליציסטישע אַרטיקלען, איך שרייב לידער, עסייען, דראַמעס, און איך פיל מיך ווי איין מענטש. איך ליג ניט אין באַזונדערע קעסטלעך. ער געפינט אין זיך איין שנור פון ווירקונגען — פון די נביאים ביז וואָלט וויטמאַן, ביז עדגאַר עלען פּאָ, ביז י. ל. פּרץ.

ער איז פּרצעס אַ חסיד. פּרץ איז זיין אינספּיראַטאָר.

— אין פּרצעס נשמה ציען זיך קאַנאַלן פון ארץ־ ישראל ביז זאַמאָשטש, פון שפּאַניע ביז פּוילן. פּרץ האָט געהאַלטן, אַז אַ דער־וואַקסענער מענטש גדענקט טאַקע זיין קינדהייט, ער קאָן אָבער דאָך ניט ווערן צוריק אַ קינד.

ער רעדט וועגן פּרצן אַזוי:

— ער איז געווען דער גרויסער אָנהויבער פון אַ נייעם נוסח אין דער יידישער ליטעראַטור. ער איז געווען ניי מיט זיין סטיל, מיט זיין פאָרם, מיט זיין באַציאונג צום פאָלק, צו די פאָלקס־ קוואַלן, צום פאָלקס־לשון.

ער דערציילט מיר וועגן זיינע סטודענטן־יאָרן אין לאָנדאָן, וועגן זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. — „מיין פאָלק געהערט צו די אָרעמסטע שבאָרעמסטע, און מיין פלאַץ איז בתוך עמי...״ — ער האָט געהאָלפן גרינדן יידישע שולן אין שיקאַגע, טאָראָנטאָ, סיו־סיטי, ניו־יאָרק. נאָך אין 1910 איז אים אויסגעקומען צו פירן אַ קאַמף מיט בער באָראָכאָוון אויף אַ שול־קאָנפערענץ, וואו ער, באָראָכאָוו, איז געווען גרייט איינצוגיין, אַז העברעאיש זאָל דאָמינירן אין שול: „גיט ניט אָפּ לייכט אַ פּאָזיציע. וועט איר נאָכגעבן די העברעער, וועט יידיש פארלירן לחלוטין״.

— מיר האָבן געשלעפּט יידישע קינדער פון דער גאַס צו לערנען מיט זיי יידיש אין אַ יידישער שול אין ניו־יאָרק, אויף הענרי סטריט, אין טאַמאַס דייווידסאָנס הויז... דאָס איז נאָך געווען אין 1910 — דערמאָנט ער זיך.

ריידן מיר וועגן דער אַסימילאַציע־כוואַליע פון די לעצטע דרייסיק יאָר, זאָגט ער אַזוי:

— איך פארמאַך ניט די אויגן, איך זע וואָס אַלע זעען, אָבער דאָך בין איך אַ מאמין אין נצחון פון יידיש...

עס האָט געקאָנט — לויט זיין מיינונג — זיין אַ פראַגע וועגן אונטערגאַנג פון יידיש, ווען מיר האָבן נאָך ניט געהאַט קיין יידישע ליטעראַטור, אָבער ניט היינט. אַ נאַציאָנאַלע ליטעראַטור איז גע־גליכן צו אַ טייך, וואָס אָט פאַלט ער אַרונטער און אָט שטראָמט ער ווייטער. אַזוי וועט אויך זיין די מערכה פון יידיש און פון דער יידישער ליטעראַטור.

— מיינט איר — טענהט ער, — אַז די נייע העברעאישע ליטעראַטור איז שוין אַ ליטעראַטור? — עס האָט גענומען די ענגלענדער דריי הונדערט יאָר ביז זיי האָבן פון זייער ניי־געשאַפענער שפּראַך געקאָנט שאַפן ליטעראַטור. במשך איין הונדערט יאָר האָבן מיר געשאַפן, געזאַמלט, קאָנצענטרירט, מיר האָבן באַוויזן צו פאַר־בינדן דעם גורל פון יידיש מיטן גורל פון יידישן פאָלק. מע זאָגט שלעכטע נביאות? — מ׳האָט שוין געזאָגט און מ׳וועט נאָך זאָגן שלעכטע נביאות. לאָמיר ניט נתפּעל ווערן פון דעם.

ער קען די פּאָעזיע פון ענגליש, פראַנצויזיש, דייטש, רוסיש, און ער האַלט דאָך, אַז די היינטיקע יידישע פּאָעזיע איז וואַגיקער, פול מיט תוכיקן יש. זי האָט מער האַפט ווי אַנדערע פּאָעזיעס.

— טויזנט מאָל מער...

— עס הערשט אַ שטילקייט? — עס איז איצט אַ מוראדיקע שטילקייט אומעטום, און ניט נאָר ביי אונדז. אָבער גיט אַ קוק, וואָס איז ביי אונדז געוואָרן אין אַ קורצער צייט. זיינען משה לייב

האַלפּערן, מאַני לייב, ה. לייוויק און אַ סך אַנדערע אַראָפּגעפאַלן פון הימל? דאָס האָט דאָס יידישע וואָרט, דאָס נאַציאָנאַלע בלוט אין אים, זיי געבוירן און אויסגעכאַוועט.

— ווען מיר נעמען די יידישע פּאָעזיע און פאַרגלייכן זי צו דער פּאָעזיע פון אַנדערע פעלקער, איז עס אַזוי, ווי מע זאָל פאַרגלייכן אונדזער תנ״ך צו די שאַפונגען פון אַנדערע פעלקער.

ער באַצייכנט עס אַזוי:

דורך דער יידישער פּאָעזיע רעדט דאָס טיפסטע יידישע געמיט. עס האָט געזאָגט יהודה הלוי, אַז די יידן זיינען דאָס האַרץ פון דער וועלט. די יידישע ליטעראַטור איז היינט דאָס האַרץ פון יידישן פאָלק.

ער זאָגט מיר, אַז דעם גלויבן אין יידיש וואָלט ער גאָרניט געקאָנט לעבן. ער איז אַ מאַמין אין יידישן קיום. ער איז אַ מאַמין אין עוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם, ווי די איינציקע לייזונג פאַר די וועלט־פּראָגעם. ער גלויבט אין אַ סאָציאַליזם, וואָס דער צענטער אין אים איז דער מענטש.

— איך נעם ניט אָן — זאָגט ער — פאַרן יסוד פון יידישן קיום אין אונדזער תקופה די רעליגיע. אויב מיר קאָנען ניט באַגרינדן אונדזער יידישקייט אין אַמעריקע אויפן נאַציאָנאַל־קולטורעלן יסוד, איז שלעכט. אַן „אַמעריקאַנער פון יידישן גלויבן" מיינט פּאַקטיש — גאָרנישט. דאָס איז אַ נאָנסענס. אַמעריקע וויל גאָרניט, אַז אַלע יוונים זאָלן האָבן איין פּנים, זי וויל פאַרשיידנאַרטיקייט.

— זעט איר ניט אַלע אונדזערע דורכפאַלן? — שפּאַר איך אים צו דער וואַנט.

— אויב אַ וויכטיקע אידייע — ענטפערט ער — זאָל ווערן אוים אידייע צוליב אַ דורכפאַל, איז זי ניט געווען קיין וויכטיקע אידייע. ניין, אַ וויכטיקע אידייע ווערט ניט אוים צוליב אַ צייטווייליקן דורכפאַל. עמוס איז געווען אַ פּאַסטעך אין אַ קליינעם, אומבאַקאַנטן יהודה־דאָרף תקוע, האָט ער פאַרלאָזן זיין סטאַדע. באַוועגט פון אַ גרויסער אידייע, אַוועק צום עיר המלכות בית־אל און דאָרטן געפּאָדערט גערעכטיקייט. האָט ער דורכגעפירט זיין אידייע? ניין! איז דורך דעם קלענער געוואָרן זיין גרויסקייט? — ניין! און, אַגב, האָט דען געקאָנט גאָר טראַכטן דער פּאַסטעך פון דאָרף אין יהודה, אַז מיט צוויי טויזנט יאָר שפּעטער וועט מען אים לייענען מיט טיפסטן אינטערעס, אַז פון זיין קוואַל וועט שטראָמען פאַר אַלע דורשטיקע.

ער איז שטאָלץ מיט זיין פאָלק ישראל:

— מיר זיינען געווען אַ פאָלק אין דער וועלט, אַ וועלט־פאָלק. מיר האָבן געוואוינט און געלעבט צווישן אַזויפיל פעלקער, געזען

אזויפיל שלעכטס און אויך גוטס. מיר זיינען א פאלק פון וועלט־דערפארונג, פון מענטש־קענטשאפט.

— וואס איז אייער מיינונג וועגן מדינת־ישראל נאך יארן פון מדינה־דערפארונג ? — פרעג איך אים.

— איך גלויב אין ארץ ישראל — זאגט ער — ווי די קרוינונג פון שטענדיקן באגער נאך נאציאנאל־קולטורעלער זעלבסט־באהויפטונג, בא־יאאונג. מיר, יידן, אין די תפוצות, קאנען א סך געבן די יידן פון מדינת ישראל. מיר קענען גוט דאס רשעות פון אלע פעלקער, וואס האט גערעדט צו אונדז אויף זיבן הונדערט שפראכן, און מיר גלויבן אין גאולה. מיר האבן געזען אין דער וועלט אזויפיל שלעכטס און דאך גלויבן מיר אין גוטס, כי טוב !

— ווער זיינען אייערע נאענטסטע שרייבער אין דער אמעריקא־נער ליטעראטור ? — פרעג איך אים.

— די נאענטסטע צו מיר אין דער אמעריקאנער ליטעראטור — זאגט ער — זיינען עדגאר פאו און וואלט וויטמאן... וואלט וויטמאן האב איך א סך געלייענט אינאיינעם מיט מיין פרוי, עליה השלום. איך פלעג פארשיכורט ווערן פון וויטמאנען, אזוי ווי אריינפאלן אין זיין ניאגארא וואסערפאל. איך פלעג דעמאלט אין מיטן דערינען ארויפלויפן אויף דער גאס, זיך באפרייען א ביסל פון דער שיכרות.

— פארוואס פאו ? — פרעג איך ווייטער.

— ער האט פארמאגט אין זיך א וואונדערלעכע מוזיק — די עסענץ פון יעדן ליד. אין אנהייב פון יעדן ליד איז דער ניגון, וואס לכתחילה באמבלט ער אין דיר. היינריך היינע האט ניט געקענט די ענגלישע שפראך, דעריבער האט ער געזאגט, אז ענגליש איז א הויפן ווערטער אין מויל, וואס מען שפייט ארויס. דאס איז ניט ריכטיק, פון דער ענגלישער שאפונג שלאגט ארויס א וואונדערלעכע מעלא־דישקייט.

ריידנדיק וועגן מעלאדישקייט, זאגט ער מיר :

— איך דערמאן זיך דעם ניגון פון מיין באבעס צאינה וראינה. עס קאן זיין, מיין באבעס ניגון האט געשאפן אין מיר די פארליבטקייט אין ניגון.

— וויטמאן איז געווען א מעכטיקער דיכטער, א פאעטישער שמשון הגבור. ער האט א נעם געטאן אין זיינע מעכטיקע הענט די זיילן פון טעמפל אמעריקע. ער האט זיי נישט צעשאקלט, נאר הויך א הייב געטאן אין די אויגן פון דער וועלט. ער האט געזען בחוש ווי אמעריקעס דעמאקראטיע מארשירט פאראויס דער מענטשהייט. איך הער דעם רויש פון ים דורך וואלט וויטמאנען.

— איר זאָגט, איר הערט היינט נאָך דעם רויש פון אַמעריקאַנער ים דורך וואָלט וויטמאַנען, וועלן אַזוי הערן אייערע קינדער, אייניקלעך און אור־אייניקלעך דעם רויש פון אונדזער ים דורך יידישער ליטעראַטור? למי אתה עמל?...

ער ווערט אַ ביסל פאַרטראַכטער, שטילער:

— קיין שרייבער זאָגט ניט קיין הונדערט־חלק פון דעם וואָס ער וואָלט געוואָלט זאָגן. ער גרייכט קיינמאָל ניט וואוהין ער וואָלט געוואָלט גרייכן. ער איז אַ טראַגישער מענטש. מע איז אָפּט אַליין, איינזאַם. לייענער, וואו זיינען די לייענער? ווער האָט דעם לייענער? שמר האָט געהאַט ביי יידן לייענער. שלום־עליכם האָט אויך געהאַט לייענער, אויב עס האַנדלט זיך וועגן מאַסן־לייענער. נעמט פּרצן — בלויז אַ מינאָריטעט פון דער אינטעליגענץ האָט אים אויפגענומען. נאָך דער אינטעליגענץ זיינען געקומען די באַוואוסטזיניקע אַרבעטער. בנוגע דעם ענין לייענער בין איך גרייט צו זיין אַ מיסטיקער. איך ווייס, אַז קיין יש ווערט ניט פאַרלאָרן, אויב עס איז נאָר אַ יש.

ער קאָן ניט פאַרגעסן דעם „אין זיך":

— ווען מיר זיינען אַרויסגעקומען מיט „אין זיך" — זאָגט ער — האָט מען אונדז אַטאַקירט, געזידלט, גערופן אַקראָבאַטן, קאָמעדיאַנטן, משוגעים. מ'האָט געזאָגט, מ'דאַרף אונדז אָנטאָן צוואַנג־יאַקעס, שיקן אין משוגעים־הייזער. זיינען נאָך דעמאָלט געקומען בעל־מחשבות, נחום שטיף, מ. עריק און געזאָגט אַ גוט וואָרט וועגן יענע „משוגעים" כלומרשטע ווענט־קריכער. מיט דער צייט האָט מען גענומען אונדז פאַרשטיין, אָנערקענען. „אין זיך" האָט זיך אַריינגעפלאַנצט אין דעם ליטעראַטור־נוסח. אפילו אין דער ארץ־ישראלדיקער יידישער פּאָעזיע זע איך היינט השפעות פון „אין זיך" — מענדל מאַן, רקודה פּאָטאַש, ה. בנימין. די השפעה איז אַריבער איבער ימים. גיסט אַ קלאַפּ, און עס טראָגן זיך אַוועק זיבן און זיבעציק עכאָס, וואַרפסט אַריין אַ שטיינדל אין ים, און עס וויברירן כוואַליעלעך.

די יידישע ליטעראַטור איז עלנט? מען רעדט וועגן דער פאַרווינקלקייט פון דער יידישער פּאָעזיע? — ער איז פול מיט בטחון אין דער צוקונפט. נאָך יאָרן אָפּגעפרעמדקייט פון יידישן לשון האָט ישראל זאַנגוויל געזאָגט, אַז ער באַדויערט, וואָס ער קאָן ניט שרייבן קיין יידיש. נאָך יאָרן שפּלער מערכה פון די יידן אין די קאַפּאָטעס און פּיאות איז געקומען היינע און האָט געזאָגט, אַז די פּוילישע יידן זיינען העכערע, בעסערע יידן ווי די, וואָס דייטש איז זייער שפּראַך. דער הויכריכטער בראַנדאַיס האָט געזאָגט, אַז דער גייסט פון יידישקייט איז דער גייסט פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע.

זאָג איך אים, אַראָפּגייענדיק פון באַרג אין טאָל:

— איך וועל אייך פרעגן וועגן אַ דעליקאַטן עניין. איר מוזט ניט ענטפערן. איך מיין די טענה צווישן יידישע שרייבער וועגן מעשה „קליקע". עס זאָל זיין אַ מין „טראַיקע", אַ יד־אחת צווישן אייך, לייוויקן און אָפּאַטאָשון — אַלע פאַר איינעם, איינער פאַר אַלע. ווילט איר עפּעס זאָגן וועגן דעם?

— אדרבא. בכבוד גדול, איך האָב שוין עטלעכע מאָל געוואָלט אַרויסטרעטן וועגן דעם עפּנטלעך. איך טו דאָס איצט מיט פולער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. עס איז שקר וכזב! ניטאָ קיין יד־אחת און ניטאָ קיין „קליקע"! עס איז רכילות, עס איז אַ בייזוויליקער בלבול! מיר דריי זיינען אַזעלכע פאַרשיידענע מענטשן. כ'בין איינער כלומרשט פון די, וואָס ווילן נישט צולאָזן? איך פריי זיך מיט יעדן נייעם טאַלאַנט. איך האָב אין מיין לעבן געהאָלפן אַרויסקומען נייע, יונגע טאַלאַנטן. איך האָב זיך דער ערשטער צעשפּרייט און אָנגעזאָגט די בשורות וועגן חיים גראַדע, וועגן אברהם סוצקעווערן, רייזל זשיכלינסקי, מאַלאַשאַ מאַלי. דאָס אייגענע מיינע חברים.

ער דערציילט מיר וועגן אַ לאַנג־יאָריקער פריינדשאַפט צווישן די משפּחות י. אָפּאַטאָשו, ה. לייוויק און אַ. גלאַנץ, וועגן אָפטער בשותּפותדיקער קולטור־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, אָבער אין דער זעלבער צייט זיינען זיי ניט מסכּים צווישן זיך וועגן וויכטיקע ענינים. ער איז אויפגערעגט אויף דער „קליקע"־באַשולדיקונג:

— איך שווער אייך ביים הייליקסטן, ניטאָ אַזאַ זאַך ווי „קליקע". עס איז שוא־ושקר!

קומען מיר פון די „נאָענטע משפּחות" צו אייגענע קינדער.

— זיינען אייערע קינדער יידישע יידן? — פרעג איך אים נאָך אַ דעליקאַטע פראַגע — פאַרשטייען זיי יידיש?

ער ענטפערט מיר אויף דעם מיט שטאָלץ און זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט:

— מיינע קינדער זיינען יידישע מענטשן, ריידן און שרייבן יידיש גאַנץ נאַטירלעך.

נעמט ער אַרויס דעם לעצטן בריוו פון זיין זון, הערשל, פון וואַשינגטאָן וועגן דעם בר־מצווה פון זיין אייגענעם זון:

„בלייבט די פראַגע — שרייבט ער צו זיין טאַטן אין יידיש, — צי זאָל מען מאַכן די בר־מצווה אין שול? מען וועט דאָס דאַרפן מאַכן אין יידיש, ווייל העברעאיש האָט זיך צו אים ניט צוגעקלעפּט. די קינדער פון שול־קלאַס וועלן זיך אויך דאַרפן באַטייליקן. דער

דירעקטאָר פון דער שול מ. בזשאָזע זאָגט, מע קאָן אָראַנזשירן אַ פּייערונג פון אַ וועלטלעכער בר־מצווה".

אין פאַרלויף פון די שעהען פון אונדזער שמועס זיינען דורכ־געגאַנגען אין צימער קינדער־יאָרן, יוגנט־יאָרן, בחור־יאָרן, יאָרן פון גרויסע דערפאַרונגען, איבערלעבונגען, אָפּקלאַנגען פון שטרייטן, קאַמפן. עס זיינען דאָ אויפגעקומען די פּראָבלעמען פון יידישן קיום, פון דער יידישער ליטעראַטור, פון דער יידישער שפּראַך, פון ארץ־ישראל און גלות. עס זיינען געקומען אויפן זכרון חלומות, האָפענונגען, עס האָבן זיך געהערט אָפּקלאַנגען פון קינדער און אייניקלעך. אומעט, אלמנות, איינזאַמקייט...

מיר זיינען געוואָרן מיד און שטיל.

פון וואַנט קוקט אַראָפּ דער טאַטע, עוזר־זלמן גלאַנץ, מיט זיין גרויסן למדנישן שטערן, מיט זיין ווייסער באָרד. פון דער זייט קוקט דאָס בילד פון דער שיינער טאָכטער דינה, דער וויטער אָפּ־שטאַם פון תוספות יום־טוב. אויפן טיש ליגט דעם איידעמס, שאול לעוויטס, ענגליש בוך „דהי סאָן איז סאַילענט", אַרויסגעגעבן פון גרויסן ענגלישן פאַרלאַג „האַרפּער בראָדהערס". עס קוקן אַראָפּ די בילדער פון מנחם, אַפּאַטאַשו, לייוויק, סוצקעווער. אויפן טיש האָט, זיידעמעסיק, אַ. גלאַנץ־לעיעלעס אַרויסגעלייגט בילדער פון זיינע אייניקלעך. איך מיש אויף די ערשטע זייט פון זיין בוך „די מעשה פון די הונדערט", און איך לייען אויפן שער־בלאַט אַ צושריפט אין יידיש, געשריבן מיט דרייסיק יאָר צוריק:

„צו מיין ליבן הערין, צו לייענען איצט און נאָך מער שפּעטער, ווען ער וועט דאָס פאַרשטיין בעסער". דאָס בוך ליגט דאָ, אויף אונדזער טיש. דער זון איז אין וואַשינגטאָן. דאָס אייניקל גרייט זיך צו אַ יידיש־וועלטלעכער בר־מצוה.

— מיר שרייבן זיך צונויף מיטן זון אויף יידיש. — שטאָלצירט ער — מיר קאָרעספּאָנדירן וועגן תוך־זאַכן.

אונדזער שמועס איז געענדיקט. שטיל זיינען די הונדערטער ביכער אויף די פּאָליצעס. עס שווייגט אומעטיק די ליידיקייט אין די גרויסע צימערן. קוקט ער אויפן בילד פון זיין אייניקל און זאָגט מיט האָפענונג:

— אויב איך וועל דערלעבן, וועט מיין אייניקל, דינהס און שאולס זון, אויך ריידן יידיש.

י. י. טרונק

י. י. טרונק האָט שוין דערגרייכט

צו זיין סיום־ספר „פוילן". דער 7טער און לעצטער באַנד איז שוין פאַרטיק פון דרוק. אין פאַרבינדונג מיט דעם האָבן מיר אָפּגערעדט צו פאַרברענגען אַ פּאָר שעה און אַ ביסל זיך דורכשמועסן.

— ביי מיר אין הויז — האָט ער מיר געזאָגט — וועט איר שוין זען אויך מיין דירה.

איך האָב זיך דערמאָנט זיין גביריש הויז אין לאָדזש, זיין פּריצישע דירה אויף באַגאַטעלע אין וואַרשע, זיין אַריסטאָקראַטישע ווילע אויף די לאַזשענקעס אין וואַרשע. איז רעכט איצט צו פאַר־ברענגען אין זיין ניו־יאָרקער דירה. ער האָט מיר געגעבן די גענויע אָנווייזונג:

— דער באַס נומער 4 וועט אייך צופירן ביז מיין דירה — 707 וועסט 171טע סטריט, אַפּאַרטמענט 3 בי. איר וועט דאַרפן אַרויפגיין צופוס אויפן דריטן שטאָק, — ניטאָ ביי מיר קיין עלע־וויטאָר, אויב איר האָט כוח צו גיין.

— און איר האָט כוח? פרעג איך אים.

— איך גיי פּאַמעלעך און רו מיך אָפּ עטלעכע מאָל.

— נישקשה, איך וועל גיין — זאָג איך אים. — מיר זיינען דאָך אַלטע חברים. אייער טאָכטער און מיין זון האָבן זיך דאָך געגרייט צו איין אוניווערסיטעט אין וואַרשע.

— שוין הונדערט יאָר אַוועק — זאָגט ער.

צו דער אָפּגערעדטער אָנהייב־אָוונט־שעה בין איך געווען ביי זיין מיר. ער איז געשטאַנען ביים אַריינגאַנג אין אַ טוכענעם, אַלט־רביאישן, שטוב־ראָק, פאַרוויקלט אין אַ גאַרטל. געגעבן שלום־עליכם מיטן אמתן חן פון פרום־יידישן הכנסת אורחים. ער איז געווען צופרידן צו האָבן אַ היימישן גאַסט אין זיין הויז — קליינע, פאַר־איינזאַמטע דריי צימערלעך.

— לאָמיר פריער זען אייער דירה.

שטיל, ציכטיק, באַשיידן. ער וואוינט דאָ אַליין, פירט זיין באַלעבאַטישקייט אַליין. אַ שלאָף־צימער, אַן ארבעטס־צימער, אַ קיכל. — אומעטום איז ער אַליין דער באַלעבאָס. זיין עלעקטראָ־לוקס ליגט אונטערן טישל אין קיך. אַליין רייניקט ער מיט אים זיין שטוב. אין זיין קיכל אויף אַ געהעריקן הענגער הענגט אַן אויסגעוואַשן טישטוך. ער טריקנט זיך. — טרונק וואַשט אַליין.

קוק איך אַריין אין זיין פרידזשידער: 4 אָרענדזשעס, אַ פּושקע מילך, אַ פּאָר אייער — ריין, אָרדענונג און ליידיק.

באַקען איך זיך מיט זיינע מעבל אין די צוויי צימערן. אַ נידעריק, אָריגינעל, הילצערן בעטל — אַ מוזיי־בעטל. געקויפט אין אַן אַנטיק־קראָם. באַצאָלט 8 דאָלער. אַ כינעזיש טישל — באַצאָלט 5 דאָלער. אַזוי אַ שטול, אַ בענקל.

אויף די ווענט — קליינע אַנטיקן. אַ שמאָל לייכטערל — אין וואַרשע, אויף שווענטאַ קזשיסקע גאַס, אין די אַנטיקן־קראָמען, וואָלט מען פאַר דעם באַצאָלט אַ מאַיאָנטעק, אָבער דאָ, אין ניו־יאָרק, אויף דער באַוערי, האָט ער באַצאָלט פאַר דעם איין דאָלער. אַן אַלטער שול־לייכטער הענגט אַראָפּ פון סופּיט. ער האָט אים געפונען אין אַן אַלטוואַרג־קראָם. געווען פאַרזשאַווערט. אַמעריקאַנער קויפן ניט קיין פאַרזשאַווערטע חפצים. עס דאַרף זיין ניי, עס דאַרף גלאַנצן. האָט ער אים געקויפט פאַר אַ שבוש. אָפּגערייניקט עס, און עס הענגט אינמיטן שטוב דער יקר המציאות.

אַ פּאָר מאָלערישע בילדער אויפן וואַנט. — אָט רייט אַ פּרינצעסין אויף אַ העלפאַנט. אָט שטייט אַ ייד און דאַוונט. אָט איז אַ מאָלערשע אילוסטראַציע צו י. י. טרונקס „בעלעמער חכמים", מיט אַן אונטערשריפט: „פּייוויש האָט זיך גאָרניט געהידושט פון ר' לייבושעם חכמה". אָט איז „ר' חייקל מיטן שטעקן". אויף אַ צווייטער וואַנט — אַ רעפּראָדוקציע פון מיקעל אַנדזשעלאָ.

טרונק זעט, אַז איך קוק אויף זיינע פּאָדלאָגעס, וואָס גלאַנצן פון ריינקייט.

— איך וואַש זיי אַליין — דערציילט ער מיר.

ער האָט זיין צייט „אָרגאַניזירט". די און די האַלבע שעה רוימט ער זיין דירה. די און די שעה קאָכט ער קאַווע. די און די שעה וואַשט ער. די און די שעהן שרייבט ער.

— איך בין געווען אין שיקאַגע — דערציילט ער מיר — און געוואוינט ביי אַ פריינד. גאָרניט געטאָן אין הויז. האָט עס מיר געפעלט.

זיין אַרבעטסצימער האָט פּאַליצעס מיט ביכער, אַ טיש, אַ שטול, אַ ביסל בילדער אויף די ווענט, 4 אַלט־יידישע שבת־לייכטער, אַ פּאָר טונקעלע מעטאַל־פיגורן פון אַ נעגער, אַ נעגערטע, אַ בילד פון י. ל. פּרץ, אַ בילד פון זיין פאַרשטאָרבענער פרוי, חנה, עטלעכע בילדלעך פון זיין טאָכטער, וואָס וואוינט אין פּוילן.

— און ווער איז דאָס? — פרעג איך אים, אָנווייזנדיק אויף אַ בילד.

דאָס איז מיין באָבע חיה, מיין מאַמעס מאַמע.

זי שטייט מיט אַ ספר אין האַנט, מיט אַ שייטל אויפן קאָפּ. אַזעלכע טיפּישע פּויליש־יידישע באָבעס וועלן שוין מער ניט זיין.

— אונדזער סטרוזש פון לאָדזש האָט געפונען דאָס בילד נאָכן חורבן, און עס אָפּגעשיקט צו מיר.

אויף אַן אַנדער וואַנט הענגט דעם פראַנצויזישן מאָלער מאַטיסעס אַ בילד — אַ האַלב־נאַקעטע פראַנצויזקע. אויף איר איז גאָר אָסור צו קוקן.

י. י. טרונקס יחוס איז אונדז גוט באַקאַנט. פאַרשפּאָרן מיר וועגן דעם צו ריידן אויספירלעך. מיר ווייסן, אַז יחיאל ישעיה טרונק איז אַן אור־אייניקל פון דעם גרויסן גאון און צדיק ר׳ שיעלע קוטנער. זיין זיידע, ר׳ משה פּנחס, איז געווען קוטנער רב. זיין טאַטע חיים־אברהם איז געווען אַ גרויסער למדן און אַן איידעם פון אַ שווער, וואָס האָט געלאָזט אַ ירושה אַ פּאָר מיליאָן רובל. זיין פרוים טאַטע — אַ פּריוועס פון וואַרשע, פון גזשיבאָווסקע גאַס. ווער עס וויל וויסן מער, קאָן עס געפינען אין זיין „פּוילן".

— וואָס איז, לויט אייער מיינונג, אייער בעסט ווערק? — האָב איך אים געשטעלט די פראַגע.

— איך וויל טאַקע וועגן דעם ריידן. איך קאָן אָבער ניט טראַכטן און ריידן זיצנדיק.

וועט ער אַ ביסל אַרומגיין, אַרומלויפן איבערן צימער, צופּן יידישלעך זיין גרוי בערדל, זיך שאָקלען בשעת מעשה חסידיש, פאַרמאַכן די אויגן, אַריינטראַכטן זיך טיפער, אָנכאַפּן דעם גערדאַנק ביים קאָפּ, און ערשט דעמאָלט אַרויסשיסן.

— איך האַלט — זאָגט ער, — אַז אַן אמתער שרייבער שרייבט נאָר איין ווערק אין זיין לעבן. דאָס ווערק איז — קבלהסטיש געזאָגט — זיין נקודה, זיין עיקר, וואָס „באַדערט" אים. אַלע פריערדיקע ווערק זיינען נאָר צוגרייטונגען, צוגאַנגען צום עיקר. אַלע שפּעטערדיקע ווערק זיינען נאָר אויסשטראַלונגען, אויסשפּירונגען, אָן דעם

עיקר־ווערק, אָן דער נקודה, וואָלטן ניט געהאַט קיין שום באַטייט די פריערדיקע און די שפּעטערדיקע ווערק.

ער ברענגט דערביי ביישפּילן פון דער גרויסער וועלט־ליטעראַטור. ער האַלט, אַז זיין הויפּט־ווערק איז דאָס בוך וועגן שלום־עליכמען.

— אין דעם בוך — זאָגט ער — האָב איך אַרויסגעבראַכט מיין יידישע וועלט־אַנשויאונג, מיין קאָסמישע וועלט־אַנשויאונג. אָן דער שלום־עליכם־באַזע וואָלט מיר געווען אוממעגלעך צו שרייבן מיין „פּוילן”.

ענטפערנדיק אויף עטלעכע מיינע פראַגעס, קומט ער צו אַזאַ אויספיר:

— איך האַלט מיך ניט פאַר קיין מייסטער. ווי געזאָגט, האָב איך געשריבן נאָר איין בוך — וועגן שלום־עליכמען. יעדער אָר־גאַנישער שריפטשטעלער האָט געשריבן נאָר איין בוך. דער, וואָס האָט געשריבן צוויי ביכער, מיינט עס, אַז ער האָט ניט קיין עיקר, קיין באַזע. ער איז אַ פּוסח על שתי הסעיפים.

— שלום־עליכם אַליין? — פרעג איך אים, כדי אָפּצופרעגן זיין געדאַנק.

— שלום־עליכם — ענטפערט ער מיר שאַרף, מיט היץ, צו־מאַכנדיק און עפענענדיק די אויגן. — ער האָט געשריבן נאָר איין בוך. מנחם־מענדל און טוביה זיינען איין בוך. דעריבער דערקענט מען אַזוי שלום־עליכמען. ווען אַ שרייבער שרייבט איין בוך, דער־קענט מען אים. אויב מע דערקענט אים ניט, הייסט עס, אַז ער איז אַלעמאָל אַן אַנדערער. ער איז שוין פאַרדעכטיק.

— וואָס מיינט איר — פרעג איך אים — איז דער סאַמע עיקר פון שלום־עליכמען? זאָגט מיר די גאַנצע תורה אויף איין פוס.

— שלום־עליכם — ענטפערט ער מיט פאַרטיפונג, אַרויס־שלעפנדיק דעם רעיון ווי אַ שווערן, פולן עמער פון אַ טיפן ברונעם — ער האָט דער ערשטער אַנטדעקט דאָס דינאַמישע וועזן פון דער יידישער געשיכטע אין פּשוטע יידישע מענטשן. דורך דעם האָט ער אָנגענומען די יידישע געשיכטע פאַר איר באַזע.

ער גייט איבער צו זיך אַליין, און זאָגט:

— ווייל איך בין זייער באַאיינפלוסט פון דער יידישער גע־שיכטע, ווי אַ וועלט־געשיכטע, דעריבער פיל איך מיך שטאַרק אונטער שלום־עליכמס איינפלוס.

— עס שיינט מיר — זאָג איך אים, — אַז דער לייענער האָט אַן אַנדער מיינונג וועגן אייערע ווערק. ער האַלט גאָר, אַז אייער הויפּט־ווערק איז „פּוילן”.

— איך ווייס בעסער ווי מיינע לייענער — ענטפערט ער מיר צוריק שאַרף — דער עולם ווייס ניט וואָס מיר דריקט ביים קנעפּל. גייען מיר אַריבער צו זיין „פּוילן".

— די פּוילישע יידן זיינען געווען פון אונטן ביזן סאַמע אויבן — זאָגט ער — פון דער מאַסע ביז די שפּיצן, אַ געוואַלדיקער איינס, אַ גייסטיקער איינס אין דער יידישער געשיכטע. מיר האָבן עס דאָך אַליין געזען. מיר איז געגאַנגען אין שילדערן די אינער־לעכקייטן און אויסערלעכקייטן פון דער היסטאָרישער תקופה „יידן אין פּוילן". איך האָב געוואָלט געבן די תקופה אין אַלע אירע שאַ־טירונגען — דאָס ליכט און דעם שאָטן, דאָס טראַגישע און קאָמישע, דאָס העראָאישע און לעכערלעכע, דאָס פּחדנישע און מוטיקע. איך האָב ניט קיין שום אַמביציע צו האָבן עס אויסגעשעפּט.

ער זאָגט מיר, אַז ער האָט געזען די פּוילישע יידן אין אַספּעקט פון אים אַליין, פון אַזאַ פּוילישן ייד ווי ער. „פּוילישע יידן — דאָס איז אַזאַ רייכקייט, אַזאַ אוצר, וואָס איין מענטש קאָן עס ניט אַרויסברענגען. ער קאָן נאָר אַרויסברענגען אַ טייל."

— אויב עס איז אייך געגאַנגען אין פּוילישן יידנטום — פרעג איך אים — פאַרוואָס האָט איר אַרויסגעבראַכט נאָר צוויי יידן, צוויי מינים יידן — דעם פרומען און דעם בונדיסט? וואו זיינען די אַנדערע יידן?

— אָט דאָס טאַקע — זאָגט ער מיר — האָט מיך אַמאָל געהאַט געפרעגט אַ חשובער ציוניסט. ער האָט געזאָגט, אַז איך בין ענג פאַרטעאיש, וואָס איך האָב ניט אַרויסגעבראַכט די ציוניסטישע באַוועגונג.

— וואָס־זשע האָט איר אים געענטפערט? — פרעג איך.

חזרט ער פאַר מיר איבער דעם ענטפער, וואָס ער האָט געגעבן דעם „חשובן ציוניסט":

— דאָס פּוילישע יידנטום איז געווען ווי אַ פּיראַמידע. גע־טריבן געוואָרן אַלץ העכער און העכער דורך דער אָרטאָדאָקסיע, דורך די מחנות חסידים, למדנים. אָבער אין דער לעצטער, מאָדערנער צייט איז געקומען אַ גרויסע ענדערונג. דאָס אָרט פון די מחנות חסידים און למדנים האָבן פאַרנומען די בונדיסטן. דער „בונד" האָט געוואָלט די ווייטערדיקע שטייגונג פון דער פּיראַמידע, איר ווייטער־דיקע אַנטוויקלונג, און ער האָט עס געוואָלט פאַרבינדן מיט דעם ווייטערדיקן גאַנג פון דעם מאָדערנעם מענטשן.

— און דער ציוניזם? — פרעג איך אים ווייטער און שטופּ אים צו צו דער וואַנט.

— ער האָט דאָך געזאָגט, אַז די פּיראַמידע אין פּוילן טויג ניט. ער האָט דאָך געוואָלט זי אומשיכטן, אַריבערטראָגן. ער האָט די פּיראַמידע מבטל געמאַכט. דעריבער גייט ניט אַריין דער ציוניזם אין דעם סכום פון מיין אַרבעט „פּוילן". די ציוניסטן האָבן דאָך געזאָגט, אַז יידן אין פּוילן טויגן ניט.

לאָז איך אים ניט אָפּ און פרעג ווייטער:

— דער ציוניזם האָט דאָך ניט געזאָגט, אַז דאָס יידנטום טויג ניט, אַז די פּיראַמידע טויג ניט, נאָר, אַז דער באָדן טויג ניט, אַז מע דאַרף די פּיראַמידע אַריבערטראָגן אין ארץ־ישראל.

ער וויל פון דעם ניט הערן. ער האַלט, אַז זיי האָבן מבטל געמאַכט די פּיראַמידע. זיי האָבן זי געהאַלטן פאַר גלות. אַי, עס איז געקומען היטלערס קאַטאַסטראָפע, די וועלט־קאַטאַסטראָפע — פרעגט ער זיך, און ענטפערט: — דאָס האָט ניט קיין שייכות צום עיקר, צום היסטאָרישן ווערט, צו דער אַנטוויקלונג פון דער פּיראַמידע פּויליש יידנטום.

— מיינט איר — פרעג איך אים, — אַז מיט אייער פילאָ־סאָפישער איינשטעלונג זיינען כאָטש מסכים די בונדיסטן, אויב ניט די ציוניסטן?

— עס גייט מיר ניט אָן — ענטפערט ער. — איך בין מיט דעם מסכים! איך האַלט, אַז די בונדיסטן, וואָס זיינען מיט דעם ניט מסכים, זיינען ניט קיין בונדיסטן.

זאָג איך אים:

— איר האָט געשריבן און גערעדט וועגן אייער גלויבן אין גאָט, אין השגחת הבורא. גלויבט איר טאַקע באמת אין גאָט?

— יאָ, איך גלויב! ענטפערט ער מיר ווי אַ פלאַמיק חסידישער מאמין. — געדענקט אָבער, אַז דאָס רעליגיעזע געפיל האָט גאָרניט צו טאָן מיט פרומקייט. דאָס גרעסטע אפיקורסות, וואָס איך קען, איז אין פרומקייט.

ער האַלט, אַז די יידן האָבן אויסגעדריקט צום טיפסטן און צום וועזנטלעכן דעם געדאַנק וועגן דעם וועזן פון דער וועלט אין איין וואָרט:

— אחד! איינס, אַבסאָלוטער איינס! אַלץ איז נאָר אַ סינ־טעז פון איינס, פון איינהייט, פון אחד. אַלץ איז פון אחד און אַלץ איז צוריקגאַנג צום אחד.

— דער גאַנג פון די יידן אין דער געשיכטע פון דער מענטש־הייט איז געווען אַ גאַנג צו אַ גרויסן סינטעז, וואו פון אַלע צווייקייטן ווערט איינס. דאָס איז דאָס יידישע בילד פון דעם מענטשנס עליה

אויף די שטאַפּלען פון דער וועלט. מיטן וואָרט „אחד" האָבן די ייִדן אויסגעדריקט אַלץ, וואָס זיי ווילן און צו וואָס זיי זיינען באַרופן. מיט דעם וואָרט אויף די ליפּן זיינען זיי אומגעקומען. אחד איז דער שורש פון דער נאַציאָנאַלער פּסיכיק, וואָס האָט באַהערשט די פאַרקומעניש מיטן ייִדישן פאָלק. אין דעם ליגט די ייִדישע וועלט־פאָלקישקייט. אין דעם ליגט דאָס פיבערן פון די מאָדערנע ייִדישע מאַסן פאַר די אידעאַלן פון סאָציאַליזם.

ער טייטשט אוים דעם קאַמף פון היטלערן קעגן דעם ייִדישן פאָלק מיט אַ בילד, וואָס היטלער אַליין האָט געשילדערט אין זיין בוך „מיין קאַמף": ער איז געזעסן אויף אַ באַנק אין אַ ווינער גאָרטן. געוועזן אומרואיק. זיינע געדאַנקען — אַזוי האָט ער געשריבן — האָבן געבלאָנדזשעט אין אַלע ווייטיקייטן. פּלוצלונג האָט ער געעפנט די אויגן און געטאָן אַ קוק: פאַר אים איז פאַרבייגעגאַנגען אַ פּוילישער ייִד מיט אַ לאַנגער באָרד און פּאות, אין אַ לאַנגער, שוואַרצער קאַפּאָטע. היטלערן איז אויפגעגאַנגען אַ ליכט אין די אויגן. „אָט דאָס איז ער" — האָט ער צו זיך געזאָגט. „דאָס איז דער, וועמען דו זוכסט איבער אַלע פּליינען פון דער וועלט".

— אויף איין זייט פון דער געשיכטע איז געשטאַנען דער ייִדישער אחד — זאָגט י. י. טרונק — און אויף דער צווייטער זייט — די אויבער־בעסטיע פון דער וועלט. פאַרשפּילט האָט די בעסטיע און געוואונען — דער אחד.

ער גלויבט אין דעם אחד, און דאָס מיינט ביי אים — ער גלויבט אין גאָט.

ער שרייט אוים איבער אַלע זיינע דריי צימערלעך זיין רעיון אַזוי:

— נאָר דער מענטש, וואָס גלויבט אין גאָט, קאָן זיין אַ פריידענקער. דער פרייער געדאַנק קאָן נאָר זיין אין דער באַזע פון אַ איינס, פון אַן אחד. די ייִדישע געשיכטע איז די געשיכטע פון דעם אחד אין דער אַלגעמיינער געשיכטע פון דער מענטשהייט. אין דעם שטעקט דער ווערט פון אונדזער וועלט־פאָלק.

ער האָט פאַר דעם אַ פּאַרטיקן מאמר פון דער קבלה: חטיבה אחת בעולם!

— מיינט איר — פרעג איך אים ווייטער — דאָס דערפירן די מענטשהייט צום סינטעטישן איינס. דאָס איז דאָס אין אייער געדאַנקען־גאַנג וועגן דעם ייִדישן אחד?

דער סאָציאַליזם — זאָגט ער — וואַרשיינלעך אונטערן איינפלוס פון דער ייִדישער מחשבה, — האָט אויך געוואָלט פירן די

מענטשהייט צום סינטעטישן איינס. דאָס איז דאָך דער מיין פון דער קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט. אחד!

קוק איך אויף דעם צעפלאַמטן אור־איינקל פון גאון און צדיק ר׳ ישעיהלע קוטנער, און זאָג צו אים:

— איר בליצט דאָך, ר׳ ישעיה טרונק, ווי אייער אור־זיידע ר׳ ישעיהלע קוטנער.

האָט ער ניט קיין צייט פאַר זייטיקע זאַכן. ער וויל כאַפּן ווייטער געדאַנקען פאַר זייערע וואָרצלען.

— לויט מיין מיינונג — זאָגט ער — איז דער עיקר פון „בונד״־אַנשויאונג צו נעמען די יידישע געשיכטע און זי פאַרבינדן מיטן סאָציאַליסטישן וועג, שטעלן די יידן ווי פּיאָנערן פון קאַמף פאַר סאָציאַליזם אין דער וועלט.

— מיינט איר — פרעג איך אים, — אַז דאָס איז געוועזן דער ווילן פון די בונדיסטן?

ער איז גאָר אין כעס, וואָס איך פרעג אים אַזאַ פראַגע.

— צי האָבן די בונדיסטן עס יאָ געוואָלט אָדער ניט געוואָלט, צי האָבן זיי וועגן דעם יאָ געוואוסט אָדער ניט געוואוסט, איז ניט וויכטיק. וועזנטלעך איז, אַז זיי זיינען געשטעלט געוואָרן אין דער שפּיץ פון דער יידישער געשיכטע.

מיר קערן זיך ווידער אום צו זיין אמונה אין גאָט, און ער זאָגט מיר דערביי:

— איך גלויב אין דריי זאַכן: אין גאָט, אין השגחה, אין דער יידישער געשיכטע. איר דאַרפט פאַרשטיין, אַז דין, שולחן ערוך איז נאָר אונטן. אויבן, הויך־הויך, איז קיין דין ניטאָ.

ווייס איך שוין זיין מיינונג וועגן „אחד״, וועגן ציוניזם און ציוניסטן אין פּוילן. אָבער וואָס איז זיין מיינונג וועגן די ציוניסטן אין ארץ־ישראל היינט? אויף דעם ענטפערט ער מיר אַזוי:

— איך בין קיינמאָל ניט געוועזן קיין אַנטי־ציוניסט. גאַנץ פּשוט, איך האָב קיינמאָל ניט געגלויבט אין ציוניזם. מע קאָן ניט זיין קעגן אַ זאַך, וואָס מע גלויבט ניט אין איר. פאַר מיר איז די געשיכטע פון יידישן פאָלק די געשיכטע פון זיין גייסטיקן ווערט. דאָס האָט ניט קיין שייכות צו דעם פאַקט, אַז נאָך היטלערס לאַגערן איז קיין אַנדער עצה פאַר די לעבנגעבליבענע יידן ניט געווען, ווי גיין קיין ארץ־ישראל. אָבער לאָמיר ניט צונויפמישן דאָס גיין קיין ארץ־ישראל מיט יידישער עליה. עס איז ניט קיין עליה פון דער יידישער וועלט־געשיכטע. עס איז, פאַרקערט, אַ באַגרענעצונג, אַ ירידה. עס גייט ניט אין דעם, ווער עס האָט אויסגעפירט אין דעם פּאָליטישן

וויכוח וועגן מדינת ישראל. דער היסטאָרישער דיספּוט וועגן יידישן וועלט־קיום איז ווייט ניט פאַרענדיקט. אונדזער פאָלק דאַרף נאָך ערשט גרייכן צו אַן עליה. איך בין קעגן די, וואָס ווילן ניט דער־לאָזן אַ גייסטיקע עליה.

— ווען ציוניזם וואָלט געקאָנט אַריינגעמען דאָס גאַנצע יידישע פאָלק אין מדינת ישראל, וואָלט דאָס בילד אַנדערש אויסגעזען. דאָס איז אָבער אוממעגלעך. יידן בלייבן אין די תפוצות. עס איז אויס־געשלאָסן, אַז אַזאַ פאָלק ווי די יידן זאָלן לעבן אין זכות פון אַ רייכן פעטער אין ישראל. פאַר אונדז, יידן אין דער וועלט, יידן אין אַמעריקע, וואָלט עס געמיינט ניט אַן עליה אין גייסט פון אונדזער געשיכטע, נאָר שנאָרן ברעקלעך פון יענעמס טיש. אויב די יידן אין דער וועלט ווילן ניט וועגעטירן, מוזן זיי גיין ווייטער אויף די וועגן פון דער גרויסער, דינאַמישער יידישער געשיכטע. איך האָב ניט קיין ענטפער אויף דער פראַגע וועגן דער יידישער אָרגאַ־ניזאַציאָנעלער פאָרם אין אַמעריקע. דאָס איז ניט וויכטיק פאַר מיר. פאָרמען בייטן זיך. מיר גייען אין דעם ווייטערדיקן גאַנג פון דער דינאַמישער, וווּנדערפולער יידישער געשיכטע.

— איר זייט שוין — זאָג איך צו אים — 12 יאָר אין אַמעריקע. זאָגט מיר, וואָס טראַכט איר וועגן אַמעריקאַנער יידנטום?

ער האָט וועגן דעם אַ פעסטע מיינונג. ער גלייבט שטאַרק אין אַמעריקאַנער יידנטום.

— ווען איך בין אַראָפּ אויף דער אַמעריקאַנער ערד, האָב איך געמיינט, אַז אַלץ וועט דאָ פאַרפלייצט פון אַסימילאַציע, אַז אין אַמעריקאַנער שמעלצטאָפּ וועלן יידן צעשמאָלצן. איך האָב גע־הערט אין לשון פון די אַמעריקאַנער יידן אַזעלכע פרעמדע ווער־טער, ווי „העם ענד עגס". עס האָט אויסגעזען, אַז דאָ איז ניטאָ קיין אָפּהאַלט פאַר יידישער ליקווידאַציע, אַז די יידן זיינען אַנדערע, די גויים זיינען אַנדערע. ביז איך האָב זיך אַרומגעזען, אַז איך האָב מיך טועה געווען. די יידן אין אַמעריקע זיינען די זעלביקע יידן, ניט געקוקט אויף זייער „אָל ראַיט" און „גוד באַי". און די גויים זיינען אויך די זעלביקע גויים. אַסימילאַציע ווענדט זיך ניט אָן אונדז. דער צווייטער צד האָט אויך עפּעס צו זאָגן. ער האָט אַפילו אַ גרע־סערע דעה ווי מיר. ער וויל ניט. איך בין זיכער, אַז מע „גלייכט" דאָ ווייניקער דעם יידן ווי דעם נעגער. די יידן האָבן דאָ אין זיך דאָס פּינטעלע ייד, אַזוי ווי די נעגערס — דאָס פּינטעלע קאָליר.

— פאַרוואָס „גלייכט" מען ניט די יידן? פאַרוואָס איז דאָ יידן־שנאה? — איך ווייס ניט, אָבער אַזוי איז עס. דאָס שרעקט מיך ניט, דאָס קימערט מיך ניט. עס איז אַ פרייע מדינה און יע־

דערער האָט דאָס רעכט צו „גלייכן" וואָס ער וויל און ניט צו „גלייכן" וואָס ער „גלייכט" ניט. און מיר, יידן, „גלייכן" מיר דען אַלעמען און אַלץ? דעם זעלביקן טעות האָבן געמאַכט די יידן, וואָס זיינען שוין דאָ לאַנג, דורות. אָט איז געווען מאָרגענטאַו אַ פינאַנץ־מיניסטער און בראַנדאַיס אַן אויבער־ריכטער. שוין געקומען צום סאַמע שפּיץ, צוגעלאָפן צו דער מעטע. ערשט דעמאָלט זעען זיי, אַז זיי שטייען צוריק אין „קעסל־גאַרדן", מיט יענע יידן, וואָס פון זיי זיינען זיי געלאָפן. געלאָפן, געלאָפן, און פון גאָרנישט אַנטלאָפן. עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס בראַנדאַיס און מאָרגענטאַו זיינען געוואָרן ציוניסטן. עס איז דער זעלביקער פּראָצעס, וואָס האָט גע־בראַכט אין פּוילן בראָניסלאַוו גראָסער צום „בונד", וולאַדימיר מעדעם צום „בונד". זיי, מעדעם און גראָסער, האָבן זיך געווענדט מיט זייערע אויגן צו דער דינאַמישער געשיכטע, און מאָרגענטאַו און בראַנדאַיס האָבן ניט געזען קיין אַנדער וועג, ווי צום ציוניזם.

— וואָס־זשע מיינט איר — פרעג איך אים — וועט געשען מיט די אַמעריקאַנער יידן?

— די אַמעריקאַנער יידן — ענטפערט ער — וועלן מוזן געפינען אַ ווערט אין זייער נאַציאָנאַלער עקסיסטענץ, אויב זיי ווילן ניט זיין קיין מינדערווערטיקע גייסטיקע פּאַראַזיטן.

און ער גיט צו:

— מיר זעען אַן אַלטן מנחם־מענדלשן „טריק" אין דער יידישער געשיכטע: אַזוי ווי איך, דער ייד, בין דער שוואַכסטער, דער קלענסטער, לאָמיר ווערן דער גייסטיקסטער, דער העכסטער. יידן וועלן מוזן באַזירן זייער עקסיסטענץ אויף אַ גייסטיקער פּיאָנערישער באַזע. מלוכה? אַ סך פעלקער און פעלקערלעך האָבן מלוכות. מיר מוזן קומען צו אַ נייער פאַזע פון נאַציאָנאַלער גייסטיקייט, וואָס דאָס מיינט אין דער זעלביקער צייט אינטערנאַציאָנאַלע פּיאָנערישקייט.

— און דאָס מיינט בונדיזם? — פרעג איך אים נאָך אַמאָל.

— אוודאי מיינט עס.

— ווי אַזוי?

— איך מיין ניט ווילנאַטש־„בונד", נאָר נאַציאָנאַלע, אינטער־נאַציאָנאַלע גייסטיקע שעפערישקייט.

דערציילט ער מיר אַזוי:

— איך טענה צו די בונדיסטן: איר זייט ניט געקומען עפּעס אין אַ ווילד לאַנד מאַכן סאָציאַליזם. און אַז אייך וועט שוין גע־לינגען אומצובייטן — אַנשטאָט דובינסקין מאַכן נאָוואָגרודסקין און

אַנשטאָט וויליאַם גרין — דר. שערער? וואָס וועט איר האָבן אויפ־געטאָן?

באַמי איך זיך אים אומצוקערן צוריק צום שמועס וועגן דער פּיראַמידע. איך זאָג צו אים אַזוי:

— איר האָט געגלויבט אין דער פּויליש־יידישער פּיראַמידע. איר גלויבט אין דער אַמעריקאַנער יידישער פּיראַמידע. און אַט רעדט איר, אין דער זעלביקער צייט, וועגן אייביקער שנאה צו יידן, וועגן אייביקן אַנטיסעמיטיזם. דאָס איז דאָך רייד קעגן דעם „בונד", וואָס גלויבט אין אינטערנאַציאָנאַליזם, אַז אַנטיסעמיטיזם איז נאָר אַ דער־שיינונג פון עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אומשטענדן.

ענטפערט ער אַזוי:

— איך גלויב אין סאָציאַליזם, אין אינטערנאַציאָנאַליזם. עס איז אָבער ניט אַ זאַך פון היינט אויף מאָרגן. עס איז אַ פּראָצעס. יידן דאַרפן זיין, עקסיסטירן, אַרבעטן, קעמפן ביז עס וועט קומען די גאולה.

ער איז, לויט זיין מיינונג, אַ מיטגייער מיטן גאַנג פון די נביאים, און ער כאַפּט אַרויס אַ תנ"ך, עפנט אויף פאַר מיר ישעיה, פּרק י"ט, און ער שרייט אַרויס פון דאָרטן:

— ביום ההוא — אין יענעם טאָג — יהי ישראל — וועלן יידן זיין — שלישיה למצרים ולאשור — אַ דריטער צו מצרים און אשור, ברכה בקרב הארץ — אַ בענטשונג אין מיטן פון דער ערד... ישעיה גייט שוין צו דעם אחד פון אַל־פעלקערישקייט, צו אינטער־נאַציאָנאַליזם מער ווי צוויי טויזנט יאָר. לאָמיר גיין ווייטער!

ער גלייבט, אַז די יידן אין אַמעריקע וועלן זיך אומקערן צום יידישן לשון. ער איז אַ חסיד פון יידיש.

— די דערפאַרונג פון אַ פאָלק סובלימירט זיך אין צוויי זאַכן: אין פאָלקס־מעשיות און אין פאָלקס־שפּראַך. אין די פאָלקס־מעשיות איז דאָ די דערפאַרונג פון פאָלק במשך דעם לאַנגן וועג, אין דער שפּראַך — די דערפאַרונג פון פאָלקס־געמיט, פון זיין באַטראַכטונג, פון זיין מחשבה. מע קאָן פון אַ שפּראַך צוריק אויפבויען די געשיכטע פון אַ פאָלק. אַ פאָלק אָן זיין פאָלקס־מעשה און אָן זיין שפּראַך איז אַ נאַציע אָן דערפאַרונג. — ווי אַ מענטשן אָן יאָרן.

אין יידיש ליגן די יידישע פאָלקס־דערפאַרונגען פאַר טויזנט יאָר. די העברעאישע עלעמענטן אין יידיש זיינען נאָך און נאָך עלטער. די שפּעטערדיקע דערפאַרונגען האָבן זיך סינטעטיש באַ־האָפטן מיט די פריערדיקע. די אידייע פון דער יידישער געשיכטע ליגט אין יידיש. עס איז ניט דערפאַר, ווייל אַלע יידן אויף דער

וועלט רעדן יידיש, נאָר ווייל יידיש איז אַ סינטעז פון שפּראַכן וואָס ווידערשפּרעכן זיך איינע די אַנדערע. סלאַוויש, גערמאַניש, סעמיטיש, און אין יידיש זיינען זיי געוואָרן איינס — אחד. דאָס לשון יידיש איז אַן אינסטרומענט, וואָס איז צוגעפּאַסט צו דער יידישער נאַצ־יאָנאַלער אידייע. וואָס וועט זיין, אויב יידיש וועט אונטערגיין ? — ביטער. דעמאָלט שטייען מיר פאַר דעגענערירונג. עס וועט זיין אַ טראַגישע עקסיסטענץ.

— איך וויל זיך ניט צופרידנשטעלן — שרייט ער אויס — מיט סתם יידן, צופעליקע יידן. איך וויל זען ווערטפולע יידן. אויפ־האַלטן לשם אויפהאַלטן ? ניין, דאָס טויג ניט. אויב אויפהאַלטן, איז מיט אינהאַלט, מיט נשמה, מיט אידייע. די ציוניסטן האָבן ריכטיק פאַרשטאַנען, אַז מע קאָן ניט גיין קיין ארץ ישראל אָן העברעאיש. אין אַמעריקע איז נאָך קיין זאַך ניט פאַרטיק — זאָגט ער — עס קאָכט זיך נאָך. מיר דאַרפן זיין פּיאָנערן, סאַפּיאָרן, בריק־לייגערס.

— עס טרעפט, אַז אין אַ דאָרף, וואו עס וואוינען שטיל און רואיק אַ ביסל משפּחות, קומען אָן סאַפּיאָרן און הייבן אָן שנעל לייגן אַ בריק. צוליב וואָס ? פאַר וועמען ? — דער קליינער ישוב אין דאָרף ווייס עס ניט. די סאַפּיאָרן ווייסן, אַז זיי לייגן בריקן פאַר מחנות, וואָס וועלן אָנקומען, פריער אָדער שפּעטער. מיר דאַרפן לייגן בריקן.

קוק איך אויף דעם לייגער פון יידישע בריקן אין אָט דעם קליינעם, שטילן, האַלב־טונקעלן הויז, אויף דעם בריקן־אַרכיטעקט אין דער לאַנגער קאַפּאָטע און אַ גאַרטל. זעט ער אויס אין מיינע אויגן ווי אַ קאָצקער רבי פון יידיש, אַ חסיד פון אחד־„בונד", פון ישעיהס סאָציאַליזם, וואָס רעדט מיט לשון קבלה וועגן שפּיצן פון פּיראַמידעס, זאָגט נבואה וועגן דעם אויפגאַנג פון יידיש אין אַמעריקע, וועגן נייע בראַנדאַיסעס מיט היסטאָריש־יידישע דערפאַרונגען.

גיי איך אַריבער צו אַן אַנדער טעמע :

— זאָגט מיר, ר' יחיאל ישעיה בן חיים־אברהם פון קוטנע, אור־אייניקל פון ר' שיעלע קוטנער, זאָגט מיר, וועלכע נייע יידישע ווערק קלייבט איר זיך צו שרייבן בקרוב ?

— איך ווייס ניט — ענטפערט ער מיר. — יעדעס בוך, וואָס איך שרייב, איז ביי מיר אַ נס. איך ווייס גאָרניט פריער און ווייס אויך ניט נאָכדעם ווי אַזוי דאָס איז אַרויסגעקומען. איך מאַך ניט גליקלעך די וועלט מיט מיינע ווערק.

ער פאַרטראַכט זיך, און רעדט ווייטער אַזוי :

— אַז מען קוקט אַראָפּ, מיינט מען, אַז מע איז איך־ווייס־ניט־ווער. אַז מען קוקט אַרויף, אין דער הויך, זעט מען, אַז מע איז

גאָרניט מיט גאָרניט. ווי קומט אַרויס ביי מיר אַ ווערק — איך ווייס אַליין ניט. סיידן סייעתא דשמיא. נאָך דעם קוק איך אין דער הויך און זע, אַז אַנדערע האָבן עס בעסער געמאַכט.

ענטפערנדיק אויף מיינער אַ פראַגע, זאָגט ער אַזוי:

— ווי קום איך לעצטענס צו די פאָלקלאָר מעשיות, צו די בעלעמער, צו סימכע פלאַכטע, צו די צדיקים אין סדום? — גאַנץ פשוט. איך האָב געדאַרפט מאַכן אַ לעבן, פאַרדינען אַ שטיקל ברויט, בין איך אַוועק צו דער פּרעסע. וואָס שרייבט מען דאָרטן? וואָס קאָן איך שרייבן? — בין איך אַוועק צו יידישע מעשהלעך, צום יידישן פאָלקלאָר, צו זען, וואָס מע קאָן מיט אים מאַכן. איך בין אַוועק צו די אַלטע פאַליצעס. דאָרטן איז דאָ אַזוי פיל חכמה. איך בין דאָרטן געוואָרן אַ מער איבערצייגטער ייד, מער איבערצייגט אין אהבת ישראל. איך בין דאַנקבאַר דער השגחה, וואָס האָט געזען, איך זאָל ווערן אַן אָרעמאַן און מוזן זוכן פּרנסה.

ער זאָגט מיר, אַז ער דאַרף שוין אויף חיונה זייער ווייניק.

— מיין ווייַן האָב איך שוין אַמאָל אויסגעטרונקען. איזהו עשיר? — ווער איז אַ גביר? — זאָגן די חכמים — ניט ראַקע פעלער, נאָר השמח בחלקו. מיינען זיי עס דאָך מיך.

— איך האָב אַמאָל אויסגעטראַכט, אַז ראַקעפעלער האָט מיך געוואָלט נעמען פאַר אַ שותף, סיי צו זיין היזק, סיי צו זיין ריווח, איך זאָל זיך עוסק זיין אין זיינע געשעפטן. האָב איך אים אָפּגע־זאָגט, ניט געוואָלט. איך דאַרף האָבן נאָר 30 אָדער 40 דאָלער אַ וואָך. און טאָמער פעלן מיר פינף דאָלער, נעם איך עס ביי מיר אַליין — איך שפּאָר איין אַ פינפערל. אַז מע האָט אַ ווייב מיט אַ הויז־געזינד, קאָן מען ניט מאַכן אָנבייסן פון אַ ציבעלע, אָבער, אַז מען איז אַליין, קאָן מען עס. וואָרן ווער קאָן מיר זאָגן אַ דעה?

— איך האָב געהערט — דערציילט ער, — אַז ראַקעפעלערן זיינען געווען ווייניק זיינע אויל־גריבער, באַנען, בענק. האָט ער גע־עפנט אַ רעסטאָראַן. איז ער דאָך חוץ אַ מיליאָנער, אויך אַ בטלן. צו וואָס דאַרף ער דעם קלאָפּאָט? איך האָב איינמאָל געטרונקען קאַווע ביי ראַקעפעלערן אין רעסטאָראַן, פאַרגעסן צו באַצאָלן, און אַוועק מיטן בילעטל. האָב איך געפילט דעם גאַנצן וועג, אַז עפּעס „באַדערט" מיך. איך האָב ניט געוואוסט וואָס. ביז איך דערטאַפּ אין קעשענע דאָס ניט באַצאָלטע בילעטל. איך האָב זיך אומגעקערט צוריק. ס'איז געווען אַ שמחה ביי די ראַקעפעלערס אין רעסטאָראַן. „קעים בעק, קעים בעק". — האָבן זיי געשריען. פאַרשטיי איך דאָך פון זייער שמחה, אַז זיי וואָלטן עס ניט געטאָן. זאָג איך זיי מיין יחוס: איך בין אַ „דזשו" און אַ „רעפּיודזשי". זאָלן זיי וויסן.

דערמאָן איך אים זיין פאַרגאַנגענהייט און זאָג צו אים אַזוי:

— איר זייט, טרונק, אַ שמח בחלקו, איר עסט אַ ציבעלע אויף אָנבייסן. זייער גוט. דאָס זיינען שיינע ווערטער. אָבער, פונ־דעסטוועגן, איר זייט דאָך אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן פון די הויכע שטאַפּלען פון סאָציאַלן לייטער, פון רייכקייט, — געהאַט אייגענע הייזער, ברייזער און ווילעס, — צו די פּאָר צימערלעך אויפן דריטן שטאָק. ווי האָט איר עס דורכגעטראָגן? „באַדערט" אייך ניט דער פאַרלאָרענער טאָפּ פלייש?

קוקט ער מיך אָן ווי איך וואָלט גערעדט טערקיש. ער זאָגט אַזוי:

— איך האָב אייך דערציילט וועגן מיין באַגעגעניש מיט היישעריקן פון וואַרשע? — איך האָב באַקומען פון אים דעם העכסטן לוין אין מיין לעבן. היישעריק איז געווען אַ זייער און זייער אָרעמער ידישער שרייבער אין וואַרשע אויף סמאָטשע גאַס. אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס, אַ מטופל מיט אַ ווייב און קינדער, מיט צרות צרורות. אים איז געווען שווער צו האָבן פרנסה ווי קריעת ים סוף.

— ער האָט מיך אין וואַרשע פיינט געהאַט — זאָגט טרונק — שנאת מות. אָט ווי אַן אָרעמאַן קאָן און מעג פיינט האָבן אַ גביר. ער פלעגט מיך זען אין וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַראיין אין פיינעם פוטערל ווינטערצייט, אין אַ לייטישן אָנצוג זומערצייט, מיט רויטע, גוט אויסגעפּאַשעטע בעקלעך. אַ הונט פלעגט מיר נאָכלויפן. דערצו נאָך בין איך געווען דער פּאָרזיצער פון פּ.ע.נ.־קלוב. דער אָרעמער היישעריק האָט נעבעך שווער געהאָרעוועט זיך צו דערשלאָגן צו דער ליטעראַטור. אַז ער פלעגט מיך זען, איז ער גרייט געווען מיך דורס זיין. איך האָב עס געזען אין זיינע אויגן.

— דאָ איז געקומען די צווייטע וועלט־מלחמה. דעם 8טן סעפּטעמבער אין דער פרי בין איך נאָך געווען אַ ייד אַן עושר, און פאַרנאַכט בין איך געווען אַן ערום וחוסר כל, געוואַלגערט זיך אין אַ סטאָדאָלע, אַנטלויפנדיק פון וואַרשע, מיט ליידיקע קעשענעס, קיין גראָשן ביי דער נשמה, קיין איינציקע העמד מיט זיך.

די ערשטע פּאָר שעה האָט אים דאָס אומגליק דערשלאָגן, צע־בראָכן. עס איז גאָרניט געלעגן אין דער סטאָדאָלע דער פריערדיקער יחיאל ישעיה טרונק, דער איידעם פון די פּריוועסעס, נאָר אַ צע־בראָכענער ייד, אַן אָרעמאַן, אַ פאַרלאָרענער לא יוצלח.

— איך האָב געטראַכט צו מאַכן מיט מיר אַ סוף, באַגיין זעלבסטמאָרד.

דאָס האָט אָבער געדויערט נאָר אַ פּאָר שעה.

— מיטאַמאָל איז מיר גוט געוואָרן. איך האָב שלום געמאַכט מיטן גורל. איך בין אַן אָרעמער ייד מיט אַלע יידן צוגלייך. איך האָב מיך דערשפּירט ווי ווען איך וואָלט גאָר קיינמאָל ניט געלעבט אין אַ ווילע אויף די לאַזשענקעס. עס פעלט מיר גאָרניט.

אַזוי און אַזאַ איז ער אָנגעקומען אין ווילנע.

— אין דער ווילנער קיך פאַר די פּליטים האָט מיך געזען היישעריק, ווי איך שטיי מיטן שיסל און לעפל אין דער שורה צו קריגן אַ ביסל געקעכץ.

ער האָט אים אָנגעקוקט, גוט אָנגעקוקט. זעט אויס, ער האָט דערזען, אַז ער איז באמת אַן אָרעמאַן גלייך מיט אַלע אָרעמעלייט, זיין געוועזענע נגידות פעלט אים ניט. ער שטייט אין דער שורה מיטן שיסל אַ גלייכער צווישן גלייכע. איז עס אים אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז זיין שנאה צו אים איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן. אין האַרצן האָט ער מיט אים שלום געמאַכט. ביז ער איז איינמאָל צו־געגאַנגען צו אים, געוואָלט נעמען זיין שיסל, און ער וועט שטיין פאַר אים און וואַרטן אויף דעם געקעכץ. ער, טרונק, זאָל ניט האָבן קיין בושת פּנים.

— איך האָב אים ניט געגעבן מיין שיסל — זאָגט י. י. טרונק — איך האָב אים געדאַנקט און מיר זיינען ביידע געשטאַנען מיט די שיסעלעך אין איין שורה. מיר זיינען געוואָרן ידידים אהובים. דאָס איז פאַר מיר ווערט געווען אַלץ, מיין גאַנץ נגידות.

כאַפּט זיך י. י. טרונק, אַז מיר זיינען גאָר אָראָפּגעקראָכן פון דרך הישר, מיר ריידן גאָר וועגן „פּריוואַטע" זאַכן. קערט ער זיך אום צו די יידישע תוך־זאַכן, און ער זאָגט מיר אַזוי:

— אין קעסל פון די אַמעריקאַנער יידן קאָכט זיך נאָך. עס וועט זיך אויסקאָכן. די יידישע געשיכטע פאָרט מיט אונדז מיט אומעטום. די אַמעריקאַנער יידן וועלן ניט האָבן קיין אַנדער עצה ווי זיך אומצוקערן צו גרויסער יידישקייט, צום אחד און צום יידישן לשון.

ער ווייזט מיר עטלעכע בילדער, וואָס קומען אַריין אין זיין לעצטן בוך „פּוילן" — 7טער באַנד. ער קוויקט זיך באַזונדערס מיט איין בילד — ר' אברהמלע מענדעלסאָן.

אַ געשטאַלטיקער ייד מיט אַ הדרת פּנימדיקער ווייסער באָרד, מיט אַ שטעקן אין האַנט און אַ לאַנגער קאַפּאָטע.

— געווען אַ טייערער ייד. ער איז געווען דער מחנך פון שלמה מענדעלסאָן. אַ ייד גאָר־גאָר הויך. אַ ייד מיט אַז אייביקז האַרצ־

פעלער. ער איז געשטאָרבן זונטיק פרי, ווען ער האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין פּראַווען שלש סעודות.

— זונטיק אינדערפרי שלש סעודות? — פרעג איך אים.

— ער האָט ניט געטרויט אַפילו דעם רבונו של עולם, אַז דער שבת איז שוין אַוועק. ער האָט געמיינט, אַז מען נאַרט אים אָפּ פון די הימלען מיט די דריי שטערן אויפן שבת־צו־נאַכטיקן הימל.

י. י. טרונק האַלט דאָס בילד פון אברהמלע מענדעלסאָן אין האַנט און פרייט זיך מיט אים. ער שטייט מיט מיר אין זיין לאַנגן שטוב־ראָק, ווידער אַרומגעגאַרטלט, פול מיט יידישן בטחון. ער זאָגט מיר ביים זעגענען זיך:

— געדענקט, די יידישע געשיכטע פאָרט מיט אונדז מיט אומעטום.

ער וויל מאַכן זיכער, צי איך האָב גוט פאַרשטאַנען זיין געדאַנק וועגן גאָט:

— איר דאַרפט עס גוט דורכטראַכטן — זאָגט ער מיר אָן — אָט דעם רעיון וועגן אחד. ערשט, אַז מען גלויבט אין אחד, קאָן מען זיין אַ פריידעקער. דאָ אונטן, אויף דער ערד, איז דאָ דין, שולחן ערוך. דאָרטן, אויבן, גאָר אויבן, איז גאָר קיין דין ניטאָ.

ה. לייוויק

עס איז אָנהייב אָווגט

ביי ה. לייוויקס אַרבעטסטיש. עס שטייט פאַר אַ לאַנגע, אינטערעסאַנטע, אפשר פאַרכאַפּנדיקע, נסיעה מיטן פּאָעט פון אנדזער דור. דאַרף מען פריער גוט אויסשמירן די רעדער, אַרומקוקן די האַלאַבלעס, אויסבעטן, זיך גוט אויסזעצן, און ערשט דעמאָלט זיך לאָזן אין וועג.

עס דאַרף, לויט מיין פּלאַן, זיין אַ נסיעה אין מרחקים — אין מינסקער גובערניע, אין מאָסקווע, אין סיביר, אַזש צום באַיקאַל. קייטן וועלן קלינגען; לויפן איבער גרענעצן; דערלויפן צו אַמעריקע; זיך לאָזן איבער דער נייער וועלט. עס זיינען אויך צו דערוואַרטן גרויסע באַגעגענישן — מיט משיחן אין קייטן, מיט אברהם אבינו און זיין יצחק, מיט מהר"ל, זען יעזוסן און זיינע אַפּאָסטאָלן, אליהו הנביא, דעם מהר"ם פון רוטנבערג, באַגעגענען הירשקע לעקערט, דעם שוסטער פון ווילנע, אַריינקומען אין אַמעריקאַנער שעפּער, אין דענווער־סאַנאַ־טאָריע, אפשר אויך דערזען די שאָטנס פון די בעלי־נסים אין די געטאָס, אין פערנוואַלד לאַגער, אַריבערפליען קיין ארץ־ישראל. צום סוף פון אונדזער וועג דערוואַרט איך איובן... מיט איין וואָרט, מען דאַרף זיך צו אַזאַ נסיעה גוט אונטערגאַרטלען.

דאַרף מען זיך אַרומקוקן. קוק איך אויף ה. לייוויקס אַרבעטסטיש, ביי וועלכן ער אַרבעט שוין פערציק יאָר. דער טיש אַליין איז שוין אויך אין מיינע אויגן אַ לעבעדיקע באַשעפעניש. אַזוי פיל בילדער זיינען דאָך ביי אים געזען געוואָרן, אַזוי פיל מחשבות אַרויסגעבראַכט געוואָרן.

— ער דערמאָנט מיר — זאָג איך — אַן פרצעס טיש.

— מיט וואָס?

— מיט די הויפנס בריוו פון גאָר דער יידישער וועלט.

אויפן טיש ליגן בריוו פון אַלע יידישע מדינות, דערהויפּט פון יידישע שרייבער. די הויפנס בריוו זיינען געסדרט, ליגן אין גוטער אָר־דענונג. בלויז פון די לעצטע חדשים ליגן צוויי שטויסן בריוו. איך וואַרף

דורד, מיט ה. לייוויקס דערלויבעניש, א ביסל קאָנוועדטן: מדינת־ישראל, אַרגענטינע, פּאַריז, לאָס־אַנדזשעלעס, קאַנאַדע, מעקסיקע, אויסטראַליע, אַפריקע. איך זע אויך די צוריקאַדרעסן פון די בריוושרייבער: סוצ־קעווער, שפּיגל, דוד פּינסקי, מ. גאַרדאַן פון מ ו ס ד ב י א ל י ק, וו. נאַטאַנסאַן, זרובבל, ישראל רובין ע"ה, י. האָפּער, משה גראָסמאַן, פּראָפ. דאַווידאָוויטש, י. י. סיגאל ע"ה, מלך ראַוויטש, רחל קאָרן, ש. קאַטשערגינסקי ע"ה, מ. דוואָרזשעצקי... ערשט בריוו פון לייענער, פון משפּחה, פון די קינדער.

— איך בין אַמאָל געווען — זאָגט ער מיר — א פּינקטלעכער בריוושרייבער. לעצטנס בין איך געוואָרן נאַכלעסיק מיט די ענטפערס. היפּש מיד. איך פּיל זיך דעריבער ניט אין אָרדענונג לגבי די בריוושריי־בער. מאָלט אייך, ליגט פון לאַנג א בריוו פון פּינסקין — און אפילו אים ניט געענטפערט!

ביי איין וואַנט שטייען פּאָליצעס מיט טאָוולטאַשן מאַטעריאַלן, מאַ־נוסקריפּטן, צייטונגס־אויסשניטן, אַלבאָמען מיט רעצענזיעס, אַרטיקלען וועגן זיינע ווערק, בילדער — אַרום עטלעכע טויזנט נומערן.

אויף אַלע ווענט מאָלערישע בילדער. אָט איז הירשנבערגס א בילד — א זקן, א למדן, אין א קיטל. אָט איז מערזוערס א בילד — א סצענע פון ג ו ל ם. אָט איז לייוויקס מאַמע, א האַלצשניט פון באַרימטן סקולפּטאָר רעדער, לויט א פאָטאָגראַפיע — זי שטייט פרום און כשר ביי א קרבן מנחה־סידור.

— זי איז געשטאָרבן צו אַכט און פערציק יאָר.

ה. לייוויק דערציילט מיר, אַז בעת ער איז געלאָפן פון סיביר, אין 1913, האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט אין מינסק, צו זען זיך מיט טאַטע־מאַמע. דעמאָלט האָבן זיי זיך פאָטאָגראַפירט. ניט געוואוסט, אַז עס איז דאָס לעצטע מאָל.

— וועמענס זיינען די אַלטע שבת־לייכטער? — פרעג איך.

— מיין פרוי שרהס ירושה פון איר מאַמען.

קוק איך זיך איין אויף אייניקע ביכער, וואָס ליגן אין היפּשע שטויסן אויף זיין טיש און אַרום אים: חיים גרינבערג, שמואל ניגער, י. קויפּ־מאַנס זיבן בענד ת ו ל ד ו ת ה א ו מ ה ה י ש ר א ל י ת, יעקב שאַצקיס ו ו א ר ש ע, מ ו ר ה נ ב ו כ י ם — א מתנה פון יהודה קויפמאַן. דאָס בוך פון בעל־מחשבות און נאָך.

א פאָטאָגראַפיש בילד פון א טייל פון די „יונגע" הענגט ניט ווייט פון זיין שרייבטיש: ראַבאָי, אייזלאַנד, לאַנדוי, לייוויק, דילאָן, משה־לייב האַלפּערן, רייזען, מנחם.

— פון די אלע, זאגט מיר ה. לייוויק, זיינען געבליבן לעבן נאר צוויי — אייזלאנד און איך.

א צווייט בילד איבערן שרייבטיש — י. ל. פרץ.

אויף דער מערב־וואנט פון דעם גרויסן ארבעטער־צימער הענגט א גרויס בילד, אויך א האלצשניט פון רעדערן — א בילד פון ה. לייוויקס פאטער:

— שאול הכהן.

א פארנעמע געשטאלט. א ייד מיט א לאנגער באָרד, א הויכער, זייער ווייסער שטערן. א שטרענגער בליק. געבאָרן צו זיין א כהן. עס ציט די אויפמערקזאמקייט זיין אויסטערליש ווייסע, לאנגע האנט, מיט אויסגעצויגענע פינגער. ה. לייוויק לעשט אויס אויף א רגע דאס ליכט אין צימער, און זיין טאטע אויפן בילד באקומט א מער פאנטאסטישן אויסזען.

— איך זע אים גאנץ אפט — זאגט ער מיר — א לעבעדיקן, ווי ער וואלט ארויס פון בילד. די ווייסע האנט ,אויף וועלכער עס פאלט א נים־היגע ליכט, פארפאלגט מיך. א מאל איז זי אין מיינע אויגן ווי א ווארענונג, א מאל ווי א גוטע טרייסט. א מאל זעט מיר אוים, ווי זי וואלט מיך געוואלט אננעמען ביי מיין האנט, און פירן.

דער טאטע־מאָטיוו האט געשפילט אין זיין לעבן א וויכטיקע ראל. ער דערמאנט זיך ווי ער פלעגט שטיין יינגלוויין מיט זיין טאטן דעם כהן נאענט פון ארון־קודש ביים דוכענען: א גרויסער כהן מיט זיין קליינעם זון. צוויי כהנים זאגן „יברכך", בענטשן די עדה יידן אין שול. זיין טאטע זאל, לויט לייוויקס פאעמע ד י ב א ל א ד ע פ ו ן מ י ד ב ר , האבן געזאגט צו אהרן הכהן: „גוטער אהרן, בענטש אים אויך, מיין זון מיין קליינעם".

לויט דער צייט און די געשעענישן, איז וועלטן־ווייט דער שטח צווישן דעם קליינעם, יינגלשן כהנדל, שאול הכהנס זון, וואס בענטשט „יברכך" אין איהומענער בית־מדרש, ביז דעם נאציאנאלן פאעט ה. לייוויק, מיטן ווייסן ווירדיקן קאפ איבער זיין שרייבטיש, אין זיין וואוינונג אויף אראבאן־עוועניו אין ניו־יארק. איצט אבער איז דער שטח געווארן נאענט, ממש מיטן האנט צו דערלאנגען. מען קאן אפילו הערן די ברכה פון דוכענען. שולדיק אין דעם איז די בילדלעכקייט און דער טאן פון ה. לייוויקס דערציילן. שולדיק זיינען אויך די לידער זיינע וועגן זיין טאטן, וואס געדענקען זיך אזוי גוט.

איך שטעל זיך אפ ביי דער וואנט, אויף וועלכער עס הענגט א „יזכור", געשריבן מיט ה. לייוויקס האנט: „יזכור! געדענק די זעקס

מיליאָן, געדענק מאַידאַנעק! געדענק די גאַזאָויוונס! געדענק די קרע־מאַטאָריעס!"

— לאָמיר גיין צו אייערע קינדעריאָרן. לאָמיר גיין קיין איהומען, מינסקער גובערניע. לאָמיר גיין צו אייער זיידן — ליג איך אים פּאָר.

— מיין זיידע האָט געהייסן ר' דוב־בער הכהן. איך האָב אים ניט געקענט. ער איז יונג געשטאָרבן. ער האָט געצויגן זיין ייחוס פון דער משפּחה שאגת אריה, פון ר' אריה בן ר' אשר, וועלכער איז געווען אַ באַרימטער רב אין מינסק מיט אַ צוויי הונדערט יאָר צוריק. מיין זיידע איז געווען אַ למדן, אַ פרומער ייד, אַ שטרענגער, ער האָט ניט געוואָלט מאַכן פון דער תורה אַ קרדום לחפור בה. ער האָט ניט געוואָלט אָננע־מען קיין רבנות. מען האָט ביי אונדז גערעדט, אַז ער איז געשטאָרבן פון שווינדזוכט. ער האָט, זעט אויס, געלאָזן אַ ירושה אין אונדזער משפּחה. איך האָב צוליב דעם אָפּגעריכט עטלעכע יאָר אין דער דענווער־סאַנאַ־טאָריע און אין ליבערטי־סאַנאַטאָריע פון אַרבעטער־רינג.

ה. לייוויק איז געבאָרן געוואָרן אין 1888, חנוכה, צום דריטן ליכטל. דאָס שטעטל איהומען איז, לויט זיין שילדערונג, געווען אַ „ניט־געזעענע" אין דער וועלט. אהין זיינען ניט געגאַנגען קיין באַנען. אין שכנות איז ניט געווען קיין וויכטיקער טייך. דאָס שטעטל איז געווען פאַרשטעקט צווישן גרויסע וועלדער. פון איין זייט מינסק, פון דער צווייטער זייט באָברויסק און באָריסאָוו. אַן אויעזדנע שטעטל. זיבן־אַכט טויזנט יידן און דריי־פיר טויזנט גויים. יידן בעל־מלאכות, היפּשע טייל קרעמער, אַ סך אָרעמע־לייט.

— מיין מאַמע, אסתר־רבקה, האָט שווער געאַרבעט אויף פּרנסה. זי איז געווען אַ בעקערין. געבאַקן בייגל, ברויט, לעקעך צו יאַרידן, בול־קעס. עס אַרויסטראָגן אויפן מאַרק, צו איר געשטעל־ביידל.

ער געדענקט זי גוט. אַ שטילע אַן אומעטיקע, מיט גוטע אויגן, אַ סך געטרייישאַפט. ווען זי איז נאָך געווען אַ יונגע פרוי, האָט זי שוין געהאַט ניין קינדער — פינף זין און פיר טעכטער. ער, לייוויק, איז געווען דער בכור.

מאַמע שטייט באַרוועס,
אָקסלען — הויל,
מיט אָדערן בלויע פאַרלאָפן.

— איך וויל אייך עפּעס דערציילן וואָס איז געבליבן אין מיין געמיט...

ער געדענקט גוט דאָס קליינע שטיבל, אַן אַ דיל. די פּאָדלאָגע איז געווען פון געלן ליים. איין צימער, אַ קיך, אַ באַקאויוון, און נאָך אַ

קליין צימערל פאר טאטע־מאמע. עס איז געווען ווינטער־אוונט. ער איז דאמאלט אלט געווען א יאר זיבן. זיין שוועסטערל — פיר. ער גייט אהיים מיט די חדר־יינגלעך, מיט לאמטערנעס אין די הענט. ערשט ער זעט: זיין טאטע לויפט איבערן מארק. די בארד צעפלאסן, דער מאנטל צעשפיליעט, די הענט צעווארפן. עפעס איז שלעכט. לויפט ער נאך זיין טאטן. זיי קומען צו זייער הויף. ער איז פול מיט מענטשן. אים לאזט מען שוין ניט אריין אין שטיבל, מען פירט אים אריין צום שכן, דעם שוסטער.

וואס איז געשען? — די מאמע האט געהאט איינגעהייצט די הרובע. אונטערגעלייגט האלץ, און דערוויל אריין אין שטאל אנטראגן נאך האלץ. זיין שוועסטערל, אליין אין שטוב, איז ארויס, אין איין העמדל, פון בעט, צו צום פייער פון דער הרובע. א פונק איז ארויפגעפאלן אויף איר העמדל און עס אנגעצונדן. עס ברענט דאס שוועסטערל זיינע, א פיר־יאריק קינד. ברענט אליין אין שטוב און שרייט. די מאמע איז אריינגעלאפן. זי זעט דאס אומגליק — דאס קינד אירס ברענט. האט זי עס געכאפט, צוגעטוליעט צו זיך און געלאשן, געשטיקט דאס פייער. דאס קינד האט געגוואלדעוועט פון יסורים. עס איז געווען פארברענט, אבער נאך גע־לעבט.

— א יאר צייט האט זיך מיין פארברענט שוועסטערל געמאטערט. אירע פינגער זיינען געווען צעדרייט, די אויגן — בלינד, איר לייב — שווארץ פון שרפה.

טאניע האט זי געהייסן. ער זעט זי נאך איצט ממש, ווי זי ליגט אין וויטאגן, א פארברענטע, אין בעט. א שיין, פארברענט קינד.

— איך האב געזען די ערשטע אטאקע פון ליידן. איך האב דער־שפירט, דורך די יסורים, די אומגערעכטיקייט לגבי דאס אומשולדיק־פארברענטע קינד.

אומשולדיקער קרבן, יסורים, גערangל מיטן טויט — דאס האט זיך איינגעקריצט אין זיין נשמה.

— א יונג, לעבעדיק לייב צעברענט, צעדרייט, אן א פארוואס, אן א פארוועו.

נאך א יאר יסורים איז זיין שוועסטערל טאניע געשטארבן. מען האט זי אריינגעלייגט אין א מולטערל. מען האט דעם קרבן אוועקגעטראגן אויפן בית־עולם.

— דאס איז פאר מיר געווען, ווי איך בין זיך משער, א פונדא־מענטאלע איבערלעבונג. איך האב מיין פאריסורימט שוועסטערל, דריי יאר יינגער פון מיר, געזען גאנץ אפט אויפן וועג פון מיין לעבן.

מיין געדאנק פליט צו צום לעצטן ווערק פון ה. לייוויק, א י ן ד י ט ע ג פ ו ן א י ו ב: „וויטאגן, יסורים צעקריפלען איובס לייב".

ער דערציילט מיר ווייטער וועגן זיין מאמען. זי פלעגט אויפשטיין פאר טאג צו איר געבעקס. בייגל באקן איז א שווערע פראצע. ער גרייסט זיך, אז זיין מאמע האט אים אויך אויסגעלערנט באקן בייגל. ער קען — זאגט ער — די מלאכה. אויסבאקן א פוד מעל האט געדויערט א פינף־זעקס שעה. אויסגעבאקן, גייט די מאמע מיטן געבעקס אויפן מארק. סיי זומער און סיי ווינטער. זי מוז אריינברענגען דעם גרעסטן טייל פרנסה אין שטוב. עס איז געווען א גרויסע אָרעמקייט ביי זיי. דערמאנט ער זיך, אז ער און זיינע א שוועסטערל זענען געלעגן קראנק אויף מאזלען אין איין בעט. — „טא זאלן שוין ביידע קינדער צוזאמען דורכמאכן די מאזלען".

— און אייער טאטע? — פרעג איך אים אויף זיין טאטנס מלאכה.

— ער האט געלערנט יידיש מיט דינסטמיידלעך. געלערנט זיי עברי, אנשרייבן א בריוו.

זיין טאטע איז געווען א ייד מיט א רויטער בארד. זייער א שטרענגער, א ריכטיקער כהן. ער האט געלעבט אין שטענדיקער אומצופרידנקייט — אומצופרידן מיט זיין שווערן מזל, מיט זיין שלעכטער דאליע, מיט זיין אומנות — א זון פון א למדן, און לערנט „זשארגאן" מיט דינסט־מיידלעך.

די דינסטמיידלעך פלעגן אויך קומען צו זייער לערער, זיין טאטן, אהיים. זיי פלעגן זיך ארומזעצן ארום טיש, און דער טאטע פלעגט זיי דיקטעווען פון בלאשטיינס בריוון־שטעלער: „הויך געשעצטער, הויך־געליבטער ברויטיגאם"... לייוויק האט דעם מאמענט אריינגענומען אין זיין ערשטן סאנעטן־רינג.

זיין געבורטשטאט שטייט פאר אים לעבעדיק מיט אירע פארשווינען.

— לאמיר אייך דערציילן — זאגט ער — וועגן אונדזער וואסער־טרעגער מענדל דעם נאר.

ער פלעגט טראגן אין די הייזער עמערס וואסער אויף זיינע קרא־מיסלעס. א הויכער, ביי זעקס פוס הויך, א דארער. מיט א געדיכטן שווארצן קאפ האר. א געוואלדיקער הארפאשניק. פאר זיינע שווערע עמערס וואסער האט מען געצאלט גראשנס. מיט זיין אויסטערלישער געשטאלט האט ער זיך באוויזן אלע טאג אין די הייזער, אויסגעגאסן די עמערס וואסער אין הילצערנע פעסער.

— דעם וואסער־טרעגער אונדזערן האב איך שפעטער אריינגענומען אין דער דראמע ה י ר ש ל ע ק ע ר ט.

אין שול, ביים דאַוונען, האָט ער זיך אָנגעהערט פון די אַלטע יידן מעשיות אַז אַ שיעור — מעשיות וועגן משיחן, וועגן פּראַגער גולם, וועגן מהרל, וועגן לאַמעדוואָווניקעס־וואַסער־טרעגער, באַלעגאַלעס. דערמאַנט ער זיך אַז נאָך אַ געשטאַלט פון איהומען:

— לוריע דער משוגענער.

אַ הינקענדיקער, פּלעגט ער גיין מיט אַ קוליע, אונטערגעטאַנצט אויף איין פוס, פון גאַס צו גאַס, מיט אַ שטעקן אין האַנט קלאַפּן איבער די שטיינער, אַז אויסטערלישער ייד פון אַ פינף־און דרייסיק יאָר: „אפשר איז ער גאָרניט קיין משוגענער, נאָר אַ פאַרשטעלטער לאַמעדוואָווניק?" ער האָט זיך אָנגעהערט וועגן יידן־נסתרים, רואה ואינו נראהס, וועגן וואונדערלעכע יידן, נסים ונפלאות. ער האָט זיי זייער געוואָלט זען. הערט ער, אַז אליהו הנביא קומט צו זיי, צו די פאַרשטעלטע קאַליקעס, צו די וואַסערטרעגערס, און לערנט מיט זיי ווינטערצייט תורה אויף די וואַרעמע אויוונס. דערנענטערט זיך אַ פרעמדער, ווערן זיי נעלם.

— אפשר וועט וועגן לאַמעדוואָווניקעס זיין מיין לעצט ווערק — זאָגט ער מיר — און דער אויסדרוק „לעצט ווערק" טוט אַ קלאַפּ אין מיין האַרצן. — אַ ווערק וועגן מענטשן, וואָס דאַרפן פאַר זיך גאָרניט, וואָס האָבן זיך פון אַלץ באַפרייט, ניט צוגעבונדן צו קיין זאַך, ניט אָפּ־הענגיק פון זאַכן, פון חומר. ווען קאָן מען אַזאַ זאַך ריכטיק שרייבן? — פרעגט ה. לייוויק, און ענטפערט אַליין — ווען מען ווערט אַליין באַ־פרייט פון חומר, פון זאַכן, פון לייב־אינטערעסן.

מיט אַ סך יאָרן שפּעטער האָט ער געשריבן אין אַ ליד, אַז פון די ייִנגלישע יאָרן אַז פילט ער אַ בענקשאַפט צו מגולגל ווערן אינעם „הינ־קענדיקן בעטלער, וואָס פלעגט אַרומשפּרינגען פון גאַס צו גאַס אין אונדזער שטעטל..."

דערווייל האָט ער די געשטאַלטן פון לאַמעדוואָווניקעס, וואַסער־טרעגערס, משוגעים פון שטעטל, באַלויכטענע מיט אַן אייגן ליכט, אַריינ־געשטעלט אין זיינע פאַרשיידענע ווערק. די אַרעמקייט פון די קינדעריאָרן, ליידן, יסורים, פון איין זייט, און די פאַנטאַסטישע געשטאַלטן, צווישן וועלכע ער האָט געשוועבט, פון דער צווייטער זייט. די וואונדערלעכע מעשיות, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט און אַריינגענומען אין זיין דמיון — מיינט ה. לייוויק — האָבן אין אַ באַדייטנדיקער מאָס שפּעטער אויס־געפורעמט זיין לעבן, זיין גאַנג צווישן מענטשן, זיינע מאָטיוון אין דער ליטעראַטור.

„עס איז דאָ אין דיר אַ צוויי־געשטאַלטיקייט: איינס — דאָס, וואָס דו ביסט פאַר מענטשן, און דאָס איז דאָך ניט דער גאַנצער, דער אמתער, ריכטיקער; ערגעץ אַנדערש ביסטו אַן אַנדערער".

דאָס איז געווען אַ וואונק צום גראַנדיעזן לייוויק־בילד פון יענער גרויסער פאַנטאַסטישער נאַכט, ווען דער מהרל קנעט אויס פון ליים די מעכטיקע געשטאַלט פון גולם — אַ ריז פון ליים מיט אַ האַק אין דער האַנט.

— לאָמיר אייך דערציילן וועגן מיין באַגעגעניש מיט נאָך אַ משוגענעם ביי אונדז אין שטעטל.

גייענדיק פון חדר, פלעגט ער פאַרבייגיין דעם מאַרק, וואו דערנעבן, אין אַ זייטיק געסל, האָט געוואוינט דער פוילישער פריץ יאַסעוויטש. מען האָט גערעדט, אַז דער פריץ האָט אַ משוגענעם זון, פאַרשפּאַרט אין אַ הייזל ביי אים אין הויף, אין אַ פינצטערן צימער. עס איז נאָר דאָ פון אויבן אַ גראַטע־פענצטערל. לייוויקן האָט געצויגן צו אים, צום סוד. ער האָט איינגעשטעלט, זיך אריינגעגנבעט אין הויף. ער איז דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר זיבן.

— עס איז דאָ אַ שטיבל מיט אַ קליין פענצטערל, מיט גראַטעס.

איז ער צו צום שטיבל, צום פענצטערל, מיט אַ ציטער אין די ביינער. זיך אַרויפגעצויגן צום פענצטערל, צו די גראַטעס. אַריינגערוקט זיין פּנים צווישן די גראַטעס, כדי גוט צו זען. ער איז דאָ, דער פאַרשפּאַרטער. ער האָט אים געזען. דער געפאַנגענער שטייט אַליין אין זיין קאַמער.

— דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל, ווען איך האָב געזען אַ מענטשן הינטער גראַטעס. שטייט ער דאָרטן, אַ פאַרוואַקסענער מיט אַ באָרד, מיט אַ ווילדן פּנים, ווילדע אויגן, אַ צעשויבערטן קאָפּ.

— מיר האָבן זיך אָנגעקוקט אַ לאַנגע ווײַלע.

אַ מענטש אַ גבור. אַ הויכער, אַ ווילדער, אַ באַוואַקסענער, מיט טרויעריקע אויגן. עס איז געווען אַ לאַנגע, אימהדיקע, שטומע באַגעגעניש. — אָט דער מענטש — זאָגט ער — פון אַ באַזונדערן גורל, איז אריין אין מיין בלוט. איז ער ניט געווען דער פּראָטאָטיפּ פון גולם?

דער מענטש הינטער די גראַטעס — זאָגט ער ווייטער — טרעט ניט אָפּ פון מיר מיין גאַנץ לעבן. איך האָב זיך שפּעטער אַליין געזען הינטער גראַטעס, אָבער דעמאָלט האָב איך עס געזען צום ערשטן מאָל. געזען דעם סימבאָל פון מענטשלעכער פּיין, פון מענטשלעכער אַליינקייט.

ער דערמאָנט זיך נאָך עפּעס. אין זיינע קינדעריאָרן האָט ער זייער געוואָלט וויסן וואו עס שלאָפט דער וואַסער־טרעגער. אַ גאַנצן טאָג טראָגט ער אַרום עמערס אויף די קראָמיסלעס. וואָס־זשע טוט ער ביי נאַכט? מען זעט אים ניט אין געסל, אויפן מאַרק, אויף די הויפן. וואו איז ער?

מען האָט געזאָגט, אַז מענדל דער וואַסער־טרעגער שלאָפט אין אַ חרוב שטיבל הינטער דער מיל, הינטערן בית־עולם. ער האָט זיך דער־

קליבן איינער אליין. געפונען די חורבה. שטיל ארום און אין דער חורבה. אריינגעקוקט אהין אין דער פינצטער, געזוכט מיט די אויגן, און געפונען: מענדל איז דא. ער ליגט אויף דער ערד, אן אויסגעצויגענער, און שווייגט. מסתמא שלאפט ער. איינער אליין אין דער חורבה, אויף דער ערד.

קלאר, ער איז ניט סתם מענדל דער וואסער־טרעגער, עפעס אנדערש איז ער. עפעס מוז זיך דאך מיט אים טאן.

— איך בין דעמאלט געווען א יאר אכט.

אפגעלערנט פינף יאר אין חדר, איז ער, א צען־יאריק יינגל, אוועקגעפארן לערנען אין ישיבה אין בערעזין. א גרויסע ישיבה. הונדערט ישיבה־בחורים, למדנים. צווישן זיי אויך פרושים, חתונה־געהאטע למדנים. און ער — צווישן זיי, א צען־יאריק יינגל.

— דער טאטע האט מיך אוועקגעפירט אין דער ישיבה, אין דער „געמויערטער שול". באשטעלט מיר „טעג", געפונען פאר מיר וואו צו שלאפן, אין שטוב ביי דער משפחה טשארני, א זעלטענע משכילים־משפחה. עס זיינען שוין געווען אין דער טשארני־שטוב ביכער פון מענדעלע, שלום־עליכם, דער זשורנאל ד ע ר י ו ד .

אין יענעם הויז האט ער צום ערשטן מאל געהערט פארלייענען שלום־עליכמען.

אין דער ישיבה איז ער געווען א יינגל א מתמיד. עס זיינען געווען צוויי טישן: דער „קליינער טיש" און דער „גרויסער טיש". אויפן צווייטן יאר האט מען אים איבערגעזעצט צום „גרויסן טיש". צוגעזעצט צו אים דריי חברים, צו מאכן אין איינעם דעם שיעור. איינער פון די דריי חברים איז געווען אונדזער גוט־באקאנטער שאול הורוויץ, א היגער לערער. געווען א מאל א לערער אין א ווילנער יידישער שול. נאכדעם — אין ניו־יארק. שאול הורוויצעס טאטע איז געווען א בדחן.

— דער ראש ישיבה, ר' איטשע פראדעס, האט געוואלט, אז ישיבה־בחורים זאלן לערנען אויך לשון־קודש. האט מען עס געלערנט ווינטערצייט, ביי נאכט, אין „חדר שני". דער לערער איז געווען דער העברייער משה רובינטשיק.

— א גאנצן טאג האב איך געלערנט גמרא, א ביסל פארדינט פון די תלמידים, ווען איך האב ארויסגעהאלפן מאכן דעם שיעור פאר פיר רובל א זמן. ביי נאכט געלערנט לשון קודש אין „חדר שני".

— קום צו מיר אהיים, וועל איך דיר געבן עפעס צו לייענען — האט איין מאל געזאגט צו מיר דער לערער רובינטשיק.

ער איז צו אים געגאנגען, און איז נתפעל געווארן פון זיין גרויסן אלמער מיט ביכער. ער קאן לייענען וויפל ער וויל און וואס ער וויל.

האָט ער זיך צוגעכאַפּט צו די ביכער מיט התמדה. געלייענט גאַנצע נעכט. אַליין אָנגעהויבן שרייבן העברעאישע שירים. ער געדענקט נאָך דעם נאָמען פונם ערשטן ליד: ב ר ג ע י ה י א ו ש — ב ר ג ע י ה ת ק ו ו ה...

אין יענער צייט האָט ער שוין ניט געהאַט קיין אייגענע „קוואַרטיר". זיין „קוואַרטיר" איז געווען אין שול. געשלאָפן אין די נעכט אויף אַ טיש, אויף אַ באַנק. ער איז געגאַנגען אָרעם אָנגעטאָן. געווען זייער שעמעוודיק, געשעמט זיך אַפילו אויסצוזאָגן, אַז ער הונגערט גאַנצע טעג. „וואונדן האָבן אַרויסגעשלאָגן אויף מיינע פּיס".

— דריי יאָר אין בערעזין, עסן „טעג", שטיין ביי יענעם אין הויז, וואַרטן אַ פאַרשעמטער, מען זאָל הייסן גיין עסן, שלאָפן די נעכט אויף אַ באַנק, אויף אַ טיש... וואָס איז שייך צו מאַכן אַ ווען פון דעם, אַז אָרום און אָרום האָט געשמעקט מיט אָרעמקייט און מיט ליידן.

דערפאַר האָט ער אַ סך געלייענט. ער האָט געלייענט — דערמאָנט ער זיך — וועגן דער שפּאַנישער אינקוויזיציע, געלייענט ע מ ק א ר ז י ם, ג ל ו ת ס פ ר ד, ד ו ד א ל ר ע י, ת ו ל ד ו ת ע ם י ש ר א ל פון ראַבינאָוויטשן, ה ת ו ע ה ב ד ר כ י ה ח י י ם פון פּרץ סמאָלענסקין און אַנדערע.

— איך געדענק ביז היינט דעם געוואַלדיקן איינדרוק, וואָס ער האָט אויף מיר דערמאַלט געמאַכט די געשיכטע פון יידישן פאָלק.

ווען ער איז בר־מצווה געוואָרן, איז ער געגאַנגען העכער צו לערנען, אַוועק אין ישיבה אין מינסק, אין דער שול פון די שואבי מים.

— אין 1902 איז פאָרגעקומען הירש לעקערטס אַטענטאַט אויפן ווילנער גובערנאַטאָר פאָן־וואַל. די געשיכטע האָט זיך טיף איינגעשניטן אין מיין מוח. זי איז דערגאַנגען צו דער ישיבה.

הירשקע לעקערט איז געווען אַ שוסטער. ביז איצט איז געווען אַ מחיצה צווישן ישיבה־בחורים און פּראָסטע שוסטערס. די בעלי־מלאכות פלעגן גאַנץ אָפט גאָר אונטערהאַקן די זייטן פון די „כניאָקעס", די ישיבה־בחורים. איצט האָט גאָר אַ שוסטער געטאָן אַזאַ גרויסע זאַך! זיי זיינען, הייסט עס, גאָרניט אַזוי פּראָסט און איינפאַך, די בעלי־מלאכות. עס טוט זיך אַ וועלט — אַ קלייניקייט, הירשקע לעקערט דעם שוסטער!

ה. לייוויק האָט צום ערשטן מאָל געהערט דעם קלאַנג וועגן ב ו נ ד. הירשקע דער שוסטער האָט געהערט צום ב ו נ ד. מעשיות וועגן דעם זיינען דערגאַנגען אין ישיבה.

— עס איז פאַר מיר געווען אַ נייע און גרויסע איבערלעבונג פול מיט פאַנטאַזיע — דערציילט לייוויק. — עס זיינען געווען יונגע יאָרן.

פארטאַג אין פרומקייט, אין דמיונות וועגן דער שפּאַנישער אינקוויזיציע, פאַרשטעלונגען וועגן משיחן, וואָס דאַרף בכל שעה קומען. קלאַנגען וועגן משיחן, אַז אָט־אָט דאַרף ער קומען, האָבן זיך געטראָגן. מען האָט אַפילו גערעדט וואָס מען וועט טאָן מיט די הייזער ,ווען ער וועט קומען. מען האָט אַפילו אָנגערופן אַ טאָג, ווען ער קומט.

דער האַרטער טיש אין שול — זיין געלעגער, האַלבער הונגער צו־ליב פעלנדיקע „טעג". אויפן הינטערגרונט — ביטערע נויט פון די קינ־דעריאָרן, אויסגעמישט מיט פאַנטאַזיעס וועגן לאַמעדוואָווניקעס און נסתרים. פאַר די אויגן — די גרויסע בלעטער פון גמרא, תוספות און מהרש"אַ. און אויפן פאָדערגרונט איז אַרויסגעקומען הירשקע לעקערט דער שוסטער, וואָס האָט געשאָסן אין ווילנער גובערנאַטאָר פאַר דער באַליידיקונג פון זיינע געשמיסענע ברידער. קומט עס שפּעטער, ווי אַן אָפּקלאַנג, אין זיין ליד:

> אַ, זעט ס'איז הירשקע לעקערט דאָ, — דער תליה־ריטער,
> דער מאַנער און דער אויפמאַנער פאַר שמיץ פון ריטער,
> דער הירשקע לעקערט פון דער ווילנער שוסטעריי,
> געזאַלבטער קעמפער פון לעגענדע — ערשטער מיי.

דער משגיח פון דער מינסקער ישיבה האָט אים געכאַפּט לייענען ביי דער גמרא אהבת ציון פון אברהם מאַפּו. אַזא טריף פסול! ער האָט שוין דעמאָלט אויך געהאַט געלייענט פּרצן, אחד העמען, חטאת נעורים פון ליליענבלום, געהאַט שוין אַ באַגריף וועגן ביאַליקן.

— פאַרנעם זיך אַרויס פון דער ישיבה — האָט געצאָרנט דער שמש, לויט דעם אָנזאָג פון משגיח.

אַרויסגעטריבן פון ישיבה, פון די בלעטער גמרא, צוליב אהבת ציון. ער איז אַלט געווען פופצן יאָר. די סדרה ישיבה איז פאַרענדיקט געוואָרן. ער איז געפאָרן אַהיים און געוואָרן אַ העברעאישער לערער אויפן יישוב, אין דאָרף דאַמאַוויצק.

אָפּגעוועזן עטלעכע זמנים אויפן יישוב, אויף דער נאַטור. געהאַט גענוג צייט אויף נאָכטראַכטעניש, און מער האָט ער דאָרטן ניט גע־וואָלט זיין. עס האָט אים געצויגן ערגעץ אַנדערש. אַ זעכצן־יאָריקער בחור, איז ער געקומען פון דער קאַנדיציע צוריק אין שטעטל אַריין. ער דאַרף זיך אַרומזען, דאַרף עפּעס טאָן.

— מיין שוועסטערקינד, דער סטאָליער מאיר האַלפּערן האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ נייער וועלט, אויף אַ פאַרזאַמלונג פון בונד אין וואַלד.

פריער האט ער אים געגעבן צו לייענען א געהיים ביכל מיט רויטע טאוולען, די מעשה מיט די פיר ברידער, א כישוף־דיק ספרל. גמרא'ס, העברעאישע ביכער, השכלה, אברהם מאפּוס אהבת ציון — און פאראויס האט זיך ארויסגערוקט א געהיים יידיש ביכל מיט רויטע טאוולען, די מעשה מיט די פיר ברידער. זיין שוועסטערקינד האט אים גערופן צו דער פארזאמלונג אין וואלד. רעוואלוציאנערן, סאציאליסטן, בונדיסטן... — דאס גאנצע וועזן זיינס — דערציילט ער — האט געשטרעבט צו מעשים, זיך אויסצולעבן אין רעאליטעט. „גיין אין וואלד" — האבן געזאגט אלע זיינע חושים.

עס איז געווען א קאנספּיראטיווע פארזאמלונג אין וואלד, אויף דער פּאליאנע. אויף אן אפגעהאקטן בוימשטאם איז געשטאנען דער רעדנער פון מינסק.

דערמאנט זיך ה. לייוויק:

— וועמען האב איך געזען דעמאלט אין וואלד? — אלע שניידערס, אלע שוסטערס, שניידערקעס פון שטעטל. ווער זיינען זיי? ניט געהאט ביז דעמאלט מיט זיי קיין באריר ונג. איך האב געקענט זייערע ווארשטאטן, אבער ניט זיי אליין.

מען האט דאך אים געגרייט צו זיין א רב. איז ער גאר צווישן הירשקע לעקערטס מענטשן. דער איינדרוק — קאלאסאל, וואונדערלעך און יום־טובדיק. „איך בין פארכאפּט געווארן".

די ארבעטער אין וואלד האבן זיך מיט אים דערפריידט. גוט, וואס ער איז דא. באלעבאטישע בחורימלעך, הייסט עס קומען אויך צו. ער איז שפּעטער געגאנגען צו א צווייטער פארזאמלונג. עס זיינען געקומען פּארבאהאלטענע רעדנער — נחום דער קירזשנער (אונדזער הייניקער נ. כאנין), קאליא טעפּער. ער איז אריינגעצויגן געווארן נאך מער. אן אמתער כישוף. ער האט געזאגט, אז ער וויל אויך עפּעס זאגן.

— מען האט מיך איין מאל אוועקגעשטעלט אויף דעם זעלבן בוימשטאם, איך זאל עפּעס זאגן. איך קאן אבער ניט, שטום דאס מויל. עס קלאפּט מיר דאס הארץ, איך ווער באדעקט מיט שוויים, איך ציטער, עס נעמט מיר שווינדלען דער קאפּ. מיט דעם האט זיך געענדיקט מיין ערשטע רעדע.

מען האט אים אבער אריינגענומען אין דער „סכאדקע" פון בונד. ער האט זיך פארנומען א ביסל מיט לערעריי, געגעבן „אוראקן", צוגע־האלפן דער מאמען אין שטוב, ביים אויוון.

— קאנט איר זיין א בעקער? — בין איך טשעקאווע.

— איך קען די מלאכה גאנץ גוט. דאס איז מיר צו ניץ געקומען אין סיביר. איך האב דארטן געבאקן ברויט.

אין 1905 איז ער אַלט געווען זיבעצן יאָר. רוסלאַנד גייט כּאַדראַם. אין איהומען איז דעם 9טן יאַנואַר אַ דעמאָנסטראַציע קעגן דעם צאַר. ה. לייוויק באַטייליקט זיך אַקטיוו, און מוז נאָך דעם אַפּציען פון שטעטל. איז ער אַוועק קיין מינסק. מיט קאָפּ, לייב און לעבן איז ער דאָרטן אַריין אין דער רעוואָלוציע, געוואָרן אַ „רעוואָלוציאָנער־פּראָפעסיאָנאַל". זיין טאַטע האָט געלערנט יידיש מיט דינסטמיידלעך, און ער האָט אָנגעפירט מיט דער „סכאָדקע" פון דינסטמיידלעך אין מינסק, אָרגאַניזירט זייער שטרייק.

ער האָט זיך דאָרטן געטובלט אין אָרעמקייט, אין נויט. געפירט שטרייקן, און אין דער זעלבער צייט געלערנט און געלייענט יידישע און רוסישע ביכער אין די נעכט. אין די טעג איז ניט געווען קיין צייט. ביי טאָג בונד, אין אָוונט בונד, אויף דער „בירזשע פון בונד, געגאַנגען אויף פאַרזאַמלונגען, געשטיגן — ער איז געווען אַ דעלעגאַט צו דער מינסקער ראַיאָן־קאָנפערענץ פון בונד.

— איך בין געווען יונג — זאָגט ער. — צי האָב איך גוט פאַר־שטאַנען די באַוועגונג? ניט גענוג, אָבער דאָס געפיל איז געווען זייער טיף.

עס איז אין יענער צייט אָנגעגאַנגען אין בונד — דערציילט ער — אַ קאַמף צווישן די, וואָס זיינען געווען גרייט נאָכצוגעבן די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין דער פראַגע וועגן יידישן נאַציאָנאַליזם — די „ווייכע", און די, וואָס זיינען געווען קעגן נאָכגעבן, די „האַרטע". ער איז געווען אַ „האַרטער", ניט נאָכצוגעבן. ער איז געווען יידיש־נאַצי־אָנאַל.

געלייענט ביכער. מיטן געדאַנק און האַרצן זיך אָפּצוגעבן צו דער אַרבעטער־באַוועגונג, צו דער רעוואָלוציע, וואָס אָט מאַכט מען זי מיט די אייגענע הענט, אָט־אָט וועט זי קומען. און דערווייל — געהונגערט פּשוטו כּמשמעו. ניט געווען וואָס צו עסן. ער דערמאָנט זיך, ווי ער פלעגט דעמאָלט זיך אַריינכאַפּן אין צימער פון חבר דניאל ניסנעוויץ — היינט אַ יוניאָן־טוער, אַ שולטוער אין ניו־יאָרק, דעמאָלט אַ יונגער בונדיסט. אַליין אויך געווען אַן אַרבעט: „דניאל, איך בין הונגעריק!..." פלעגט לויפן דניאל, און ברענגען ברויט. „איך האָב דעמאָלט געלייענט קנוט האַמסונס ה ו נ ג ע ר, און עס איבערגעלעבט בפועל ממש.

אַוועק 1905. עס איז שוין 1906. עס זיינען שוין פּאָגראָמען, זעלב־שוץ, דעמאָנסטראַציעס.

— איך דערמאָן זיך — זאָגט ער — מיין באַטייליקונג אין יענע דעמאָנסטראַציעס קעגן צאַריזם, קעגן פּאָגראָמען. איך דערמאָן זיך אַז דער דעמאָנסטראַציע, אין וועלכער עס האָט זיך באַטייליקט אויך דניאל

ניסנעוויצעס עלטערער ברודער, אברהם ניסנעוויץ, וועמען מען האָט גערופן „דער פּאָעט". נאָך דעם האָט מען אונדז אַרעסטירט. פּאָליציי האָט אונדז געשלאָגן אַ גאַנצע נאַכט מכות רצח. געטריבן „סקוואַז סטראָי". פון ביידע זייטן — פּאָליציי, קאָזאַקן, און אין מיטן — דער זינדיקער, דער רעוואָלוציאָנער. מען שלאָגט אונדז פון ביידע זייטן, מען קאַטעוועט ביז בלוט.

אברהם ניסנעוויצן האָט מען דעמאָלט אַוועקגעשיקט אין סיביר, און ה. לייוויקן האָט מען, צוליב מינדעריעריקייט, אַרויסגעלאָזן אויף דער פריי. ער איז צוריק אין שטעטל, העלפט אָרגאַניזירן אַ גרופּע צום זעלבשוץ קעגן פּאָגראָמען.

אין יענער צייט איז זיין היים אין גאַנצן ניט געווען קיין זיכערע. פּאָליציי האָט אים אַרומגעזוכט. ער האָט געמוזט נעכטיקן אין באַהאַל־טענע ערטער. אין אַ האַרבסטנאַכט האָט די פּאָליציי אים דאָך געכאַפּט צום צווייטן מאָל. זי האָט אויך געפונען אין שטעלכל פאַרשטעקטע דאָ־קומענטן און געווער.

— טו זיך אָן — האָט די פּאָליציי באַפוילן — וועסט גיין מיט אונדז.

ער האָט דעמאָלט ניט געוואוסט, אויף וואָס פאַר אַ וועג עס פירט אים זיין שיקזאַל. מען האָט אים אַריינגעזעצט אין אַ „אָדינאָטשקע", אַן איינצל־קאַמער. איינער אַליין צווישן די ווענט פון דער טורמע. אין דער איינזאַמער טורמע־קאַמער האָט ער אייגנטלעך אָנגעהויבן זיין שריי־בערישע שליחות.

— איך אַליין האָב געמאַכט אַ טורמע־צייטונג און זי אַ נאָמען געגעבן ט ו ר מ ע ־ ג ל אָ ק.

ער האָט אַרויס געשיקט די צייטונג צום דרויסן, אויף יענער זייט טורמעוואַנט, צוגעבונדן זי צו אַ שטיינדל. אויף יענער זייט האָט מען וועגן דעם געוואוסט. מען האָט אויפגעכאַפּט זיין ט ו ר מ ע ג ל אָ ק, און דער גלאָק האָט אָפּגעקלונגען אין דער ווייטנס, אויף דער פריי. עס האָט געקלונגען דער יונגער אַרעסטאַנט, דער געוועזענער אָרעמער ייִנגל פון איהומען, דער מתמיד, ישיבה־בחור, דאָרפלערער, און איצט רעוואָ־לוציאָנער, קעמפער.

— אין ט ו ר מ ע ג ל אָ ק איז געווען מיין ערשט ליד.

— אפשר געדענקט איר אַ פּאָר שורות פונם ליד?

— יאָ, איך געדענקט. ש. ניגער אין זיין בוך וועגן מיר ברענגט זיי:

עס הוליען ווינטן, ווייגען, שאלן,
פייפן בייז, מיט גרויס געוואוט
און דער שרעק, ער קריכט אין הארצן,
טיף אין מיר, און זויגט מיין בלוט.

דארטן ברעכט ער צווייגן, ביימער,
ווארפט אום ברעטער פון דעם דאך.
נאר מיין טורמע שטייט א גאנצע,
זי צו ברעכן איז ער שוואך.

רופט א רעוואלוציאנער־ארעסטאנט פון טורמע, קלינגט פון טורמע. שפעטער איז דאס זעלבע ליד געווען געדרוקט אין ניו־יארק, אין צ ײ ט ־ ג ײ ס ט, וואס איז דערשינען ביים פ א ר װ ע ר ט ס. חברים פון דער פריי האבן עס אפגעשיקט אין ניו־יארק. זאל ניו־יארק אויך הערן ווי עס קלינגט דער טורמעגלאק.

נאך דריי חדשים איינצל־קאמער אין איהומענער טורמע, איז ער אוועק מיטן טורמע־עטאפ אין דער מינסקער טורמע. דארטן האט זיך אנגעהויבן פאר אים א ניי טורמע־לעבן. א גרויסער פאליטישער אקטיוו. עס זיינען געזעסן אין די קאמערן גרופעס רעוואלוציאנערן פון פארשיי־דענע שטעט. ער געדענקט דעם נומער פון זיין קאמער: נומער 11. אין יענער טורמע זיינען געזעסן מאזירער רעוואלוציאנערן — מענדל בעגין, זינגערמאן, העניע גארעליק, א גרופע רעוואלוציאנערן פון קיעוו און אודאי פון מינסק; עס איז דארט דעמאלט געזעסן משה ציטרין פאר הרגענען א פראוואקאטאר פון בונד. ארום און ארום ביז הונדערט פופציק פאליטישע ארעסטאנטן.

ה. לייוויק דערציילט:

— אין מינסקער טורמע דעמאלט, סוף 1906, האב איך צום ערשטן מאל זיך געטראפן מיט אונדזער ש. ניגערן. ער איז דורכגעגאנגען די טורמע א געפירטער מיטן עטאפ־קאנוואי. ער איז שוין דעמאלט געווען באוואוסט נאכן אפדרוקן זיין ארטיקל איבער דער דראמע פון שלום אש מ ש י ח ס צ ײ ט ן. ער האט געהאלטן א רעפעראט אין איינער פון די טורמע קאמערן. מיר האבן זיך פערזענלעך ניט געקענט דעמאלט. אבער איך מעג זאגן, אז אונדזער באגעגענען זיך אין טורמע ווי גע־פאנגענע האט געהאט אין זיך עפעס טיף־גורלדיקס, פארבונדן אונדז אין א ווארעמען בונד אויפן גאנצן לעבן אויך שפעטער, אין אונדזער ליטעראטור, דא אין אמעריקע.

צוויי יאָר איז ה. לייוויק געזעסן ביז זיין משפּט. דער משפּט איז געווען זייער אַ שווערער — פיר יאָר קאַטאָרגע, און נאָך דער קאַטאָרגע — פאַרשיקונג אויף אייביק אין סיביר. ער איז געווען ביי זיין משפּט זייער געוואַגט. דער באַרימטער מינסקער אַדוואָקאַט פון די רעוואָלוציאָנערן, פּעטרוסעוויטש, איז געקומען אים פאַרטיידיקן. ה. לייוויק זאָגט זיך אָפּ פון אַ פאַרטיידיקער: „איך וויל זיך ניט פאַרטיידיקן..." עס האָבן ניט געהאָלפן די בקשות, אפילו ניט פון זיין אייגענעם טאַטן. צום פאָרזיצער פון געריכט האָט דער יונגער געמשפּטער לייוויק געזאָגט:

— איך וויל זיך ניט פאַרטיידיקן. איך וויל ניט לייקענען קיין זאַך. איך האָב געהאַנדלט מיט מיין פולן באַוואוסטזיין. איך בין אַ מיטגליד פון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי בונד. איך טו אַלץ, וואָס איך קאָן, כדי אַרונטערצווואַרפן די צאַרישע זעלבסטהערשאַפט, די בלוטיקע תּלינים, מיט אייך צוזאַמען...

דער פאָרזיצער פון געריכט האָט אים איבערגעריסן. ער האָט אים ניט געלאָזט מער רעדן. אורטייל: פיר יאָר קאַטאָרגע — אויף אייביק אין סיביר.

אויף אייביק!

— די טורמע איז פאַר מיר געווען אַ פונדאַמענטאַלע דערציאונגסהויז. איך האָב איינגעזאַפּט אין זיך גאָר באַזונדערע מענטשלעכע ליידן, יסורים, געפאַלנקייט און דערהייבנקייט. איך האָב זיך אָנגעזען תּליות אויפן טורמעהויף. מען ווייס, אַז אין דער און דער שעה וועט מען פירן אַ חבר צו דער תּליה. די גאַנצע טורמע פלאַטערט. אַ מענטש ווערט געהאַנגען פאַר זיין גלויבן.

— איך בין געשטאַנען — זאָגט ער — ביים תּהום פון מענטשלעכע ליידן. איך האָב אָבער געזען ניט נאָר די ליידן פון קרבן, נאָר אויך זיין עקסטאַז. אָנגעזאַפּט זיך מיט גענוג טרויער, אַליין אין די נעכט:

און אפשר געשטאָרבן בין איך, און ביים טיר
דאָס לעמפּל ברענט יאָרצייט נאָך מיר?...

ער האָט אויך געזען די צעשטערונג פון מין מענטש. „די באַליידיקונג פון מין מענטש מאַכט אַ וואונד אין הארצן". ער איז געווען געשמידט אין קייטן. דערציילט ער מיר אַ מעשה וועגן זיינע קייטן:

— די קייטן זענען געווען שווער אַזוי ווי זיי וואָלטן צוגעוואַקסן, און ניט נאָר צו די פיס. עס קומט אַ געוואַלדיקער באַגער זיך צו באַפרייען פון זיי, פון די אייזערנע מחבלים אויף די פיס.

— האָט מען זיך דערטראַכט — דערציילט ער — צו אַ מיטל: אָנגעשמירט די פיס מיט זייף, דער עיקר די פּיאַטעס, געדרייט, געשטופּט,

געשלעפּט, און גובר געווען די אייזערנע קייטן, אַראָפּגעשלעפּט זיי פון די פיס. ער ווייזט מיר ביים טיש ווי אַזוי מען מאַכט עס. ער לעבט איבער יענעם מאָמענט אין דער מינסקער טורמע. איך זע עס אויף אים.

— איך האָב אָבער קיין מזל ניט געהאַט — זאָגט ער. — אין יענער נאַכט, ווען איך האָב אויף אַ ווײַלע באַפרײַט מײַנע פיס פון די קייטן, איז אַרײַן דער טורמע-וועכטער און מיך געפּאַקט. מײַן שטראָף איז געווען אַכט טעג קאַרצער.

אַליין אין פינצטערן קאַרצער, אויף דער ערד. בלויז ווענט און חושך. אַכט טעג און אַכט נעכט. מען ווייס ניט קיין אונטערשייד צווישן טאָג און נאַכט.

— איך בין אַרויסגעקומען פון קאַרצער כמעט אַ בלינדער, צע־טרייסלט.

אַ קאַטאָרזשאַן — דער קאָפּ אָפּגעשאָרן, אָנגעטאָן אין גרויע אַרעס־טאַנטסקע בגדים, גראָבע אַרעסטאַנסטקע וועש אויפן לײַב, אויפן פּלייצע אַ רויטער קאַטאָרזשאַן־צייכן. אַ באַרויבטער פון אַלע רעכט, זיצט ער צוזאַמען מיט קרימינעלע פאַרברעכער. לײַדן אָן אַ סוף.

—איך האָב אָבער אין די לײַדן — זאָגט ער — אויך געפילט אַ דערהייבונג.

ער האָט דורכגעמאַכט נאָכן קאַרצער אַ פּראָצעס פון שווערער נער־וועזקייט, ניט געקאָנט שלאָפן אין די נעכט אויף דער נאַרע. די שלאָף־לאָזע נעכט זײַנען געווען קאָשמאַרן. ער האָט געבעטן, מען זאָל אים אַריבערפירן אין אַ קלענערער קאַמער מיט ווייניקער אַרעסטאַנטן. האָט מען אים צוליב געטאָן, אַרײַנגעפירט אין אַ קליין קעמערל אין דער „באַשניע״, אַ מין טורעמל, אַ קײַלעכדיקע קאַמער מיט דרײַ בעטלעך.

— עס איז מיר אָבער געווען באַשערט אין דער „באַשניע״ דורכ־צומאַכן נאָך אַ שווערע איבערלעבונג.

אין דער אַנטקעגנדיקער „באַשניע״ זײַנען געזעסן דרײַ פּאָליטישע, פאַרמישפּטע צום הענגען. לייוויק האָט דורכגעלעבט זייער ערב־טויט. זיי האָבן נאָך געהאַט אַ פונק האָפענונג, געמאַכט הכנות צו אַנטלויפן. טויט אָדער רויט.

אין דרויסן האָט מען זיך אויך געגרייט צו דעם. מען האָט באַוויזן אַרײַנצוגעבן זיי אין קאַמער דינאַמיט. זיי האָבן גרייט געמאַכט אַ באָמבע. ערב אַ נאַכט, אויף זייער לעצטן הויפּשפּאַציר, וועלן זיי מאַכן אַ פּרואוו צו אַנטלויפן, מיט דער באָמבע אין האַנט, לויפן צו דער פרײַ, צום לעבן. „איך האָב דורכגעמאַכט מיט די בעלי־תליה זייער גאַנצן פיבער״.

ער דערמאָנט זיך אָן דעם לעצטן טאָג זייערן. וואָס וועט זײַן? תליה אָדער רעטונג? וועלן זיי אפשר אויפגעריסן ווערן דורך זייער

אייגענער באַמבע? אַט איז די באַשטימטע שעה. זיי לאָזן זיך. זיי האָבן געדאַרפט אָנקומען צום טויער ווען מען עפנט אים אַריינצולאָזן אַ פור מיט האָלץ, און דעמאָלט לאָזן זיך לויפן. זיי האָבן זיך אָבער פאַרשפּע־טיקט אויף רגע. פאַרשפּילט. דער טויער איז שוין געווען פאַרקלאַפּט. דער טורמע־וועכטער האָט זיי געפירט צוריק. קיין גרעסערע שטראָף ווי טויט איז סיי־ווי־סיי ניטאָ. זיי האָבן שפּעטער באַוויזן פּטור צו ווערן פון דער באַמבע — אַראָפּגעלאָזן זי אין טואַלעט. איצט איז שוין געבליבן פאַר זיי איין איינציקער שמאָלער און קורצער וועג — צו דער תליה. היינט ביי נאַכט.

מען האָט זיי אויפגעהאַנגען. ה. לייוויק האָט מיטגעפיבערט מיט זיי, זייער לעצטע נאַכט און זייער גאַנג צו דער תליה.

— איך האָב דאָרט, אין יענער „באַשניע", אָנגעשריבן — זאָגט ער מיר — מיין ערשטע דראַמאַטישע פּאָעמע ד י ק ייט ן פ ו ן מ ש י ח.

ער פלעגט אויסקלייבן אין טורמע אַ חבר, פאַר וועלכן ער פלעגט פאַרלייענען זיינע לידער.

— די ליידן אין טורמע — זאָגט ער — ברענגען דיך אָפט צו גייסטיקער דערהייבונג. מען איז אין אַ גרויסן קאָלעקטיוו, וואו יעדער איינער ליידט. דו ביסט אין דער סאַמע טיפעניש, אויפן סאַמע דנאָ פון עפּעס אַזאַ גליקלעכן תהום. אפילו די קייטן טראָגן זיך דעמאָלט גרינגער.

אָבער אַט קומט אָן פאַר אים גאָר אַ שווערע איבערלעבונג אין טורמע־קאַמער און דער „באַשניע". זיי זיינען אין קאַמער זאַלבעדריט — צוויי רעוואָלוציאָנערן און ער. איינער, לאָמיר אים רופן אַלעקס, איז געווען אַ באַוואוסטזיניקער רעוואָלוציאָנערער פירער אין רוסלאַנד; דער צווייטער, אַלעקס אַ חבר, אַ סטודענט. רופט מען אַרויס איין מאָל אַלעקסן אויף אַ זעאונג מיט זיינע עלטערן. צוריק איז ער געקומען מיט אַ פּעקל שפּייז, אַ מתנה פון די עלטערן. דאַרף ער, ווי דער שטייגער איז, זיך טיילן מיט די חברים. דאָס איז געווען אַ געזעץ צווישן די פּאָליטישע אין טורמע. אינעם פּעקל איז אָבער געווען אַ געשמאַקער מאכל — אַ געבראָטן גענדזל. אַלעקס האָט קיין כוח ניט געהאַט זיך צו שיידן מיטן מאכל. האָט ער באַהאַלטן דאָס פּעקל מיטן געבראָטענעם גענדזל אויפן פענצטער, ביי די גראַטעס.

פאַר נאַכט. מען ברענגט אַריין, ווי געוויינטלעך, די טורמעזופּ, דאָס שווערע ברויט. אַלעקס רירט זיך ניט צו. ער לעבט עפּעס איבער. עס איז אין אים עפּעס אַ מלחמה. ה. לייוויק קוקט אים נאָך מיט נייגער, אומרואיק. אַלעקס ציט אויס זיין האַנט צום פענצטער מיט די גראַטעס און שלעפּט אַרויס זיין פּעקל מיטן גענדזל. עס איז זיינס. ער באַשליסט

עס צו עסן אַליין, זיך ניט טיילן. זעצט ער זיך מיטן פּנים צו דער וואַנט און עסט.

— עס איז געווען אַ משונהדיקע שטימונג — דערמאָנט זיך ה. לייוויק איצט, מיט צענדליקער יאָרן שפּעטער. — דאָס קייען, דאָס גריזשען דיביינדלעך און פליש פון דעם געבראָטענעם גענדזל. אלעקס, דער באַרימטער פּאָליטישער פירער, זיצט מיטן פּלייצע צו די חברים, מיטן פּנים צו דער וואַנט, און עסט, און גריזשעט. די שטימונג איז „באַש־ניע" ווערט אַ פיינלעכע. איך האָב געהאַט אַ געפיל, אַז עס קומט אַן עפּעס חורבנדיקס, עפּעס קאַטאַסטראָפאַלעס, עס קומט אומגליק.

— אַלעקס עסט און עסט. זיין חבר, דער סטודענט, זעט וואָס אַלעקס טוט. עס ברענט אין אים. האָט ער זיך אַנידערגעוואָרפן אויף זיין נאַרע־געלעגער מיטן פּנים צו דער וואַנט, מיטן הינטער־חלק צו זיין חבר, וואָס גריזשעט דאָס געבראָטענע פעגדזל. ער קאָן אויף אים ניט קוקן. עס זיינען אַזוי פאַרביי שעהען, אַ גאַנצע נאַכט. איך האָב זיך אויך אוועקגעלייגט. אין קאַמער איז שטיל און שטום. געווען פריער חברים, מיט אַ מאָל איז אונטערגעקומען דער יצר־הרע. אַלעקס האָט ניט געקאָנט ביישטיין, ניט געקאָנט גובר זיין די גלוסט צום געבראָטענעם גענדזל, צו די פעטע ביינד־לעך. אויסגעהונגערט אין טורמע, האָט די תאווה נאָכן געבראָטענעם גענדזל אים אַריינגענומען אין אירע לאַפּעס. ער האָט ניט געהאַט קיין כוח זיך קעגנצושטעלן, זיך טיילן מיטן גוטן ביסן. ס'איז געווען טראַגיש ביז צו וויינען.

אַזוי איז אַוועק אַ שווערע נאַכט. דאָס איבערבלייבעכץ פונעם גענדזל, וואָס אַלעקס האָט ניט דערעסן, האָט ער פאַרשטעקט אויף מאָרגן. און מאָרגן אין דער פרי — ווידער די זעלבע מעשה. אַלעקס האָט זיך ווידער גענומען צום רעשטל גענדזל, געשמאַטשקעט די שיריים אַליין. געגעסן, געגריזשעט, ביז ער האָט עס געפּטרט אין גאַנצן.

— אַ וואָך צייט האָבן מיר ניט געקאָנט ריידן צווישן זיך. אַ שטומע וואָך. מען האָט אַרומגעשפּאַנט איבער דער קאַמער מיט די קייטן אויף די פיס, אַרומגעשפּאַנט כסדר.

ווי אַ ווייטער עכאָ קומט ה. לייוויקס אַ סטראָפע:

הבל ליגט אויפן פעלד דערמאָרדעט
און קין זיצט איבערן טאָפּ און עסט.
ער שפּאַרט אין טאָפּ אַריין טיף זיין מאָרדע,
ווי אַ בער דעם שנוק אין אַ בינענעסט.

— דער איינדרוק איז אויף מיר געבליבן אויפן גאנצן לעבן. איך האב געזען דעם מענטשן אין זיין הילפלאזער נאקעטער שוואכקייט. איך האב געזען, ווי דער מענטש קאן זיך ניט גובר זיין.

ער איז אריבער אין אן אנדער קאמער.

— איז דארטן געווען א מעשה מיט א מענטשן, וואס האט באקומען פינף און צוואנציק שמיץ. איינעם פון די ארעסטאנטן אין נייעם קאמער האט מען ארויסגענומען אויף שטראף, געפירט שמייסן. ער האט זיך געזאמט א שעה צייט. אלע זיינען געווען צערודערט, פארשעמט. דארטן שמייסט מען א קאמער־חבר, מען שמייסט א מענטשן.

— איז א שעה ארום האט מען אים אריינגעבראכט — דערציילט ה. לייוויק. — מען האט אים אוועקגעלייגט לעבן מיר אויף דער נארע. זיין לייב איז געווען צעבלוטיקט, צעפאסעוועט. ער האט ניט געקאנט ליגן מיטן פנים ארויף. א גאנצן מעת לעת זיינען מיר געשטאנען איבער אים און געלייגט צו זיין לייב קאלטע טיכער.

ער שטעלט זיך אפ, פארטראכט זיך, און זאגט נאך דעם עפעס סדר־הכלדיקס:

— עס איז ניטא עפעס מער וויכטיקס, ווי איינצוהיטן די הייליקייט פונעם מין מענטש, פונעם מענטשנס געפייניקט לייב.

ער דערמאנט זיך אן זיינם א ליד, וואס איז א פארטיפטער פאעטישער אפקלאנג פון יענע יסורים פון געשמיסענע מענטשן:

איך האב געזען געשמיסענע לייבער,
און בלוט איז גערונען פון זיי.
אז איך בין געווארן דערנאך א שרייבער,
האב איך געשריבן לידער פון שניי.
האבן מענטשן ליב געהאט די לידער,
ווייל זיי זיינען געווען ווייס ווי שניי.

און מיר זיינען זיי אפט געווען דערווידער,
ווייל איך האב פארדעקט בלוט מיט זיי.
אז איך בין געווארן אויף שטענדיק א שרייבער,
איז מיין אמת נאך אלץ אין דעם,
וואס אין בלוט פון געשמיסענע לייבער
ליגט אויך מיין געשמיסענער שם.

ביים לייענען זיין ליד לייגט ער אריין א שטיק נשמה. באזונדערס טיף און הויך קלינגען די לעצטע ווערטער:

. . . מיין געשמיסענער שם.

עפּעס גורלדיקס!

מיר כאַפּן אָפּ אַ ביסל דעם אָטעם, און גייען ווייטער. פון מינסקער טורמע קיין מאָסקווער טורמע בוטירקע, דעם „אוניווערסיטעט" פון די קאַטאָרזשאַנעס. ער איז געזעסן דאָרטן צוויי לאַנגע, לאַנגע יאָר. שווער געאַרבעט. געלערנט, געלייענט. געלערנט מענטשן. געטראַכט, געשריבן. עס האָט זיך געענדיקט זיין קאַטאָרגע־טערמין אין מאָסקווער בוטירקע. וואָס ווייטער? — איצט דאַרף מען גיין מיטן עטאַפּ אויף אייביק קיין סיביר.

קודם — די פּרעלודיע, אַ גאַנג פון זעקס חדשים מיטן עטאַפּ. דורכגעגאַנגען די טורמעס פון טולע, סאַמאַרע, טשעליאַבינסק, קראַס־נאָיאַרסק, אירקוטסק, אַלעקסאַנדראָווסקער־קאַטאָרגע. פון דאָרטן דאַרף מען זיך לאָזן צופוס אַ פּופצן מעת־לעת, גיין איבער דערפער, איבער די בוריאַטישע סטעפּעס, גיין צום טייך לענאַ, גיין אויף אייביק אין סיביר.

אזוי קומען מיר צו זיין סיבירער דערפל, וויטים. דאָס ווייטע סיבירער דערפל, וואו עס איז געווען דער קאַטאָרזשאַן ה. לייוויק, ווערט איצט ווי צוגערוקט צו אונדזער טיש. אין לאַנגן אַרעסטאַנטסקן כאַלאַט דרייט ער זיך אַרום, דער קאַטאָרזשאַן לייוויק, מיט אַ טורמע־זעקל אויפן פּלייצע. ער האָט דאָרטן געוואוינט אין אַ קליין צימערל. פענצטער מיט איינגעפרוירענע שויבן. ער האָט דאָרטן געאַרבעט, כדי עפּעס צו פאַרדינען, ביים אויסהאַקן דאָס אייז אַרום שיפן, וואָס זיינען איינגעפרוירן געוואָרן איבער ווינטער. ער האָט געהאַט מזל צו געפינען אין דערפל אַ פּאָר יידישע פאַרגרעבטע משפּחות, און געלערנט מיט זייערע יינגלעך, מיט די פאַרגליווערטע סיבירער קעפּ, עברי, שרייבן אַ יידיש אות.

— עס האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז מען איז דאָ פאַרשאָטן מיט אייביקן שניי.

גייען חדשים. קריכט די צייט. בלייבן אויף אייביק אין סיביר האָט ער ניט געוואָלט. טראַכט ער וועגן אַנטלויפן. לויפן דאַרף מען צוויי טויזנט וויאָרסט ביז אַ באַן־סטאַנציע.

— איך דאַרף קויפן אַ שליטן מיט אַ פערד און זיך לאָזן אַליין. איך וועל זיך פאַרשטעלן פאַר אַ הענדלער מיט פעלעכלעך:

עס האָבן אים געהאָלפן חברים־לאַנדסלייט פון ניו־יאָרק. אים באַזאָרגט אַזש אין סיבירער דערפל מיט דריי הונדערט רובל. ער האָט זיך אויסגעלערנט זיין אַ באַלעגאָלע. אַרויסגעפאָרן אינמיטן דער נאַכט, כלומרשט אַן אויפקויפער פון פעלכלעך, האָבנדיק צוגעגרייט פאַר דעם אַ געהעריקן דאָקומענט. עס איז געווען אַ סכנה אַריינצופאַלן, אָבער סיי־ווי־סיי איז ער דאָך פאַרמשפּט אויף אייביק אין סיביר.

— געקויפט היי און ברויט, איינגעניייט דאָס לעצטע געלט, איינגעשפּאַנט מיין פערדל, און געלאָזט זיך אין ווייטן וועג.

ער איז געפאָרן וואָכן לאַנג. צוויי וואָכן געפאָרן אַליין איבער דער איינגעפרוירענער לענא. שנייען, ווינטן. דאָס פערדל איז מיד, שלעפּט קוים די פיס. זיינע זייטן — איינגעפאַלן, זיין פעל — פאַרפרוירן.

„איך גיי צופוס מיין שליטן נאָך
מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן..."

ה. לייוויק דערציילט, אַז אים איז אויסגעקומען זיך אַליין צוצושפּאַנען צום פערד און אים העלפן שלעפּן דעם שליטן. דערשלעפּט זיך צו אַ דערפל איבערנעכטיקן. זיי זיינען הכנסת־אורחימדיק, די סיבירער דאָרף־מענטשן, די, וואָס וואוינען ביי די וועגן.

איינמאָל האָט ער זיך אויפן וועג באַגעגנט מיט ציגיינער־בוידן. פריער — שרעק, נאָכדעם — אַביסל פרייד. ער איז געהאָלפן געוואָרן מיט אַ בעסער פערד, וואָס די ציגיינער האָבן אים אויסגעביטן פאַר זיין פערד. אָפּגעזעגנט זיך מיט די ציגיינער, אַוועקגעפאָרן אַליין מיטן נייעם פערד. ער האָט זיך אָבער באַלד איבערצייגט, אַז די ציגיינער האָבן אים אָפּגענאַרט, געגעבן אַ בלינד פערד.

פאָרט ער מיטן בלינדן פערד אין ווייסן שניי פון סיבירער מדבר. דאָס פערד קריכט אַראָפּ פון וועג צוליב בלינדקייט. עס איז אויך קראַנק, דאָס פערד. עס איז אַ סכנה, ער וועט בלייבן מיטן פערד אין שניי, אין פראָסט, אין ווינט און וועט ניט קאָנען דערפאָרן צו אַ דאָרף, און זיי וועלןביידע אומקומען — ער און זיין בלינד פערד.

דאָס פערד וויל ניט גיין, קאָן ניט גיין. „איך רייד צו אים ווי צו אַ מענטשן, בעט ביי אים רחמים. נאָר רעד צום בלינדן ציגיינער־פערד".

— איך האָב קיין ברירה ניט געהאַט. איך האָב אויסגעבראָכן אַ פלאָקן פון מיין שליטן און מיט אים געשלאָגן דאָס פערד, ער זאָל גיין: ער, מיין פערד, — גאָרנישט. ער שטייט געבויגן, גיט וועגן אַ טרייסל מיטן קאָפּ, אַ פינטל מיט די בלינדע אויגן.

און דער סוף — צי האָבן די רייד צום פערד געהאָלפן, צי דער שטעקן, וואָס ער האָט צעבראָכן אויף אים — דאָס פערד האָט זיך גערירט. דערשלעפּט זיך צו אַ דאָרף. פאַרקויפט דאָרטן דאָס פערד מיטן וואָגן און איינגעשטעלט צו פאָרן ווייטער מיט פּאָסט־פערד.

אים איז געלונגען צו אַנטלויפן פון סיביר. דערקליבן זיך סוף־כּל־סוף צו אַ באַן, געפאָרן מיט דער באַן, געקומען אין צענטראַל־רוסלאַנד בשלום, אין ווייס־רוסלאַנד, אַריינגעכאַפּט זיך קיין מינסק אויף אַ ווײַל, און זיך געלאָזט צו דער דעמאָלטיקער רוסיש־דײַטשער גרענעץ. דאָרטן האָט ער געקראָגן אַ „פּולפּאַסיק", וואָס עס האָבן געהאַט די איינוואוינער ביי די גרענעצן, אַריבערצוגיין די נאָענטע גרענעץ פריי. אַ יינגל האָט אים צוגעפירט צו דער גרענעץ. ער איז אַריבער בשלום, אַריינגעקומען אין קאַטאָוויץ. פון קאַטאָוויץ — קיין האַמבורג, צו דער שיף.

— מיין חבר, וואָס האָט מיך פון אַמעריקע, מיט דער הילף פון נאָך פריינד, באַזאָרגט מיט די דריי הונדערט רובל צו אַנטלויפן, האָט מיר באַזאָרגט אין קאַטאָוויץ מיט נאָך דריי הונדערט רובל. איך בין געפאָרן מיטן צווייטן קלאַס און אָנגעקומען אין ניו־יאָרק מיט צוואַנציק דאָלאַר אין קעשענע. עס זיינען געווען דעמאָלט אַנדערע צייטן, ווען מען האָט נאָך געקאָנט דערלאַנגען פון ניו־יאָרק אין סיביר צו אַ קאַטאָרזשאַן דריי הונדערט רובל.

— טוביה ליפשיץ האָט געהייסן דער חבר. ער האָט אָוועקגעלייגט זיין לעבן מיך אַרויסצונעמען פון סיביר. ער איז געשטאָרבן מיט עטלעכע יאָר צוריק אין ניו־יאָרק. איך האָב אים מספּיד געווען.

— אַ שפּרונג איבערן אָקעאַן — געקומען אין אַמעריקע זומער 1913.

ווי נאָר ער איז געקומען אין אַמעריקע, האָט ער זיך געריסן גיין צו דער אַרבעט. „זיין אַן אַרבעטער איז געווען מיין חלום". ער איז געוואָרן אַ „פּלאַסטערער", געטינקעוועט ווענט. דאָס איז געווען שווער, איז ער געוואָרן אַ „פּייפּער־הענגער", געפּרואווט ווערן אַ צושניידער, אַ „קאַטער", און צוריק אַ „פּייפּער־הענגער". ער דערמאָנט זיך:

— מיט יחיאל עבעריל, דעם היינטיקן פּרעזידענט פון אַרבעטער־רינג, וואָס איז נאָך ביז היינט אַ „פּייפּער־הענגער", האָב איך געאַרבעט צוזאַמען. געקלעפּט מיט אים אַפילו די ווענט פון וואָלדאָרף־אַסטאָריאַ. ער איז געווען אַ בעסערער בעל־מלאכה פון מיר, אָבער דאָך האָט ער געהאַלטן, אַז איך בין ניט קיין שלעכטער „פּייפּער־הענגער".

אָפּגעאַרבעט דאָס ערשטע יאָר, אין 1913, ביי פּייפּער־הענגעריי אין ניו־יאָרק מיט ווייניק מזל, האָט ער געפּרואווט ווערן אַ „קאַטער" אין

פילאַדעלפיע. דאָרטן האָט ער זיך באַקענט מיט וואָלאָדעקן, וועלכער איז אין יענער צייט געווען פאַרוואַלטער פון פ אַ ר וו ע ר ט ס.

דעמאָלט, אין 1914, האָב איך אָנגעהויבן דרוקן מיינע לידער אין אַמעריקע, זיך באַקענט מיט אַ טייל פון די „יונגע" — מיט אָפּאַטאָשו, איגנאַטאָוו, משה לייב האַלפּערן, מאַני לייבן, י. י. שוואַרצן, אייזלאַנדן, לאַנדוין, ראָלניקן, דילאַנען, — דערפילט זייער פרישע קינסטלערישע באַגייסטערונג. זיי האָבן געהאַלטן אין רעכטן פונאַנדערבלי.

ער דערמאָנט דאָס ליד זיינס, וואָס ער האָט געשיקט צו אברהם ליעסין און עס איז געדרוקט געוואָרן אין צ ו ק ו נ פ ט:

ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט
ליגט דאָס לאַנד דאָס פאַרבאָטענע.
זילבערדיק בלויען די בערג
נאָך פון קיינעם באַטראָטענע.

דער שאַפּ אין פילאַדעלפיע איז געווען אַ שווערער. דאָרטן איז אָנגעגאַנגען אַ גרויסע עקספּלואַטאַציע פון די אַרבעטער.

איך זע אין דעם וואונק צו זיין דראַמע ש אַ פּ. דער פילאַדעלפיער שאַפּ איז געווען דער משל. אָנגעלאָדן מיט איבערלעבונגען, מלא וגדוש מיט בילדער און געפילן, געיאָגט פון שעפערישן דראַנג, לאָזט ער זיך פון פילאַדעלפיע צוריק אין ניו־יאָרק. „עס האָט מיך געצויגן די יידישע נייע ליטעראַטור, די ליטעראַרישע וועלט". ער איז צוריק אין ניו־יאָרק, צוריק „פּייפּער־הענגער". ער האָט דעמאָלט פאַרדינט זעקס דאָלאַר אַ וואָך.

— געוואוינט אין ברוקלין, אויף יענער זייט וויליאַמסבורגער בריק, ביי מיין לאַנדסמאַן ליפּשיץ. געצאָלט 3 מיט אַ האַלבן דאָלאַר אַ וואָך פאַר עסן און שלאָפן. אין אַ יאָר אַרום האָב איך געוואוינט ביי מאַני לייבן, אין בּאָראָ פּאַרק.

ער האָט חתונה מיט שרהן, קלייבט זיך אַריבער אין בראָנקס.

ער זאָגט מיר, אַז זיין צוגאַנג צו מלאכה איז געווען זייער אַ פּשוט־ער. אַרבעט איז ניט געווען קיין יאָד פאַר אים. עס איז גאַנץ בכבודיק צו זיין אַן אַרבעטער בזעת אפּיך.

— מיין פילאָסאָפיע וועגן פּאָעט איז אַזאַ — זאָגט ער: קיינער איז אים אין תוך גאַרניט שולדיק. קיינער האָט מיט אים ניט געמאַכט קיין קאָנטראַקט צו זיין אַ פּאָעט. זיין אַ פּאָעט איז אין זיך אַליין אַ זכיה, אַ גרויסע פרייד, וואָס פירט צו אַ גרויסער פרייוויליקער התחייבות.

ער האָט געשריבן, געדרוקט, זיך באַגעגנט מיט שרייבער, מיט פּאָעטן. די „יונגע", ווי געזאָגט, זענען אים שטאַרק געפעלן געוואָרן. „זיי מאַכן פון דער ליטעראַטור אַ רעליגיעזע איבערלעבונג".

אין דער זעלבער צייט אָבער איז אים ניט געווען צום האַרצן וואָס טייל פון די „יונגע" האָבן געוואָלט מאַכן פון דער יידישער ליטעראַטור, אין מיטן ים פון יידישן לעבן, אַ מין אָפּגעזונדערטן עסטעטישן אינדזל.

— איך האַלט ניט פון אָרגאַניזירטע ריכטונגען אין דער ליטעראַטור, אָבער איך האַלט פון שטרעבונגען, וועלונגען. אויב עס קומט אַ קאָלעקטיווער רצון, איז מפֿאַנירט עס מיר.

אין יענע יאָרן, און אַביסל שפּעטער, הייבט זיך אָן זיין באַזונדער נאָענטע, כמעט משפּחהדיקע חברשאַפֿט מיט אָפּאַטאָשום הויז, מיט אויערבאַכס הויז, מיט מנחםס הויז.

גייען יאָרן. ביי טאָג איז ער אַ „פּייפּער־הענגער" און ביי נאַכט — אַ פּאָעט.

אַזוי האָט ער געאַרבעט ביז זיין פֿרי־פֿאַרשטאָרבענער זיידע האָט זיך צו אים באַוויזן: לייוויקס לונגען ווערן אָנגעגריפֿן. דער פֿאַרשטאָרבענער דאָקטאָר א. גינזבורג האָט אים געראָטן צו ראַטעווען די לונגען אין די בערג.

— איך בין געווען אין די בערג פֿון 1920 ביז 1922.

פֿאַרריכט אַביסל די לונגען, איז ער צוריקגעקומען אין ניו־יאָרק און זיך ווידער גענומען קלעפּן טאַפּעטן אויף די ווענט. איך האָב געהאָלפֿן „פּייפּערן די הייזער פֿון בראָנקס פּאַרק". געווען אַ מיטגליד פֿון יוניאָן־לאָקאַל 490, וואו ראובן בלאָק איז געווען דער סעקרעטאַר. נאָך דער אַרבעט האָט ער אינטענסיוו געשריבן, איבערגעגעבן זיינע אָנגעזאַמלטע איבערלעבונגען, בילדער, געפֿילן, געדאַנקען. ער האָט דעמאָלט געשריבן דעם ג ו ל ם, אויך פֿאַרטיק געמאַכט זיין דראַמע ש מ אַ ט ע ס, וואָס איז געשפּילט געוואָרן אין שווואַרצס קונסט־טעאַטער.

— צו דער פּרעמיערע פֿון דער דראַמע ש מ אַ ט ע ס — דערמאָנט ער זיך — בין איך געקומען גלייך פֿון דער אַרבעט, קוים באַוויזן אויסטאָן די „אָווער־אָלס". ניט געוואָלט פֿאַרשפּעטיקן צוליב אַזאַ נאַרישקייט.

אין 1932 האָט ער ווידער געמוזט אויפֿהערן קלעפּן טאַפּעטן און איז אַוועק אין דענווער־סאַנאַטאָריע. די יאָרן אין סאַנאַטאָריע זיינען פֿאַר אים די שעפֿערישסטע יאָרן.

קומט אַ ווידער־קול פֿון זיין פּאָעמע ד י ב אַ ל אַ ד ע פֿ ו ן ד ע נ וו ע ר ־ ס אַ נ אַ ט אָ ר י ע:

אוןן נאָך מער גוט איז אים געווען צו הערן,
אַז אויך שפּינאָזע איז געווען קראַנק
און אויסגעפּירט, דער טויט אַליין זאָל ווערן
אַ ליבשאַפֿט־אויסשטראַלונג פֿון גאָטס געדאַנק.

— אויב איר האָט נאָך כּוח — זאָג איך אים — לאָמיר דורכלויפן דעם לאַנגן, ווייטן וועג פון אייערע ליטעראַרישע שאַפונגען.

— מיין אייגנטלעכער אָנהייב אין אַמעריקע — זאָגט ער — איז געווען אויף די וועגן סיבירער, מיין פּאָעמע שניי. פון דעמאָלט ביז היינט אַ סך־הכּל: 9 ביכער לידער און 22 דראַמעס און דראַמאַטישע פּאָעמעס.

עס טוט זיך אַ הייב אַ באַרג פאַר מיינע אויגן. אויפן באַרג שטייט ה. לייוויק מיט זיין קאָפּ, וואָס איז ווייס און יונג.

— וועלכע פון אייערע דראַמען זיינען צום מערסטן געשפּילט גע־וואָרן?

— דער גולם פיר הונדערט מאָל, אין העברעאיש, יידיש, ענגליש, דייטש און פּויליש. שמאַטעס האָט געהאַט הונדערטער פאַרשטעלונגען. נאָך דעם קומען: אַנדערש, באַנקראָט, שאָפּ, דער פּאָעט איז געוואָרן בלינד, די אָרעמע מלוכה, קייטן, הירש לעקערט, דער גולם חלומט, דער נס אין געטאָ, די חתונה אין פערנוואַלד. פון צוויי און צוואַנציק געשריבענע דראַמעס זיינען געשפּילט געוואָרן צוועלף. די מערסטע — אין שוואַרצעס קונסט־טעאַטער. אייניקע — דורך בן־עמין און פאָלקס־בינע.

די דראַמע שמאַטעס האָט אים מאַטעריעל געשטעלט אין יענע טעג אויף די פיס. אַריינגעבראַכט אים אַרום פינף טויזנט דאָלאַר.

ריידן מיר וועגן זיין גולם. זאָגט ער אַזוי:

— מיין גולם האָט מען געשפּילט צום ערשטן מאָל אין מאָסקווע, אויף העברעאיש, דורך דער הבימה, אין דעצעמבער 1942. נאָך דעם אין קראָקע, אין 1929, דורך דעם ווילנער אַנסאַמבל. אויף פּויליש אין 1928, אויף ענגליש אין 1929. דער גולם איז געווען פאַר מיר אַ גורלדיקע זאַך.

— פאַר וואָס?

— ווייל איך האָב אין אים באַקומען אַן אויסדרוק פאַר אַלע מיינע איבערלעבונגען פון די קינדערשע יאָרן, פון די יונגנטיאָרן, טורמעיאָרן, קאַטאָרגע, סיביר. אַ סך־הכּל פון מיינע דעמאָלטיקע טראַכטונגען, דמיונות.

— וואָס איז, לויט אייער מיינונג, די גרונט־פּראָבלעם פון גולם?

— די ליידן פון דעם עלנטן באַשאַפענעם מענטשן. דאָס זעלבע די ליידן פונעם באַשעפער.

— און דאָס יידישע פון גולם? — פרעג איך ווייטער.

— דאָס משיחישע, וואָס גייט מיר נאָך פון מיינע קינדערשע יאָרן ביז היינט.

ער גיט צו:

— אויך אַזוי אין דער גאולה־קאָמעדיע. ניט ווייניקער ווי די גאולה פאַרפאָלגט מיך די דראַמע פון גואל אליין.

— און שמאַטעס? שטיי איך ווייטער צו מיט אַ פראַגע.

— די חשיבות פון דעם מענטשן, וואָס ראַנגלט זיך קעגן דערניידעריקונג. — ענטפערט ער קלאָר. מרדכי מאַזע איז געקומען פון ייחוס, פון חשיבות. ער פאַלט אריין אין עלנט און איינזאַמקייט. ער שטייט פאַר דער געפאַר צו פאַרלירן זיין חשיבות און ער ראַנגלט זיך. זיין פאַרשעמטער שטאָלץ איז גובר. שמאַטעס, שמאַטעס, און צווישן זיי אַ מענטש — מרדכי מאַזע.

צערעדט זיך ה. לייוויק, ציילנדיק די ווערטער, נאָכטראַכטנדיק נאָך יעדער זאַץ:

— איך האָב אריינגעפירט אַלע מיינע העלדן פון אַלע דראַמעס אין תהום פון ליידן און געזוכט מיט זיי צוזאַמען וועגן ווי אַזוי אַרויסצוקומען פון דעם תהום — געליטערטע. דער מענטש איז פאַרמשפּט אויף יסורים. ער קומט אריין אין זייערע טיפענישן. זיי נעמען אים אַרומשליידערן. ער מוז אָבער ווערן דער פולער באַלעבאָס איבער זיך, זיך ניט אונטערגעבן די ליידן, אליין זיך ראַטעווען פון זיינע ליידן, זיך ראַטעווען פון דער דיקטאַטור פון גורל.

ער גיט נאָך צו:

— און אַוודאי פון פּאָליטישער דיקטאַטור.

דער מענטש דאַרף דערפילן, אַז ער איז אויפן וועג פון זיין דערלייזונג.

— איר זאָגט „דערלייזונג". מען זאָגט דאָך, אַז איר זייט אַ פּאָעט פון אומקום, פון עקידה.

— די, וואָס מיינען אַזוי — ענטפערט ער זייער קאַטעגאָריש — פאַרשטייען ניט דאָס וואָרט „אומקום", די אַטמאָספער פון אומקום. איך האָב געשריבן וועגן אומקום. געוויס. איך האָב דער ערשטער אריינגעבראַכט דאָס וואָרט „אומקום". ווי האָב איך עס ניט געקאָנט שרייבן? איך בין געוועזן אַליין אין תהום פון מענטשלעכן אומקום, געשטאַנען אַזוי אָפּט, צוזאַמען מיט די מענטשן, אין דער טיף פון אָפּגרונט. איך האָב געפילט אין פאָלק און אין דער וועלט דעם אָנקום פון אומקום. מיינע לידער, מיינע ווערק אויף דעם דאָזיקן מאָטיוו זיינען ניט אויסדרוקן פון ייאוש, נאָר זיינען התראות, וואָרענונגען. לייענט מיין פּאָעמע דער

וו א ל ף. ליידער זיינען מיינע אומקום-פּאַרגעפילן מקוים געוואָרן אין דער וועלט.

דערמאָן איך זיך זיינע מאָטיוון פון דער היטלער-צייט וועגן דער זון, וואָס זינקט אַריין אין אַ סוואַסטיקע, דער בליץ —

ער רייסט, ער בייסט און ער קאַטעוועט
דעם נאַקעטן גוף פון דער ערד.
די ערד אין געיאָמער שרייט: „ראַטעוועט!"
און קיינער איר יאָמער דערהערט...

ער גיט צו נאָך אַ לאַנגן טראַכטן:

— איך בין ניט קיין פּעסימיסט, ווייט דערפון; אָבער היט מיך, גאָט, פון צו זיין אַ גליקלעך-קאַזיאָנער אָפּטימיסט!

מיר באַרירן זיין ה י ר ש ל ע ק ע ר ט. הירש לעקערט — זאָגט לייוויק — איז אַ מענטש פון דער פאָלקסמאַסע. אין אים זיינען אָבער אויפגעוועקט געוואָרן גרויסע כוחות, יידישע און מענטשלעכע. ער איז געווען דער מאָדערנער קידוש-השמניק.

— עקידה? — פרעגט ער ווי זיך אַליין, און רעדט וועגן יצחק-מאָטיוו, וועגן „יצחק-מענטש אויף דער עקידה": — וואָס לעבט אָבער איבער אברהם, זיין פאָטער? — אָט ד י ליידן, ד י איבערלעבונג האָט מען גאָרניט באַמערקט, אָדער באַמערקט און פאַרגעסן.

ער האָט עס קלאָר געמאַכט אין זיין לעצטן גרויסן ווערק א י ן ד י ט ע ג פ ו ן א י ו ב. דאָס זעלבע — מ ה ר ם מ ר ו ט ע נ-ב ע ר ג. ער, מהרם, לאָזט זיך ניט אויסלייזן פון תפיסה. ער וויל ניט נאָכגעבן דעם הערשער, דעם דיקטאַטאָר. ער לאָזט ניט, מען זאָל אים אויסקויפן מיט געלט. ער וויל ניט לאָזן מען זאָל אים מבזה זיין. ער איז אַ גיבור און באַזיגט די שיפלות.

— איך דערמאָן זיך אייער האַלטונג אויף אייער פּראָצעס אין צאַרישן מינסק — וואַרף איך צו אַ פּונק.

ער אָבער זאָגט זיינס ווייטער:

— דער יצחק-מענטש, דער איוב-מענטש איז דער זעלבער געשמיי-סענער מענטש, וואָס איז געלעגן לעבן מיר אויף דער נאַרע אין מינסקער טורמע.

די פאַרבינדונג ווירקט אויף מיר ווי אַ בליץ. גייט דער שמועס ווייטער אַזוי. ער זאָגט:

— אַ מענטש לעבט דורך אַ סכום ליידן. מיטן דורכלעבן אַליין מאַר זיך דער מענטש ניט באַנוגענען. פרעגט זיך: צי איז דער סכום

פון זיינע לײדן גלײך צו די לײדן פון דער וועלט? עס מוז זיין אן אנדער צוגאנג. מען שמייסט מיך, האב איך זיך אויסגעליטן, און פארגעסן? צי פילט אבער טיף גענוג דער ניט־געשמיסענער די לײדן פון דעם געשמי־סענעם? צי פילט דער מענטש בכלל גענוג טיף די יסורים פון מיט־מענטש? —

קומען מיר צום תמצית פון וועלט־און מענטש־פראבלעם.

— פאר וואס, זאגט לייוויק, זיינען רעוואלוציעס געווען ניט דער־פאלגרייך? — ווי נאר א מענטש ווערט דערוויטערט פון זיינע לײדן, פארגעסט ער אן זיי. אויב נאר א מענטש שטייט אפגערוקט פון דעם לײדנדיק, פילט ער ניט יענעמס יסורים. א מענטש מוז דערשפירן די לײדן פון א צווייטן מענטשן אזוי טיף ווי דער לײדנדיקער אליין.

—מען שמייסט דעם מענטשן. ווער איז דער שמייסער? צי איז ער ניט אליין געווען א געשמיסענער? ער האט באקומען מאכט און אליין געווארן א שמייסער. ער שמייסט זיין נאענטן, זיין געוועזענעם חבר. ער שמייסט דעם מענטש, דעם שם. א, דער געשמיסענער שם!

איך הער זיינע ווערטער אין מיטן דער נאכט. ה. לייוויק האט א זעלטענעם כוח צו מאכן שטארקע, וואגיקע ווערטער נאך שטארקער און וואגיקער ביים ארויסריידן זיי. ער קאן אריינגיסן ממש אין יעדן אות אן אויסטערלישע קראפט. זיי ווערן אותיות פורחות, אנגעלאדענע מיט זיין גייסט, מיט זיין ווילן. עס טוט פשוט א שלאג אין קאפ און אין הארצן, ווען ער ברענגט ארוים אויף זיין אופן די ווערטער „דער שמייסער — אליין א געשמיסענער".

לאמיר מאכן גרינגער דעם געשפרעך. מיר רוען אפ א ווײלע, און איך פרעג א לייכטערע פראגע:

— איז דא ביי אייך אן אונטערשייד ביים שרייבן צווישן פאעזיע און פראזע?

ער כאפט זיך ניט צו געבן באלד אן ענטפער. ער טראכט דורך, קאנטראלירט זיך אליין, און זאגט נאך דעם:

— איך טראכט, אז אין אלץ, וואס איך טו, איז דא אן איינהייט־לעכקייט. איך באמי זיך איינצוהאלטן א גאנצקייט. איך בין אבער מער צופרידן, ווען איך געפין אן אויסדרוק אין קורצע שורות פון א ליד. איך האלט שטארק פון מענטשלעכן ווארט, וואס ווערט דערווארעמט מיטן אייגענעם לעבן, מיטן אייגענעם אינטימען מהות. טוט מען עס אויך אין דער פראזע, ווערט די באדייטונג פונעם פראזע ווארט גלייך צו דער באדייטונג פון פאעטישן ווארט.

ער האַלט ניט, אַז אויב עס קומען אַריין אין פּאָעזיע אַזוי גערופענע פּראָזאַישע מאָמענטן, ווערט די שאַפונג דורך דעם ווייניקער וויכטיק. מען דאַרף נאָר ד ע ר ג ר ײ כ ן ערגעץ מיט די ווערטער.

— איטלעכער וואָרט איז שיין און דערהויבן, אויב עס איז דורכגע־נומען מיט דער דערהייבנקייט, וואָס איז דאָ אין מענטשלעכע ליידן. דער מענטש וויל דאָך ב אַ ז י נ ע ן די ליידן. אין דעם באַשטייט די אויסדערוויילטקייט פונעם מענטשן.

— איינשטיין זאָל האָבן געזאָגט — האָב איך ניט לאַנג געלייענט — אַז ער זעט דעם מענטשן דער עיקרשט אין פּראָצעס פון זיין דענקען. ער איז ניט פאַרכאַפּט פונעם פּראָצעס פון ליידן. געוויס איז דאָס איינ־שטיינס אַ שיינער זאַג, אָבער איך מיין אַלץ, אַז דער עיקר פונעם מענטשן באַשטייט אין ב אַ ז י נ ע ן ז י י נ ע ל ײ ד ן.

— איר האָט זיך דאָך כסדר געריסן צו דער וועלט, — זאָג איך אים — צו זיין אין דער וועלט. איר זייט געווען אין פּוילן, אין פראַנק־רייך, אין אַרגענטינע, צוויי מאָל אין ארץ־ישראל, אין די דייטשע לאַגערן. נאָך פריער — אין סאָוועט־רוסלאַנד. ווען איר מיר אפשר איצט זאָגן עפּעס וועגן אייער רייזע אין סאָוועט־רוסלאַנד? איך מיין עפּעס סך־הכלדיקס וועגן דעם לאַנד פון דער רעוואָלוציע.

— שוין באַלד דרייסיק יאָר ווי איך בין געווען אין סאָוועט־רוס־לאַנד. לכתחילה בין איך געווען שטאַרק דורכגענומען מיט רוסלאַנדס רעוואָלוציע. איך בין דאָך דאָרטן געשטאַנען ביים אָנהייב פון פּראָצעס, ביי זיין מקור. דאָס איז דאָך געווען איינע פון די גרעסטע וועלט־גע־שעענישן. איך האָב געטראַכט: אפשר קומט טאַקע דורך דער רעוואָ־לוציע די דערלייזונג פון דער וועלט; אפשר קומט מיט איר אויך די יידישע נאַציאָנאַלע דערלייזונג? עס האָט מיך געצויגן אַהין צו זען און דערפילן דעם אמת. רוסלאַנד! איך בין דאָך יאָרן געווען אין רוסלאַנדס קאַטאָרגע. איך האָב זיך געפרעגט: אפשר האָט רוסלאַנדס רעוואָלוציע אַ מגע־ומשא מיטן יידישן גאַנג צו גאולה, מיט דעם יידנס משיח־האָ־פענונג?

— ליידער איז די זאַך ניט געגאַנגען אַזוי. די רעוואָלוציע איז אַוועק אין אַ גאַנץ אַנדער ריכטונג. געווען אַ חלום און אויסגעלאָשן גע־וואָרן. אַנשטאָט אמתער פרייהייט, גאולה איז געקומען אַ נייע אומ־פרייהייט פול מיט האַרטער שלעכטס פון מאַכט־דיקטאַטור.

ער פאַראַלגעמיינערט דעם דורכפאַל פון דער רוסישער רעוואָלוציע און זאָגט אַזוי:

— מיר האָבן געמאַכט אַ טעות מיטן גאַנצן צוגאַנג צו דער מענטש־לעכער דערלייזונג, צו סאָציאַלער דערלייזונג. מיר האָבן אין גאַנג צו דער

גאולה פון דער מענטשהייט פארזען דעם מענטשן, דעם יחיד, וואס ווערט צעטראטן אונטער די רעדער פון דער סאציאלער אידעע. מיר האבן געמאכט א טעות, ווען מיר האבן געמיינט, אז עס איז גענוג צו ענדערן די סאציאלע ארדענונג און מיט דעם אליין וועט זיך שוין ענדערן דער מענטש.

— וואו־זשע איז דער וועג? — בעט איך מער קלארקייט.

— געדולד. עס דארף דויערן. מען טאר זיך ניט איינשפאנען אין ווילדער אומגעדולד. אומגעדולד מוז פירן צו נייער פארקנעכטונג. אומ־געדולד האט געבראכט אויך היטלערן. דורך איין וועג קאן מען קומען צו דער וועלט — דורך די לײדן פון איינצלנעם מענטשן. אויב מיר וועלן אויך ווייטער פארזען און פארגעסן די יסורים פון דעם איינצלנעם מענטשן, וועט די וועלט קיין מאל ניט אויסגעלייזט ווערן.

— והא ראיה — זאגט ער ווייטער — רוסלאנד. מען האט דארטן פון איין זייט מקריב געווען דעם געשמיסענעם מענטשן און פון דער אנדער זייט איז דער געשמיסענער געווארן אליין א שמייסער. האט מען געמוזט קומען צו א קאטאסטראפע.

זיין שטים האט איצט געקלונגען באזונדערס קרעפטיק. זיין קאפ איז זילבער־ווייס. זיינע אויגן לייכטן מיט כהונה פון א כהן גדול, ער חזרט איבער מיט באזונדערער באטאנונג:

האט מען דארטן מקריב געווען דעם געשמיסענעם שם, האט גע־נומען נקמה די קאטאסטראפע.

לייג איך אים פאר:

— לאמיר א פלי טאן קיין ארץ־ישראל.

ער טוט עס גערן.

— איך האב אלע מאל געטראכט — זאגט ער — אז די אמתע יידישע דערלייזונג ליגט אין ארץ־ישראל. איך האלט דעם יידישן פאלק פאר א וועלטפאלק, אבער איך בין ניט גליקלעך פון דער יידישער צע־שפרייטונג, באטש עס איז, לײדער, א היסטארישער מוז. מען קאן זיין א וועלטפאלק, אפילו זיצנדיק אין א ווינקל פון דער וועלט, אין אן אייגן ווינקל. מען מוז ניט צוליב דעם זיין צעשפרייט איבער דער גאנצער וועלט. דאס האט אונדז א ביטערער גורל צעווארפן איבער דער וועלט אומעטום.

די שאפונג פון מדינת־ישראל איז אין זיינע אויגן א היסטארישע איבערקערעניש, איינס פון אונדזערע גרעסטע נסים אין אונדזער היס־טארישן לעבן. די זאך איז גרויס, ניט געקוקט אויף דעם וואס צייטנווייז זיינען מיר אנטוישט, צייטנווייז פארבלאנדזשעט מען דארטן, מען

האַנדלט דאָרטן ניט ריכטיק. מען מוז אָבער געדענקען, אַז ס'איז נאָך אַלץ בראשית. ער בויט שטאַרק — זאָגט ער — אויף מדינת־ישׂראל. מיר ווערן אויך דאָ אין אַמעריקע שטאַרק אַקטיוויזירט דורך דעם פאַקט פון מדינת־ישׂראל.

— איך האָב האַרבע טענות צו די, וואָס שטעלן זיך אַוועק צום ענין מדינת־ישׂראל פון דרויסן און ניט פון אינעווייניק. אויב דו שטייסט מיט דיין געדאַנק און געפיל פון דרויסן, עס איז ניט דיינס, — מוז מדינת־ישׂראל זיין פאַר דיר סתם אַ ישוב, ווי אַלע אַנדערע ישובים־לענדער. אויב מיר אָפּעררירן מיט באַגריפן „טעג פון משיח", „קץ הימים", „גאולה" און מיר נעמען אַרויס פון אַט די באַגריפן ארץ־ישׂראל, וואָס איז טיף איינגעוואַקסן אין אונדז אַפילו ווען מיר ווייסן עס ניט, דעמאָלט בלייבט איבער אַ געוואַלדיקע ליידיקייט, אַ חלל. דעמאָלט ווערט פון דעם אַ היסטאָרישער אומזין. נעמט מען אַרויס פון אונדזער געשיכטע ארץ־ישׂראל, נעמט מען אַרויס איר נשמה. ארץ־ישׂראל איז געווען ביי אַלע יידישע דורות אַ טיף נצחדיקע איבערלעבונג.

אָפּגעררוט זיך, און איך זאָג צו אים:

— אַלע וועגן פירן אַהיים. לאָמיר זיך אומקערן צו אַמעריקע, צו דער יידישער קולטור, ליטעראַטור און שפּראַך.

— איך קאָן ניט פאַרמאַכן די אויגן — זאָגט ער — אויפן מצב פון יידיש, פון דער יידישער ליטעראַטור, פון אונדזער טראַגישער ווירקלעכקייט.

ער קוקט זיך אַרום אין זיין גרויסן אַרבעט־צימער, אויף די ביכער־פּאָליצעס, טוט אַ מאַך מיט זיין רעכטער האַנט, ציט זי אויס לאַנג, אַזוי ווי זי וואָלט אַנרירן זיין טאַטנס ווייסע האַנט, און זאָגט אַזוי:

— שטייען שראַנקען ביכער. זיבן שראַנקען ביכער מיט דער גאַנצער ליטעראַטור אין זיי, און איך זע ניט דעם יורש פון די שראַנקען.

זיין פּנים ווערט בלייכער. עס קאָכן ממש זיינע שאַרפע אויגן, ווי ער וואָלט שוין ריידן איצט ניט נאָר צו מיר, נאָר צו דער יידישער וועלט:

— אונדזער דור גייט אַוועק. וואו איז די בריק פון אונדז צום נייעם דור? וואו זיינען אונדזערע יורשים?

— וואָס וועט זיין? — פאַרשאַרפט מיין פראַגע דעם ענין.

— איך בין זיך מודה: שווער צו ענטפערן. — אין תוך האָבן מסתמא אַלע דורות געפרעגט די זעלביקע פראַגע.

איך זע די אומרואיקייט, די בלייכקייט און אויך מידקייט אויף זיין פּנים לייג איך אים פאָר אַ ביסל איבעררצורייסן, זיך אָפּרוען. ניין, ער

ווײַל ניט איבעררײַסן. ער קאָן ניט רוען. אָבער ער רעדט מיט אַ ווייכער שטים:

— אפשר וועט געשען אַ נס? הלוואַי. איך ווייס איינס: מיר דאַרפֿן ניט אויפֿגעבן. מיר טאָרן ניט אַוועק.

ער וואַרפֿט זיך איבער צו דער באַוואונדערונג פֿון דער יידישער ליטעראַטור:

— די יידישע ליטעראַטור איז אפשר אַזאַ וואונדער ווי מדינת־ישראל. אונדזער שפּראַך איז געווען אַזוי שפּל מיט פֿינף און זיבעציק יאָר צוריק, אַזוי פֿאַררוקט איז יידיש געווען, און זעט וואָס פֿאַר אַ שפֿע. מיר מוזן אויפֿנעמען די יידישע ליטעראַטור ווי אַ דירעקטן רעזול־טאַט פֿון אונדזער דורותדיקן גאַנג. עס איז פֿאַרגעקומען דער זעלבער פּראָצעס ווי אין אַ סך פֿריעדיקע דורות: חשבון־הנפֿש, יידישע פֿאַר־טיפֿונג, קידוש־השם, דראַנג נאָך גאולה.

ער האָט איבערגעוועלטיקט זיין פֿריערדיקן טרויער און זאָגט איצט פֿעסט:

— אונדזער ליטעראַטור האָט נאָך אַ סך וואָס צו טאָן.

— אָן לייענער? — פֿרעג איך שאַרף.

— ניטאָ געגנוג לייענער — ענטפֿערט ער — אָבער עס זיינען דאָ שרייבער, וואָס קאָנען נאָך אַ סך שאַפֿן. איך בין פֿול מיט אמונה אין מהות פֿון אונדזער ליטעראַטור. זי מוז גיין אויפֿן וועג, וואָס איז אָנ־געצייכנט דורך אונדזער היסטאָרישער דערפֿאַרונג. הגם איך קאָן ניט פֿאַרלייקענען דעם טיפֿן טרויער, וואָס איך טראָג אין זיך — דעם טרויער פֿון לעצטקייט.

ער געפֿינט באַלד אַ נחמה.

— עס קאָן זיין, אַז מיר שטייען פֿאַר דעם זעלבן מצב ווי אין דער שפּאַנישער עפּאָכע: — זיך אויפֿגעהויבן, אַרויסגעקומען גרויס, נאָך דעם פֿאַרשטומט געוואָרן און, נאָך גילגולים, ווידער געקומען. אַן עפּאָכע ענדיקט זיך. מיר זעען עס בחוש. עס קאָן אָבער אויפֿלעבן און קומען אַ נייע שעפֿערישע עפּאָכע דורך אַנדערע וועגן. איך בין אַ מאמין אין דעם. דערוועיל דאַרף יעדער פֿון אונדז צוטראָגן דאָס ווערטפֿולסטע, וואָס ס'איז דאָ אין אים.

— זעט איר דאָך, די סאָוועטישע יידישע ליטעראַטור איז אַרויס־געריסן מיט די וואָרצלען.

— אונדזער ליטעראַטור — זאָגט ער — איז שווער צעוואונדיקט געוואָרן דורך דער קויל פֿון סאָוועטישן ביקס, וואָס איז אַריינגעשאָסן געוואָרן אין איר, צעוואונדיקט דורך דעם סטאַלינישן צוגאַנג צום יידישן

לעבן. די קויל האָט געמאַכט אין אונדז אַ טיפֿע לאָך. דער ענין פֿאַרנעמט מיך זייער אַ סך. פֿון דעם מאָמענט ווי עס איז קלאָר געוואָרן, אַז עס איז נגזר געוואָרן אונטערגאַנג אויף דער יידישער ליטעראַטור אין סאָוועט־רוסלאַנד, האָבן מיר דערשפּירט דעם אָנקום פֿון אַ גרויס אומגליק. ווי נאָר עס זיינען געקומען צו אונדז די פֿינצטערע בשורות, אַז משה קולבאַק איז אומגעבראַכט געוואָרן אין אַ טורמע אָדער אין אַ משוגעים־הויז, די בשורות וועגן דעם אונטערגאַנג פֿון דוד בערגעלסאָן, פּרץ מאַרקיש, דער נסתר און אַנדערע, — האָט זיך געלייגט אויף אונדז אַ קאָשמאַר. ווי אַזוי קאָן מען עס איבערטראָגן? ווי קאָנען מיר שווייגן, ווען מען פֿירט די יידישע ליטעראַטור צו דער תליה, ווען מען שמייסט יידיש? איך קאָן ניט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז אַלץ איז שוין דאָרטן פֿאַר־ענדיקט.

— און יידיש אין ישראל? — גיי איך אַ ביסל אַן אַ זייט.

— עס איז אַ ווייטאָג, אַ גרויסער ווייטאָג — ענטפֿערט ער. זיי טאָרן ניט צוגיין צו יידיש ווי צו אַ פֿרעמדער שפּראַך. עס איז דאָך יידיש לשון!... אונדזערעביידע שפּראַכן מוזן לעבן אין שעפֿערישן שלום צוזאַמען. ווי אַזוי מאַכט מען אַ מלוכה מיט צוויי שפּראַכן? — דאָס ווייס איך ניט. אָבער איך ווייס יאָ, אַז מען מוז געפֿינען אַ וועג. וואָרעם ווי אַזוי וועט מען דאָרטן קאָנען אויפֿבויען אַ געזונטע נאַציאָנאַלע פּסיכיק, אויב מען וועט איבערלאָזן אָט די צעוואונדיקטקייט?

פֿרעג איך אים, צי ער האָט אַמאָל געטראַכט זיך צו באַזעצן אין ארץ־ישראל.

—איך האָב וועגן דעם געטראַכט — ענטפֿערט ער — און איך טראַכט נאָך היינט. עס ווילט זיך לעבן מיטן פֿאָלק וואָס פֿאַרמירט זיך אויף ס'ניי, זיין אינטים פֿאַרבונדן מיט זיין אויפֿבוי, מיט דעם נייעם גורל זיינעם.

— וואָס זשע שטערט אייך דאָס צו טאָן?

— וואָלט איך יינגער און געזינטער געווען, וואָלט איך זיך אָנגע־שטרענגט. דערווייל, אין איצטיקן געזונט־צושטאַנד מיינעם, פֿיל איך זיך ניט בכוח דאָס צו טאָן. דאָך חלום איך נאָך אַלץ דאָס דורכצופֿירן.

בלייבט אַ שמועס צו טאָן וועגן יידישן קיום אין אַמעריקע.

— אויב דאָס אַמעריקאַנער יידנטום — זאָגט ער — זאָל זיך, חלילה, אָפּרייסן אין גאַנצן פֿון יידיש, זיך אָרויסרייסן פֿון דעם היסטאָ־רישן פּראָצעס פֿון דורות, אין וועלכן מיר זיינען איינגעשלאָסן, זע איך אַ גרויסע סכנה פֿאַרן שעפֿערישן נאַציאָנאַלן קיום דאָ. איך זע ניט, עס זאָל אָנקומען עפּעס, וואָס איז גרויס און יידיש־שעפֿעריש אין דער ענגלישער שפּראַך. די פֿינף מיליאָן יידן ווילן זיין יידן. מען טוט, מען

ארבעט, מען העלפט. אבער א פנים פון יידישער שאפונג דא קאן איך זען נאר אין יידיש, טיילווייז אין העברעאיש. די יידן מיט יידיש שטייען דא אין נאענסטן קאנטאקט מיט יידישן זיין דורך דורות. זאל אונטער־גיין אין אמעריקע אט דער קאנטאקט, מען זאל דארפן אלץ אנהייבן אין א נייעם לשון, נייעם נוסח, אין ענגליש, זע איך א סכנה.

— ווער איז אייך, לייוויק, — פרעג איך אים — נאענט פון די יידישע שרייבער, פון דער יידישער שרייבערישער וועלט דא?

— נאענט זיינען מיר אלע שרייבער, וואס טראגן צו א שעפער־רישן חלק צו אונדזער ליטעראטור. איך האב צו קיינעם ניט קיין קעגנערשאפט. איך האלט, אז יידישע שרייבער זיינען א זעלטענע משפחה אפילו ווען זיי זיינען צעשיידט. כ'האב נאר איין מאל, בין איך זיך מודה, אין מיין ליטעראַרישן לעבן מיט א יאר אכט און דרייסיק צוריק, אין ניט־דערפארנקייט, געזינדיקט מיט ליטעראַרישער ניט־איידלקייט, מיט פאררייסנקייט קעגן איינעם פון אונדזערע אמתע דיכטער, אמתע פיאנערן פון אונדזער מאדערנער פאעזיע — קעגן דוד איינהארן. האב איך זיך גלייך געשלאגן על־חטא, אויסגעקרעכצט עס אין זיך. איך דערמאן עס איצט פאר אייך. אויב ניט, — ווען זשע? יא, מיר זיינען אלע איין משפחה, חוץ די, וואס פארשווייגן באוואסטזיניק און גיבן מיט דעם זייער הסכמה אויף דעם כרת פון דער יידישער ליטעראַ־טור אין סאוועט־רוסלאנד. זיי, די פארשוויינער, האבן זיך מיט דעם אויסגעשלאסן פון דער זעלטענער משפחה יידישע שרייבער.

אויב אבער איך מיינט מיט אייער פראגע: מיט וועלכע שרייבער אין ניו־יארק איך שטיי היינט אין קאנטאקט, ניט נאר אין דעם נאר וואס דערמאנטן אבסטראקטן באגריף, נאר אין קאנקרעט־משפחהדיקן, אין שטוביקן, אין פערזענלעך־נאענטן, איז דער ענטפער פשוט: מיט אפאטאשוס הויז, מיט גלאנצס, מיט ש. ניגערס, מיט ש. ביקלס. א גאר אפטער גאסט אין מיין הויז, אין משך פון די אלע יארן, וואס ער איז אין אמעריקע, דערצו א נאענטער שכן, איז אונדזער י. י. טרונק. חוץ וואס איך זע אין אים דעם דיכטער און דעם מחבר פון זיין זיבן־בענדיק ווערק „פוילן", שעץ איך אין אים דעם שיין־פילאסאפישן אופן ווי אזוי ער האט מקבל באהבה געווען זיין איבערגיין, נאכן היטלער־חורבן, פון גרויסער מאטעריעלער רייכקייט צו שטילער ארעמקייט. און אט שוין באלד דריי יאר ווי איך בין חבריש פארבונדן, ווי א מיטגליד פון דער רעדאקציע־קלעגיע פון „צוקונפט", מיט מענעסן, מיט מינקאוון און — טאקע מיט אייך אליין. זאגט עס איך עפעס?

— אוודאי, אוודאי.

לייוויק זאגט ווייטער מיט א קול פון נאסטאלגיע:

— איך האָב שוין דורכגעמאַכט דאָ אין אַמעריקע איבער פערציק יאָר ליטעראַרישע לעבן. ניט קיין קלייניקייט — פערציק יאָר! אַט זע איך נאָך פאַר מיין דמיון אונדזערע סאַמע ראשונים דאָ, פאַר מיין דמיון — דער פונאַנדערבלי פון די יונגע, מיט וועלכע איך האָב מיך ביי מיין אָנקומען קיין אַמעריקע מצרף געווען און אַט גייט אויף אין מיר אַ בייטאָג, מיט אַ פינף און דרייסיק יאָר צוריק, ווען עס קומען אַריין אין שטוב צו מיר, אויף פולטאָן עוועניו, בראָנקס, יעקב גלאַטשטיין און נ. ב. מינקאָוו. גלאַטשטיין אַליין האָט עס אייך אין אייער שמועס מיט אים דערציילט. זיי האָבן געלייענט זייערע לידער פאַר מיר און איך האָב דערפילט מיט פרייד, אַז אַ נייער, אָריגינעלער שטראָם קומט אין אונדזער צעקוואַליקטער דיכטונג אין אַמעריקע. איך טייל אַרויס דעם מאָמענט, ער געדענקט זיך מיר שטאַרק, ס'האָט מיר אימ־פּאָנירט זייער קומען צו מיר, ווייל איך בין דאָך נאָך אַליין דעמאָלט געווען אין דער מדרגה פון באַגערן אַ וואָרט וועגן זיך אַליין. צוזאַמען מיט גלאַנץ־לעיעלעס גרינדן זיי דעמאָלט דעם זשורנאַל א י נ ז י ך. — אין דער זעלביקער צייט קומט דעמאָלט אויף, סיי ביי אונדז אין אַמעריקע, סיי אין פּוילן, סיי אין דעמאָלטיקער, פאַר־סטאַליניסטישער סאָוועט־רוסלאַנד, אַ גרויסע צאָל ערשטקלאַסיקע דיכטער, דערציילער און עסייאיסטן, וואָס האָבן פריי (דערהויפּט אין אַמעריקע און פּוילן), אָן צוגעבונדנקייט צו ריכטונגען, געשטאַלטיקט זייערע טאַלאַנטן. — און אַט מיט אַמאָל קומט די מאָוימדיקע היטלער־קאַטאַסטראָפע. און אַט קומט אויף יידיש און יידישע שרייבער די ניט ווייניקער מאָוימדיקע סאָוועטישע פאַרטיליקונג.

— און אַט — זאָגט ער מיט אַ סך ליבשאַפט — זיינען אונדז געבליבן, ווי דורך אַ נס אַרויסגעראַטעוועטע פון היטלער־גיהנום, ערשט אין דער קאַטאַסטראָפע רייף געוואָרענע, דורך אַ גאַר נייעם טאָן פון יסורים און דערהייבנקייט, אַזוינע דיכטער ווי אברהם סוצקעווער, ווי חיים גראַדע, ווי ישעיה שפּיגל, ווי מרדכי שטריגלער, ווי רחל קאָרן. איך נעם זיי ווי אַ מוסטער. טראַכט איך וועגן די אָפּגעגאַנגענע פערציק יאָר, און סיי די פאַר־קאַטאַסטראָפישע אויפגעהייטערטקייט, סיי די נאָך־קאַטאַסטראָפישע אָפּגעראַטעוועטקייט פילן מיך היינט אַז — עס קאָן אייך אויסקומען מאָדנע — מיט דעם טרויער פון לעצטקייט.

— פאַר וואָס לעצטקייט? — פרעג איך לייוויקן. — אַט קוק איך ווי עס ליגן אויף אייער טיש עטלעכע שטויסן ביכער, ערשט דערשינען דאָס יאָר. כ'האָב פריער באַמערקט נאָר אייניקע, אָבער אַט קוק איך די גאַנצע צייט און זע אַ גרויסע צאָל. איך רעכן אויס: יעקב גלאַטשטיינס ד ע ם ט א ט נ ס ש א ט ן; א. אויערבאַכס ו ו י י ס ע ש ט א ט; י. י. שוואַרצס י ו נ ג ע י א ר ן; א. מאַנגערס ג ע ז א מ ל ט ע

לידער; ה. ראָזענבלאַטס אין שענצטן טאָג פון האַרבסט; אליעזר גרינבערגס בײַנאַכטיקער דיאַלאָג; ב. לאַפּינס איבערזעצונג פון שעקספּירס סאָנעטן; ש. ניגערס פּרץ־בוך; חיים גרינבערגס בענד עסייען; דאָס עסייען־בוך וועגן ב. ריווקין; י. ב. ביאַלאָסטאָצקיס דאָס עדעלשטאַט־בוך; וויליאַם נאַטאַנסאָנס מענטש און קאָסמאָס; א. לעיעלעסעם פּאָעמע וועגן זײַן פאַרשטאָרבענער פרוי פאַניע; י. מעצקערס אויפן זיידנס פעלדער; נ. ברוסילאָווס בײַ די טײַכן פון פּאָלעסיע; ה. ראָזענפעלדס איבערזעצונג פון דער קאַלעוואַלאַ.

— ווערק אַרויסגעגעבענע אין איין יאָר, אין איין ניו־יאָרק. איז דאָך עס אַן עשירות פון אַ ליטעראַטור. פאַר וואָס־זשע רעדט איר פון לעצטקייט?

— יאָ, אַוודאי — זאָגט לייוויק — אַוודאי זײַנען עס גרויס־שעפערישע ווערק. וואָס דאַרפט איר מער — איך וועל אייך נאָך עפּעס זאָגן. די טעג דערציילט מען מיר, אַז א. טאַבאַטשניק גרייט צום דרוק אַן אויספירלעך בוך וועגן די „יונגע"; אַז ל. פיינבערג גיט אַרײַן אין דרוק אַ פירהונדערט־זײַטיקע פּאָעמע־עפּאָפּיי אָדעם; אַט ווייס איך, אַז ס'איז שוין אַרײַן אין דרוק י. אָפּאַטאָשוס גרויס ווערק בר־כוכבא. און פאַרגעסט ניט די דערשינענע ביכער פון ל. מ. שטיין־ביבליאָטעק. — אָבער אַט האָט איר ניט באַמערקט אויפן צווייטן ברעג טיש די ניט לאַנג דערשינענע פּאָעמע פון מלך ראַוויטש, די קרוינונג — אַן אָנרעגנדיקע פּאָעמע ביז גאָר. ניט אמת? איך לייען די פּאָעמע און איך זאָג צו זיך: יאָ, די קרוין איז דאָ. אַ וואונדערלעכע קרוין. אָבער וואו איז דער נײַער ייִנגער ייִדישער דיכטער, דער געבוירענער דאָס אין אַמעריקע, וועמען אונדזער גוטער ליבער מלך ראַוויטש וויל קרוינען?

— ווער ווייס? — אפשר וועט געשען אַ נס מיט אונדזער ליטעראַטור און מיט אונדזער לשון? נסים מתרחשים.

און ער זאָגט וועגן די נײַע, וואָס גיבן לעצטנס אַרויס צײַטשריפטן אין ניו־יאָרק:

— זיי זײַנען ווייניק אין צאָל, און דאָך זײַנען זיי שוין צעשפּליטערט. האָב איך אויף זיי תרעומות דערפאַר. איך פאָלג נאָך מיט גרויס אינטערעס די קליינע צײַטשריפטן, וואָס זיי גיבן אַרויס, אָבער איך שטעל צו זיי גרויסע מאָנונגען, אַזוי ווי מיר האָבן געשטעלט צו זיך אַליין. מיר זײַנען אַלט געוואָרן, ווייניק געוואָרן. אַט אין איין יאָר, אינעם אָנהייב פון דעם יאָר, האָבן מיר פאַרלאָרן אַזוינע גרויס־שעפער אונדזערע — אַברהם רייזען, מאַני לייב, חיים גרינבערג, דוד איגנאַטאָוו, י. י.

סיגאל. און אָט איז נאָך גאָר פריש דער צער איבערן אוועקגיין פון ש. קאַטשערגינסקי, פון נחום באָמזע. ווער וועט פאַרנעמען זייערע פּלעצער דאָ ביי אונדז? זאָלן קומען נייע. אדרבא. זאָלן קומען יונגע. אָבער זאָלן זיי קומען און ווערט זיין די קרוין.

זאָג איך צו אים אַזוי:

— לאָמיר פאַרענדיקן מיט געזאַנג. ווייסט איר וועלכע אייערע לידער ווערן געזונגען?

— ארום צען לידער. — ענטפערט ער.

— וואָס פילט איר — בין איך טשיקאַווע צו וויסן — ווען איר זיצט אין אַ זאַל און איר הערט ווי דער זינגער, צוזאַמען מיטן עולם, זינגט אייערס אַ ליד?

— וואָס קאָן איך זאָגן? עס איז אַוודאי אַ פריידיק געפיל. באַזונדערס ווען איך הער זינגען מיין ליד א י י ב י ק:

איך וואוין אין אַ תפיסה. איך רייס אויף די צעל —
עס טרעט איבער מיר צו זיין גליק דער באַפרייטער,
און מיך לאָזט ער ליגן אין בלוט ביי דער שוועל. —
איך הייב זיך אויף ווידער, און שפּאַן אַוועק ווייטער...

די שורות זיינען אין אַ גרויסער מאָס אַ תמצית פון אַ סך זיינע ווערק.

עס איז שפּעט ביינאַכט. בחצי הלילה. מיר האָבן דורכגעמאַכט אַ היפּשן וועג דורך ציטן, דורות. עס איז אייגנטלעך אַ וועג ניט בלויז פון זעקס צענדליק יאָר, נאָר אַ דורותדיקער וועג. ער ציט זיך אפשר פון מצרים ביז היינט:

יידן גייען פון מצרים
און איך אויך, — איך גיי מיט זיי,
מיט די שבטים אין איין ריי...

— איך דערמאָן זיך אָן עפּעס, וואָס איז געשען מיט מיר אין סיביר, ווען כ'בין געגאַנגען מיטן עטאַפּ צו דעם טייך לענאַ.

מיר האָבן געשמועסט וועגן ווייטע גאַנגען, האָט, זעט אויס, ה. לייוויק זיך דערמאָנט אָן איינעם פון זיינע סיבירער גאַנגען, וואָס ער וויל מיר איצט דערציילן, און בשעת־מעשה טראָגט ער זיך אריבער אַהינצו, צו יענער ייט.

— מיר זיינען געגאַנגען אַ מחנה פון דריי הונדערט אַרעסטאַנטן מיטן עטאַפּ, געגאַנגען איבער סיביר. אונדז האָט געפירט און געהיט דער קאָנוואָי, וואָס איז באַשטאַנען פון הונדערט סאָלדאַטן. יעדן טאָג

דורכגעמאַכט פּופציק-זעכציק וויאָרסט, פון איין עטאַפּ-פּונקט ביזן צווייטן. עס איז געווען אין היסן חודש יולי. דער גאַנג איז אָנגעקומען שווער. מען פלעגט זיך אַרויסלאָזן גאַנץ פרי און מאַכן דעם שטח דורכן טאָג. הינטער די אַרעסטאַנטן איז נאָכגעפאָרן דער „אַבאָז" מיט די פּעקלעך.

— עס איז געווען דער זעקסטער טאָג אין גאַנג — דערציילט ער. — אַ הייסער פאַרנאַכט. אין אַ שעה אַרום האָבן מיר שוין געדאַרפט זיין אין דער עטאַפּקע, דאָרטן איבערנעכטיקן און מאָרגן ווייטער גיין. מען שלעפּט זיך איבער די סיבירער סטעפּעס. פּלוצלונג איז אויסגעבראָכן אַ שטורעם. מיטן שטורעם אַ שלאַקסרעגן. מען איז אָנגעטאָן לייכט, אין לייוונטענע וועש. מען ווערט שנעל אויסגעווייקט. מען איז אויסגעשעפּט. שטורעמווינט, שלאַקסרעגן און פּאַניק.

— מען האָט אָנגעהויבן לויפן צו דער עטאַפּקע. איך האָב שוין ניט געהאַט קיין כוח צו לויפן. געבליבן הינטערשטעליק, אַליין.

אַ ביסל שפּעטער האָט ער זיך דאָך דערשלאָגן. די עטאַפּקע איז שוין געווען אין גאַנצן פאַרנומען, די פּאָדלאָגע פאַרלייגט מיט אַרעסטאַנטן. ניטאָ מער קיין פּלאַץ. „עס איז מיר נאַס. איך בין אויסגעווייקט. איך פיל, אַז איך פיבער, עס קלאַפּט מיר אַ צאָן אָן אַ צאָן. ס'איז די קדחת".

עס איז אים פינצטער אין די אויגן. ער קוקט, און זעט גאָרניט. עס איז די קראַנקייט „קורינאַיאַ סלעפּאָטאַ", הינער-בלינדקייט. דאָס קומט פון אויסגעצערטקייט.

ער האָט זיך דאָך אַריינגעשפּאַרט אין שטיבל. ניטאָ וואו צו זיצן, וואו זיך צו לייגן. אַן אויסגעווייקטער, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט ביי אַ וואַנט, אין אַ ווינקל. שטייט ער, און טרייסלט זיך. דער עולם ליגט אויף דער ערד אַ מידער, שלאָפט איין.

— איך זע גאָרניט. איך שטיי אַ בלינדער און פיבער.

הערט ער מיט אַ מאָל אַ שטים לעבן אים, אַ שטים פון אַן אַלטיטשקן: „זונעלע, דיר איז קאַלט... סינאַטשעק, נאָ דיר מיין העמד".

יענער נעמט אַראָפּ פון אים זיין נאַסע העמד און טוט אים אָן אַ טרוקענע.

— זעץ זיך דאָ — זאָגט צו אים דער אַלטער מיט רחמנות. — איך האָב געמאַכט פּלאַץ פאַר דיר.

ער זעצט זיך אַוועק. עס איז אים געוואָרן וואַרעמער, בעסער פון דער גוטסקייט פון דעם אַלטן, וועמען ער זעט ניט. עס קומט אַ ביסל רו. ער איז איינגעשלאָפן.

פאר טאג האט מען געוועקט. מען דארף גיין. די בלינדקייט איז נאך דער נאכט אפגעגאנגען. גייט מען ווייטער צו דער לענא. דא וועט מען ארויף אויף א פליט און שווימען מיטן וואסער צו פארשיידענע פונקטן, וואו מען וועט אראפזעצן די ארעסטאנטן.

— איך האב געוואלט זען דעם אלטיטשקן בעל־רחמים. איך האב אים געזוכט — ווער איז ער? וואו איז דער גוטער זיידע? איך האב אים ניט געקאנט געפינען. אליין איז ער ניט צוגעקומען.

מען שווימט מיטן פליט איבער דער לענא. אים דארף מען אראפ־זעצן אין דערפל וויטים, עטלעכע טויזנט מייל ווייט פון דער אייזנבאן.

— כאפ איך זיך אויף איין מאל ביי נאכט און זע, אז עס טוט זיך עפעס אויסערגעוויינלעכס. עמעצער איז געשטארבן אויפן שווימ־פליט און מען לאזט דעם מת אראפ אין וואסער, צוגעבונדן צו א ברעט. די ברעט וועט מיטן מת אראפזינקען צום דנא פון דער לענא.

ווער איז געווען דער מת? — ער האט ניט געקאנט געוואר ווערן. קיינער ווייס ניט. אפשר איז עס געווען דער בעל־רחמים, וואס האט אים גערופן „סינאטשעק?”

— איך האב דערזען אין סאמע ייאוש דאס וואונדערליכט פון א מענטש.

שוין אוועק א סך יארן פון דעמאלט ביז היינט. פון יענעם מענטש־לעכן ליכט וואס האט זיך באוויזן צו אים דעמאלט, אויף דער לענא, זאגט ער איצט:

— ווען איך קאן אויסקלייבן פאר זיך אליין, וואלט איך ניט גע־נומען קיין אנדער וועג. דורכמאכן קאטארגע איז געווען אן אויסער־געוויינטלעכע זכיה. עס איז געווען א זכיה צו דערזען דעם מענטשן אונטער אזא ליכט. איטלעך מאל ווען דאס לעבן ווערט מיר ביטער, ווען איך דערזע אין דער וועלט דעם וועלטראטעווער, וואס פרעסט אליין אויף דאס געזינדל, ווען איך דערזע פאר זיך דאס לייב פונם געשמיסענעם ארעסטאנט, — גייט אויף פאר מיר גלייך דער וואונדערלעכער אלטיטש־קער, וואס גיט מיר אוועק זיין לעצט העמד. —

מיר הייבן זיך אויף. אין זיין גרויסן ארבעטס־צימער וואקסט אין א טאפ א הויכער בוים. ער וואקסט שוין זעקס און צוואנציק יאר.

— מיר האבן אט דעם בוים באקומען ווען ער איז נאך זייער קליין געווען. א מתנה פון פריינד צום געבוירן פון אונדזער זון שמואל.

פרעג איך אים:

— וויים איך, אז אייער שמואל איז אלט זעקס און צוואנציק יאר. ווי אלט איז אייער עלטערער זון, דניאל, און וואס טוט ער?

— דניאל איז שוין אלט פינף און דרייסיק יאר. געווען דריי יאר אין דער ארמיי. ער איז סטאטיסטיקער־אינזשעניר, ארבעט ביי דער רעגירונג.

קומט אויפן זכרון א ליד, וואס ה. לייוויק האט געשריבן, ווען ער האט באגלייט זיין זון דניאל צו דער מלחמה קעגן היטלערן:

דניאל, דער קריג איז געקומען,
אזוי ווי איך האב פון לאנג שוין געאנט.
דו ווערסט היינט צום קריג גענומען,
איך פיר דיך צו דעם ביי דער האנט.
מיר דוכט זיך: אברהם... די עקידה...
און דיר דוכט זיך אויך אזוי.
מיר שפאנען, מיר הוידען זיךביידע —
איינס־צוויי... איינס־צוויי... איינס־צוויי...

פירנדיק זיין זון צו דער וועלט־מלחמה, צו דער עקידה, איז צו אים געקומען די דערמאנונג אן יצחקס גאנג צו דער עקידה, און ער זאגט אזוי צו זיין זון:

דו פרעגסט ניט אפילו די שאלה:
א, טאטע, וואו איז די לאם?

דניאל איז צוריקגעקומען פון דער מלחמה. „איך האב שוין צוויי אייניקלעך, דניאלס און איידעס קינדער — זאגט לייוויק. — דוד איז אלט אכט יאר און יואל — דריי יאר".

ער דערציילט מיר, אז זיינע מחותנים, איידעס עלטערן, געהערן צום נאציאנאלן ארבעטער־פארבאנד, אז דניאל און זיין פרוי האבן צו־זאמען געארבעט אין קעמפ בויבעריק ביים שלום־עליכם־אינסטיטוט. דארט האבן זיי זיך באקענט. „זיי זיינען יידישע מענטשן". אויך אזוי מיין זון שמואל. מיינע ביידע זין זיינען געווען תלמידים אין שלום־עליכם־שולן.

— וואס טוט אייער יינגערער זון, שמואל? — פרעג איך.

— ער ארבעט אויף זיין לערנקורס אין א ברוקלינער יידישן צענ־טער. ער ענדיקט דאס יאר זיין שטודיום אין קאלעדזש פאר סאציאלער ארבעט. ער איז שוין אויך אן אויסגעגעבענער. זיין פרוי הייסט דזשין. זיי וואוינען אין ברוקלין.

שטייען מיר איצט און שמועסן ביים בוים, וואס וואקסט אין הויז. דער בוים דערגרייכט שוין באלד דעם סופית. לאזט זיך אויס, אז ה.

לייוויק איז א גוטער גערטנער, א טרייער שומר פון זיין בוימס לעבן. ער קען און האט ליב יעדן בלאט. ער וואשט אליין פארזיכטיק די בלע־טער. ער ווייס ווי ארומצוגיין ארום זיי. ער ווייסט שוין גוט די סודות פון וואקסן פון די בלעטער. ער שענקט אוועק פון מאל צו מאל ווארצל־דיקע בלעטער צו באקאנטע, זיי זאלן עס פארפלאנצן אין זייערע הייזער. ער פרייט זיך מיטן ארויסשפראץ פון נייע צווייגעלעך. ער רעדט צו מיר וועגן דעם מיט א סך ערנסט און צערטלעכקייט.

— פאלט אבער אראפ א בלאט פון דעם בוים, הייבט ער זיך ניט אויף ווידער און שפאנט ניט אוועק ווייטער.

— עס וואקסן אבער ארויס נייע בלעטער.

מיר זעגענען זיך. עס איז שוין זייער שפעט. איך פיל איצט אין זיין צימער א רו, א שטילקייט, ווי נאך א שטורעם, און עס קומט ארויס נאך א מאל דאס בילד פון דעם דוכענען פון די צוויי כהנים — שאול הכהן און דער קליינער כהן, לייוויק, און עס קלינגט אפ פון דער ווייטן:

— יברכך...

איציק מאנגער

איציק מאַנגערס מיינונג:

— פּאָעזיע איז די שענסטע און איידלסטע קונסט פון אַלע קונסטן. אַלע וועגן פירן צו איר און אַלע וועגן פירן אַוועק פון איר. דער מאַסשטאַב איז — די דערגרייכונג.

זאָג איך צו אים:

— טאַקע וועגן דעם, וועגן די וועגן, וואָס האָבן אייך געפירט צו איר, און וועגן אייערע דערגרייכונגען, בין איך געקומען שמועסן מיט אייך, אין פאַרבינדונג מיט אייער אָקאָרשט דערשינענע בוך „ליד און באַלאַדע".

אונדזער שמועס האָט זיך אָנגעהויבן א קנאַפּן טאָג, אָנהייב פרילינג, ביים ברעג ים.

ער וואוינט אין א קליינעם געדונגענעם צימערל אין סי־גייט ביי ניו־יאָרק, לעבן דעם אַטלאַנטיק. זיין צימער איז פול מיט ענגלישע און יידישע ביכער, מערסטנס ראָמאַנען און לידער. אַנגעטאָן אין אַן אָפּגעטראָגן רעקל, אין א דאָרפיש העמד. א צעקנייטשטער קאַ־פעליוש אויפן קאָפּ.

— לאָמיר לאָזן דערוויילע די לידער — זאָג איך — און זיך קערן צום לעבן. איך מיין צו אייער טאַטע הלל, אייער מאַמע חוה, צו אייער ברודער נאָטע, אייער שוועסטער שיינדל. לאָמיר אַוועק פון סי־גייט ביים אַטלאַנטיק און זיך לאָזן קיין יאַס, קיין טשערנאָוויץ.

ער טוט עס. ער רעדט גערן וועגן זיין משפּחה:

— מיין טאַטע, הלל מאַנגער, איז געווען כּל־ימיו, א שניידער, און צו דעם — א הומאָריסט, א קינסטלער, א מייסטער פון גראַמען. צום לעצטן מאָל האָב איך אים געזען אין 1937, ווען איך בין, צוליב אים טאַקע, געקומען פון פּוילן קיין טשערנאָוויץ.

ער דערציילט מיר וועגן זיין באַגעגעניש מיט זיין טאַטן אין אַ טשערנאָוויצער וויין־קעלער אויף דער קאַראָלינען־גאַס, וואו דער טאַטע האָט איינגעלאַדן אַלע זיינע קינדער, גוטע פריינד, זיך זעגענען מיט זיין איציקן פאַר זיין אָפּפאָר פון טשערנאָוויץ. עס איז געווען אַ באַקאַנטער יידישער וויינקעלער אין טשערנאָוויץ, אַ שענק מיט דעם בעסטן יידישן וויין. דאָרטן פלעגן קומען די חסידים און גבאים פון סאַדאַגורער רבין נאָך וויין אויף קידוש אין דער שול. רומענישע יידן זיינען געווען די בעסטע וויינמאַכער. אין דעם וויינקעלער פלעגן אויך קומען רומענישע אָפיצירן, פאַרזוכן דעם גוטן סאַדאַגורער וויין.

— מיין טאַטע האָט, ווי געזאָגט, איינגעלאַדן אַלע זיינע קינדער — דערציילט מיר איציק מאַנגער. ס'איז געווען מיין ברודער נאָטע, מיין שוועסטער שיינדל, מיין טאַטנס חברים־שניידער. ער איז דעמאָלט אַלט געווען — 54 יאָר. מיין טאַטנס טאַטע איז געשטאָרבן צו 54 יאָר, מיין טאַטנס זיידע איז געשטאָרבן צו 54 יאָר. וויל ער, דער טאַטע מיינער, נאָך אַ פּאָר גלעזלעך גוטן וויין, עפּעס דערציילן וועגן זיין זיידן און מיין אור־זיידן.

הלל דער שניידער, איציקס טאַטע, האָט זיך געשטעלט אויפן טיש מיט אַ גלאָז וויין אין האַנט און אימפּראָוויזירט, אויסגעזונגען זיין לעבנס־געשיכטע אין מייסטערהאַפטע גראַמען. איציק מאַנגער, וואָס האָט אַ זעלטענעם זכרון, געדענקט אָבער נאָר איניקע פּערזן פון טאַטנס לעבנס־ליד, וואָס ער האָט אויסגעזונגען אויפן טיש מיט אַ גלאָז וויין אין האַנט. ער באַדויערט, וואָס ער געדענקט ניט מער. ס'איז געווען — זאָגט ער — „אַ ליד פול מיט טרערן".

ער האָט אָנגעהויבן עטלעכע מאָל אָנשרייבן זיין טאַטנס ליד — דערציילט ער מיר — אָבער עס גייט ניט... „זעט אויס, אַז די זאַך איז גרעסער פון מיינע כוחות".

ריידנדיק וועגן טאַטן, געפינט ער אַ באַהאַלטן פאָטאָגראַפיש בילד. אויפן בילד שטייט הלל דער שניידער אין אַ שוואַרצן סור־דוטל, מיט אַ הויכן ווייסן קראַגן, אַ שניפּסל, אַ זילבערנע זייגער־קייטל אויפן וועסטל, שוואַרצע וואָנצעלעך — הלל חיט, הלל מאַנגער, דער שניידער־מייסטער און גראַמען־קינסטלער. לעבן אים אויפן בילד איז איציקס מאַמע. אַ נידעריקע יונגע פרוי, אין אַ ווייסער בלוזע, שוואַרץ קלייד, שוואַרצע סטענגעלעך ביים האַלדז. אַ שטילע. לעבן זיי ביידן — אַ קליין יינגל, - אַיין און אַ האַלב יאָר אַלט. דינע, קורצע פיסלעך, אַ ווייסער קרעגל אַרום האַלדז, אַ גרויסער שטערן, פאַרקוקטע, פאַרטראַכטע אויגן, איציק.

— מיין טאַטע האָט זעלטן געהאַט אויף חיונה. שטענדיק אַ פּועל ביי יענעם, הגם אַ גוטער בעל־מלאכה. ניט געטויגט צום פּראַקטישן לעבן. געווען דער טאַטע מיינער אַ שטיקעל באַהעם, אַזוי ווי זיין זון איציק.

הלל דער שניידער איז ניט געווען קיין פרומער ייד, אַ „פריי־גע־זאַנענער" צו ביסלעך. ער האָט אָבער געהאַלטן פון יידישע יום־טובים, וואָס ער פלעגט פראַוועון מיט דער משפּחה.

— צום לעצטן מאָל האָב איך געזען מיין טאַטן יום־כּיפּור ביי־נאַכט אין 1937 — דערציילט ער מיר. ער האָט דעמאָלט אויסגעזען טרויעריק. אים איז ניט געפעלן געוואָרן, וואָס זיינע קינדער היטן ניט אָפּ יום־כּיפּור. ער האָט דעמאָלט געזאָגט: „מאָרגן מוז איך אויפשטיין גאַנץ פרי און גיין דאַווענען, ווייל אַלע יאָרן האָב איך געדאַרפט אויס־בעטן ביי גאָט אַפּצאַסן, און היינט דאַרף איך שוין אויסבעטן אַ פּאָר שיך".

מער האָט איציק אים שוין ניט געזען. מיט דריי יאָר שפּעטער האָט ער שוין יום־כּיפּור גאָרנישט געדאַרפט אויסבעטן. ער איז אַוועק אויפן וועג פון אונדזערע זעקס מיליאָן.

בעט איך אים עפּעס דערציילן וועגן זיין מאַמען, וואָס איך זע אויפן בילד.

— מיין מאַמע האָט געהייסן חוה, חוה וואָלנער־מאַנגער.

זי האָט געשטאַמט פון וואָלין, פון זינגענדיקן יידישן וואָלין. איר טאַטע האָט געהייסן איציק בראָדער. אויך געווען אַן אַרבעטער — אַ טאַפּעצירער.

— פון איר קום איך צו די בראָדער זינגער.

זיין מאַמע חוה איז געווען אַ פּשוטע פרוי, ניט קיין גראַמאַטנע אַפילו. זי האָט אָבער געזונגען וואונדערלעכע יידישע פאָלקסלידער.

די מאַמע האָט געזונגען פאָלקסלידער אויך מיט אירע קינדער. טייל לידער געדענקט ער אויף אויסנווייניק. אָט זיינען דריי פערזן פון אַ פאָלקס־באַלאַדע, וואָס זיין מאַמע האָט געזונגען מיט די קינדער. איציק זינגט זיי פאַר מיר נאָך אַמאָל מיט דער מאַמעס ניגון:

„מאָנטיק אין דער שרעקלעכער נאַכט —
דאָס זעקסטע ליכטל האָט מען געטאָן בענטשן —
האָט מען געגעבן דעם מלאך המות די מאַכט
ער זאָל קוילענען אַ מנין מענטשן.

דער מלאך המות האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד.
אים אַנטקעגן איז געפֿלויגן אַ שטערן.
ער האָט בײַ אים גענומען די שווערד
און אים געפֿרעגט מיט טרערן:

„זאָג מיר נאָר, גוטער ברודער,
וואָס האָסטו דײַן שווערד געצויגן?
צו וואָס מאַכסטו אַזאַ גערודער?
וואָס ברענען אַזוי דײַנע אויגן?"

דערמאָן איך אים זײַן לידער־בוך „שטערן אויפֿן דאַך". זאָגט ער מיר:

— קיין דאַך האָב איך פֿון מײַן מאַמען ניט באַקומען בירושה, אָבער שטערן יאָ.

זײַן ברודער נאַטע איז געווען אַ וואונדערלעכער מענטש. פֿון די קינדער־יאָרן אַ שניידער. דער טאַטע האָט אים אײַנגעשפּאַנט אין דער אַרבעט. ער האָט כּמעט ניט געהאַט קיין שולונג. אין קריטישע מאָמענטן איז ער בחורווײַז, ציטווײַליק, געווען דער פּרנסה־געבער אין שטוב.

— ער האָט אָבער געהאַט אין זיך אַן אויסערגעוויינלעכן דורשט נאָך בילדונג. ער האָט אַליין, ממש פֿון זיך אַליין, זיך אויסגעלערנט שעקספּירס ענגליש. כּדי צו קאָנען לייענען די גריכישע קלאַסיקער, האָט ער געלערנט גריכיש. ער האָט זיי געוואָלט לייענען ניט אַנדערש ווי אין אָריגינאַל. אַרבעטנדיק אויף דער ניי־מאַשין, האָט ער געלערנט פֿראַנצויזיש. עס האָבן אים געקענט אין פּאַריז די באַקאַנטע פֿראַנצויזישע שרייבער. אַנדרע זשיד האָט וועגן אים געזאָגט: „צען אַזעלכע לייענער און איך דאַרף ניט מער". פֿון פּאַריז איז ער אַוועק צוריק אין טשערנאָוויץ ווען די מאַמע חוה איז קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן צו אירע 50 יאָר. ער איז דאָרטן געבליבן און שפּעטער געטיילט דעם קדושים־גורל פֿון הונדערטער טויזנטער רומענישע יידן.

— איך וואָלט געוואָלט איר זאָלט מיך אַוועקפֿירן צו אײַערע קינדער־יאָרן, און איר האָט מיך גאָר געפֿירט צום הייליקן אומקום פֿון הלל דעם שניידער און אײַער ברודער נאַטע. לאָמיר זיך אומקערן צום אָנהייב
דעם שניידער און אײַער ברודער נאַטע. לאָמיר זיך אומקערן צום אָנהייב,
צו אײַער קינדהייט.

— איך בין געבאָרן געוואָרן — דערציילט ער מיר — אין טשערנאָוויץ, אין 1901. זלמן רייזען האָט פֿאַרשטריבן אין זײַן לעקסיקאָן, אַז איך בין געבאָרן געוואָרן אין בערלין. דאָס איז אַ טעות.

זיינע קינדער־יאָרן זיינען געווען אָרעמע. אַ דירה פון 3־2 צימער־לעך. די גאַנצע משפחה האָט געהאַט אַמאָל געוואוינט אין איין צימער. אַמאָל אין אַ קעלער. איינמאָל, אין אַ זומער־נאַכט, האָבן זיי זיך אַרויס־געגנבעט פון אַ דירה, ווייל זיי האָבן ניט געוואָלט מע זאָל ביי זיי צונע־מען בייטאָג דאָס ביסל מעבל פאַרן ניט באַצאָלטן דירה־געלט.

די אָרעמקייט און היימלאָזיקייט פון זיין טאַטן, הלל דעם שניידער, ליגט אים גוט אין די ביינער. איך זע זיין עפּיטאַף, וואָס ער האָט צו־געגרייט פאַר זיין מצבה. דאָרטן זאָגט ער אַזוי:

„דאָ ליגט די טרויעריקע, מידע נאַכטיגאַל,
צום ערשטן מאָל אין אַן אייגן בעט,
דער שניידער־געזעל, בראָדיאַגע און פּאָעט,
דער אויף תמיד פאַרשטומטער לידער־קוואַל".

— איך האָב אויך געהאַט שיינקייט אין מיינע פריע קינדער־יאָרן.

ער דערציילט מיר וועגן זיינע נסיעות קיין סטאַפּטשעט לעבן קאָ־לאָמייע, וואו עס האָט געוואוינט זיין זיידע, ר' אברהם מאַנגער.

— סטאַפּטשעט איז געלעגן אין די בערג ביי קאָסאָוו, ביי קוטעוו, וואו אַמאָל איז געווען די היים פון בעל שם טוב.

די קאָסאָווער בערג, די קאַרפּאַטן, די וועגן צווישן בערג, די היים פון בעל־שם־טוב ליגט אין איציק מאַנגערס זכרון און געמיט. דעם בעל שם טובס אָרעמע כאַטע, וואָס איז געווען „דאָס אויער פון דער וועלט", דער בעל שם טוב אַליין, פאַר וועמען די וועלט איז געווען איין גרויסער ניגון. פון דער כאַטע האָט ער גערעדט צום רבונו של עולם: „ממעמקים, אוי, טאַטע געטרייער, איך ווייס, אַז דו ביסט דאָ... דער שוטה בן שוטה זוכט דיך אין ספרים פאַרגעלט און אַלט, כאָטש דו, טאַטע געטרייער, ביסט דאָ בפירוש אין שטאָט, אין דאָרף, אין וואַלד..."

— עפּנט דער בעל שם טוב די טיר און גייט געוואָר ווערן ווער עס שטערט די פרייד, די פרייד און דעם חלום פון דער וועלט. ער הערט אַ שטיל געוויין.

„דאָס געוויין פון אַ ווערעמל, פון אַ גראָז,
דאָס געוויין פון אַ שטערנדל, פון אַ האָז,
קאָן טרייסלען און צעטרייסלען אַ וועלט פון רו.
באַהיט און באַשיץ זיי, טאַטע, דו".

דאָרטן, צווישן די קאָסאָווער בערג, איז איציק מאַנגערס זיידע, ר' אברהם מאַנגער, געווען אַ בעל־עגלה. ער פלעגט פירן פּאַסאַזשירן פון קאָלאָמייע. ער האָט אויך געפירט געהילץ פון די וועלדער־בערג אין

די קארפאטן. ער איז געווען ברוגז אויף זיין זון, איציקס טאטן, פארוואס ער איז געווארן א שניידער. ער האט געוואלט, ער זאל לערנען אין א ישיבה. ער אליין איז אויך געווען א שטיקל למדן. פירן פאסאזשירן צווישן די בערג — האט ער געהאלטן — איז ניט קיין מלאכה. שניידעריי איז שוין א מלאכה.

— מיין טאטע איז אוועק צו שניידעריי צוליב פראטעסט.

ער האט פראטעסטירט קעגן דעם איינציקן גביר, וואס איז געווען אין זיין משפחה, א פראצענטניק. יעדערער אין שטעטל איז געווען ביי אים פארמשכונט, האט פאר אים געציטערט. איז געווען אין שטעטל א שניידער, איז ער ארייננגעפארן אין קאלאמייע און דארטן פארמסרט דעם גביר. זיין גאנץ שטעטל האט געהאלטן דעמאלט דעם שניידער פאר א העלד — אלע האבן מורא געהאט פארן גביר, נאר דער שניידער האט ניט מורא געהאט און זיך איינגעשטעלט.

איציק מאנגערס טאטע ,הלל, איז דעמאלט נאך געווען א יונגער בחורל. ער איז אוועק אין קאלאמייע און דארטן געווארן א שניידער־יונג.

— לאמיר גיין צוריק און דערציילן וועגן מיין עלטער־זיידן, ר׳ שמעון מאנגער.

וועגן אים האט זיך זיין אור־אייניקל, איציק מאנגער, אנגעהערט א סך מעשיות. ער איז געווען באליבט ביי מענטשן. ווען ער איז געשטארבן, האט זייער א חבר געקויפט א פלאץ לעבן זיין קבר. האט אבער שפעטער איציק מאנגערס זיידע אפגעקויפט דעם פלאץ מיט דער טענה, אז א זון איז בילכער ווי א חבר.

— ליגן אויפן סטאפטשעטער בית־עולם דער אור־זיידע און דער זיידע איינער לעבן דעם אנדערן. איך בין דארטן געווען און פארריכט זייערע אומגעפאלענע מצבות.

ער דערציילט מיר, אז אין זיינע ייִנגל־יארן האט ער ניט געהאט קיין חשק צו לערנען. ער האט געלערנט אין חדר. מע האט אים געשיקט אין א גימנאזיע אריין. מע האט אים געוואלט מאכן פאר א דאקטער. טשערנאוויץ איז געווען א שטאט פון דאקטוירים. ער האט אבער ניט געוואלט. האט דער זיידע אויף אים געשריען:

— אויב ניט קיין דאקטער, טא זיי א קוימען־קערער.

צו 13־14 יאר איז ער אוועק צו שניידעריי. אין ערשטן יאר פון דער וועלט־מלחמה, ווען די רוסן זיינען אריין אין קאלאמייע, וואו איציק איז דעמאלט געווען, איז ער אנטלאפן אין רומעניע צו דער „מומע חיה" אין יאס.

— לאָמיר אײַך דערציילן וועגן דעם שניידער ווענצל שאַנאַק. אַן אַלטער גוי, אַ טשעך, מײַן טאַטנס אַ גוטער פֿרײַנד. ער איז געווען אַ גוטער בעל־מלאכה. איך האָב געדאַרפֿט בײַ אים אַרבעטן, באַקומען נאַכטלעגער און עסנס.

ער האָט ניט געקאַנט עסן דעם טשעכס מאכלים, זײַן האַרטן קעז, זײַן ברויט, וואָס ער האָט געטונקט אין קוואַרקע. ער האָט אויף אים געהאַט אַ שווער האַרץ. דער טשעכישער שניידער זאָל האָבן עפּעס געהאַט אויף זײַן געוויסן דאָס פּריצייטיקע אַוועקגיין פֿון דער וועלט פֿון זײַן ווייב. ער פֿלעגט זיך אָנטרינקען מיט ווײַן און זיך לייגן שלאָפֿן אויפֿן שניידער־טיש. וואָס־זשע טוט איציק? — בײַנאַכט האָט ער זיך אײַנגעוויקלט אין אַ ווײַסן לײַלעך, געשטעלט הינטערן פֿענצטער און גערעדט מיטן לשון פֿון דעם שניידערס ווייב: „שאַנאַק, דו האָסט מיך יונגערהייט אין קבר געטריבן. וואָס גיסטו ניט עסן דאָס אָרעמע קינד?”

פֿריער האָט זיך דער האַלב־שיכורער גוי דערשראָקן צו טויט. ער איז אָבער באַלד געקומען צו זיך, דערקענט איציקן און געוואָרפֿן צו זײַנע פֿיס דעם פּרעס־אײַזן. דעמאָלט האָט ער געמוזט אַנטלויפֿן פֿון זײַן טשעכישן מײַסטער צוריק צו זײַן „מומע חיה”.

— איך בין געווען אַ באַרבער, אַ פּריקאַזטשיק, אָבער תמיד האָט עס זיך געענדיקט מיט אַ פֿיאַסקאָ.

דערמאָנט ער זיך זײַן אַרבעטן בײַ זײַן טאַטנס אַ חבר אַ שניידער, אַ פּאָליאַק, אַנטאָן שודאַק. דער שניידער שודאַק איז געווען אַ ליבהאָבער און קענער פֿון ליטעראַטור. אַ גוי, וואָס האָט געקענט ייִדיש. ער פֿלעגט אײַנלאַדן פֿון מאָל צו מאָל איציקס טאַטן צו זײַנע סעודות. און דער טאַטע פֿלעגט דעמאָלט פֿאַר אים פֿאָרלייענען שלום עליכמען. דער שניידער דער פּאָליאַק האָט ניט נאָר פֿאַרשטאַנען שלום עליכמען, ער איז געווען פֿון אים אַנטציקט:

— ווי קומט מיצקעוויטש צו שלום עליכמען? — פֿלעגט ער זאָגן.

— ער איז אַנטקעגן מיצקעוויטשן אַ זשעני.

שטייען אויף פֿאַר אונדז אין אונדזער געשפּרעך זײַן טאַטע הלל דער שניידער, זײַן זיידע, ר' אַברהם דער בעל־עגלה, זײַן אור־זיידע, ר' שמעון מאַנגער פֿון סטאַפּטשעטער בית־עולם. און אָט געפֿינען מיר דעם אָפּקלאַנג פֿון זײַן זיידן, ר' אַברהם דעם בעל־עגלה, אין מאַנגערס אַ ליד: „איך האָב אײַנגעשפּאַנט דעם באַפֿליגלטן לאַשאַק פֿאַר עטוואָ צוואַנציק יאָר, פּונקט ווי מײַן זיידע האָט געשפּאַנט זײַנע קאַשטאַנעס. און, רײַטנדיק אין גאַלאָפּ, ביז איך פֿאַרפֿאָרן העט־העט אין סטאַפּטשעט, וואו די שײַנקייט ווישט די טרערן אָפּ פֿון אַלע צערן”...

ער דערציילט מיר וועגן זיין שטאָט, יאַס. אויב ווילנע — זאָגט ער — איז געווען אַ שטאָט פון אינטעליגענטן, איז יאַס געווען אַ שטאָט אַ פּרימיטיווע. מע האָט דאָרטן גערעדט יידיש, געלעבט יידיש. לייענען יידיש האָט מען דאָרטן ווייניק געקאָנט. אָבער דאָך האָט ער זיך דאָרטן אויסגעלערנט דאָס אידיאָמאַטישע יידיש. ער פלעגט זיך אומוואַלגערן אין טשאַינעס, טרינקען טיי, און דערביי זיך צוהערן צו די רייד פון די יידישע בעלי־מלאכות, פּשוטע יידן.

— איך דערמאָן זיך איינעם אַ יידן, וואָס איך האָב באַגעגנט אין די טשאַינעס, אַ מוליאַרזש — דערציילט ער. — מען האָט אים גערופן פּעטער דזשאַרדזש. ער איז שוין געווען אַן אַלטער ייד, אָבער אַ סאָציאַליסט. ער האָט אויסגעזען ווי מאַקסים גאָרקי, נאָר זיינע האָר זיינען געווען גרוי. די יונגט האָט זיך געקלעפּט צו אים, אויסגעהערט זיין תורה, זיינע געשיכטעס. ער האָט געהאַט חברים אין אַמעריקע, וואָס פלעגן אים שיקן יידישע צייטונגען, זשורנאַלן.

אויך ער, איציק מאַנגער, האָט זיך געקלעפּט צו אים. געהערט אים און געלערנט פון אים. ס'איז געווען די פאַרכאַפּנדיקע סאָציאַליסטישע תורה.

— דער אַלטער פּעטער דזשאַרדזש — זאָגט ער — האָט געהאַט אויף מיר אַן איינפלוס.

דער צווייטער ייד, צו וועלכן איציק האָט זיך געקלעפּט, איז געווען דאָקטאָר לודוויק געלערטער. אַ באַקאַנטער סאָציאַליסט, אַ פירער פון די יידישע אַרבעטער אין רומעניע. ער פלעגט אַרויפקומען צו אים. ביי אים אין הויז האָט מען גערעדט אַ גוטן יידיש. ער איז געווען אַ געלערנטער מענטש. דאָרטן האָט ער זיך באַגעגנט מיט יידישע איטעליגענטן, סטודענטן און — אויך פון זיי געלערנט.

אין הויז פון דר. געלערטער, אין דער סביבה פון יידישע אינטעליגענטן, סטודענטן, האָט ער אָנגעהויבן זיך באַקענען מיט די סאָציאַלע און פּאָליטישע פּראָבלעמען, געשעענישן. זיי האָבן שטאַרק געווירקט און באַאיינפלוסט מאַנגערן.

נאָך דער מלחמה זיינען געווען די חדשים פון דער רעוואָלוציע. אין רומעניע איז אויפגעקומען די קולטור־פעדעראַציע, וועמענס צענטראַלע פיגור עס איז געווען דער פּאָעט אליעזר שטיינבערג. אין יענער סביבה האָט איציק מאַנגער זיך אויסגעלעבט. אין אליעזר שטיינבערגס זשורנאַל „קולטור” האָט ער, אין 1921, געדרוקט זיין ערשט ליד וועגן אַ גאַסן־מיידל.

אונדזער געשפּרעך טראָגט זיך אַריבער צו די ערשטע און שפּעטערדיקע יאָרן פון איציק מאַנגערס שעפערישקייט. עס איז שווער צו

האַלטן זיך ביי אַ סדר. ער שפּרינגט איבער צייטן, יאָרהונדערטער. מישט די וועלט־ליטעראַטור, באַזונדערס דעם פאָלקלאָר פון פעלקער. ער רעדט וועגן ליטעראַטורן אין עטלעכע שפּראַכן — יידיש, דייטש, פראַנצויזיש, ענגליש, — אין וועלכע ער איז גאַנץ גוט אויסגעבונדן.

— פאַרוואָס האָבן מיר, יידן, ניט קיין דראַמע אין גריכישן אָדער שעקספּירישן זין? — זאָגט מאַנגער — סטייטש, מיר זיינען דאָך אַ פאָלק מיט אַ דראַמאַטישער געשיכטע. מיר וואָלטן דאָך געדאַרפט געבן דער וועלט די גרעסטע דראַמע. אָבער ניט אין העברעאיש, ניט אין יידיש האָבן מיר ביז היינט די פּערפעקטע דראַמע.

— שטודירנדיק די וועלט־ליטעראַטור — זאָגט ער, האָב איך געזען, אַז פעלקער, וואָס האָבן געהאַט אין זייער פּאָעזיע די באַלאַדע, האָבן אויך געהאַט די גרויסע דראַמע, ווי, למשל, ענגלענדער, שפּאַניער, סקאַנדינאַוויער. די באַלאַדע איז אַ צוגרייטונג צו דער דראַמע. די באַלאַדע, אין איר לירישער פאָרם, האָט אין זיך אויך דראַמאַטישע קאָנפליקטן.

האָט ער געזוכט שפּורן פון דער באַלאַדע אין יידישן פאָלקלאָר, און זיי דאָרטן אויך ניט געפונען.

אפשר האָבן מיר ניט קיין דראַמע, ווייל מיר זיינען אַ פאָלק פון ליריקער. ווי אַזוי האָבן יידן רעאַגירט אויף חורבן ירושלים? — מיט איכה. זיי זיינען געוואָרן ליריש, זיי האָבן געטרוימט. דעם ייד ציט ניט צום קאָנפליקט. דער ייד זינגט.

אים האָט געצויגן — זאָגט ער — צו דער דראַמע אין לעבן, צו דער דראַמאַטישער געשיכטע. אים האָט געצויגן די באַלאַדע. ער האָט שטענדיק געחלומט וועגן טעאַטער. יעדער קינסטלער איז, לויט זיין מיינונג, אַ מאַניאַק. ער איז באַהערשט פון עפּעס איינס, וויכטיקס פאַר אים. ער קלייבט אויס איין וועג, אָדער דער וועג האָט אים אויסגעקליבן.

— אין אַלע מיינע לידער־ביכער, אין אַלע מיינע מאָטיוון איז דאָ פּאַקטיש כמעט איין מאָטיוו: איז זוך דאָס טראַגישע אין דער וועלט און אין לעבן.

דערציילט ער מיר ווי אַ ביישפּיל וועגן זיין באַלאַדע פון „ווייסן ברויט", וואָס איז אַריין אין זיין ערשטן בוך „שטערן אויפן דאַך":

„שטייען מאַמעס אין צעריסענע שאַלן
אויף טונקעלע, אַוונטיקע שוועלן.
בלייכע געזיכטער, פאַרלאָשענע פינגער —
דרייצן אָפּאָסטאָלן פון דעם הונגער".

ווי קומט ער צו אַט דער „באַלאַדע וועגן ווייסן ברויט?" — עס איז געווען די צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אין רומעניע. מע פלעגט שטיין אין דער ריי גאַנצע נעכט און וואַרטן אויפן אויסגעטיילטן ברויט. זיין מאַמע פלעגט זיצן דרויסן אויף אַ בענקל, אַ גאַנצע נאַכט, און וואַרטן. ער פלעגט שטיין אין דער ריי צוזאַמען מיט זיין ברודער, און אין איינער אַזאַ נאַכט, וואַרטנדיק אויף ברויט, האָט דערזען זיין ברודער ווי די לבנה איז אַרויפגעשוואומען אויפן הימל. האָט ער צו אים געזאָגט, ווייזנדיק אויף איר: „זע, אַ גרויס ווייס ברויט!"

גייען יאָרן. ער האָט שוין געהאַט אַן דעם פאַרגעסן. ער איז שוין געווען אין פוילן. די נויט איז אויך דאָרטן גרויס געווען. הונגער איז ווידער געקומען. איז אַרויסגעשוואומען פאַר אים די האַלוצינאַציע וועגן דער לבנה, וואָס איז געגליכן צו אַ ווייסן ברויט.

— איך האָב פאַרוואַנדלט דעם הונגער אין אַ דראַמאַטישער וויזיע. זאָג איך צו אים:

— אַרום „מדרש איציק", אַרום אייערע חומש־מעשיות און מגילה־לידער, איז אַנגעגאַנגען אַ מחלוקות. מע האָט אייך אַפילו באַשולדיקט אין חלול הקודש. לאָמיר עפּעס הערן וועגן דעם פון אייך אַליין.

דערציילט ער מיר, אַז ער האָט עס לכתחילה אַליין אָנגענומען ווי אַ פּאָעטישע שטיפעריי. שפּעטער איז עס אָבער פאַר אים געוואָרן אַ סך ערנסטער. עס איז געוואָרן אַזוינס, וואָס האָט אַ באַרירונג מיט מדרש. ס'איז אַ בלבול — מיינט ער — אַז אין דעם איז דאָ פּראָפאַנאַציע פון די אבות. ביי יידן איז געווען הייליק גאָט. אָבער ניט די אבות. די אבות זיינען געווען מענטשן. ער האָט אין די אַלטע קוואַלן ניט געפונען דעם אויסדרוק „די הייליקע אָבות". די פאַרהייליקונג פון מענטשן איז אַ גוישער ענין. דאָס האָט זיך אָנגעהויבן ביי יידן אונטערן קריסטלעכן איינפלוס. מע קאָן עס זען אין דער קבלה. דער תנך איז אין זיין תוך אַ מענטשלעך בוך. אַזוי האָבן די יידן אים אויפגענומען. אברהם אבינו פאַרמאָגט גרויסע שיינקייטן. ער איז אָבער אין דער זעלביקער צייט אַ בן־אדם, ער קאָן זיך דינגען מיט גאָט וועגן סדום. ער קאָן אַרויסטרייבן זיין דינסט הגר און זיין זון ישמעאל אויפן פאַרלאַנג פון זיין ווייב שרה.

דאָס מענטשלעכע האָט תמיד אינספּירירט דעם קינסטלער. שיינ־קייט, זינד... — דער קינסטלער האָט דערהויבן ביידע זאַכן צוזאַמען, ווייל זיי הויזן און לעבן צוזאַמען. דער תנך איז דער היפוך פון דעם נייעם טעסטאַמענט. דאָרטן, אין דעם נייעם טעסטאַמענט, איז מען רק הייליק. ניט מען עסט, ניט מען טרינקט. אים אינספּירירט דער מענטש־לעכער אברהם אבינו, וואָס פּראַוועט שלום זכר. די שיר המעלות לייכטן

אַראָפּ פֿון אַלע ווענט. די ייִדן אין סאַבאַלענע שטריימלעך פּליאַסקען מיט די הענט.

דאָס פֿאָלק — זאָגט ער — האָט געפֿונען שאַרפֿע און האַרבע ווער־טער — אַזוי דערציילט דער פֿאָלקלאָר — אויף פֿאַר זיינע אַמאָליקע העלדן. ווי אַזוי האָט דאָס פֿאָלק געזונגען וועגן אסתּרן, וועגן מרדכי הצדיק? — מרדכין האָט די פֿאָלקס־פֿאַנטאַזיע פֿאָרגעשטעלט ווי אַ ייִד מיט אַ הויקער:

„אַ האָרב אויפֿן רוקן
פֿון צופּיל בוקן..."

— ווי אַזוי האָבן געזונגען די פּורים־שפּילער?

„אדוני מלך, איך האָב פֿאַר דיר אַ מיידעלע —
אַ קורצע, אַ גראָבע, אַ גרינע ווי גראָז.
אין אַלע טעפּלעך טוט זי טאָן שטופּן די נאָז".

אַזוי האָט דאָס פֿאָלק און זיינע פּורים־שפּילער געשטיפּט וועגן אסתּר המלכּה:

„אַ חכמה, אַ בריה, אַ קעפּל,
מיט אַ פֿאַרטוך שוימט זי אַראָפּ דאָס טעפּל.
און אַז מע דאַרף פֿאַרבעטן דאָס בעט,
איך גיי אין געוועט —
פֿאַרבעט זי דעם אויוון און הייצט איין דאָס בעט".

זיין מיינונג איז, אַז עס זיינען דאָ אַזעלכע מאָטיוון אין פֿאָלקסליד, אַז כּדי זיי זאָלן ווערן קונסט, דאַרף מען זיי אויסלייזן פֿון אומבאַהאָלפֿנ־קייט, פֿון פּרימיטיווקייט. דער קינסטלער דערזעט אַ פֿויגל, וואָס קאָן פֿליען, מע דאַרף נאָר אויסגלייכן זיינע פֿליגל. טוט ער עס.

צי איך וועק אונדזער שמועס פֿון אסתּר המלכּה צו מאַנגערס „ווענוול זבאַרזשער" און „מלכהלע די שיינע".

דערציילט ער מיר, אַז אייגנטלעך איז פֿאַר אים „וועלוול זבאַרזשער" געווען נאָר אַ משל, און דער נמשל איז ער אַליין, איציק. ער האָט אויס־געזונגען זיינע אַ ליבע דורך „וועלוול זבאַרזשער".

— די בענקשאַפֿט און די ליבע זיינען פֿון גאָט אַ פּאָר — זאָגט ער — „די בענקשאַפֿט האָט גאָלדענע אויגן, און די ליבע האָט גאָלדענע האָר".

— ס'איז אייגנאַרטיק דער יידישער פֿאָלקס־מאָטיוו — זאָגט ער.
— מע שטויסט זיך אָן אויף אַ געוויסער פּראָזאַאישקייט אין יידישן פֿאָלקס־ליד. אין אוקראַאינישן, רומענישן, ענגלישן פֿאָלקס־ליד, אָטעמט די נאַטור. דאָס יידישע פֿאָלקס־ליד האָט ניט אַזאַ אָרנאַמענט. עס איז געבאָרן געוואָרן אין די אַרבעטער־געסלעך, אין די הייזלעך פֿון דער יידישער אָרעמקייט. דער יידישער טרובאַדור, דער זינגער פֿון ליבע־ליד, איז געווען דער שניידער־יונג. דאָס רומענישע פֿאָלקסליד שמעקט מיט גרינע בלעטער. אָבער עס זאָגט דאָס יידישע פֿאָלקסליד:

„פּאַפּיר איז דאָך ווייס,
טינט איז דאָך שוואַרץ,
נאָך דיר, מיין טייער לעבן,
גייט אויס מיין האַרץ".

אין יידישן פֿאָלקסליד, אין פֿאָלקלאָר, איז דאָ עכטקייט, אמת־דיקייט, אָן פּאַרפּוצונג. עס איז דאָ אין אים עכטע ליריק, טיף געפֿיל. עס איז דאָ אָרעמקייט, אָבער טיפֿער געמיט.

מירריידן וועגן זיין גאַנג איבער יידישע ישובים, זיין וואַלגערן זיך איבער דער וועלט.

—איך בין געקומען פֿון רומעניע — דערציילט ער מיר — קיין פּוילן, קיין וואַרשע, קיין ווילנע, קיין קאָוונע. איך האָב געזען אין גרויסע יידישע וועלט. ס'איז איין קייט פֿון רינגען פֿון יידישע ישובים.

ער האָט זיך געפֿילט אינדערהיים אומעטום צווישן יידן. ס'איז געווען איין קאָנטינואיטעט. מענטשן האָבן געוואָלט הערן זיין יידיש, זיין דיאַלעקט, געוואָלט אים פֿאַרשטיין. אַזוי האָט ער אויך געוואָלט פֿאַרשטיין די יידן פֿון די ישובים, זייער לעבן, זייערע פּראָבלעמען, זייער ליד און פֿרייד.

— מיינע צען יאָר פּוילן — פֿון 1928 ביז 1938 — זיינען געווען מיינע שענסטע יאָרן.

דאָרטן איז געוואַקסן זיין אינערלעך באַוואוסטזיין. ער האָט דאָרטן געהערט, ווי אַ יידישער פֿאָעט, צו אַ לעבעדיקן יידישן פֿאָלק. ער האָט זיך געפֿונען אינמיטן פֿון אַ דינאַמיש, באַוועגלעך לעבן. אין יענע צען יאָר זיינען דערשינען כמעט אַלע זיינע ווערק. ער האָט דאָרטן געזען יידיש פֿאָלק, יידישע פֿאָלקסמענטשן, יידישע אַרבעטער. ער האָט געזען יידן אַנגעטאָן ווי גוים, ער האָט אָבער גלייך דערקענט אין זיי זייער יידישן אַפּשטאַם. ער האָט עס דערקענט אָן זייערע העוויות. ער האָט דערקענט אומעטום דעם יידישן טיפּ.

ער דערמאָנט זיך מיט ליבשאַפט און באַגייסטערונג וועגן דער יידישער פאָלקסמאַסע אין פּוילן, די הונדערטער פאַרזאַמלונגען, די צענדליגער טויזנטער יונגע יידן, וואָס האָבן מיט באַגייסטערונג און פאַר־ליבטקייט אים געהערט.

— אַט האָט דער „בונד" אין פּוילן — דערמאָנט ער זיך — גע־פּייערט מיין 40־יאָריקן יוביליי. האָט ער דעמאָלט, לכבוד יום־טוב, מיר אַרויסגעגעבן די יידישע ליטעראַטור־פּרעמיע. די פּרעמיע איז טאַקע געווען ניט מער ווי 250 פּוילישע זלאָטעס. פאַר מיר איז עס אָבער געווען אַן אוצר, אַ גוואַלדיקע פרייד.

ער באַנוצט אַזאַ אויסדרוק:

— איך האָב מיך דאָרטן געפּילט ווי אַ פּרינץ, אַפילו מיט אויס־געטראָטענע שיך, אַפילו מיט נאָר 20 זלאָטעס אַ וואָך.

ער איז איצט שוין אין זעקסטן צענדליגג יאָר פון זיין לעבן. ער מעג שוין אַ קוק טאָן הינטער זיך, אויף דעם דורכגעגאַנגענעם וועג.

— אַז מען קוקט הינטער זיך — זאָגט ער מיר — קאָן מען ניט זיין צופרידן. מע איז דאַך אַ ביסל אַן עגאָאיסט. פרעגט מען זיך: וואָס האָסטו דערוואָרבן אין דיין לעבן? וואָס האָסטו געהאַט אין דיינע יאָרן און וואָס האָסטו איצט? איך האָב זיך כסדר אָפּגעגעבן מיט מיינע לידער און באַלאַדן. איך האָב פאַרגעסן דעם זיך, דאָס אייגענע לעבן. עס קומט אָבער אַ געוויסער עלטער. הייבט מען אָן צו טראַכטן וועגן תכלית. לעבן, לעבן... אַפילו דער טויטער שעקספּיר וואָלט זיך געביטן מיטן לעבעדיקן מאַנגער.

ער געהערט ניט צו די מקוננים פון דער יידישער ליטעראַטור. דאָס וואונדערלעכע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן — זאָגט ער — און וועט גע־שאַפן ווערן אין יידיש, וועט בלייבן אויף אייביק. וואָס מיינט דען די באַרימטע גאָלדענע עפּאָכע אין שפּאַניע? — זי מיינט אין תוך דריי יידן: גבירול, אבן עזרא און יהודה הלוי.

ער וואָלט געקאָנט — זאָגט ער — אויסרעכענען דרייסיק נעמען פון וואונדערלעכע יידישע שעפער פאַר די לעצטע פופציק יאָר.

— עס איז גוט, וואָס יידישע דיכטער ווערן לעצטנס איבערגעזעצט אין ענגליש. אָט איז די „ליטל טרעזשורי אָוו וואָירלד פּאָעטרי". דאָרטן זיינען דאָ אברהם רייזען, ה. לייוויק, זישאַ לאַנדוי, יעקב גלאַטשטיין... די גויים וועלן אַנטדעקן פאַר די אָפּגעפרעמדטע יידן די יידישע ליטע־ראַטור .קאָן זיין, אַז אַז די ענגלענדער, וואָלטן די יידן ניט געהאַלטן פון תנך.

וועגן זיינע ליטעראַרישע פּלענער אין דער צוקונפט זאָגט ער מיר:

— איך בין שולדיק אַ גרויסן חוב די חרוב־געוואָרענע יידישע ישובים. איך בין שולדיק די יידן פון פּוילן, גאַליציע, רומעניע, ליטע, לעטלאַנד, וואָס איך האָב געקענט און זיי זיינען שוין מער ניטאָ. איך קלייב זיך צו שרייבן מעמוארן.

ער טראַכט אַ ווייל און גיט צו:

— אַפילו בלויז וועגן מיינע וואַגלענישן אין דער צייט פון דער מלחמה האָב איך אַזויפיל צו שרייבן.

ער איז געווען אין פּאַריז, ווען זי איז פאַרנומען געוואָרן דורך די נאַציס. ער האָט דעמאָלט פּרובירט פאָרן אומלעגאַל אין ארץ־ישראל, ער האָט אָבער ניט געקאָנט באַקומען די נייטיקע סערטיפיקאַטן.

ער האָט געזוכט שיפן, לעגאַלע און אומלעגאַלע. געוואָלט פאָרן ווי אַ מאַטראָס, ווי אַ שיף־דינער. ער איז געזעסן אין מאַרסעל, אין אַ קאַפע־הויז, אַ פאַרצווייפלטער. פרעגט אים אַ פרעמדער מענטש ביי אַ גלאָז ווייַן:

— מענטש, וואָס ביסטו אַזוי פאַרצווייפלט?

ענטפערט ער אים:

— זעסט דאָך ווי פראַנקרייך זעט אויס...

אָט די באַגעגעניש אין אַ קאַפע־הויז אין מאַרסעל מיט אַ פראַנצויזישן שיפס־קאַפּיטאַן, וואָס האָט געפירט אַמוניציע קיין אַפריקע, קיין אָראַן, האָט דורך גלגולים און וואַנדערונגען אים געפירט צו די שפּאַנישע וואַסערן, צום גיבראַלטאַר, צו נייטראַלע האַפנס. ער האָט געפירט לאַנגע האַרץ־געשפּרעכן מיטן קאַפּיטאַן, וואָס איז אויך געווען גייסטיק צעבראָכן צוליב פראַנקרייכס מפּלה, צוליבן אַוועקגעבן פראַנצויזישע שיפן די נאַציס. דער קאַפּיטאַן האָט דעמאָלט געדינט ענגלאַנד מיט געהיימע ידיעות וועגן די פראַנצויזישע שיפן. לכתחילה האָט ער אויפגענומען מאַנגערן אויפן שיף צו טאָן שוואַרצע אַרבעט. ווען ער האָט זיך אָבער מיט אים בעסער באַקענט, האָט ער אים געזאָגט:

— דיין אויפגאַבע איז צו באַשרייבן, דערציילן.

אַזוי איז ער אַריינגעפאַלן אין ענגלאַנד.

באַרירן מיר אין שמועס די טראַגישע צייט פון יידישן אומקום אונטער היטלערן. מיר קומען צו זיינע שטימונגען. מיר קומען צום קידוש־השם פון יידישע קינדער. ער האָט געשריבן אַ ליד וועגן די יידישע קינדער:

„די גאָלדענע פּאַווע און דאָס קלאָר ווייסע ציגעלע
וויגן די ליידיקע וויגן.
ניטאָ מער דאָס הייליקע יאַנקעלע,
טאָ וויגט מען איין אַ ניגון".

קומען מיר אויף זיין ליד וועגן ר' מאירל פון פּרעמישליאַן, וואָס טענהט צו גאָט אַזוי: „באַשאַפער פון די וועלטן, דו ביסט מעכטיק, מוראדיק און גרויס, נאָר מיר, גאַליציאַנער, מעגן דיך אויף אייביק אויס פון דער עדה אמתע אוהבי ישראל".

ווידער קומט ער צו זיינע אייגענע וואָגלענישן, היימלאָזיקייטן. ער דערמאָנט זיך אָן אַ בילד פון איבסען „ווען טויטע דערוואַכן":

„ער כאַפּט זיך אויף, און דערזעט,
אַז ער האָט נאָך גאָרניט געלעבט".

— קונסט פאַרלאַנגט קרבנות. אַז אַרבעט פאַר איר 25 שעה אַ מעת לעת קאָן גאָרניט זיין.

— קוואָ וואַדיס, מאַנגער? — פרעגט ער, און ער ענטפערט מיט זיינעם אַ ליד:

„גאָט, מיין גאָט צו וואָס האָסטו געזאָלבט
מיין גוף מיט לידער און מיין קאָפּ מיט פרייד?
פאַרוואָס האָסטו געגעבן מיר דעם בעטלער־זאַק,
די אויסגעקרימטע שיך און דאָס הפקר־קלייד?" —

כדי איך זאָל זאָגן צו אַלע וועלטן „אַ גוטע נאַכט"? ניט האָבן קיין היים, וואוהין צו גיין?

קומען מיר צום סוף, און איך זאָג צו מאַנגערן:

— די וואָרצלען פון אייער „ליד און באַלאַדע" זע איך — יאַס, טשערנאָוויץ, אור־זיידע, טאַטע־מאַמע, פאָלקלאָר, הונגער פון אָרעמע הייזער. איך זע דאָס הויז פון דאָקטאָר לודוויק געלערטער, דעם סאָציאַליסטישן פירער פון רומעניע, און אין זיין הויז — סאָציאַליסטן, סטודענטן, און אויך מאַנגערן. עס איז די צייט ווען יידיש איז אויפגעגאַנגען, יידישע קולטור. איך זע פּוילן, ווילנע, די יידישע שולן, דעם יידישן סאָציאַליזם אין אייראָפּע. און איך זע פראַנקרייך, די פראַנצויזישע ליטעראַטור, די ענגלישע, דעם יידישן חורבן. אָבער וואו ציט איר איצט ווייטער אייערע צווייגן?

— איך מיינט געווים — זאָגט ער מיר — וואָס איך האַלט פאַר מיין מיסיע, פאַר מיין שליחות אין דער יידישער ליטעראַטור? איך זוך נים קיין מיסיע און טענה נים וועגן שליחות. ווען שעקספיר האָט געשריבן זיינע דראַמעס, האָט ער געוואָלט איינס: אונטערהאַלטן, פאַרווילן דעם עולם, וועלכער איז באַשטאַנען פון פאָלקס־מענטשן, מאַטראָסן, זיי פלעגן שפּילן קערלעד, וואַרפן פּאָמעראַנצן. האָמער האָט געזונגען פאַר עולם. איך האָב אַ ווידערגעפיל צו דאָסטאָיעווסקין פאַר זיין פּייניקן דעם מענטשן, דעם געוויסן. איך וויל שרייבן, איך וויל שאַפן. שרייבן אַ סך, שרייבן ווייניק. דאָס איז נים וויכטיק. וויכטיק איז די קוואַליטעט. וויכטיק איז וואָס מע לייגט אַריין אין שרייבן.

זעט אויס, אַז פּוילן, באַזונדערס פּוילן, די יידישע שולן פון ווילנע, ביאַליסטאָק, וואַרשע, זיינע רעפּעראַטן אין די יידישע גימנאַזיעס, לעקציעס אין לערער־סעמינאַר, באַגעגענישן מיט יידישע קינדער, באַגייסטערונג פון דער יוגנט, זיינען טיף־טיף איינגעבאַקן אין זיין האַרצן. און ער קערט זיך ווידער אום צו זיי אין סוף פון אונדזער געשפּרעך:

— איך בין אַליין געווען פאַרבונדן מיט דעם אַלעמען מיט לייב און לעבן — זאָגט ער מיר. — עס איז בלוט פון מיין בלוט.

— לאָמיר דאָ בלייבן שטיין, מאַנגער.

עס איז סוף טאָג ביים ים. דאָ איז דער אַנטלאַנטישער ים, ווייט פון ווילנע, פון וואַרשע, קאָלאָמייע, יאַס. ס'איז געענדיקט דער שמועס מיט איציק מאַנגער, מיטן טרובאַדור, וואָס איז געקומען פון יאַס, פון בית ר' הלל דעם שניידער, וואָס וואַלגערט זיך שוין אַרום דרייסיק יאָר איבער יידישע ישובים, ווי אַ „פּרינץ אין צעריסענע שיך", און איצט טראַכט ער גיין, ווי ער זאָגט, „זיך וואַלגערן אין דער היים".

„איך וועל שטיין, פאַרגאַפּט, פאַר דעם כנרת בלאָ,
אין מיינע בגדי דלות אָנגעטאָן..."

ער וועט זיין אַ פאַרוואַגלטער פּרינץ, וואָס „האָט געפונען זיי בלאָ". און בלאָ איז זיין חלום פון תמיד אָן.

מאני לייב

מאַני לייב איז שוין אויף זיין לעבנסוועג

דערגאַנגען נאָענט צום 70־סטן וויאָרסט־שטיין. און ער האָט נאָך ניט געזאַמלט זיינע לידער אין אַ גרויס בוך, ניט געמאַכט זיין חשבון הפּאָעזיע. וועגן וואָס צו שמועסן איז געווען גענוג אין פאַרלויף פון דריי האַלבע נעכט — ביז חצות.

פאַרעסט הילס, ניו־יאָרק. פיר שטילע, קליינע, ציכטיקע צימער־לעך אויפן פינפטן שטאָק. אויף די ווענט — מאָלערישע בילדער. צוויי שרייב־צימערן פאַר די צוויי פּאָעטן פון דעם הויז — מאַני לייב און זיין פרוי, ראַשעל וועפּרינסקי. אין זיין אַרבעטס־צימער, אויפן וואַנט — אַ מאָלערישער פּאָרטרעט פון יונגן מאַני לייב. אויפן טיש — גאַנץ צופעליק — זיינער אַ סאָנעט: „אַן אויפשריפט אויף מיין מצבה" —

„דאָ ליגט הערש־איצעס זון מיט שערבלעך אויף די אויגן,
באַגראָבן אין תכריכים, ווי אַ שיינער ייד.
ער איז אויף אונדזער וועלט, ווי אויף אַ יאַריד,
אַראָפּ צו פוס פון ווייטן ישוב ניט געשטויגן —
פאַרקויפן ווינט..."

און צום סוף פון דעם זעלבן סאָנעט: „...היפּשע רעשטן ווינט, וואָס איז נאָך אים געבליבן, האָט ער אין זיין צוואה די קינדער אָפּגעשריבן."

— איר רייצט זיך מיט יענער־וועלט? — פרעג איך אים.

— יענע וועלט? — ענטפערט ער מיר. — גראָד האָלט איך איצט אין מיטן שרייבן סאָנעטן. זעכציק האָב איך שוין אָנגעשריבן.

זיינען מיר אַוועק פון „ווייטן ישוב ניט געשטויגן" צו זיין היים־שטאָט.

— איך בין אַ נעזשינער — זאָגט מאַני לייב. — מיין טאַטע — אַן אוקראַינישער, מיין מאַמע — אַ ליטווישע. איך קום פון אַן אָרעמאַנסקער משפחה.

מאַני לייב האָט ליב צו דערציילן באריכות וועגן זיין היים, וועגן זיין האָרעפּאַשנער משפחה. ער ברענגט אַרויס געשטאַלטן, דער־ציילט מעשיות. — עס איז אַ גוטער מאַטעריאַל פאַר צענדליקער ביאָגראַפישע קאַפּיטלען. איך שטעל אים ניט אָפּ — זאָל ער דער־ציילן. ער דערגרונטעוועט זיך דורך דעם צו זיך אַליין, צו זיין אָנהייב, צום מקור. און עס איז אַ שליסל צו זיין פּאַעטישן שפּייכלער, פול מיט „זון־שנורן מיט פּערל״, צום באַשייד פון זיין געמיט, צו דער קלאָרקייט און ליכטיקייט פון זיין ליריק.

— איך קום פון אָרעמען פאָלק און איך פיל צום שטאַרקסטן דעם בטחון פון די פשוטע און פאַרגעסענע מענטשן.

דערציילט ער מיר וועגן זיין טאַטן, הערש־איצע, וואָס פלעגט פאָרן אויף יארידן, איינצוקויפן פעלן פון פערד און בהמות, אַ „שמאַטע־הענדלער״. ער פלעגט שרייבן בריוו קיין אַמעריקע פאַר פאַרלאָזענע כלות און עלנטע עגונות. מאַני לייב, הערש־איצעס זון, פלעגט אויסהערן דעם טאַטנס בריוו, זען ווי די כלות און עגונות באַגיסן זיך מיט טרערן, און אויך לאָזן אַ טרער. זיי האָבן געוואוינט אין אַן אָרעם שטיבל מיט אַ שטרויענעם דאַך. די קינדער פלעגן שלאָפן אויף דער פּאָדלאָגע, אויף אַ קויל שטרוי. „דער טאַטע פלעגט אויסשפּרייטן איבערן שטרוי אַ גרויסע פּלאַכטע און צודעקן די קינדער מיט אַ שאָפּענעם פעלץ.״

— די שבת־צו־נאַכטסן ביי מיין טאַטנס טיש. אַרום טיש זיצן דאָרפגייער, פערד־הענדלער, בעטלער, מעשה־דערציילער. מע פלעגט אויסטרינקען זעקס סאַמאָוואַרן טיי, „אויסדערציילן אַ וועלט״. וואונ־דער איבער וואונדער — וועגן שנייאיקע, פאַרכישופטע וועלדער, וועגן יידן מיט שוואַרצע בערד, פערד־גנבים, וועגן מטמונים געגנבעט געלט, פאַרבלאָנדזשעטע פערד, פאַרלאָרענע שטיוול, וועגן יידן־גייער מיט טאָרבעס, וועגן אליהו הנביא... מעשיות וועגן גזלנים, מתים, מכשפים.

טוט מאַני לייב אַ שפרונג פון נעזשין אהערצו, און זאָגט מיר:

— אייגנטלעך זיינען דאָך אַלע מיינע לידער ביאָגראַפישע לידער, פאַרשטעקטע אין מעשהלעך, פאַרשלייערטע מיט סימבאָלן.

קומט אַרויס „יינגל־צינגל־כוואַט״, „בלימעלעך־קרענצעלעך״, „בעלעמער מעשיות״, אַ „מאַמע מיט דריי בנים״, „אליהו הנביאס באַלאַדעס״. אָבער מאַני לייב גייט צוריק אין זיין שמועס אהיים, צו זיין אָפּשטאַם:

— מיין מאַמע חיה־שרה, האָט געבראַכט אויף דער וועלט זעקס זין און צוויי טעכטער: מאַני־לייב, גרשון, יעקב־בער, נחמן, יאָסל, איסר, עטל און ציפּע. די מאַמע איז געווען אונדזער ברויט־געבערין, ווייל דער טאַטע איז געווען אַ קנאַפּער פּאַרדינער. זי איז אויך געווען אַ ווערטלעך־זאָגערין, אַ גראַם־פלעכטערין און אַ זינ־גערין. זי האָט געהאַנדלט אויפן מאַרק מיט גרינס, הינער און אייער, און „אויסגעאַרבעט" קאַרטאָפל מיט ברויט פאַר אירע קינדער.

ער שטעלט מיר פאַר זיין טאַטן, הערש־איצע, אַזוי:

— ער איז געווען אַ שעמעוודיקער, ניט געקאָנט בעטן קיין טובות ביי מענטשן, ניט געקאָנט פאַרטראָגן קיין עוולות, קיין חניפה, גענאַרן אין האַנדל. איך האָב פון אים אַ סך געירשנט.

קומען מיר צו זיין חדר און מלמד, אַווראַמל „סעריאַזשניק", וואָס האָט ניט געקאָנט ציען גענוג חיונה פון מלמדות און ער איז אויך געווען אַ „סעריאַזשניק" — געמאַכט רינגעלעך און פינגערלעך פאַר אָרעמע פויערטעס.

— מיר, די צוועלף יינגלעך פון חדר — פלעגן זיצן איבער שיסעלעך מיט רינגעלעך און שטיינדלעך, און אַריינפּאַסן די בליש־טשענדיקע שטיינדלעך אין די רינגעלעך, געמאַכט צירונג פאַר די אָרעמע. פלאַי פּלאַים!

אַז ער איז געוואָרן אַ בחור פון 11 יאָר, האָט דער טאַטע אים אוועקגעגעבן צו אַ קאַמאַשן־שטעפּער. אַזוי האָט דער טאַטע געטאָן שפּעטער מיט זיין צווייטן זון, גרשון. אים האָט ער אָפּגעגעבן צו אַ שניידער. צוויי שוסטערס אין איין משפּחה איז צופיל.

— נעזשין — זאָגט ער — איז די שטאָט פון גאָגאָלן, פון ברייטע פעלדער אַרום און אַרום, פון אוקראַיניש און רוסיש. 35 טויזנט אוקראַיינישע גויים און 4 טויזנט יידן. די יידישע יינגלעך האָבן זיך געשפּילט מיט די אוקראַיינישע שקצים. „מיר האָבן געהאַט פריי־הייט, וואָליאַ". זונטיק זיינען די גויים געגאַנגען אויף „קולאַטשקי", אויף קולאַקעס־געשלעג. זיי פלעגן זיך צעבלוטיקן, צעממיתן. די ערשטע זיינען געגאַנגען אויף „קולאַטשקי" די יינגלעך, נאָכדעם די בחורים און נאָך זיי די גרויסע, די גויים מיט בערד, אין די קאָזשוכן. זיך צעשלאָגן, צעביילט, צעקיילט, גייט מען נאָכדעם אין שענק, שיכורן צוזאַמען.

— שבת־צו־נאַכטס און זונטיק אויף דער נאַכט — דערציילט מיר מאַני לייב — האָבן גויים געזונגען אוקראַיינישע לידער ווייט און ברייט איבער די גאַסן פון נעזשין. מע האָט געפּראַוועט אוק־ראַיינישע הוליאַנקעס ביז אינמיטן דער נאַכט, די „גרישטשעס". געזונגען האָבן ניט נאָר די גויים פון נעזשין, נאָר אויך די יידן.

ביי זיי אין שטוב האָט מען אויך געזונגען. די ייִנגלעך זיינען געווען משוררים ביים חזן. זיין מאַמע, אַ מיידל אַ יתומה, איז געקומען פון ווילנע קיין נעזשין מיט איר מאַמען, דער אלמנה. זיין מאַמעס מאַמע, די גוטע באָבע, איז געווען אַ צדיקת — אַ גאַנץ לעבן געפּאַסט מאָנטיקס און דאָנערשטיקס, ווייל זי האָט „פאַרשלאָפן איר יורש". ביי איר ברוסט איז אין שלאָף דערשטיקט געוואָרן איר קדישל. „פון וואַנען איז געקומען צו מיין מאַמען איר בדחנות, חזניש, אירע גראַמען, לידער און ניגונים? — זי האָט ליב געהאַט צו זיצן מיט איר כאַליאַסטרע קינדער אַרום טיש און זינגען. שכנים האָבן זיך געקליבן אַרום די פענצטער".

ציט ער אַזוי אַרויס דאָ, ביי אונדזער טיש, די בילדער פון זיינע קינדער־ און ייִנגל־יאָרן, ווי פולע עמערס פון אַ טיפן ברונעם. טוט ער אַ זאָג, און עס בלייבט שטיין פאַר מיינע אויגן:

— מיין טאַטע איז געווען אַ הויכער, אַ געוויקסיקער, דער עלטסטער אָרעמאַן אין נעזשין.

דאָ, אין ניו־יאָרק, מיט יאָרן שפּעטער, איז אים געקומען פאַרן דמיון זיין טאַטנס געשטאַלט:

נאָר אין שנייאיקע פאַרטאָגן
האָב איך מיט אַ קינדעריש אויער
אָפּט געהערט זיין תהלים זאָגן,
זיין געוויין און שטומען טרויער.

שבת, אומעט נאָך הבדלה
ביי דעם סאַמאָוואַר דעם קאַלטן
אין זיין האַנט זיין באָרד אַ שמאָלע
אין דער באָרד זיין זאָרג באַהאַלטן.

קומט ער פון זיין טאַטן, פון דער „אָרעמאַנסקער משפּחה", צום באַלמעלאָכע, ביי וועמען ער האָט געלערנט אומנות.

זיין באַלעבאָס, דער שוסטער, ביי וועמען ער האָט זיך געלערנט מלאכה, איז געווען אַ ליטוואַקל פון באָברויסק, אַ פרייל־עכער לונג־און־לעבער, און ער איז אויך געווען אַ גראַמען־פלעכטער, אַ שטענדיקער לייענער פון ביכלעך, וואָס ער האָט גענומען ביי די פּאַקן־טרעגער. „איך האָב זיך אויסגעלערנט פון אים דריי זאַכן — זאָגט מיר מאַני לייב — שטעפּן שיך, ריידן צום גראַם און לייענען ביכלעך".

— איר האָט געהאַט צוויי גראַמען־מייסטערס — זאָג איך צו אים — אייער מאַמע חיה־שרה און דעם באָברויסקער פּריילעכן שוסטער.

ביי די שיך איז ער געזעסן ביז 12 אין דער נאַכט. ער האָט געדאַרפט אויך טראָגן וואַסער פון ברונעם, אויסקערן דאָס הויז און אַכטונג געבן אויפן קינד אין וויג, וואָס האָט ניט געוואָלט שלאָפן. דעמאָל איז געווען פאַר אים די בעסטע צייט צו לייענען מעשה־ביכלעך.

— איך האָב געשטשיפּעט דאָס קינד, עס זאָל ניט איינשלאָפן, איך זאָל קאָנען ווייטער זיצן ביים וויגל און לייענען.

ער איז געוואָרן אַ פּאַרדינער ביי די שיך. נאָך צוויי יאָר אַ לערן־יינגל האָט ער אָנגעהויבן פאַרדינען אָנדערטהאַלבן רובל אַ וואָך. ער דערמאָנט זיך די סצענע ביי זיי אין דער היים, ווען ער האָט געבראַכט צום ערשטן מאָל די פאַרדינטע אָנדערטהאַלבן רובל. ביי זיי אין שטוב איז געווען נאָר איין גאָפּל, וואָס מיט אים האָט געגעסן דער טאַטע. די קינדער האָבן געגעסן מיט אים פון איין שיסל, אָבער מיט די הענט. דאָס מאָל האָט דער טאַטע געזעצט מאַני לייבן, דעם גרויסן פּאַרדינער, נאָענט צו זיך און אים אָוועקגעגעבן זיין גאָפּל, ער זאָל מיט אים עסן.

— טאַטע, איך... מיטן גאָפּל?

— עס, עס, מיין קינד, מיטן גאָפּל.

מאַני לייב, „דער גרויסער פּאַרדינער", האָט זיך געשעמט פאַר דעם גרויסן כבוד, וואָס זיין טאַטע האָט אים צוגעגרייט.

צו זעכצן יאָר איז ער שוין געווען אַ באַלעבאָס אין דער שטעפּעריי, ווייל דער באַלעבאָס איז אַנטלאָפן פון שטאָט — אַוועק קיין אַמעריקע. „איך בין שוין געווען אַ באַרימטער בעל־מלאכה" — גרויסט זיך מאַני לייב — און די שוסטערס און זיין טאַטע האָבן אים געהייסן איבערנעמען דעם וואַרשטאַט.

אין יענער צייט איז אַראָפּגעקומען אַ שטעפּער פון האָמעל, אַ רעוואָלוציאָנער, אַבראַם גאַבאַו. ער האָט געבראַכט מיט זיך אַ פּראָקלאַמאַציע, די קמיע פון דער רעוואָלוציע.

ער האָט געלייענט די פּראָקלאַמאַציע און „עס האָט זיך געעפנט אַ נייע וועלט". פּלאַי פּלאַים — אַלע וועלן זיין גלייך, אַלע וועלן ווערן פריי, גויים און יידן. צוליב דעם דאַרף מען מאַכן אַ רעוואָלוציע. מע דאַרף אַראָפּוואַרפן דעם קייסער, מע דאַרף זיין גרייט אַוועקצוגעבן דאָס לעבן.

— מיר אָרגאַניזירן אין נעזשין דעם ערשטן שטרייק פון שוסטערס און שניידערס. — אָט אַזוי הייבט אָן מאַני לייב די רעוואָלוציע, זיין גאַנג צו אַ נייער צייט.

— נאָך זייענדיק דרייצן יאָר אַלט, האָב איך געשריבן אַ ליד „אַ חתונה אין הקדש״.

ער האָט אָפּגעלאַכט אין זיין ליד פון די גבאים, די שטאָט־באַלעבאַטים, וואָס האָבן געפירט צו דער חופּה מענע די משוגענע, אַ כלה אַ מעוברתע, מיט אַ חתן אַ דורכגייענדיקן בעטלער. געעסקט האָט זיך ביי דער חתונה דניאַל דער שוחט מיטן קוטשעראַוון קאָפּ, מיט אַ בעלעם אויפן אויג און אַ רינג אין אויער. פאַר דער סאַטירע האָט מאַני לייב באַקומען דעם ערשטן האָנאָראַר — די סאַטירע האָט מען צעפּליקט און אים געגעבן קלעפּ.

ער האָט אָבער ווייטער געשריבן לידער. צו זעכצן יאָר האָט ער שוין געשריבן לידער וועגן שטרייק. אין נעזשין האָט מען גע־רופן אַבראַם גאַבאַוון — „דער פילאָסאָף״, און מאַני לייבן — „דער פּאָעט״. דער פילאָסאָף און דער פּאָעט האָבן אויך אָנגעפירט מיט דער „רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג״.

— אין עלטער פון זיבעצן יאָר בין איך אַריינגעפאַלן אין טורמע.

ער איז געזעסן אין טורמע זעקס חדשים. זי איז פאַר אים געווען אַ שול פון רעוואָלוציע, פון וויסן. ער האָט דאָרטן געלייענט ביכלעך און געהערט תורות און געשיכטעס.

אַרויס פון טורמע און — די רעוואָלוציע גייט אָן ווייטער. דערמאָנט ער זיך איצט אין ראַיעווסקין, וואָס האָט אים דעמאָלט אַגיטירט אַ גאַנצע נאַכט פאַר אַנאַרכיזם.

לויפן די בילדער פון יענער צייט, שטימונגען, וואָס זיינען געבליבן שטעקן אין געמיט, פאַרזאַמלונגען אין געהיימע קוואַרטירן, רעוואָלווערן, געפּאַרן און זשאַנדאַרן, מענטשן, וואָס גייען אויף דער תליה, — און לידער!

ער קאָן מער ניט פאַרבלייבן אין רוסלאַנד. עס איז אַ געפאַר. אין יאָר 1904 איז ער אַוועק דורך פּוילן, גאַליציע, זיך געוואַלגערט אין שטעט, ביי גרענעצן און, אויפן וועג צו קרובים אין אַמעריקע, איז ער געבליבן שטעקן אין לאָנדאָן.

שוסטעריי אין די הענט, רעוואָלוציע אין קאָפּ, לידער אין האַרצן, די אָרעמע, ערלעכע, האָרעפּאַשנע משפּחה, דעם טאַטנס טיש מיט די דאָרפגייער, שלעפּער, מעשה־דערציילער אין געמיט, אַ יונגער, אַ הויכער, אַ שלאַנקער, „אַ שוסטער אַ פּאָעט״, האָט זיך באַזעצט אין לאָנדאָן.

— איך האָב דאָרטן אָנגעשריבן מיין ליד „הוליעט מחותנים״.

דאָס איז אַ ליד, וואָס מע האָט שפּעטער געזונגען, און ביז היינט, אין תפוצות ישראל. ער האָט דעמאָלט אַריינגעגעבן זיין ליד אין דער רעדאַקציע פון דער סאָציאַליסטישער „נייע צייט“, וואָס איר אָפיציעלער רעדאַקטאָר איז געווען קאַפּיטאַן בעק, אַ גויישער סאָציאַליסט פון עסטאָניע, און זיין געהילף — טאַטאַרסקי. שפּעטער האָט מאַני לייב געפונען אין בריוו־קאַסטן פון דער רעדאַקציע אַן ענטפער וועגן זיין ליד: „אייער ליד קאָן מען ניט דרוקן, ווייל אייער שפּראַך איז צו פּראָסט“.

בין איך אַוועק לערנען אַ שענערע שפּראַך אין די לידער פון דוד עדעלשטאַט. איך האָב אָנגעהויבן שרייבן שיין, „פענסי“. איך האָב באַנוצט אַפילו דאָס שיינע וואָרט „ווערענד“.

ער דערמאָנט זיך אין אָסיפּ וואָלינסקי פון יענער צייט אין לאָנדאָן. היינט איז אָסיפּ וואָלינסקי דער פּרעזידענט פון דער פּאַקעטבוק־מאַכערס יוניאָן. דעמאָלט איז ער געווען אַ פּאָפּולערער רעדנער, געשריבן לידער.

מאַני לייב האָט געוויזן וואָלינסקין זיין איבערזעצונג פון רוסיש אויף יידיש — דאָס רעוואָלוציאָנערע ליד „וויכרי וראַזשדעבניע וויוטסיאַ נאַד נאַמי“. אָסיפּ וואָלינסקין איז דאָס ליד געפעלן געוואָרן.

— מאַני לייב, מע דאַרף עס וויזן ברענערן.

— ווער איז ברענער? — האָט מאַני לייב געפרעגט.

— דער, וואָס האָט די דערציילונג „נאָ דוואָריע“ אין זשורנאַל „בודושטשנאָסט.“

י. ח. ברענער האָט געזען דאָס ליד און אים געזאָגט: „איר האָט טאַלאַנט. איך וועל עס דרוקן אין דער „נייע צייט“. ער איז געווען אַ זעצער און קאָרעקטאָר אין דער „נייע צייט“.

י. ח. ברענער, דער שפּעטערדיקער רבי פון יידישע אַרבעטער אין ארץ ישראל, האָט אים געגעבן די ערשטע פּאָעטישע סמיכה.

נאָך אַ יאָר לאָנדאָן איז מאַני לייב אַוועק אין ניו־יאָרק. ער איז אָנגעקומען צו אַ שטעפּער אויף דע־קאַלב עוועניו, אין ברוקלין. פאַרדינט 4 דאָלער אַ וואָך. דאָס איז געווען אין יאָר 1905, — מיט 47 יאָר צוריק! דער שאַפּ איז געווען אַן אָרעמער. די שטעפּ־מאַשין האָט ער געדאַרפט דרייען מיט דער פוס. געוואוינט האָט ער ביי זיין פעטער אַ פּאַפּיראָסן־מאַכער, אויף מוירטל עוועניו. פון זיין ערשטן „באָרדער“־צימערל געדענקט ער: צוויי עלעוויטאָרס האָבן זיך דאָרטן פאַרקירעוועט און כסדר געקוויטשעט איבערן דאַך.

— איך האָב זיך געפילט איינזאַם און געבענקט אַהיים.

ארום און ארום פרעמדע און עלנטע מענטשן, ווי ער אליין. „געוועז אזא אומעט, כאטש פלאץ". ביי די שיך האט ער געארבעט 11-10 שעה א טאג, שבת ביז 4 אזייגער. אין דער שטיל האט ער געשריבן לידער. פארוואס לידער? צוליב וואס? — גיי פרעג קשיות. ער ווייס אליין ניט. פארוואס האט די מאמע חיה־שרה געמאכט גראמען און געזונגען?

— איך בין געווארן א מיטגליד אין דער פרילוקער־נעזשינער לאנדסמאנשאפט, צו העלפן דער רעוואלוציע אין דער היים.

זיין חבר חיים־משה אבראמסאן, וואס אים האט ער שטענדיק געוויזן זיינע לידער, האט אים שטארק דערמוטיקט. און אין יאר 1906 האט דער „פארווערטס" צום ערשטן מאל געדרוקט זיין ליד וועגן א מאמען, ארעמקייט און א חלום. ער וויל מיר ניט ווייזן דאס ליד — „ניטא וואס צו זען".

— עס האט מיך געמאטערט מיין שפראך־ארעמקייט. איך האב מער געהאט געפיל פאר פאעזיע ווי געקאנט שרייבן... — דערציילט מיר מאני לייב.

ער האט א סך געלייענט, געלערנט, געוועז שטארק באווירקט פון אברהם רייזענען.

ער האט זיך באפריינדט מיט עטלעכע אנארכיסטן, וואס האבן זיך געקליבן ווארפן באמבעס אויף ניו־יארקער פאליציי פאר צע־טרייבן אן ערשטער־מאי־דעמאנסטראציע. זעליגל זילבערשטיין איז ארומגעגאנגען מיט באמבעלעך אין די קעשענעס. איינע אזא האט זיך אויפגעריסן ביי אים אין קעשענע, ווען ער האט אומפארזיכטיק ארייגעשטעלט אהין אן אנגעצונדענעם סיגארעט. די באמבע האט אים אליין צעריסן.

— איך האב אין יענער צייט געדרוקט עטלעכע לידער אין דער „פרייער ארבעטער שטימע", נאכגעמאכט אלע סטילן, געוועזן אונטער דער ווירקונג פון סענטימענטאליזם, פון אויבערפלעכלעכער רעוואלוציאנערישקייט — קריטיקירט ער זיך אליין.

לויפט די צייט. ער ארבעט אויף זיך, פארעפנטלעכט לידער. זיי הייבן אן צו מאכן אן איינדרוק. מע נעמט אים אריין אין דעם מנין פאעטן. ער האט זיך אנגעשלאסן אן דעם ליטעראַרישן פאראיין „די יידישע יוגנט" אין וויליאמסבורג, ברוקלין. מע האט אפגעהאלטן פארזאמלונגען ביי מ. שמואלזאנען און מ. ציפינען.

ער דערמאנט עטלעכע נעמען פון יענער גרופע אין וויליאמס־בורג, ה. רויזענבלאט, י. אדלער, יואל סלאנים, בלינקין, זעלדין.

מיט זיי זיינען געווען אויך די עלטערע — בן־יקיר (דר. ראָזענבלאַט), יואל ענטין.

א גאַנצן טאָג אין שוסטער־שאַפּ, אין די אָוונטן פאַרנומען מיט לייענען, מיט מחשבות און לידער, וואָס „ווערן געבוירן". מע טרעפט זיך מיט „ברידער־פּאָעטן", מע רעדט וועגן ליטעראַטור, וועגן פּאָ־עזיע. און עס מאַטערט אים, ווי ער זאָגט, די אָרעמקייט פון זיין לשון. ער לערנט די רוסישע פּאָעטן — פּושקין, לערמענטאָוו... וואָס פאַר א לשון, וואָס פאַר א נוסח ביי זיי! עס מאַטערט די אייגענע שטאַמלעניש.

— איך גלויב ניט אין ניסים, איך בין ניט קיין מיסטיקער — זאָגט ער מיר. אָבער אָט וועל איך אייך דערציילן א מעשה פון יענער צייט, וואָס קלינגט ווי א נס.

גייט ער איינמאָל אין א זונטיק איבער א שיינער גאַס אין ברוקלין. בוימער, בלומען. עס איז געווען יעסיען־צייט, ראש־השנה. ער גייט פאַרביי א שול, און שטעלט זיך אָפּ. א חזן דאַוונט. ער קאָן זיך ניט אָפּרייסן פון חזנס תפילה.

— עפּעס דערפיל איך ווי עס עפנט זיך אין מיר א קוואַל פון בילדער און פון לשון.

עס שטייט פאַר אים איצט, מיט אַזויפיל יאָרן שפּעטער, יענער ראש־השנהדיקער טאָג אויף דער ברוקלינער גאַס מיט ביימער און בלומען. ער אַליין — א דורכגענומענער מיטן חזנס תפילה. ער זאָגט צו מיר:

— איך האָב אָנגעהויבן שרייבן גאָר אַנדערש, גאָר נייע לידער. עס האָט זיך געעפנט פאַר מיר א קוואַל פון שפּראַך־ניואַנסן.

ער איז ניט, זאָגט ער, קיין מיסטיקער, גלויבט ניט אין ניסים, אָבער אָט דער נס, איז ער זיכער, איז מיט אים דאָך געשען אין א ברוקלינער גאַס, הינטער א שול, בעת א חזן האָט געדאַוונט.

לויפן חדשים. עס איז שוין אויס מיטן פאַראיין „די יידישע יוגנט". מע פאַרזאַמלט זיך שוין אויף איסט בראָדוויי. „דאָרטן זיינען געקומען די אַלע, וואָס האָבן עפּעס געוואָלט". עס איז א גרויסע מחנה, אפשר זיבעציק אָנפאַנגער־שרייבער, פּאָעטן, זוכער. אַלע יונג, אַלע גרין, אַלע דרייסט. אַלע האָבן געבראַכט חלומות, באַגערן, פון דער נייער צייט אין דער ווייטער היים. א גאַנצע פּלעיאַדע. אויף איסט־בראָדוויי האָט מען געפּלאַנט, פאַנטאַזירט, דיסקוטירט. מע האָט זיך פאַרמאָסטן צו „שאַפן א ליטעראַטור."

דערמאָנט ער זיך אָז די חברים פון יענער צייט: דוד איגנאַטאָוו, י. י. שוואַרץ, י. סלאָנים, מ. י. כאַימאָוויטש, י. פּאַקס, יואל ענטין.

עס האָט זיי צוגעהאָלפן ב. וולאַדעק מיט זיינע „טרוימען און וויקלעכקייט."

ציימונגען האָבן פאַרנומען די גדולים. ניטאָ דאָרטן קיין פּלאַץ פאַר די יונגע. לאָמיר שטורעמען די פעסטונגען!

די עלטערע, די איינגעזעסענע, האָבן זיי אויסגעלאַכט. דאָס האָט אָבער ניט אָפּגעשלאָגן דעם מוט. עס איז געווען די צייט ווען נייע כוחות זיינען אויפגעגאַנגען. די יונגע פּלעיאַדע האָט שטאַרק געקלאַפּט אין טיר. עס איז געווען גאָרניט קיין לייכטער גאַנג. ער דערמאָנט זיך, דעמאָלט האָט מען אים צוריקגעגעבן אַ סעריע 13 לידער, וואָס ער האָט געוואָלט דרוקן אין זאַמלבוך „ליטעראַטור".

— זיי זיינען צו ביזאַר...

— וואָס איז ביזאַר? — האָט ער געפרעגט, ניט וויסנדיק דאָס וואָרט.

— אויסטערליש — האָט מען אים דערקלערט. — למשל:

„טויבן־שטילע, בלויע אָוונט־שטונדן,
שפּרייט מיין אָוונטיקן טרויס צעשפּרייטער.
איצט בליען בלוטיקער און רויטער
מיינע רויטע רויזן, מיינע וואונדן..."

צו אויסטערליש, צו מאָדנע. וויל מען זיי ניט דרוקן. מע גרופּירט זיך אין אַנדערע שרייבערשע גרופּירונגען. די זעלבע סעריע לידער זיינע דרוקט מען שפּעטער אין צווייטן זאַמלבוך, „ליטעראַטור", וואָס עס רעדאַגירט דוד איגנאַטאָוו און י. י. שוואַרץ. שנעל ווערן אַזעלכע לידער מער ניט אויסטערליש. מע באַגנבעט שוין זיינע „טויבן־שטילע אָוונט־שטונדן" און זיינע „וואונדן". שרייבערשע גרופּעס וואַקסן אויס און צעפאַלן זיך. אין קלענערע גרופּן קאָן מען זיך בעסער צוזאַמענריידן. עס איז שוין 1913. די גרופּע דוד איגנאַטאָוו, זישע לאַנדוי, ראובן אייזלאַנד, י. אָפּאַטאָשו, א. מ. דילאָן, זאַמלט זיך אַרום די „שריפטן". עס וואַקסן די כוחות און די פאַרמעסטן. מאָריס ראָזענפעלד, יהואש, אברהם ליעסין? — די יונגע האָבן זיי געשטורעמט, אָפּגעלייקנט. מיר האָבן פאַרגליכן זייערע לידער מיט די לידער פון די גרויסע רוסישע מייסטערס. אין אונדזערע אויגן האָבן ראָזענפעלדס, יהואשעס און ליעסינס לידער אויסגעזען אומבאַהאָלפן.

וואָס האָבן מיר געוואָלט? וואָס זיינען געווען אונדזערע צילן? — מיר האָבן מער געפילט ווי געוואוסט. מיר האָבן געשפּירט אין אונדזערע פליגלען נייע ווינטן (איך דערמאָן זיך זיין עפּיטאַף — „פאַרקויפן ווינט...").

זיין ליד ווערט אָנגעלאָדענער מיט אינהאַלט, מיט בילד. זיין סטיל ווערט אויסגעשליפענער. „עס איז געווען אַן אויפלעבונג. עס האָט זיך געטראָגן אַ כוואַליע פון פאָלק. אויף ליטעראַטור־פאַרזאַמלונגען זיינען געקומען טויזנטער, מען האָט פאַרגעלייענט לידער. אויגן צינדן זיך אָן. אַ גרויסע מאַסע, אַ באַגייסטערטע, איז פול אין זאַל.״

— מיר האָבן ליידנשאַפטלעך געזוכט אַ וועג צו זיך, געוואָלט זיך דערגרונטעווען צום סאַמע עיקרדיקן, צו די צילן פון שאַפונג. ווער זיינען מיר? וואָס ווילן מיר? וואוהין גייען מיר?

עס איז געווען די צייט, ווען דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע איז געוואָרן אַלץ מער און מער אָנגעלאָדן מיט קראַפט. די גרויסע צערודערטע, צעטומלטע אימיגראַנטן־מאַסע פאַרמירט זיך אין אַ פאָלק, און רייסט זיך צו דער וועלט. און די גאַנצע וועלט גייט צו באַנייאונג, גייט צו גרויסער שיינקייט.

— פאַר מיר איז געוואָרן איין אידייע, איין ווילן — צו פאַרבינדן דאָס הארץ פון פאָלק מיט דער שיינקייט פון דער וועלט.

— חזרט עס איבער נאָך אַ מאָל ... — בעט איך אים.

עס האָט געטאָן אַ בליץ פאַר מיר מאַני לייבס אויסדרוק — „פאַרבינדן דאָס הארץ פון פאָלק מיט דער שיינקייט פון דער וועלט.״

די וואָרצלען אין דער שוואַרצער ערד פון פשוטן פאָלק און די צווייגן ציען זיך צו דער בלויקייט פון די הימלען, צו די שטערן. מע זעט ווי שיין עס איז דער בוים, דאָס גרינע גראָז, דאָס טייכל, וואָס לויפט פאַרביי, דאָס קינד, דער פויגל, די פרוי.

ווי שיין עס קאָן זיין דער מענטש! ...

ער איז קעגן אַ פּאָעזיע, וואָס האָט צוועק צו באַדינען, באַלערנען אָדער „שמירן די רעדער פון דער רעוואָלוציע מיט לידער״. ער לייקנט אָבער, אַז אים און זיינע חברים האָבן ניט אינטערעסירט געזעלשאַפטלעכע און סאָציאַלע פּראָבלעמען. „פּאָעזיע — זאָגט ער — ווערט געבאָרן אויף דער פּראָזע פון לעבן, איז צוגעבונדן צו זאַכן.״ ער ברענגט מיר ווי אַ משל, עטלעכע שורות פון זיינעם אַ ליד, וואו ער פאַרלאַנגט, אַז די שונאים זאָלן דערהערן „אין דעם אויפגיין פון די שטערן אונדזער אַלעמענס געמיט״. הער איך דען ניט אין דעם ליד דאָס געוויין פון די באַעוולטע, באַליידיקטע? הער איך דען ניט די קללה צום שונא, ער זאָל אפילו אין אויפגאַנג פון די שטערן דערהערן אונדזער אַלעמענס געמיט? ... ער דערמאָנט מיר אויך זיין ליד וועגן די מאַרטירער, וואָס ווערן געפירט צו די תליות: „דיין שטאָלצן טויט געזען האָט נאָר דער תליון און די נאַכט ...״

— וועמען איך האָב מיט דעם געמיינט? זאָל זיין מיין חבר אַלטער, וואָס איז אַוועק אויף דער תליה. זאָל זיין אַלע אַנדערע מאַרטירער אויף די תליות.

קומען מיר צו יידישע פּראָבלעמען, צו יידן און יידישקייט.

— איך האָב געזען — זאָגט ער — אין אונדזער יידישן לעבן דעם אויפשטייג פון עמאַנסיפּאַציע...

יידן גייען אַרויס פון די געטאָס. זיי ציען זיך צום וועלט־לעכן לעבן, צו אַרבעט, צום האַנדל. ציוניזם און בונדיזם האָבן אָפּגעשטעלט די ביליקע אַסימילאַציע. ניט נאָר דער יידישער אינ־טעליגענט ציט זיך צו דער גרויסער וועלט, נאָר אויך די יידישע מאַסע — זי גייט צו דער אַלגעמיינער וועלט דורך אַרבעט, דורך פּראָדוקציע.

— די קינדער פון די אָרעמע הייזער ציען זיך פון אַלע ווינקעלעך צו אַרבעט, צו אַ ניי לעבן. אויס מיט דער קנעכטישער אַסימילאַציע, אויס מיטן אונטערגאַנג צווישן גויים. עס שלאָגן נייע כוואַליעס אין דער יידישער געשיכטע — פאָלקס־כוואַליעס. זיי טראָגן מיט זיך די יידישע ליטעראַטור, די יידישע שפּראַך.

— יידישער המשך — זאָגט ער מיר — איז ניט דווקא צו גיין צוריק, ווייט־ווייט צו די אַלטע. איך, אַ יידיש שוסטער־יינגל, בין געגאַנגען אין טורמע צוזאַמען מיט מיינע צוויי ברידער, זיך דאָרטן געחברט מיט אַ שייגעץ אַ רעוואָלוציאָנער. שפּעטער זיינען געגאַנגען מיינע לידער זיך חברן מיט די לידער פון גוישע פּאָעטן.

— גיין צום מקור, צו קוואַליקער יידישקייט האָט פאַר מיר געמיינט גיין צום יידישן פאָלקלאָר, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין די תקופות פון יידישן לעבן צווישן די סלאַווישע פעלקער.

ער האָט דערזען — ווי ער זאָגט — דאָס ליכט פון דער חכמה, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין די טיפענישן פון פאָלק, גאַנצע פלאַכן לעבנס־חכמה. „דאָרטן ליגט דאָס האַרץ פון פאָלק."

— איך בין געגאַנגען צו די תחינות פון די מאַמעס, צו דער לויטערקייט פון פאָלקסליד, צו דער קוואַליטעט פון אידיאָם:

„נעך, און פאַרנעם,
און האָב ליב, און באַשטראָף.
מיר זיינען דיינע געהייליקטע שאָף."

— איך האָב געלערנט ביי פּושקינען און בלאָקן לויטערקייט פון זאַץ, געבוי פון פערז. איך בין געוואָרן היימיש מיט דער ענגליש־אַמעריקאַנער פּאָעזיע, אויסגעבונדן מיט דער יידישער מעשה.

זיין אייגן ליד איז געוואָרן צונויפגעפּרעסטער, לירישער, לויטערער.

שווימען אַרום אין אונדזער שמועס צוויי יידישע געשטאַלטן: משיח און אליהו הנביא.

— משיח איז פאַר כלל ישראל. אליהו הנביא איז פאַר פּרט ישראל.

אליהו הנביא איז דער נאָענטסטער צום געמיט פון יידישן פאָלקסמענטש — זאָגט ער. ער איז דער אינטימסטער צום יידן אין גלות. אפילו אַ יידענע, ווען זי קערט אויס איר שטוב, און עס קומט אַריין אליהו הנביא, זאָגט זי צו אים: „אלי, אלי, שטיי ניט ביי דער טיר, איך קאָן דיך נאָך פאַרשמוצן." אליהו הנביא איז גע־גאַנגען פאַרשטעלט ווי אַ פּויער איבער די יידישע הייזער. אויף זיינע ליפּן אַ ליבער שמייכל. זיינע אויגן — פול מיט ליבשאַפט און טרויער. ער האָט אין די יידישע הייזער געוואָרעמט זיינע פאַרפרוירענע פיס.

קומען אונדז ווידער אַנטקעגן די אָרעמעלייט פון זיין טאַטנס הויז. זיי האָבן אַזוי גערעדט וועגן אליהו הנביא, עס האָט זיך געדוכט, אָט־אָט־עפּנט זיך די טיר און ער, אלי, קומט אַריין, זעצט זיך צוזאַמען מיט זיי ביים טיש מיטן סאַמאָוואַר, נעמט אויך אַ גלעזל טיי און דערציילט אַ מעשה.

— די גרעסטע זעאונג אין מיין לעבן — זאָגט ער מיר — איז ווי פאַר די אָרעמע עפנט זיך אַ שיינע וועלט:

„אין הייזער אָרעמע איז דאָ אַזויפיל שיינקייט.
די טירן שטייען אָפן פאַרן אָרעמען שכן..."

רעדט ער צו מיר וועגן דער חכמה פון די שטילע, די האַלב־שטומע. די שטילסטע פון אונדזערע שטילע זיינען אַוועק אין די קאַלך־אויוונס. איך דערמאָן אים אין די סאַמע שטילסטע, די קינדער, וואָס האָבן געלערנט און געזונגען זיינע לידער, זיי אויסגעשפּילט אין דער שול, איידער זיי זיינען פאַרברענט געוואָרן.

— מיינע קינדער־לידער האָב איך געשריבן ווי אַ שפּיל פאַר מיינע אייגענע קינדער. זיי זיינען מיר אָנגעקומען אַזוי לייכט, ווי ווען איך וואָלט זיי ניט געשריבן, נאָר געפּייפט.

ניטאָ מער יענע שטילע יידן, שטומע נשמות, ניטאָ אויך זיינע יידישע קינדער, אויך זייער לשון ווערט אונטערגעשניטן.

— אָט זיינען מיר געקומען אַ גרויסע משפּחה ברידער פון נעזשין אין אַמעריקע... — דערמאָנט ער זיך, ער וויל עפּעס

זאָגן וועגן זיינע ברידער — אָט לייענט איר מיין ליד וועגן זיי. ער ווייסט, אַז זיין ליד וועט עס בעסער זאָגן, ווי זיינע רייד:

מיר זיינען זיבן ברידער
מיט גרויע און מיט בלויע אויגן
דריי ברידער זיינען ווי טאָפּאָלן —
בויגיק, הויך און שלאַנק
מיט פאַררייסענע שיינע, שטאָלצע קעפּ,
דריי ברידער זיינען ווי צוקער־ביימער
מיט די זיסע וואָרצלען אויף דער ערד,
און איך — דער זאָגער פון דעם ליד —
איך בין אַ גרינע ווערבע אין ווינט...

מאַני לייב פאַרטראַכט זיך, פאַרקוקט זיך טיף אין זיך — ער רעדט וועגן זיינע ברידער, וועגן זיין משפחה, גיט ער אַ זאָג מיט אַ סך צער וועגן זיינע אייגענע קינדער:

— זיי האָבן ניט געהאַט מזל צו מיר, איך האָב ניט געהאַט מזל צו זיי...

זאָגט ער מיר אַ פּאָר אָפּגעריסענע ווערטער, וואָס ווינקען אָן אויף אַ גרויסע פּערזענלעכע דראַמע:

— מיין מוזיניקל האָב איך פאַרשטעלטערייד געזוכט אויף ברוקלינער גאַסן, אין וויליאַמסבורג, איך האָב אים געגלעט אין קאָפּ, און ער האָט אפילו ניט געוואוסט, אַז עס גלעט אים זיין טאַטע.

זיינע אייגענע קינדער און די קינדער פון זיינע ברידער גייען שוין אויף אַנדערע וועגן און אומוועגן, איז עס זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אונדזער שמועס קומט צום מצב פון יידישן לשון. ווערט מאַני לייב נאָר אַן אַנדערער, אוים שטילער, געמיטלעכער, ניט ער רעדט, נאָר ער שרייט, ער רייסט אַרוים פון זיך ווערטער מיט ווייטיק:

— אונדזערע מאַסן באַציען זיך צו יידיש מיט גרינגשעצונג. מע ברענגט־אום מיט אייגענע הענט אונדזער גרעסטע שאַפונג. עס איז דאָך אַ פאַטאַלע דערשיינונג — צו אונדזער פאָלק איז ניט דערגאַנגען די הייליקייט פון זיין שפּראַך...

אונדזער יידיש לשון איז אָן שוץ. ער איז ניט פאַרבונדן מיטן יידישן עקאָנאָמישן לעבן. געקומען יידן אין אַמעריקע אין עמיגראַנטן־מאַסן. מע האָט זיך געדראָפּט אַריינפּאַסן אין אַ נייער, גרויסער וועלט. מע האָט זיך אָפּגעריסן פון יידישן שפּראַך־מקור. די אייגענע קינדער זיינען אָפּגעפרעמדט געוואָרן.

— און איצטער... איצטער? — יאָמערט ממש מאני לייב ביי אונדזער טישל אין זיין שרייב־צימער — מען קאָן וויינען אויף דער פאַרשעמונג פון אונדזער לשון, אומעטום, פון ירושלים ביז ניו־יאָרק. עס קערט זיך דאָך אָפּ פון אונדזער לשון אפילו דער שטעפּער, דער אָפּערייטער. דאָס מאַכט מיך קראַנק. עס ווערט אַ חורבה אין האַרצן.

ער קוקט אַרויס צום פענצטער. דאָרטן קאָן מען זען איצט נאָר די נאַכט. וויט אַרויפצו איז אַ יידישער בית־עולם. אויף די וועגן לויפן אויטאָמאָבילן. ער זעט אָבער דאָרטן עפּעס אַנדערש:

— פון איין זייט — זאָגט ער — איז רוסלאַנד. דאָרטן איז טויט און שטום. פון דער צווייטער זייט — אַמעריקע, דער גאָלדענער שמעלץ־טאָפּ. פון דער דריטער זייט — ישראל...

— וואָס מיינט איר מיט ישראל? — פרעג איך אים.

— מדינת ישראל — זאָגט ער מיר — איז אַ גרויסער יידישער נס. עס איז דאָך אַ נס פאַרן גאַנצן פאָלק. אַז אַ וועלט האָט גע־קוילעט יידן, האָבן יידן גענומען פאַרנעמען, פאַרכאַפּן זייער לאַנד, אונדזער לאַנד!... זעט, זעט, אונדזער לאַנד וואַרפט די לעצטע לאַפּעטע ערד אויף אונדזער מאַמען!

שווייגט אַ לענגערע ווײַלע מאַני לייב, און זאָגט נאָכדעם צו מיר אין דער שטיל:

— איך קום פון אַ שלעפּער־משפחה, פון אַן אָרעמער שטוב. דורך יידיש בין איך דערהויבן געוואָרן. „אויף פּאַרמעטן ווייסע, דורך יידישע ווערטער, האָבן מיר געטראָגן דאָס האַרץ פון פאָלק.‟

ער דערציילט מיר, אַז זיין קלאָג וועגן יידיש האָט ער אויס־געוויינט אין אַ ליד, וואָס ער וויל ניט פאַרעפנטלעכן. איך נעם אַרויס פון דעם ליד בלויז עטלעכע שורות:

„זיי לאַכן — און איך וויין: פּאָעטן, מיינע ברידער,
די מלכה יידיש איז געשטאָרבן. גאָט, דער האַר,
האָט גוטוויליק אויף אונדזער קרוין געלייגט זיין גזר
און אונדזער מלכה איז געשטאָרבן אין האַרט־ידער
פון גאולה, פויקן־רויך און רויך פון האָרע־לידער.
אָ, ברידער, און דעקט מיט אַש די קעפּ אין צער...‟

מיר שווייגן. ער קומט צו זיך, באַרואיקט זיך. ער רעדט וועגן דעם גורל פון יידישן פּאָעט. געווען שטענדיק „ניט קיין געבעטענער, ניט קיין גערופענער, נאָר אַליין געקומענער‟. ער אַליין האָט דעם

גרעסטן טייל פון זיין שעפעריש לעבן פארבראכט ביים שטעפן שיך. — „בעסער זיין א שוסטער א פּאָעט איידער א פּאָעט א שוסטער..."

— מיר זיינען אָבער געווען געשיקטע פון גורל, פאַנאַנדער־צוואוויקלען פאר דער וועלט דאָס פּנים און דאָס הארץ פון אונדזער פאָלק, אונדזער יידישן גאנג דורך יסורים איבער דער וועלט, א שבט פון לוויים. וואָס פאר א חילוק עס איז צווישן א יידישן און א גוישן פּאָעט. דער גויישער פּאָעט —

„אַ יורש פון שעקספּיר, פון פּאַסטוכער און ריטער,
די ערד איז זיינע, וואו זיין פעטער חזיר טרעט.
זיין ערד גיט פּיטער־גראָז זיין בהמה און גיט אויך זיין
מווע פּיטער."

אָבער דער יידישער פּאָעט? — ער קומט פון „זיידעס מידע וואָגלער מיט פארשטויבטע בערד, אין שטויב פון ספרים און יאריד."

„און זינגען זינג איך אויף אַ פרעמדער וועלט
די טרערן פון וואָגלער אין אַ מדבר אונטער פרעמדע
שטערן..."

ער האָט ניט קיין טענות, קיין תרעומות אויף זיין גורל, ווייל „וואָס בין איך געווען? ווער בין איך געווען? איך בין געקומען פון א שטומער וועלט. געווען א שטאמלער. שוין געהאט געגנבעט פערד צוזאמען מיט מיין פעטער, ווען איך בין געווען א יינגל פון 11 יאָר. און בין אויסגעוואקסן צו זיין א פּאָעט ביי יידן."

ער דערמאָנט זיך אָן די יאָרן פון נויט אין זיין הויז אין ניו־יאָרק. נאקעטער מאנגל פאר די קינדער. שלום אַש האָט אים אריינגעפירט אין „פאָרווערטס". י. אָפּאַטאָשו האָט אים דעמאָלט באגלייט ביז דער טיר. שוין באלד פיר צענדליק יאָר! ער האָט געבראַכט צו דרוקן א ליד וועגן בלומען. ער האָט אין דעם ליד געשריבן וועגן לאנדיש־בלום.

לאנדיש? וואָס איז לאנדיש? — האָט מען צו אים געטענהט. — יידן ווייסן וועגן ציבעלע, פעטרישקע, אָבער ניט לאנדיש.

עס איז שוין חצות פון דער דריטער נאכט. זאָג איך צו אים:

— איר, מאני לייב, האָט אָנגעהויבן אייער גאנג פון נעזשין אין דער וועלט אריין מיט א פּראָקלאַמאַציע פון האָמעל וועגן סאָציאַליזם. וואָס־זשע זאָגט איר היינט וועגן יענער ערשטער בשורה ביי אייער שוסטערשן ווארשטאַט?

— סאָציאַליזם — זאָגט ער מיר — ברעכט דורך אַלע ווענט. ער וועט נעמען די וועלט. איך גלויב אין אים. ניטאָ קיין אַנדער אויסוועג. ער ווערט איצט געטראָגן דורך גרויסע מאַסן. מעגן האָבן די פאַשיסטן אונדז באַ׳גנב׳עט און די קאָמוניסטן באַראַבעוועט.

פרעג איך אים:

— אין וואָסער צייט אין אייער לעבן האָט איר געפילט אין זיך די העכסטע שעפערישקייט?

— איצט — ענטפערט ער מיר — ווען איך שרייב מײַנע סאָנעטן.

מאַני לייב זיצט קעגנאיבער מיר אַן איינגעבויגענער, אַ ביסל אויסגעשעפּט, מיד. אין די פיר ציכטיקע צימערלעך איז שטיל. עס שווייגן די ביכער אויף די פּאָליצעס, די בילדער אויף די ווענט. די לידער־ביכער אויפן טיש סודן אַן אַ קול:

— „מיר האָבן געוואָלט פאַרבינדן דאָס הארץ פון פאָלק מיט דער שיינקייט פון דער וועלט."

אחרי מותו — דאָס וואָס מאַני לייב האָט ניט זוכה געווען ביים לעבן, געשעט איצט — עס דערשיינען אַלע זיינע לידער אין צוויי ביכער. אין די לעצטע שעהן פון זיין לעבן האָט ער זיך פאַרנומען מיט זייער צונויפשטעלונג.

שמואל ניגער

אין פאַרלויף פון אַ האַלבער נאַכט

האָבן מיר אַרויפגעקלעטערט אויף אַ באַרג פון אַ האַלבן יאָרהונדערט יידיש לעבן און יידישע ליטעראַטור, און אַראָפּגענידערט צוריק צום היינט. דער וועג־פירער באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ איז געווען ש. ניגער. מיר האָבן אָנגעהויבן מיט 1903, ווען ער האָט געשריבן צום ערשטן מאָל אַ יידיש ווערק — אַ פּראָקלאַמאַציע פון די ציוניסטן־סאָציאַליסטן צום 1טן מאַי — און מיר זיינען געבליבן שטיין ביי זיין איצט־פאַרענדיקט, 600־בלעטערדיק ווערק, „י. ל. פּרץ".

ברוקלין, 176 סילי סטריט. אַ 6־שטאָקיק אַפּאַרטמענט־הויז ביים עק פון אַ שטילער אָפּגעלייגטער גאַס. אַן איטאַליעניש־יידישע געגנט. עס איז אַ שכונה פון קלענערע פאַמיליע־הייזער. סוף־זומערדיקע צע־וואַקסענע בלעטער־ביימער. אין שכנות איז אַ פּאַרק. דאָ, אויפן 4־טן שטאָק, וואוינט ש. ניגער, פאַרשריבן ס. טשאַרני.

אַ דירה פון פיר צימערן. די ווענט, פון דער פּאָדלאָגע ביזן סופיט — ביכער, ביכער, ביכער. די פּאָליצעס פון אונטן ביזן סאַמע אויבן האָט גע־מאַכט זיין אייגענער זון, וואָווע, איצט שוין אַלט 32 יאָר. — היימישע מלאכה, פּראָסטע ברעטער. אַלע זיינען זיי אָנגעשטעלט און פאַרלייגט מיט ביכער.

אין דער אַרומרינגלעניש פון טויזנטער ביכער, גאַנצע הורבעס, פּאַקעטן מיט מאַטעריאַלן, זשורנאַלן, צייטונגען פון גאָר דער וועלט, אויף פאַרשיידענע לשונות — יידיש, העברעאיש, ענגליש, דייטש — זיצט ביי אַ קליינעם טישל ניגער אַליין, קוים אים אַרויסצוזען פון צווישן די הויפנס ביכער, אַזוי ווי ער וואָלט געווען אַ טייל פון זיי — דער לעבעדיקסטער.

ווי אַזוי גיט איר זיך אַן עצה, אַז איר דאַרפט האָבן אַ באַשטימט בוך? ווי געפינט איר אים? — פרעג איך ש. ניגערן.

שמייכלט ער, שאָקלט מיטן קאָפּ, און זאָגט צו מיר:

— איך דערשמעק שוין, דערטאַפּ שוין מיטן ביכער־חוש.

איך זאָג אים, אַז צוויי סיבות האָבן מיך היינט געבראַכט צו אים: דאָס דערשיינען פון זיין ווערק וועגן ה. לייוויק און זיין חתימת־ספר וועגן י. ל. פּרץ, — אַ גוטע געלעגנהייט זיך דורכ־צורעדן וועגן די דורכגעמאַכטע שפּעטערע יאָרן. אגב, זאָג איך אים, איז אלול, ערב ימים נוראים, צוגעפּאַסט צו אַ שטיקל חשבון הנפש. ער זאָגט מיר ניט אָפּ. אַזוי האָבן מיר אָנגעהויבן. עס איז געווען אַרום 6 אַזייגער פון אַן אלול־אָוונט.

÷ ✧ ÷

וואַרשע, 1903. מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער אַקערשט געגרינדעטער פּאַרטיי פון די ציוניסטן־סאָציאַליסטן. האָבן ש. ניגערן אַריינ־געזעצט אין צימער פון דר. קרוקס איצטיקער פרוי, דר. ראַיאַ קרוק, און אים אָנגעזאָגט בשם דעם צ. ק., אַז ער זאָל שרייבן אַ פּראָקלאַמאַציע לכבוד דעם אָנקומענדיקן ערשטן מאַי.

ש. ניגער איז דעמאָלט געווען אַ יונגער, אינטעליגענטער, צוזאַגנ־דיקער בחורל, וואָס האָט שוין אין דער שטיל פּאַר זיך געשריבן. אַ יונגער מיטגליד פון דער נייער פּאַרטיי, איז ער געווען טיף דורכגענומען מיט דער וויכטיקייט: „דער צ. ק. האָט געהייסן". דער פאַרבאַהאַלטע־נער, דער געהיימער צ. ק. האָט באַפוילן. ער געדענקט, אַז ער האָט דעמאָלט געשריבן מיט אַ ציטער, בדחילו ורחימא.

די פּראָקלאַמאַציע איז געהיים געדרוקט געוואָרן. נעגאַנגען אין באַהעלטענישן פון האַנט צו האַנט. אַ יידיש־רעוואָלוציאָנערער שטאָפּעט. מע האָט, נאַטירלעך, ניט געוואוסט ווער עס איז דער מחבר. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ש. ניגער געוואָלט זען זיין ערשט געדרוקט ווערק. דער פאַרשטאָרבענער פראַנץ קורסקי, דער שומר פון אַרכיוו פון דעם „בונד", האָט אים געהאַט צוגעזאָגט, ווען ער וועט זיין אין פּאַריז, צו געפינען די פּראָקלאַמאַציע. פראַנץ איז דערווייל געשטאָרבן.

זיין צווייט ווערק איז געווען אויף רוסיש, אין דעם אומלעגאַלן זשורנאַל פון די „סיימיסטן", — „וואָזראָזשדעניע". דאָס איז אַ באַשריי־בונג וואָס ער האָט צוגעשיקט פון דווינסק, וואו ער איז געווען אַ פּאַרטיי פּראָפעסיאָנאַל, אַז אָפּהאַנדלונג וועגן די קיעווער, מינסקער און דווינסקער ריכטונגען אין דעמאָלטיקן אַרבעטער־ציוניזם. די קיעווער זיינען געווען פאַר אַ פּאָליטישן אַנטי־צאַרישן קאַמף, די מינסקער — קעגן, און די דווינסקער אויפן מיטן — יאָ קאַמף, אָבער אונטער באַשטימטע באַדינגונגען.

ש. ניגער דערציילט וועגן יענער וואונדערלעכער צייט. 1905, 1906, רעוואלוציע, גרויסע שטרייקן, די גאסודארסטווענע דומע. די פּאַר־טיי ס. ס. גיט דעמאָלט אַרויס אין ווילנע איר וואָכן־זשורנאַל „נייער וועג". דאָרטן האָט ער פּאַקטיש אָנגעהויבן די אַרבעט פון אַ יידישן זשורנאַליסט.

אין „נייעם וועג" האָבן געשריבן די תנאים פון ס. ס. — נחמן סירקין, משה ליטוואַקאָוו, די שני אחים — יעקב און יוסף לעשצינסקי. אַן עכטן יידיש האָט דעמאָלט געשריבן נאָר נ. סירקין. ש. ניגערס יידיש איז שוין אויך געווען גוט. ער האָט געשריבן אָפּהאַנדלונגען וועגן „קלאַס און נאַציע" און וועגן דעם, „וואָס עס איז אַזוינס דער יידישער אַרבעטער". אין 1907 דערשיינט אין דעם זעלביקן זשורנאַל זיין ע ר ש ט ע ר ל י ט ע ר אַ ר י ש ־ ק ר י ט י ש ע ר אַ ר ט י ק ל וועגן שלום אַשס דראַמע „משיחס צייטן". „עס איז ניט געווען — זאָגט ש. ניגער — סתם אַ מבינות וועגן אַ דראַמע. אין דער אָפּהאַנדלונג איז געווען אַן עיקר. דער אַרטיקל האָט געהייסן „משיחס צייטן — ד י ט ר אַ ג ע ד י ע פ ו ן ג ל ו ת".

אין דער דעמאָלטיקער סביבה האָט ליטעראַטור פאַרנומען זייער אַ חשבון פּלאַץ. לאַצקי־בערטאָלדי, די זייער שיינע בערטאַ לאַצקי, משה ליטוואַקאָוו יעקב און יוסף לעשצינסקי, ד. דאַווידאָוויטש־לוואָוויטש, פּלעגן שטענדיק, חוץ אויף די פּאַרטיי־זיצונגען, ריידן וועגן דער רוסי־שער, יידישער און העברעאישער ליטעראַטור. צווישן זיך פלעגט מען דעמאָלט ריידן רוסיש.

משה ליטוואַקאָוו, וואָס איז געווען דער פּאַקטישער רעדאַקטאָר פון „נייעם וועג" איז דעמאָלט געקומען פון פּאַריז, — דערציילט ש. ניגער — און זיין ערשטע פראַגע איז געווען — צי האָט איר געלייענט די לידער פון וואַלערי בריוסאָוו אין זשורנאַל „וויעסי"?

ברענגט ער אַרויס יענע אויסטערלישע צייט אין דער יידישער געשיכטע. יונגעלייט, אָנגעלאָדענע מיט ברויזנדיקער ענערגיע, פאַנטאַזיע, גייסטיקער געוואַגטקייט, הייליקער חוצפה, פאַרמעסטן זיך צו פאַר־קירעווען די רעדער פונעם וואָגן פון דער יידישער געשיכטע, זיך אַ לאָז טאָן אויף אַ נייעם דרך צו דער יידישער אייביקייט. דיכטונג, ליטע־ראַטור־אַטמאָספער ווערט אויסגעמישט מיט רעוואָלוציע, מיט קאַמף, מיט פאָלקס־אויפלעבונג, ווערט דורכגענומען מיט גלויבן אין די בויענדיקע כוחות פון יידישן פאָלק און אין דער באַפרייאונג פון דער וועלט.

— די ציוניסטן־סאָציאַליסטן — דערציילט ש. ניגער — זיינען געווען שאַרפע אַנטי־גלותיסטן, שוללי הגלות...

ער האָט מיט דעם ניט מסכים געווען. ער האָט שוין דעמאָלט געהאַט א פּאָזיטיווע באַציאונג צום גלות. דער גלות איז די יידישע מאַמע. „א מאַמע מוז מען ליב האָבן!"

— אין שלום אַשס „משיחס צייטן" ווערט געזאָגט, אַז א מאַמע א קאַליקע איז אויך א מאַמע — דערציילט ש. ניגער. — דאָס איז געווען א גרונד־מאָטיוו פאַר מיין דעמאָלטיקער אָפּהאַנדלונג „משיחס צייטן און די טראַגעדיע פון גלות". פאָרט א מאַמע!

מיר שטייען ביי ש. ניגערס ערשטן שריט אויף א וועג, וואָס ער האָט נאָכדעם דורכגעמאַכט טאָג־איין טאָג־אויס, עקשנותדיק אין פאַר־לויף פון א האַלבן יאָרהונדערט. ער שטייט ביים טויער פון דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט זיך אין דער פּאַרטיי לאַנג ניט געהאַלטן. ער האָט ניט אַריבערגעטראָגן דעם פּאַרטיי־עול.

— דער צ. ק. האָט געשיקט האַלטן רעפעראַטן — דערציילט ש. ניגער — עס זיינען געווען צוויי הויפּט־טעמעס פאַר רעפעראַטן: וועגן דער נייטיקייט פון ציוניזם און וועגן דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם. וועגן דער נייטיקייט פון ציוניזם קאָן איך ריידן. וועגן דער פאַרווירק־לעכונג קאָן איך ניט.

זיינע אינטערעסן זיינען שוין דעמאָלט געווען מער אינטעלעקטועלע, ליטעראַטור־פילאָסאָפישע. אינאיינעם מיט לאַצקי־בערטאָלדי פלעגן זיי גאָר לייענען שאָפּענהאַוערן. ער דערמאָנט זיך אין א געשפּרעך, וואָס ער האָט דעמאָלט געהאַט מיט דעם היינט שוין פאַרשטאָרבענעם יידישן שרייבער צבי הירשקאַן. דאָס איז געווען אויף די ווילנער דאַטשעס, וואו מע פלעגט קומען דורך דער גאַס פּאָהולאַנקע.

— ווען מע וואָלט ניט געדאַרפט חנפענען דער רעגירונג — האָט ער געזאָגט צו הירשקאַנען — וואָלט איך גאָר געוואָרן א ראַבינער אין א יידישער קהילה און אפשר וואָלט איך געקאָנט פון דעם כסא־ראַבינער ווירקן אויפן פאָלק.

1907. — באַרג־אַראָפּ פון דער רוסישער רעוואָלוציע. א שווערע צייט. עס איז האַרבסטיק. צווישן דער יוגנט יאָגט דער ווינט פון פאַר־זעגלעכן תכלית און אַסימילאַציע. אין דער זעלבער צייט שטאַרקט זיך אין אַנדערע קרייזן דער אינטערעס צו יידישער קולטור און ליטעראַטור. עס קומען אויף ליטעראַטור־געזעלשאַפטן, דראַמאַטישע קרייזן. עס טרעטן אויף שרייבערס אויף ליטעראַטור־פאַרזאַמלונגען.

קומען מיר צו דער צייט פון די „ליטעראַרישע מאָנאַט־שריפטן". זיי זיינען געווען דריי, אַז אייגנאַרטיקער מזומן פון דריי יונגע שרייבער, כמעט אָנפאַנגער: א. וויטער, שמריהו גאָרעליק און ש. ניגער, די שפּעטער און רעדאַקטאָרן פון די „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן". ווען ש. ניגער

דערציילט מיר וועגן יענער צייט, האָב איך דעם איינדרוק, אַז ער ווערט צוריק אַ 20־יאָריקער יונגערמאַן, דער ראָש פון יענעם דרייליגג, וואָס האָט דעמאָלט אָנגעזאָגט אויף דער יידישער גאַס דעם „קולטור־רענע־סאַנס."

— איך בין געווען קעגן דעם שרייאיקן אויסדרוק „רענעסאַנס" — דערציילט ש. ניגער. — דאָס איז געווען דאָס וואָרט פון ציוניסט ש. גאָרעליק.

אַ. ווייטער איז שוין דעמאָלט געווען אַ לעגענדע ביים „בונד" צוליב זיין וואונדערלעכער ראָל אין דער רעוואָלוציע פון 1905. אַן אָריגינעלע פּערזענלעכקייט, דער מחבר פון דער בעל־תשובה־דראַמע „פּאַרטאַג", וואָס האָט דעמאָלט געמאַכט אַן אייגנאַרטיקן רושם. ער האָט געלעבט, צוליב זיינע רעוואָלוציאָנערע חטאים, אונטער אַ פרעמדן נאָמען. ער האָט זיך דעמאָלט פאַרטיפט אין יידישע פּראָבלעמען, די „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן" איז אייגנטלעך געווען זיין איניציאַטיוו. ש. גאָרעליק — אַ יונגער ציוניסט, אַן עסעאיסט. ער האָט שוין געשריבן אין פאַר־שיידענע זשורנאַלן און זאַמלביכלעך.

— עס קלינגט איצט אויסטערליש — זאָגט ש. ניגער. — מיר אַלע דריי זיינען דעמאָלט געווען מיטאַרבעטער אין דער ווילנער ליבע־ראַלער רוסישער צייטונג „וועס סעווערא־זאַפּאַדני קראַי". איך האָב גע־שריבן אין דער רוסישער צייטונג אונטערן פּסעוודאָנים „ס. וולאַדי־מיראָוו", וואָס דער באַלעבאָס פון דער צייטונג האָט מיר געגעבן. דריי יידישע יידן, דריי יונגע אינטעליגענטן, דריי יידישע שרייבער — אַ גע־וועזענער בונדיסט, אַ געוועזענער ציוניסט־סאָציאַליסט, אַ געוועזענער ציוניסט — אַרבעטן אין אַן אַלגעמיינער רוסישער צייטונג און באַגעגענען זיך אין ווילנער „קלוב אינטעליגענטאָוו", פאַרמעסטן זיך גאָר צו שאַפן אַ יידישן זשורנאַל פאַר ליטעראַטור און קולטור מיטן צוועק פון קולטור־רענע־סאַנס אין יידישן פאָלק, — אַ זשורנאַל, וואָס האָט מיט זיינע בלויז פיר דערשינענע נומערן געמאַכט יידישע ליטעראַטור־געשיכטע.

— מיר האָבן אָנגעהויבן מיט אַ הלוואה פון פופציק רובל ביי אַ באָברויסקער יידן, גינזבורג. דעם אַרויסגעבער פון דער רוסישער צייטונג. דאָס איז געווען דער גרונד־קאַפּיטאַל פון דעם זשורנאַל, אינאיינעם מיט אַ צוזאָג פון אַ דרוקער צו דרוקן אויף באָרג.

מע האָט געמוזט אין דעם נייעם זשורנאַל האָבן פּרצן. דעמאָלט האָט ש. ניגער ניט שטאַרק געהאַלטן פון שלום־עליכמען. פּרץ איז גע־ווען דער סימבאָל פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.

פּרץ האָט אָבער ניט געגלויבט, אַז די דריי ווילנער יינגלעך — אַ. ווייטער, ש. גאָרעליק און ש. ניגער — וועלן טאַקע גרינדן אַ יידישן חודש־זשורנאַל.

— לאמיר אים אריינשיקן די גאַנצע 50 רובל האָנאָראַר פאַר זיינעם אַ ווערק אין די „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן" — האָט פאַרגעלייגט אַ. ווייטער. — וועט ער גלויבן, אַז עס איז ניט קיין שפּיל.

אַזוי האָבן זיי טאַקע געטאָן. דאָס האָט, משמעות, אויף ווארשע געמאַכט אַן איינדרוק.

אַלזאָ, אַן געלט, בלויז מיט פאַנטאַזיע און שעפערישן אימפּעט, אַזוי ווי געטריבן פון שיקזאַל, האָט דער מזומן אַ. ווייטער, ש. גאָרעליק און ש. ניגער — אויפגעבויט די „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן". פעברואַר 1908. עס האָבן זיך דאָרטן באַוויזן י. ל. פּרץ, שלום אַש, ה. ד. נאָמבערג, דער נסתר, דוד איינהאָרן, פּרץ הירשביין. דאָרטן ווערט געדרוקט אַ נייער וואַריאַנט פון פּרצעס „אין פּאַליש אויף דער קייט"; שלום אשם דראַמע „שבתי צבי", די גאַנצע דראַמע אין איין נומער; דער נסתר באַווייזט זיך מיט זיינע אָריגינעלע ווערק; דאָרטן קומט אַרויס מנחם. די דריי רעדאַקטאָרן האָבן געלעבט אין אָרעמקייט, אין בוכשטעבלעכער אָרעמקייט. די געשעפטן האָט געפירט אַ. ווייטער. מע האָט געאַרבעט און פאַרשטעקט דעם אייגענעם האַלבן הונגער.

— און וואָס האָט איר דעמאָלט געשריבן? — פרעג איך ש. ניגערן.

— איך דערמאָן זיך — זאָגט ער — מיין אָפּהאַנדלונג וועגן פּרצן. איך האָב אין איר געמאַכט אויך אַ פּאָר שאַרפע קריטישע באַמערקונגען, וואָס האָבן פּרצן ניט צופרידנגעשטעלט. ווען איך בין שפּעטער געווען אין ווארשע האָב איך מורא געהאַט צו אים אַריינצוגיין.

פּרץ איז אָבער געווען גרויסמוטיק. ער אַליין איז געקומען באַזוכן ש. ניגערן, ווען ער איז געווען אין ווארשע אויף אַ ליטעראַטור־פאַרלעזונג.

ווען ש. ניגער דערציילט וועגן די „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן", ווערן זיי אויפגעלעבט אין מיין דמיון. עס איז דער ערב פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ. איך זע אַפילו פאַר מיר די ברייטע, אַלבאָם־אַרטיקע בלעטער פון די „מאָנאַטשריפטן". איך זע אַפילו זייערע אָריגינעלע שער־בלעטער, די נעמען פון די מיטאַרבעטער. איך לעב נאָך אַמאָל איבער דעם דעמאָלטיקן איינדרוק. איך הער אָפּקלאַנגען פון די באַגייסטערטע רייד פון די דעמאָלטיקע ליטעראַטור־חסידים. מיר זיינען דעמאָלט נאָך אַלע געווען יינגלעך. ווייטע, ווייטע נעכטנס. זיי זיינען איצט פאַרדעקט מיט וואָלקנס רויך, מיט פייערן פון די געטאָס. און אָט פון די וואָלקנס שווימט אַרויס די פּלעיאַדע דיכטער, פּובליציסטן, נאָוועליסטן. עס מישן זיך צונויף יאָרן און געשטאַלטן. איך זע ש. ניגערן אין צענטער פון יענער צייט, אַ שטילן, אַ פאַרטיפטן, אַן אַרבעטסזאַמען

בויער, א בחורל פון שטעטל דוקאר, וואס שפרייזט אין דער יידישער געשיכטע אריין.

פון דער תקופה „ליטעראַרישע מאַנאַטשריפטן" — בלויז פיר העפטן זיינען דערשינען — קומען מיר צו דער תקופה „ י י ד י ש ע ו ו ע ל ט". עס איז א שטח פון פינף יאר, פון 1908 ביז 1913.

— אין 1910 האב איך התונה געהאט און בין אוועקגעפאָרן שטודירן אין אויסלאַנד — דערציילט מיר ש. ניגער.

ער האט דעמאָלט מיטגעאַרבעט אין „פריינד", געדרוקט יעדע וואָך אַן אַרטיקל. זיין אידעאַל איז געווען שטודירן. ער האט געלערנט אויפן פילאָסאָפישן פאַקולטעט, פריער אין בערלין און נאָכדעם אין דער שווייץ. ער האט געלערנט געשיכטע, ליטעראַטור און קונסט.

סוף 1910 איז געגרינדעט געוואָרן דער קלעצקין־פאַרלאַג אין ווילנע. אין 1912 איז אין פעטערבורג געשאַפן געוואָרן דער זשורנאַל „די אידישע וועלט", ביי דער אַקטיווער באַטייליקונג פון ש. דובנאָוו, ש. גינזבורג, י. צינבערג, י. יעפּרויקין. דער ציל איז געווען — י י ד י ש ע ק ו ל ט ו ר א י ן ד ו ב נ א ו ו ס ג י י ס ט. עס האָבן זיך דאָרטן אויסגעבילדט צוויי פליגלען — ש. גינזבורג אין רעכטן פליגל, יעפּרויקין און צינבערג אין לינקן. מע האט אין פעטערבורג אַרויסגעגעבן נאָר דריי נומערן. מע האט דערשפּירט, אַז פעטערבורג איז ניט די ריכטיקע שטאָט פאַר דעם. מע איז אַריבער אין ווילנע. עס איז געשאַפן געוואָרן א שותפות צווישן דער פעטערבורגער גרופּע און דעם ווילנער קלעצקין־פאַרלאַג. דעמאָלט איז געווען א פאַרשלאַג איינצולאַדן בן־אדירן פאַרן רעדאַקטאָר. דוד בערגלסאָן איז געווען פאַרבונדן מיט קלעצקינען און איז געווען קעגן בן־אדירן. מיט זיי ביידן איז אויך געווען פאַרבונדן א. ווייטער. — „מע קאָן ניט אַנטרויען ליטעראַטור צו א פאַרטיי־מענטש" — איז געווען דוד בערגלסאָנס טענה.

א. ווייטער האט פאַרגעלייגט ש. ניגערן ווי א רעדאַקטאָר. ער האט אָבער געוואָלט ווייטער שטודירן. ער האט אויך מורא געהאַט פאַר דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. לגבי דער „אידישער וועלט" האט אויסגעזען די „ליטעראַרישע מאַנאַטשריפטן" א יוגנט־שפּיל. די „אידישע וועלט" איז געווען און האט געדאַרפט זיין א גרויסער, וואַגיקער זשורנאַל.

„געגוג געלערנט, נעם זיך צו דער אַרבעט" — האָבן געגרופן ש. ניגערן זיינע פריינד א. ווייטער, דוד בערגלסאָן, ז. קאַלמאַנאָוויטש. דער־ווייל האט א. ווייטער מער ניט געקאָנט אַריבערטראָגן זיין אומלעגאַל־קייט, דאָס לעבן אויף א פאַלשן פּאַס. איז ער אוועק און זיך געמאָלדן דער פּאָליציי. מע האט אים אוועקגעשיקט אין סיביר. דערווייל זיינען

די ערשטע צוויי נומערן „יידישע וועלט", דערשינענע אין ווילנע, רעדאגירט האט זיי דוד בערגלסאן.

— עס האט מיך דאך געצויגן צוריק אין ווילנע, צו דער „יידישער וועלט". צום דריטן נומער בין איך שוין געקומען.

ער האט דעמאלט איבערגענומען די רעדאקציע. ער איז געווען ניט אינגאנצן פריי ווי א רעדאקטאר. דער פאליטיש-פאבליציסטישער טייל איז קאנטראלירט געווארן דורך דער פעטערבורגער גרופע.

— זיינען געווען קאנפליקטן צווישן אייך און די פעטערבורגער?
— פרעג איך ש. ניגערן.

— געווים. און דער עיקר ארום דער שול-פראגע.

דערציילט ער מיר וועגן איינעם אן אינצידענט פון יענער צייט. די חברה מפיצי השכלה האט צונויפגערופן אין 1913 א שול-צוזאמענפאר אין פעטערבורג. פארזיצער איז געווען דער שרייבער און באקאנטער געזעלשאפטלעכער טוער בוקי בן יגלי. וואס זאל זיין דער עיקר אין דער שול — יידיש? העברעאיש? רוסיש? — עס האט זיך שוין אנגעהויבן דער קאמף פאר דער יידישער שפראך אין דער שול. אויף דעם צוזאמענפאר איז געווען אויך ש. ניגער, דער רעדאקטאר פון דער „יידישער וועלט". ער האט געהאלטן א רעדע וועגן דער שול. פארשטייט זיך, אויף רוסיש. אין פעטערבורג האט מען עפנטלעך געמוזט ריידן רוסיש.

— צו וואס דארף מען ריידן — האט ש. ניגער געטענהט — אויף דעם רוסיש, אויף וועלכן עס ריידן די העלדן פון יושקעוויטשעס דראמעס, אז מען קען בעסער ריידן אויף א גוטן יידיש?

בוקי בן יגלי האט אין דעם דערזען א באליידיקונג פאר דער רוסישער שפראך, דער שפראך פון פושקינען און טורגענעוון.

ש. ניגער האט ניט געמיינט אנצורירן די שפראך פון פושקינען און טורגעניעוון. ער האט געמיינט צו טאדלען די צעקאליעטשעטע שפראך פון יושקעוויטשעס העלדן.

אט די מחלוקה האט אויך געהאט אן אפקלאנג אין דער „יידישער וועלט", זי איז געווען פארבונדן מיט ארטיקלען וועגן דעם שול-צוזאמענפאר פון די מיטארבעטער ה. ד. הורוויטש און ד. האכבערג.

די „יידישע וועלט" האט זיך גוט אנטוויקלט. 5000 אבאנענטן. אין 1914 איז געשלאסן געווארן א שידוך מיט אמעריקע. ווילנע-ניו-יארק האבן זיך פאראייניקט ארום דער „יידישער וועלט". דר. ק. פארנבערג איז געווארן פאראנטווארטלעך פאר דער „יידישער וועלט" אין אמעריקע.

די מאטריצן פלעגט מען איבערשיקן פון ווילנע אין ניו־יארק, און ניו־יארק פלעגט אריינגעבן דעם אמעריקאנער טייל.

ענטפערנדיק אויף עטלעכע מיינע פראגעס, דערציילט ש. ניגער, אז די „יידישע וועלט" איז אייגנטלעך געווען א המשך פון די „ליטעראַרישע מאנאטשריפטן", נאר סיי ליטעראריש, סיי געזעלשאפטלעך — ברייטער. ריכטונג? — מע קאן עס רופן פ א ל ק י ז ם . מע האט ארויסגעבראכט אין דער „יידישער וועלט" די גרויסע האפענונגען פון יענער צייט. מע האט זיך געגרייט צו א שול־באוועגונג, צו יידישער קולטור־דערוואכונג, צום אויפשטייג פון דער יידישער שפראך. מע האט זיך גע־גרייט צו רוסלאנדס רעוואלוציע און צו דער פארווירקלעכונג פון אירע חלומות.

— די האפענונגען זיינען געווען גוטע — דערציילט ש. ניגער — די מעגלעכקייטן זיינען נאך אבער געלעגן אין די וויקעלעך. אין דער טאג־טעגלעכער ווירקלעכקייט האבן מיר זיך געפונען אין אן עלנטקייט, אן איינזאמקייט. אז מע גייט ארויס פון דער רעדאקציע אויף דער קליין־סטעפן־גאס אין ווילנע, זעט מען ארום זיך קליינע קרעמלעך און קרעמערלעך. עס זיינען געווען דעמאלט אין ווילנע ווייניק שרייבער, נאר עטלעכע אנפאנגער. די ארומיקע קולטור אטמאספער — אסימילאציע, אדער ציוניזם.

אין דער רעדאקציע ביים שרייבטיש, איז מען פארבונדן מיט מארגנס, מיט יידישער אייביקייט, אויסער דער רעדאקציע — איזאָ־לירטקייט, אליינקייט. מע האט געארבעט מיט אמונה אין פאלק און אין מארגן.

ערשטע וועלט־מלחמה. מלחמה־חדשים, מלחמה־יארן. די „יידישע וועלט" ווערט פארבאטן אינאיינעם מיט דער גאנצער יידישער פרעסע. נאך דער מלחמה גיט מען אין ווילנע ארויס דעם „טאג", פון וועלכן ש. ניגער ווערט רעדאקטאר. עס לויפן די געשעענישן, עס רוקן זיך אן במארעס. פוילן ווערט א מלוכה. אויסגעפליקטע יידישע בערד, געשמיסענע יידן אויף דער סטאנציע לאפי. פאגראם אין ווילנע. ביז א. ווייטערס אומקום.

אין אונדזער שמועס שטעלן מיר זיך אפ א ביסל אויף דער טראַ־געדיע א. ווייטער, וואס איז שוין געקומען צוריק פון סיביר און האט געוואוינט אין ווילנע אין א צימער ביי ש. ניגערן. ווילנע איז געווען פאר־נומען עטלעכע טעג, א העלפט דורך די באלשעוויקעס און א העלפט דורך די פאליאקן. ש. ניגערס דירה איז געווען אויף דער באלשעוויס־טישער זייט, אויפן וועג צום „גרינעם בריק".

עס זיינען אנגעגאנגען עטלעכע טעג שלאכטן צווישן די פוילישע סאלדאטן און די באלשעוויקעס. אין איין הויז האבן געוואוינט לייב

יאפע, ש. ניגער מיט זיין משפחה — פרוי און צוויי קליינע קינדער — און א. וויטער. זיי זיינען זיך צונויפגעקומען אין לייב יאפעס דירה. א. וויטער איז געווען זיכער, אז די פאליאקן וועלן ניט מאכן קיין פאגראמען. ער האט גוט געקענט די פוילישע ליטעראטור, גערעדט וועגן פוילישע טראדיציעס.

— איך געדענק — דערציילט מיר ש. ניגער, — אז א. וויטער איז דאך געווען זייער טרויעריק געשטימט, געווען צעטראגן. ער האט געהאלטן א מחזור אין האנט און אין אים לאנג אריינגעקוקט.

די פאליאקן האבן ארויסגעשטויסן די באלשעוויקעס. עס האט זיך אנגעהויבן א פאגראם. קוילן פון פוילישע ביקסן זיינען אריינגעפלויגן אין דער דירה. ביז מע קלאפט אין טיר. ש. ניגער האלט זיין קינד אויף די הענט. א. וויטער לויפט אראפ עפענען די טיר. פוילישע סאלדאטן האבן אים דערשאסן לעבן הויז אין מיטן גאס. מ'איז אריין אין הויז און ארעסטירט ש. ניגערן און יאפען. מ'איז זיך באגאנגען מיט זיי ברוטאל, אראפגעריסן פון ש. ניגערס האנט א פינגערל, וואס ער האט געטראגן. ווען מען האט זיי געשלעפט דורך דער גאס האבן זיי דארטן געזען: א. וויטער ליגט א טויטער.

— באפרייט פון ארעסט דורך אויסלענדישע אינטערווענצן — דערציילט ער — הגם די אטמאספער א שווערע, האט זיך דאך ניט גע־וואלט פארלאזן פוילן. ברוך האט אבער ניט געלאזן רוען.

ברוך וולאדעק — ש. ניגערס ברודער, האט געפאדערט, ער זאל קומען קיין אמעריקע. דו האסט א פרוי, צוויי קינדער; מיר זיינען דא דריי ברידער; דו מוזט קומען. ש. ניגער זיין פרוי און זייערע צוויי קינדער — וואוו איז דעמאלט אלט געווען 1 יאר און זיין טאכטער ליבע — פיר יאר — לאזן זיך קיין אמעריקע. מישן מיר די בלעטער פונעם בוך אמעריקע אין אנהייב פון די 20־קער יארן.

— אזוי ווי מיין ברודער ברוך — דערציילט ש. ניגער — האב איך אקצעפטירט אמעריקע, ווי נאר איך האב זיך מיט איר א ביסל באקענט. איך האב מער געזוכט וואס איז אין איר פאראן און ווייניקער וואס איר פעלט. עס איז מיר פרעמד דער געוויינלעכער אימי־ראנטן־ביטול צו אמעריקע בכלל און צו דער יידישער אמעריקע בפרט.

— אייערע ערשטע שרייבערשע שריט אין אמעריקע? — פרעג איך אים.

— זיי זיינען געווען אין „פארווערטס" — ענטפערט ער מיר.

אבער אב. קאהאן, וואס האט אים זייער ווארעם אויפגענומען לכתחילה, איז גלייך אין די ערשטע וואכן אריינגעטראטן מיט אים אין

א קאנפליקט. אים זיינען ניט געפעלן געוואָרן ש. ניגערס ערשטע אַרטיק־לען וועגן די יונגע יידישע אַמעריקאַנער שרייבער, און אויך ניט זיין לשון.

— א סיבה — האָט אב. קאהאן געהאַלטן — איז אויף יידיש — אַן אומגליק. „עס האָט געטראָפן אַ סיבה" — זאָגט מען אין ווילנע. אָבער אַ סיבה מיינט ניט אַן אורזאַך.

דער עיקר אָבער, ער האָט ניט געוואָלט ש. ניגערס אַרטיקלען וועגן די יונגע. — „ער וויל שרייבן אפשר 13 אַרטיקלען וועגן די יונגע" — האָט געטענהט אב. קאהאן אויף אַ זיצונג פון „פאָרווערטס".

עס איז געווען אָן אָפּמאַך צו דרוקן ש. ניגערס צוויי אַרטיקלען א וואָך ניט רעדאַגירטערהייט, פאַר אַ האָנאָראַר פון 50$ אַ וואָך. די ערשטע צוויי אַרטיקלען וועגן די יונגע האָט מען געדרוקט. דעם דריטן האָט מען „געסטאָפּט".

— איך זע, אַז אונדזער שידוך איז ניט קיין גלייכער. לאָמיר זיך בעסער גטן — האָט ש. ניגער געזאָגט אין טעלעפאָן צו אב. קאהאַנען, וואָס איז געווען גרייט דורכצוקומען, אפילו אָפּצודרוקן דעם „געסטאָפּטן" אַרטיקל. אַ פּאָר וואָכן שפּעטער איז ש. ניגער אַריבער צום „טאָג".

פון דעמאָלט ביז היינט זיינען שוין באַלד אַריבער 30 יאָר, — אַ לאַנגער, לאַנגער וועג. צייכנס אויף דעם דורכגעמאַכטן וועג זיינען גע־בליבן: ביכער, הונדערטער אַרטיקלען, הונדערטער אַרבעטן אויף גע־זעלשאַפטלעכע, קולטור־נאַציאָנאַלע טעמעס, אַ מאַסע אַרבעטן וועגן דער יידישער ליטעראַטור.

— איך בעט אייך, ש. ניגער, — ווענד איך זיך צו אים, — קאָנט איר אפשר אויפלעבן אין אייער זכרון דאָס בילד פון אַמעריקע ווי איר האָט זי געזען אין די ערשטע יאָרן?

— עס איז נאָך דעמאָלט געווען — זאָגט ש. ניגער, — אַ מאַסן־איינוואַנדערונג. מחנות יונגע אימיגראַנטן זיינען געווען איבערן גאַנצן לאַנד. וואו איך בין געקומען האָב איך געהאַט אַ געפיל אַזוי ווי אין דער אַלטער היים. צו די לעקציעס פלעגן קומען טויזנטער. איך געדענק אַ פאַרלעזונג אין מאָנטרעאַל וועגן מענדעלען. וועגן פּרצן — אין שיקאַגאָ. אַזוי אין קליוולאַנד, אין דעטראָיט. טויזנטער מענטשן. יונגע אימי־גראַנטן. מע הערט מיט אַ גרויסן אינטערעס. די יידישע אַמעריקע האָט געמאַכט אַן איינדרוק זייער אַ צוזאַגנדיקן. עס איז שוין אָנגעגאַנגען די מלחמה פאַר דער יידישער שול. אמת, די שול־באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פריער, אָבער איר ברייטן פאַרנעם האָט זי אָנגענומען נאָך דער מלחמה.

ש. ניגער דערקלערט מיר, אז ער איז קיינמאל ניט געשטאנען אויפן שטאנדפונקט, אז יידיש קומט צו פארבייטן ענגליש ביי די יידן אין אמעריקע. זי דארף זיין די צווייטע שפראך. ער האט געהאלטן, אז די שול דארף זיך ניט קאנצענטרירן אויף לשון, אויף ציוניזם, אדער סאציאליזם. דער עיקר דארף זיין יידיש ווי סן. עס איז ניט גענוג בלויז עמאציאנעלע פארבינדונג מיטן פאלק. עס דארף אויך זיין קענען, איבערצייגונג, אינטעליגענץ.

איך פרוביר ברענגען אונדזער שמועס צו דער אמעריקאנער יידישער ליטעראטור סביבה. איך מאך אויפמערקזאם ש. ניגערן אויף דעם, אז צו אים זיינען דא א היפש ביסל טענות און תביעות, פארדרוסן, פאראיבלען. מע באשולדיקט אים אין א געוויסער שרייבער־פאליטיק. מע זאגט, אז ער וואגט ניט ארויסצוברענגען א נייעם, יונגן שרייבער. ער האט ליב גיין אויף אויסגעטראטענע, זיכערע וועגן, ער שרייבט וועגן שרייבער, וואס זיינען, על־פי־רוב, שוין אנעקענט נאך פאר אים. ער איז איינגעשלאסן אין זיך, אין א קליינעם קרייז.

— באליידיקט איר זיך ניט, חבר ניגער — זאג איך צו אים — ווען איך ברענג עס ארויס פאר אייך?

ניין, ער באליידיקט זיך ניט. ער ווייס וועגן די טענות, וואס מען האט צו אים. ער ווייס די געצוואונגענע איזאלירטקייט פון דעם קריטיקער. ער פראוועט ניט קיין טיש. ער איז מוראדיק פארנומען, זשאלעוועט די צייט, פארגינט זיך ניט לײדיק־גייעריי.

— פראוועז א טיש? — פרעגט ניגער — עס זיינען דא מענטשן, וואס זיינען געבוירן געווארן אין שטריימלעך, מענטשן, וואס ווילן האבן א שטריימל. איך וויל עס ניט. איך האב עס קיינמאל ניט געוואלט. צו פראוועז א טיש דארף מען האבן סיי א יצר טוב, סיי א יצר הרע. איך האב עס ניט. איך בין א מענטש וואס האט אן איינדרוק וועגן א בוך, וועגן א שרייבער, און ברענג ארויס מיין איינדרוק. איך האב ניט ליב צו פסקענען ליטערארישע שאלות. איך אנאליזיר א ווערק, דערצייל וועגן אים, דעם אויספיר דארף שוין מאכן דער לעזער אליין. איך זוך סיי פארם און סיי אידייע. צום באדויערן מיינען א סך מענטשן, אז קריטיק איז „פובליסיטי״. איך מאך ניט קיין „פובליסיטי״ פאר שרייבער. איך שרייב וועגן א ווערק, ווען איך האב וועגן אים עפעס וואס צו זאגן, ווען איך דערפיל אין אים אן אנצוהערעניש, אן אידייע. געוויס איז מיר אינטערעסאנטער צו שרייבן וועגן א גרויס ווערק ווי וועגן א קליין.

— איך האב געשריבן דאס בוך וועגן לייוויקן טאקע דערפאר, ווייל ער איז מיר נאענט, ווייל איך זע זיין גאנג, איך פיל ארויס די נשמה פון זיינע ווערק. איך האב וועגן לייוויקן א סך געשריבן. וועגן אים

האט זיך מיר געלאזן שרייבן א בוך. ער איז א פאעטישע פערזענלעכקייט. אין זיין גאנצער אנטוויקלונג זיינען דא גרונט־ליניעס. איך זע זיין וועג. איך האב געפילט, אז דורך א ווערק וועגן לייוויקן קאן מען באררייכערן אונדזער דענקען און פילן.

— איך האב געשריבן מיין ווערק „י. ל. פרץ". דארף איך אייך דערקלערן פארוואס? פארשטייט איר דען ניט, אז דורך פרצן קאן מען אריינברענגען אין אונדזער צייט, פאר דעם היינטיקן יידישן לעזער, דעם גייסט, וואס שוועבט אין פרצעס ווערק?

— דאס בוך וועגן לייוויקן האט מזל געהאט. עס זיינען געווען פריינד, וואס האבן דאס בוך ארויסגעגעבן. אבער דאס בוך וועגן פרצן ווערט דערווייל נאך ניט ארויסגעגעבן. טאן אליין פאר דעם, זארגן, זשע־ברעווען? — דאס קאן איך ניט. אפשר וועט עס נאך ארויסגעבן די „ציקא". איבעריק אייך צו זאגן ווי שטארק איך וואלט געוואלט, אז ד א ס פ א ר ע נ ד י ק ט ע פ ר ץ־ ב ו ך ז א ל ד ע ר ז ע ן ד י ל י כ ט י ק ע ש י י ן!

ווענד איך זיך צו ש. ניגערן אזוי:

— אט איצט, אין דער שעה, ווען איר ווארפט א בליק אויף די פארגאנגענע יארן אייערע אין אמעריקע, וואס פאר א סך־הכל קאנט איר מאכן?

— איך האב ניט קיין געפיל פון אנטוישונג, — זאגט ער — חרטה אדער דעפיטיזם. איך האב קיינמאל ניט געקוקט אויף מיין ארבעט ווי אויף עפעס א מ ש י ח י ש ע מ י ס י ע. איך האב שטענדיק געארבעט לויט מיינע כוחות. איך האב ניט איבערגעטריבן מיינע מעג־לעכקייטן און טאלאנט. איך האב נאר געהאט א געפיל, אז איך טו ערלעך מיין ארבעט.

— אבער — זאג איך צו אים — אפגעארבעט א לעבן, געקעמפט, געשאפן, — ווען איר קוקט זיך ארום, צי שטעלט איר זיך ניט די פראגע, צי האט עס געלוינט, אדער למי אני עמל?

אויף דעם ענטפערט ש. ניגער זייער שארף און קלאר:

— איך האב ניט קיין מורא פאר אסימילאציע. איך האב ניט מורא פאר אונטערגאנג. איך גלויב אין דער פרעזערווירונג פון גייסטיקער ענערגיע. זאכן, וואס ווערן געטאן אין דער גייסטיקער וועלט, אויב זיי האבן עפעס א ווערט, גייען ניט פארלארן. ווען איך דארף אנהייבן נאך אמאל מיין לעבן, וואל איך געטאן די זעלביקע זאך. עס פארדריסט מיר נאר, וואס א סך ארבעטן מיינע זיינען צעווארפן אין הונדערטער צייטונגען און זשורנאלן. איך וואלט געוואלט אפקליבן, צונויפקלייבן,

צונויפזאַמלען דאָס וויכטיקערע, אַריינגעמען עס אין טאָוולען פון אַ כּוד אָדער ביכער.

— זאָגט מיר, ש. ניגער — ווענד איך זיך צו אים — קאָנט איר מאַכן אַ גרונט־סך־הכּל פון דעם, פאַרוואָס איר האָט געקעמפט אין פאַר־לויף פון אַלע אייערע שרייבערישע יאָרן אויפן געביט פון דער ייִדישער ליטעראַטור?

פאַרטראַכט ער זיך אַ ביסל לענגער און נאָכדעם זאָגט ער צו מיר אַזוי:

— איך האָב געקעמפט פאַרן עצם עניין ליטעראַרישע קונסט, פאַר דער קונסט פון וואָרט. איך האָב אין דער זעלביקער צייט אויך געקעמפט פאַר דעם, אַז פאַרעם אַליין קען ניט זיין געניג. עס מוז זיין עפּעס, וואָס ווערט פאָרמירט. ליטעראַטור איז ניט קיין איזאָלירטע זאַך זי איז געבונדן מיטן לעבן. ליטעראַטור איז איינגעשלאָסן אין דער געשיכטע פון פאָלק.

— ליטעראַטור איז ניט נאָר טאַלאַנט, — זאָגט ש. ניגער נאָך אַ פּויזע — און טאַלאַנט איז ניט אַ זאַך, וואָס איז פאַר זיך אַליין. טאַלאַנט מוז זיין אַ שותּף מיט כּלערליי שעפערישע כּוחות. טאַלאַנט מוז שעפּן פון אַלע טיפע קוואַלן. איך האָב געשריבן וועגן די קלאַסיקער? יאָ, ווייל פון זיי האָב איך געוואָלט אַרויסברענגען אָט די דאָזיקע פאַרבינדונג. איך האָב געשריבן, למשל, וועגן ביאַליקן. ער האָט זיך ניט באַנוגנט מיט זיין אייגענעם כּוח, מיט זיין טאַלאַנט. ער האָט אינוועסטירט אין זיך און אין זיין שאַפן וויפל נאָר ער האָט געקאָנט פון תּורה, פון מדרש, פון אגדה, פון די טיפסטע קוואַלן פון דער שפּראַך. מיר האָט אָפּגע־שטויסן יעדער ניט אָרגאַנישער עלעמענט אין דער ליטעראַטור. איך האָב קיינמאָל ניט געהאַלטן פון אַ ליטעראַרישער שול ווי אַ ציל פאַר זיך אַליין. נאָך אין 1922 האָב איך געשריבן וועגן יעקב גלאַטשטיינען, אַז, „חוץ דער שול, האָט ער אויך טאַלאַנט". בלויז נייקייט אין פאָרם איז ניט געניג. עס מוז אויך זיין, דאָס, וואָס ווערט באַנייט.

ש. ניגער גייט אַריבער צו אונדזער גאַנצן דור און זאָגט אַזוי:

— אונדזער דור האָט איבערגעטראָגן אַ סך קריזיסן, מלחמות, אויפטרייסלונגען, פון די קליינע שטעטלעך אין מזרח־אייראָפּע ביז ניו־יאָרק און שיקאַגאָ. יידן האָבן דורכגעמאַכט מער רעוואָלוציעס ווי אַלע אַנדערע פעלקער, וואַנדערונגען — און אַז מען וואַנדערט, פאַרלירט מען אויך אויפן וועג. צו שווער פאַר איין דור, אָבער אַ פאָלק קען אַריבער־טראָגן אויך שווערע קריזיסן, באַזונדערס נאָך אַזאַ אַלט פאָלק, ווי אונדזער ייִדיש פאָלק. אונטערגאַנג? — מיט מיין פאַנטאַזיע קאָן איך זיך ניט פאָרשטעלן קיין אונטערגאַנג. איך קאָן זיך פאָרשטעלן קאַלאָסאַלע ענדערונגען, אָבער ניט קיין אונטערגאַנג.

מיר באַרירן אויך דעם ענין ישׂראל און תּפוצות ישׂראל.

— די ייִדן אין ישׂראל — זאָגט ש. ניגער — לעבן איבער דעם ר ע װ אָ ל ו צ י אָ נ ע ר ס ט ן מ אָ מ ע נ ט א י ן ד ע ר ייִ ד י ש ע ר ג ע ש י כ ט ע. װען דאָס גאַנצע ייִדישע פֿאָלק װאָלט געלעבט אין ישׂראל, װאָלט געשטאַנען די פֿראַגע װעגן אַ נ ײַ פ אָ ל ק. דאָס ייִדישע פֿאָלק איז אָבער אַ װ ע ל ט - פ אָ ל ק. מדינת ישׂראל איז אַ קאַפּיטל. עס איז אַ רעװאָלוציע אין דער ייִדישער געשיכטע, אָבער נאָר פֿון אַ טייל פֿון ייִדישן פֿאָלק, נאָך קלאָרער — פֿאַר אַ טייל פֿון דער באַפֿעלקערונג אין ישׂראל. דאָס קאָן ניט ברענגען צו אַן איבערקערעניש אין גאַנצן פֿאָלק.

ש. ניגער קערט זיך אום צו דעם ענין אונטערגאַנג אין גלות:

— גייסטיקע װערטן גייען ניט אונטער. מיר האָבן געהאַט איי־גענע שפּראַכן אומעטום. מיר האָבן אויך לאַנד געהאַט אין אונדזערע תּפֿילות. אונדזער ייִדיש לשון איז אַ שטאָף, װאָס קאָן קלעקן אויף דורות. מיר אַפּיקורסים, למשל, האָבן געשאַפֿן די װ ע ל ט ל ע כ ע ליטעראַטור און זעט װאָס פֿאַר אַ ראָל עס האָט געשפּילט אין אָט דער ליטעראַטור די רעליגיעזע ייִדישקייט. אירע שעפֿערישע עלעמענטן האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין אונדזער װעלטלעכער ליטעראַטור. דאָס אייגענע װעט זײַן מיט די װערטן, װאָס די ייִדן האָבן געשאַפֿן אין זייער אייגענער שפּראַך. אפֿשר װעלן אין הונדערט יאָר אַרום די ייִדן אין אַמעריקע האָבן אַן אייגענעם שפּראַך־אױסדרוק. דאָס װעט ניט שלאָגן דעם עיקר — דעם קיום פֿון פֿאָלק, װאָס מען קאָן ניט אויפֿנעמען בלויז מיטן שׂכל.

דערמאָנט זיך ש. ניגער אָן דער פּױלישער חסידות.

— עס איז דאָך מערקװירדיק — זאָגט ער — װי אַזוי דאָס פּױלישע חסידות איז אַרײַנגעקומען אפֿילו אין פּױליש־ייִדישן סאָציאַליזם. דער־מאָנט זיך — זאָגט ער צו מיר — אייערע פֿאַרזאַמלונגען אין פּױלן, אייערע צוהערער. זעט זייערע פּנימער, דערמאָנט זיך זייער שטימונג. חסידישע קינדער. די זעלבע חסידות. עס גייען אונטער עלעמענטן, עס גייט אונטער דער לבוש, די לאַנגע קאַפּאָטע, אָבער דאָס ייִדישע פֿאָלק גייט ניט אונטער.

— אויב איר זייט ניט מיד — זאָג איך צו ש. ניגערן — װעלן מיר אפֿשר אַ קוק טאָן ניט נאָר אויף אונדזער פֿאָלק, נאָר אויך אויף דער װעלט?

ער טוט עס גערן.

— איך זע אַלץ מער און מער דײַטלעכער — זאָגט ער — אַז די גרענעצן צװישן פֿאָלק און פֿאָלק מוזן װערן שװאַכער. „קאָסמאָפּאָלי־

טיזם"? — עכטער קאָסמאָפּאָליטיזם איז גאָרניט אַזאַ נאַרישקייט. רופט עם אינטערנאַציאָנאַליזם, רופט עס נאָענטקייט צווישן פעלקער, ניט נאָר נאָענטקייט פון וואוינען אויף איין גאַס, נאָר אויך גייסטיקע נאָענטקייט.

÷ ✧ ÷

ש. ניגער לעבט אין זיינע פיר צימערן מיט זיין פרוי. זיינע צוויי קינדער — זיין זון וואָווע און זיין טאָכטער ליבע, וואָס ער האָט געטויליעט בעתן ווילנער פּאָגראָם — האָבן שוין חתונה געהאַט, לערנען, שטודירן. דר. יצחק שטיינבערג איז ש. ניגערס מחותן — זיין טאָכטער איז ש. ניגערס שנור. אַ פּאָר פיינע מחותנים. זיין איידעם איז דער זון פון ד. שוב — אַן ענלישער שרייבער.

— קענען אייערע קינדער יידיש? — פרעג איך ש. ניגערן אויף טשעקאָוועס.

— געוויס — ענטפערט ער שטאָלץ — זיי לייענען יידיש, שרייבן יידיש.

דער זייגער גייט צו צוועלף — בחצי הלילה. מע דאַרף דעם שמועס איבעררייסן. עס איז שפּעט. מיר זעגענען זיך. ביי אַ גרויסן טייל פון אונדזער שמועס איז אויך געווען די פרוי ניגער. זי האָט זיך ניט אַריינגעמישט, הגם זי איז אויסגעבונדן מיט יעדן מאָמענט פון זיין לעבן און שאַפן, הגם פאַר איר זכרון זיינען געשטאַנען לעבעדיק הונדערטער פּרטים, מאָמענטן, ניגערס קאַמפן, אַנטוישונגען און דערגרייכונגען.

— אַ גוטע נאַכט.

איך האָב געלאָזן ש. ניגערן אין זיין גרויסן אַרבעטס־צימער, צווישן די הויכע פּאָליצעס, אַרומגערינגלט מיט הורבעס ביכער, וואָס קאָנען אפשר ריידן שטום־לשון, ווען זיי בלייבן אויג אויף אויג. אַנשטאָט צו גיין לינקס, צו פּאַרט העמילטאָן פּאַרקוועי סטיישאָן פון סאָבוויי, פּראָספּעקט עווועניו, בין איך געגאַנגען רעכטס, צום נאָענטן פּאַרק. ניטאָ דאַרטן ביינאַכט קיין לעבעדיקער נפש. איך האָב מיך צוגעזעצט אָפּצורוען פון קריכן אויף דעם באַרג פון אַ האַלבן יאָרהונדערט.

— עס איז גוט געווען צו שטייגן אַרויף און אַראָפּ מיט ש. ניגערן. חלוקי־דעות, מחלוקת, אָנגריפן, טענות, מענות, פאַרדראָסן, קנאה־שנאה. ווי קאָן דען זיין אַנדערש? דאָס איז שטויב, וואָס עס טראָגט אַוועק דער ווינט. איך האָב געזען פאַר מיינע אויגן דעם מר בר־רב־אשי אין הויז פון דער יידישער ליטעראַטור, די מאָנאָליטישע פיגור, אַריינגערוקט אין ווינקל ביי זיין אַרבעטסטיש. ער שמועסט איצט געוויס אַזוי מיט די

שאַטנס, וואָס ער האָט אַרויסגערופֿן אין פֿאַרלויף פֿון אונדזער זעקס־שעהדיקן געשפּרעך:

— עס מוז זיין אמונה אין הארצן, עס מוז זיין אַ ליניע, אַ סייסער און קאָפּ...

ווי האָט מען געזונגען אין ווילנער געטאָ? — „גוט צו ווּיסן פֿון וואַנען דו קומסט און וואוהין דו גייסט". ש. ניגער האָט עס גוט געוואוסט אין פֿאַרלויף פֿון אַלע זיינע פּופּציק שאַפֿנדיקע יאָרן.

— באָרג אַרויף!...

צביון

— די מעשה מיט די 80 יאָר

איז אַ מין „פריים־אַפּ" אויף מיר. מע האָט אַרויפגעוואָרפן אויף מיינע פּלייצעס אַ היפּש פּעקל. ייוואָ ספּעציאַליזירט זיך אויף אויספאָרשן, אויסגעפינען און מודיע זיין דער וועלט די יאָרן — זאָגט מיר צביון. מוז איך עס אָננעמען, הגם איך ווייס ניט, צי עס איז פּינקטלעך. דאָס, וואָס שטייט געשריבן וועגן מיינע יאָרן אין זלמן רייזענס לעקסיקאָן, איז נאָר קלמן מרמרם אַ סברה. ווייל ניט מיין טאַטע און ניט מיין מאַמע האָבן געוואוסט געגוי דעם טאָג, ווען איך בין געבאָרן געוואָרן. בכל אופן, קרוב למקח איז עס.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער שמועס. לכתחילה האָב איך געפּלאַנט נאָר אַ שמועס וועגן עטלעכע וויכטיקע אַלגעמיין־יידישע פּראָבלעמען, הערן פון אים עטלעכע סך־הכלדיקע געדאַנקען. אָבער, אַגב אורחה, זיינען אויך אַרויסגעקומען אינטערעסאַנטע זכרונות וועגן זיינע קינדער־יאָרן, וועגן זיין יוגנט. דער שר הזכרון האָט אים פּשוט איבערראַשט. בין איך צופרידן. היים, קינדער־יאָרן, יוגנט־צייט זיינען דאָך די וואָרצלען פון יעדן מענטשן.

—איך בין געבאָרן געוואָרן אַ „קרעסטיאַנין" און ניט אַ „מעשטשאַנין". אַ פּויער בן פּויער, אויפן לאַנד, און ניט אַ שטאָט־מענטש.

זיין פאָטער, יצחק בן שלמה־דוד האָפמאַן־האַפּען, האָט אַרענדירט אַ שטיקל ערד ביי דער גרענעץ פון קורלאַנד־ליטע, ניט ווייט פון דער שטאָט בויסק. שפּעטער האָט ער זיך אַריבערגעצויגן אין אַ נאָענט גרויס דאָרף, וואָס האָט געהייסן קומיאַן אָדער קעמען. דאָרטן האָבן געוואוינט אַרום אַ מנין יידישע משפּחות, געזונטע, קערנדיקע יידן. אויף יענער ערד איז עס אַראָפּגעקומען, נאָך דעם רבינס ברכה, דאָס ייִנגל בענטשע, וואָס איז שוין מפורסם בשם צביון, וואָס איז שוין אַ בן שמונים. שוין 45 יאָר אין אַמעריקע, שטעקט אין סאַמע קאָך פון דער וועלט בכלל און פון יידישן פאָלק בפרט,

שטייט שוין צענדליקער יאָרן אויף דער וואַך פון די „יידישע אינטערעסן".

ער דערציילט מיר, אַז ביי זיין מאַמען האָבן זיך ניט געהאַלטן קיין קינדער. איר ערשטער זון איז יונג געשטאָרבן; איר ערשטע טאָכטער איז גלייך אַוועק פון דער וועלט. איז זיין מאַמע געפאָרן צום גוטן יידן, ר' שלמהלע, אין שטעטל זיימעל, וואו עס איז נאָכדעם געזעסן אויפן דאָרטיקן כסא רבנות דער גאון הרב קוק, שפּעטער אין ירושלים. און זי, די מאַמע זיינע, האָט באַקומען פון דעם גוטן יידן אַ ברכה און אַ קמיע, וואָס זאָל זיין אַ סגולה, אַז קינדער זאָלן זיך ביי איר האַלטן.

— אויב עס וועט קומען אַ טאָכטער, — האָט דער גוטער ייד אָנגעזאָגט — זאָל מען זי רופן בת־שבע; אויב עס וועט קומען אַ זון — ויקרא בשם בן־ציון.

איז טאַקע געקומען אַ טאָכטער און — גלייך אַוועק פון דער וועלט. די ברכה האָט ניט געהאָלפן. איז געקומען אַ זון, און מע האָט אים אַ נאָמען געגעבן בן־ציון, און — די קמיע האָט געהאָלפן, והא ראיה איר זעט דאָך — שוין 80 יאָר. צביון דערציילט מיר, אַז ער האָט שפּעטער געפונען ביי זיין מאַמען די קמיע מיטן שטיקל פּאַרמעט.

דאַרף אַ ייינגל גיין אין חדר. אויף דער פאַרם איז ניט געווען קיין ריכטיקער חדר און מלמד. האָט מען אים אַוועקגעפירט צום מלמד אין דעם שכנותדיקן וואַשקי.

— מיין ערשטער רבי איז געווען לייבוציק. ער האָט געהאַט דריי מלאכות: אַ שוחט, אַ שדכן, אַ מלמד און — קיין פּרנסה.

עס איז געווען זומערצייט. דער מלמד, לייבוציק, האָט געעפנט פאַרן יינגל אַ פאַרשמאַלצענעם סידור, און אים געהייסן: „זאָג!" ער געדענקט וואָס ער האָט געזאָגט. ער ווייס ניט וועך עס איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אים אויסגעלערנט „זאָגן אין סידור". ער מאַטערט זיך שוין יאָרן דאָס צו דערמאָנען, און קאָן ניט. מסתמא — מיינט ער — איז עס געווען זיין טאַטע. ווי ער האָט אים געלערנט „זאָגן", וואָס פאַר אַ מעטאָד ער האָט באַנוצט — דאָס ווייס ער ניט.

אָפּגעלערנט אַ האַלב יאָר ביים מלמד לייבוציק אין וואַשקי, איז ער אַוועק צוריק אין קומיאַן. דעמאָלט האָט מען אַהין געבראַכט צום דאָרטיקן קרעטשמער, וואָס איז געווען אַ מער פאַרמעגלעכער ייד, אַ מלמד, אַ למדן, פאַר זיין זון, האָט אויך געלערנט תורה מיט די איבעריקע יינגלעך. דער מלמד האָט געהייסן שכנא. ער איז

געוועזן פון בירזש צי בירז. ביי דעם מלמד האָט שוין צביון מער ניט געדאַרפט „זאָגן" אין סידור. ער האָט שוין אָנגעהויבן חומש. ער זעט פאַר זיינע אויגן נאָך איצט זיין צווייטן מלמד:

— אַ געלער ייִד, אַ געלע באָרד, אַ פּנים מיט געלע זומער־שפּרענקלעך, — אַ ייִד אַ גזלן, וואָס פלעגט מיך שלאָגן מכות רצח.

די ריכטיקע פּעטש פון מלמד האָט ער באַקומען פאַר אַ שאלה, וואָס ער האָט אים געפרעגט: „ווער האָט גאָט באַשאַפן?" קלעפּ זיינען געוועזן דער ענטפער.

דער מלמד פלעגט שלאָגן די תלמידים מיט אַ שטעקן פון אַן עפּלבוים, וואָס האָט געהאַט סענקעס. פון חדר טאָר מען ניט אויס־זאָגן, אָבער די מאַמע האָט אַנטדעקט די סיניאַקעס אויף איר ייִנגלס לייב ביים באָדן אים אין אַ הילצערנער וואַנע.

זיין טאַטע האָט זיך מיט זיין משפּחה שפּעטער אַריבערגעקליבן פון קומיאַן קיין וואַשקי. צביון איז שוין דעמאָלט אַלט געוועזן 6 יאָר. דאָרטן איז שוין געוועזן אַ ריכטיקער גמרא־מלמד.

— מיין ערשטע גמרא — דערמאָנט ער זיך — איז געוועזן בבא קמא, דער פּרק „המניח את הכד", הגם עס איז געוועזן דער שטייגער, מע זאָל אָנהייבן מיט דער גמרא ביצה. — „ביצה שנולדה ביום טוב". — מיין צווייטע גמרא איז געוועזן בבא מציעא, „שנים אוחזים בטלית".

צביון זאָגט מיר איצט שטיקער פון יענער גמרא אויף אויסנ־ווייניק. זיין פּנים שטראַלט־אויף פון ווייטע־ווייטע זכרונות, פון צוריקקער צו די קינדער־יאָרן, ביי די צוויי גמרות — בבא קמא און בבא מציעא.

ווען ער איז געוועזן אַ בחורל פון צוועלף יאָר, איז ער שוין געוועזן אַ גאַנצער למדן. אויסגעלערנט ביים גמרא־מלמד די תורה, דאַרף ער גיין העכער, ווייטער לערנען. ער איז אַוועק מיט זיין טאַטן צופוס אין שטעטל פּאָסוואָל. ער געדענקט דעם גאַנג צופוס. אין פּאָסוואָל האָט דער טאַטע אים אַוועקגעפירט אויף אַן אָרט וואו צו שלאָפן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט דאָרטן אין בית־מדרש ביי דער גמרא און געלערנט מיט דער גאַנצער התמדה.

— מען זאָל מיר ניט געבן קיין עין־הרע, — האָט דער רבי מיר געהייסן אָנהייבן לייגן תפילין אַ שטיק פאַר דער צייט, מע זאָל מיינען, אַז דער צוועלף־יאָריקער איז שוין אַ בר־מצווה־בחור.

אַז ער איז אַלט געוואָרן דרייצן יאָר, האָט מען אים אויפגערופן צו דער תורה.

אָפּגעלערנט גמרא אַ קורצע צייט אין פּאַסוואַל, איז ער אַוועק אין שטעטל וואַבאָלניק. דאָרטן איז שוין געווען אַ ישיבה. ער דער־מאָנט זיך דעם נאָמען פון ראש־הישיבה — ישראל־וועלווע. דאָרטן האָט ער געלערנט אין בית־מדרש אויפן אמתן ישיבה־שטייגער, שוין „געמאַכט אַליין אַ לייענען". ער דערמאָנט זיך, אַז קיין וואַבאָלניק איז ער געגאַנגען צופוס מיט אַ נאָך אַ יינגל, יצחק שמואלסאָן. גייען צוויי אָרעמע יינגלעך צופוס, זוכן די ישיבה אין וואַבאָלניק צו לערנען דאָרטן תורה.

— מע האָט מיך שוין דעמאָלט געהאַלטן פאַר אַ למדן.

נאָך צו בר־מצווה האָט ער געזאָגט אַן אייגענעם הדרן אויף סדר נזיקין.

— יענער שמואלסאָן לעבט היינט אין באַלטימאָר און איז אין אַ מושב זקנים.

אויך דאָרטן איז בן־ציון לאַנג ניט געווען. ער האָט זיך געלאָזט מיט דעם זעלבן בחורל קיין יאַנישאָק. דאָס איז שוין געווען אַ גרעסערע שטאָט, האָט געהאַט אַ בית־מדרש מיט צוויי קלויזן — אין קלויז אויפן שאָסע, דער ראש הישיבה איז דאָרטן געווען ר' מאָטל יאַכעס, דער ווייַן־מאַכער, אַ „גרויסער למדן".

— מאַכט זיך, אַז איך ווער דאָרטן קראַנק, באַקום היץ. די מאַמע איז געקומען מיך נעמען אַהיים.

ווען ער איז געקומען אַהיים, איז שוין דאָס שטעטל געווען אַ ביסל מער אויסגעוואַקסן. דאָרטן איז שוין געווען אַ רב. דער רב איז געווען צום ערשטן מאָל אַ רב, און צום ערשטן מאָל איז געווען אין זיין שטעטל אַ כסא־רבנות. דער נייער רב האָט גענומען לערנען מיטן גוטן יינגל בן־ציון. ווען ער, צביון, איז ניט לאַנג צוריק געווען אין באַלטימאָר, האָט אים זיין שוועסטער, שרה־פייגע, וואָס איז עלטער פון אים, געגעבן דאָס בילד פון דעם רב, ר' אברהם, וואָס איז געווען זיין רבי.

אַז ער איז שוין אַלט געווען קנאַפּע 14 יאָר און פאַרענדיקט דעם זמן מיט רב, האָט דער רב געזאָגט צו זיין טאַטן: „ער דאַרף מער ניט קיין רבין, ער קאָן שוין לערנען אַליין". איז ער אַוועק לערנען אַליין אין שטעטל קראַקינאַווע.

— בין איך געקומען אין שטעטל, אַריין אין דער שניידערשער קלויז. ניט געהאַט וואָס צו עסן, וואו צו שלאָפן. איך האָב גענומען אַ גמרא גיטין, זי אַוועקגעלייגט אויפן שטענדער און זיך געזעצט לערנען.

קומען יידן דאַווענען מנחה, זעען זיי, אַז עפּעס אַ פרעמד יינגל זיצט און לערנט גמרא מעשה למדן. גייט צו צו אים אַ לאַנגער,

דארער ייד — ער זעט אים איצט פאַר זיינע אויגן, — און פרעגט: „יינגל, וואָס טוסטו דאָ?" — „געקומען לערנען". — „ווער וועט מיט דיר לערנען?" — „איך לערן פאַר זיך". — „ווי אַלט ביסטו?" — „איך בין שוין נאָך בר מצווה". — „קאָנסט שוין לערנען פאַר זיך?" — „אַזוי האָט דער רבי געזאָגט".

וואונדערט זיך דער ייד, און פאַרהערט אים. פאַרהערט אַ תוספות — עס איז גוט. פאַרהערט מהרשא — עס איז גוט. „ווי הייסטו, יינגל?" — „בענצקע". צו מעריב האָט שוין בענצקע געהאַט אַלע זיבן „טעג".

אין קלויז האָט זיך שפּעטער באַוויזן נאָך אַ לערנער, אָבער אַן עלטערערע פון אים, אַ פרוש. — דאָרטן האָט בענצקע געלערנט צוויי זמנים.

— אין קראָקינאָווער בית־מדרש איז געווען אַ שמש — דערציילט ער מיר. — דער שמש האָט געהאַט אַ זון מענדקע. האָט ער געקראָגן פון דער פּאָנעוועזשער ביבליאָטעק העברעאישע ביכער צו לייענען. דורך אים האָב איך צום ערשטן מאָל געלייענט „אהבת ציון" און „עיט צבוע".

דער איינדרוק איז געווען אַ גרויסער. צווישן גמרא, תוספות, מהרשא און עסן „טעג" איז אַריינגעקומען „אהבת ציון". ער האָט אָבער ווייטער געלערנט גמרא. אַוועק לערנען אין בית־מדרש פון אַ שטעטל פּאַשוויטין. ניט איינגעזעסן לאַנג אין שטעטל. געגאַנגען פון דאָרטן אין דער גרעסערער שטאָט בויסק.

די אמתע געשיכטע הייבט זיך אָן אין בויסק. דאָרטן איז געווען רב דער גאון ר' מרדכילע בויסקער אָדער ר' מרדכילע עליאַסבערג. ער איז געווען איינער פון די דריי באַרימטע רבנים: ער, ר' שמואל מאָליווער, ביאַליסטאָקער גאון, ר' הירש־לייב וואָלאָזשינער, וואָס האָבן מתיר געמאַכט שמיטה אין ארץ־ישראל. דעמאָלט האָט בענצקע צום ערשטן מאָל געהערט דאָס וואָרט און דעם רעיון: „חיבת ציון".

ער האָט דאָרטן צום ערשטן מאָל געהערט דעם חיבת־ציון מטיף יפה און עפּס וויכטיקס האָט זיך אין אים איינגעבראָכן.

— ווערן אַן ערד־אַרבעטער האָט מיך ניט געצויגן. מיר זיינען דאָך געווען ערד־אַרבעטער. אָבער אַן ערד־אַרבעטער אין ארץ־ישראל — דאָס האָט מיך פאַראינטריגירט.

ער דערציילט מיר, אַז דער גאון ר' מרדכילע בויסקער איז געווען אַ קראַנקער. געלעגן מערסטנס אין בעט. אַ מנין צום דאַווענען איז געווען ביי אים אין הויז. עס פלעגן קומען צו אים די גרעסטע רבנים. ער האָט געפירט אַ גרויסן בריוו־אויסטויש. האָט ער גע־

דארפט האָבן אַ מין סעקרעטאַר, וואָס קאָן לערנען, שרייבן, גוט אויסלייגן העברעאיש, און אויך שרייבן אַדרעסן.

ער, בענצקע, האָט דעמאָלט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט צו זיך. יונג, קליין געוואַקסן און אַ למדן. ער האָט דאָרטן געהאַט אַ חבר, יאַנקל, זון פון יקותיאל דעם דיין, אַ געניאַלער קאָפּ, אַ למדן — מאַטעמאַטיקער־פיזיקער; און — אַ ביסל אַ צעדרייטער. ער האָט רעקאָמענדירט צביונען צו זיין דער סעקרעטאַר פון גאון ר׳ מרדכילע בויסקער.

דער גאון, אַ קליינינקער, אַ דאַרינקער, פלעגט ליגן אויף זיין געלעגער און זיין יונגער סעקרעטאַר פלעגט פאַר אים פאַרלייענען, שרייבן זיינע בריוו, שרייבן די אַדרעסן אויף פרעמדע לשונות. — דאָס איז געווען — זאָגט צביון — מיין ערשט שרייבן.

ביי ר׳ מרדכילע בויסקער האָט צביון געפונען אַ רייכע ביבליאָטעק פון ביכער, צייטונגען. דאָרטן האָט ער געפונען דעם העברעאישן ספר וועגן כעמיע „הרכבה והפרדה" וועגן מעכאַניק, מאַגנעטיזם, „המנוחה והתנועה", דעם „מורה נבוכים", אַ סך דייטשע ביכער. ווי אַזוי ער האָט זיך אויסגעלערנט דייטש ווייס ער אַליין ניט. אַזוי האָט ער זיך אויסגעלערנט אויך רוסיש.

— בין איך אַוועק לערנען ווייטער אין וואָלאָזשינער ישיבה.

דער גאון ר׳ מרדכילע בויסקער האָט געשריבן אַ בריוו וועגן צביונען צום ראש פון וואָלאָזשינער ישיבה, הרב בערלין. ער איז אַוועק אַהין, געזעצט זיך לערנען אין באַרימטן וואָלאָזשין, מיט דער דעה צו ווערן אַ רב. ער איז אָבער דאָרטן לאַנג ניט געווען, ווייל בינו לבינו איז געוואָרן די וואָלאָזשינער ישיבה פאַרמאַכט.

אויס וואָלאָזשין, גייט ער קיין ווילנע. דער ציל איז געווען — ווערן אַ רב ביי יידן. ער האָט זיך געזעצט לערנען אין ווילנע, אויף אַנטאָקאָל, אין דאָרטיקן בית־מדרש. ער האָט זיך אָבער ניט באַנוגנט מיט יידישער תורה. זיך געלערנט אויך וועלטלעך וויסן. אַזוי אַרום, איז ער אַראָפּ פון דרך צו ווערן אַ רב. געהערט שעורים ביים רב ר׳ יצחק ריינעס אין שיטת הגיון. דערמאָנט ער זיך, אַז ער האָט דעמאָלט געקראָגן סמיכה ביים ווילנער אב בית דין, ביים רב ר׳ שלמהלע קרעטשמער. ער האָט שוין דעמאָלט גענומען די סמיכה נאָר כדי מהנה צו זיין דעם טאַטן זיינעם, וואָס האָט אָפּגעגעבן דעם לעצטן רובל פאַר מאַכן זיין זון פאַר אַ רב. אין יענער צייט איז זיין חבר פון בית־מדרש, וואָס האָט אויך געהייסן בן־ציון, געוואָרן אַ רב אין סימפעראָפּאָל. דורך אַ טעות, האָט מען אָנגעזאָגט צביונס טאַטן, אַז זיין זון בן־ציון איז געוואָרן אַ רב אין סימפעראָפּאָל. מע האָט פאַרמישט די נעמען. זיין טאַטע, פאַרשטייט זיך, האָט זיך

דערפריים, געהאט נחת פון זיין זון. כדי ניט מצער צו זיין זיין טאטן, ווען ער וועט געוואר ווערן פון טעות, איז צביון געגאנגען נאך סמיכה צום ווילנער אב בית דין. געקראגן די סמיכה און עס אפגעשיקט צום טאטן זיינעם.

— מיט דער סמיכה האט זיך געענדיקט א תקופה אין מיין לעבן. איך בין אוועק זיך גרייטן צום עקזאמען אויף „אטעסטאט זרעלאסטי" אין ווילנע.

צווישן זיין 19טן און 20־טן יאר האט ער אויסגעהאלטן דעם עקזאמען. געגאנגען שפעטער צום פריזיוו און איז באפרייט געווארן, צוליב קורצזיכטיקייט, באקומען א „בלויען בילעט". ער האט געוואלט שטודירן אויף אינזשענער. צוליב דער פראצענט־נארמע האט ער ניט געקאנט אריין אין ריגער פאליטעכניקום. איז זיין פלאן געווען צו גיין שטודירן אין אויסלאנד.

דערמאנט ער זיך, אז אין יענער צייט איז ער שוין געווען נאענט צו דער ארבעטער־באוועגונג, וואס האט זיך אנגעהויבן. דעמאלט איז געווען אנגענומען צו „גיין אין פאלק" און, קודם־כל, צו ווערן אן ארבעטער.

— איך האב געוואלט ווערן א שלאסער. דער געוועזענער אונטער־שמש, שפעטער באקאנטער בונדיסט, און נאך שפעטער באַרימטער פראוואקאטאר, קאפלינסקי, האט מיר אבער געעצהט: „אנשטאט צו ווערן א שלאסער ווער אן אינזשענער".

ער האט עס אנגענומען. געטראכט צו ווערן אן אינזשענער.

זאג איך צו אים:

— איך ווייס, אז אייער ערשטע פאליטישע טעטיקייט אין יענער צייט איז געווען אין ציוניזם.

— עס איז כמעט אמת — ענטפערט ער. — אין ריגע האב איך געגרינדעט דעם ערשטן סטודענטישן ציוניסטיש־סאציאליסטישן קרייז. אבער אין יענער צייט האב איך אויך באקומען די ערשטע ליטעראטור פון „בונד", וואס האט זיך דעמאלט אנגעהויבן גרינדן. איך האב זיך מיט דעם באקענט און צו מיר געזאגט: „דא האסטו וואס דו האסט געזוכט".

פארענדיקט אין אונדזער שמועס מיט דער יונגער תקופה אין צביונס לעבן — פון זיין קינדהייט ביזן סטודענט, פון דער גמרא ביזן „בונד", גייען מיר איבער צו עטלעכע עיקר־פראגעס פון אונדזער צייט. די ערשטע פראגע, וואס איך פרעג צביונען, איז: וואס איז זיין מיינונג וועגן דער צוקונפט פון די יידן אין אמעריקע?

ער איז וועגן דעם ניט צו אָפּטימיסטיש. אַז יידן וועלן זיין אין אַמעריקע איז ביי אים ניט קיין פראַגע. ער קאָן אָבער גאָרניט זאָגן קלאָר וועגן דעם אינהאַלט פון יידישן נאַציאָנאַלן זיין אין אַמעריקע.

מיר האָבן אַ פאַרגאַנגענהייט — דאָס איז זיכער. מיר האָבן אַ היינט — אויף דעם זיינען מיר עדות. מאָרגן? — געוויס וועט זיין אויך אַ מאָרגן, — הגם ווי וועט אויסזען דער מאָרגן? וואָס וועט זיין זיין אינהאַלט? — איז איצט ניט קלאָר. דער נעכטן האָט אַ שטאַרקע ווירקונג אויפן היינט. דער היינט האָט אַ לאַנגע ווירקונג אויפן מאָרגן. פאָרמען פון נאַציאָנאַלן לעבן אין מאָרגן? — שווער פאָראויסצוזען. מיט קוואַנטיטעט זיינען מיר זיכער. די קוואַנ־טיטעט מוז אַריבערגיין אין קוואַליטעט. אין היינט זיינען אָנגעקליבן אַ סך עלעמענטן, כוחות און שיריים פון נעכטן. זיי קאָנען ניט פאַרלירן זייער ווירקונג אויך אין מאָרגן. דער ווילן צו זיין אַ יידישע איינהייט — לאָמיר עס רופן ניט פאָלק, נאָר אַן איינס, — איז דאָ אין אַלע שיכטן, אין אַלע טיילן און גרופּעס פון יידישן פאָלק אין אַמעריקע. איך געפין עס אַפילו אין די, וואָס קעמפן קעגן יידישן נאַציאָנאַלן זיין. אַפילו אין ווערן זיך קעגן געוויסע וועגן און פאָרמען פון יידישקייט אין אַמעריקע, איז דאָ פאַקטיש אַ ווילן צו זיין. עס קומען פאָר גרויסע ענדערונגען אין דער געזעלשאַפט, אין דער וועלט. דאָס לעבן איז ניט סטאַביל, דעריבער איז אויך ניט מעגלעך צו ריידן וועגן איינגעשטעלטע, סטאַבילע אויסדרוק־פאָרמען פון פאָלקס־זיין.

— איר זייט דאָך אַן אינזשענער — זאָג איך צו אים. — איר ווייסט דאָך, אַז צו בויען אַ בנין דאַרף מען האָבן אַ זיכערן פונדאַמענט. אַז מע בויט אַ טורעם, בויט מען אים דאָך פון פאַר־שיידענע עלעמענטן, דאַרף מען דאָך פריער וויסן די עלעמענטן, די כוחות, פון וועלכע מע בויט. דאַרף מען עס דאָך אויך וויסן וועגן דעם בנין פון אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן אין אַמעריקע.

— אַז איר גייט בויען אַ טורעם — ענטפערט ער מיר — איז אמת, אַז איר ווייסט די באַדינגונגען, די כוחות, די מעכאַניק, די פיזיק, אָבער ענדערן זיך די באַדינגונגען, קומט, למשל, אַן ערדציטער־ניש, מוז מען ענדערן די בוי־פּלענער.

ער קערט זיך אום צום אָנהייב פון זיין געדאַנק:

— ווילן יידן עקסיסטירן? יאָ, זיי ווילן. אין דעם זיינען מיר אַלע מסכים. און אַלע עלעמענטן, און אַלע נעכטנס און היינטס ווערן צוגעטראָגן צו דעם זיין, צום בנין. איך וואַרף ניט אָראָפּ קיין כוח פון אונדזער וואָגן. איך וואַרף אַפילו ניט אָראָפּ דעם „קאָונסיל פאַר דזשודאַאיזם".

— דערלויבט מיר אייך צו פרעגן זייער קאָנקרעט, און איך בעט ביי אייך אַ קאָנקרעטן ענטפער. איר רעדט וועגן נעכטן, היינט און מאָרגן פון אונדזער פאָלק. איר רעדט וועגן כוחות, וואָס שטעלן צוזאַמען אונדזער פאָלק, אָבער איך וויל וויסן וועגן איין ענין, וועגן דעם ענין וועלן. ווילט איר טאַקע, איר טאַקע, צביון, ווילט איר דעם קיום פון אונדזער פאָלק, ווי אַ פאָלק אונטער אַלע אומשטענדן?

טראַכט ער אַ ווײַלע, זוכט אַ קלאָרן ענטפער, און זאָגט אַזוי:

— דער פאַקט, אַז איך בין, ווײַזט, אַז איך וויל.

הגם ער איז ביז היינט אַלץ אַן אָנהענגער פון דער היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישער פילאָסאָפיע, זאָגט ער, איז דאָך באַוויזן געוואָרן, מער ווי אין מאַרקסעס צייטן, די באַדייטונג און ווירקונג פון מענטש־לעכן ווילן. דער ווילן קומט אַרויס פון אַ ריי סיבות, אויך פון אַ ריי מאַטעריאַליסטישע סיבות, אָבער ער ווערט אַ כוח פאַר זיך אַליין, ער באַקומט געוויכט זעלבסטשטענדיק.

טאָמער איז דאָס פאַר מיר נאָך ניט קלאָר, זאָגט ער:

— אַזוי ווי עס איז דאָ ביי אַ יחיד דער ווילן צו לעבן, צו זיין, צו עקסיסטירן, מוזן מיר אויך אָנערקענען דעם פאַקט פונעם ווילן פון כלל. עס איז אַפילו איצט ניט וויכטיק דער מין און אופן פון עקסיסטירן. וויכטיק איז דאָס עקסיסטירן גופא. דער ווילן פון איינציקע ווערט ביי אַ כלל, ביי אַ קאָלעקטיוו אַן אַלגעמיינער סכום פון ווילן — אינטעגראַלער ווילן. צוויי קרעפטן, וואָס גייען אַפילו אין באַזונדערע ריכטונגען — זאָגט ער — געשעעט אָפט, אַז זיי ווערן איינס.

ער רעדט וועגן פאַרשיידענע, אויבאויפיק קעגנגעזעצטע, עלע־מענטן אין יידישן פאָלק, וואָס, צוזאַמען גענומען, ווערן זיי דאָך איינס.

— איך, למשל, — זאָגט ער — קאָן ניט אַוועק פון פאָלק, אַפילו ווען איך זאָל וועלן. און פאַרוואָס גייען ניט אַוועק די, וואָס קאָנען אַוועק? עס איז די אינטעגראַציע פון אַ גרופּע. מיר עקסיסטירן און וועלן עקסיסטירן. ווי לאַנג? איך טראַכט קיינמאָל ניט אין טערמינען פון אייביקייט.

גייען מיר איבער צום ענין יידישע קולטור, יידישע שפּראַך, יידישע ליטעראַטור. איך דערמאָן אים, אַז ער איז פון די ראשונים אין אַרבעטער־רינג ביים קאַמף פאַר דער יידישער שול.

— די דאָליע פון דער יידישער שפּראַך — זאָגט ער — איז אַ שלעכטע. אָט דאָס זעען מיר אַלע. מע דאַרף אָבער, מע מוז אָבער אַזוי לאַנג אַרבעטן, טאָן, ווי מע קאָן. די, וואָס שטעלן די

פראגע, — וואָס וועט זיין שפּעטער? זיי זיינען די גרעסטע בעלי־יאוש, צווייפלער.

גיי איך איבער צו אַן אַנדער פראַגע:

— מיט זעכציק יאָר צוריק האָט איר אָנגעהויבן גלויבן אין סאָציאַליזם. גלויבט איר נאָך היינט?

— איך גלויב, איך גלויב היינט נאָך שטאַרקער. מיר האָבן געגלויבט, אַז דער עקאָנאָמישער פאַקטאָר איז אַלץ. דאָס איז ניט ריכטיק. דאָס לעבן איז ניט קיין פּשוטער מעכאַניזם, אַ מאַשין, וואָס ווערט באַוועגט נאָר פון עקאָנאָמישן פאַקטאָר. מיר האָבן געזען אַ סך כוחות, וואָס באַוועגן די מאַשין. מוזן מיר זיי נעמען אין קאָן. אָבער די עיקרים פון סאָציאַליזם זיינען שטאָל־פעסט. די פּראָדוקציע מוז און וועט ווערן פאַרגעזעלשאַפטלעכט. דער קאַפּיטאַל וועט און מוז ווערן נויטווענדיקערהייט קאָנצענטרירט. עס זיינען געוואָרן מער געביטן, אויף וועלכע דער מענטש וועט בלייבן אַליין מיט זיך. דאָס געביט פון יחיד וועט אויסגעברייטערט ווערן. אַ סך מער זאַכן געהערן און וועלן געהערן צום פּערזענלעכן לעבן. וואָס איז געווען אַמאָל די מעבל פון אַ מענטש אין שטוב? — אַ בענקל, אַ שטול, אַ טיש. היינט באַשטייט דעם מענטשנס הויז פון אַ סך מער קעגנשטאַנדן, וואָס מוזן געהערן צו אים, צום יחיד. פאַרשונג, למשל, געהערט צום יחיד. קונסט געהערט צו אים. עס איז דאָך אָבער באַוויזן געוואָרן, אַז דער וויסנשאַפטלער — דער יחיד קאָן אַליין גאָרניט אויפטאָן. עס מוז ווערן אַ כּלל־זאַך, אַ זאַך פון קאָלעקטיוו, אַ זאַך פון דער געזעלשאַפט.

— מיין גלויבן אין דעמאָקראַטיע איז ניט געשעדיקט געוואָרן, ניט געקוקט אויף אַ ריי דורכפאַלן פון דער דעמאָקראַטישער אָרדענונג. עס הייסט ניט, אַז די דעמאָקראַטיע טויג ניט. עס הייסט, אַז די פאָרמען האָבן ניט געטויגט.

— וואָס איז אייער מיינונג וועגן סאָוועט־רוסלאַנד?

— איך בין אַ קעגנער פון דיקטאַטור בכלל, די סאָוועטישע דיקטאַטור אַריינגערעכנט. דאָך גלויב איך, אַז אין רוסלאַנד וועט סוף־כּל־סוף זיין אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג, אפשר גאָר גיכער ווי אין אַנדערע לענדער. זי דאַרף נאָר דורכמאַכן אַן אינערלעכע רעוואָלוציע, וואָס איז מעגלעך און וואַרשיינלעך.

— וואָס איז אייער סך־הכּלדיקע מיינונג וועגן מדינת ישראל?

— פעלקער האָבן לענדער — ענטפערט ער — און מע קאָן ניט זאָגן, אַז יידן טאָרן ניט אָדער דאַרפן ניט, אָדער ווילן ניט האָבן אַן אייגן לאַנד. אמת, וועלן אַליין איז ניט גענוג. איך האַלט, אַז דער אונטערגאַנג פון מדינת ישראל וואָלט געווען איינע פון די

גרעסטע קאַטאַסטראָפעס אין יידישן לעבן. מיר דאַרפן דעריבער אַלץ טאָן, עס זאָל ניט קומען צו אַזאַ קאַטאַסטראָפע. פּערלויפיק בין איך אָבער אומרואיק פאַרן שיקזאַל פון מדינת־ישראל. מע טרייבט דאָרטן צו אַ קאַטאַסטראָפע. אויג פאַר אַן אויג, צאָן פאַר אַ צאָן — אַזאַ פּאָליטיק מוז טרייבן צו אַ קאַטאַסטראָפע. איך גלויב — זאָגט ער ווייטער — אַז די יידישע מלוכה איז אַ סענטימענט ביי מיליאָנען יידן. מדינת ישראל האָט גאָרניט צו טאָן מיט לייזן עקאָנאָמישע פּראָגעס פון יידישן פאָלק. דער גרעסטער טייל פון יידישן פאָלק אין אַמעריקע איז עקאָנאָמיש איינגעאָרדנט און וויל ניט אַוועק פון דאַנען .די מלוכה מדינת ישראל דאַרף באַטראַכט ווערן ווי אַ סימבאָל.

— מיינט איר, אַז מע דאַרף אויפהאַלטן דעם סימבאָל? גלויבט איר, אַז מע קאָן אים אויפהאַלטן?

זיין ענטפער איז זייער קלאָר:

— איך גלויב, אַז יאָ. איך מיין, אַז מע דאַרף אים אויפהאַלטן. מע דאַרף נאָר אַרויסנעמען פון אים די קראַנקייט־באַצילן.

— גלויבט איר אין דער יידישער מיסיע אַלס אַ וועלט־פאָלק? גלויבט איר אין דער ספּעציעלער מיסיע פון מדינת־ישראל?

ענטפערט ער אַזוי:

— ישעיה הנביא טראָגן ניט מיר אַליין. אפשר טראָגן אים די ענגלענדער מער ווי מיר. די ביבל געהערט צו דער גאַנצער וועלט. ווי קאָן זיין — זאָגט ער — מדינת־ישראל אַ „נס לגויים" ווען אומעטום קעמפט מען, און מיר קעמפן אין אַמעריקע, אָפּצוטיילן רעליגיעס פון דער מלוכה און מדינת ישראל בויט זיך אויפן יסוד פון ענגער שייכות פון רעליגיע צו דער מלוכה.

— איז זייט געווען אַ בונדיסט — זאָג איך צו אים — און איר שרייבט נאָך היינט, אַז איר זייט אַ בונדיסט. וואָס מיינט עס ביי אייך — זיין אַ בונדיסט אין אַמעריקע?

— מיר האָבן געהאַט אַמאָל אַ קאָנצעפּציע, אַז די גרענעצן פון „בונד" ענדיקן זיך ביי ווערזשבאָלאָווע, וואו עס איז געווען די רוסיש־דייטשע גרענעץ. דאָס איז געווען אַ פאַלשע קאָנצעפּציע, הגם זי איז געווען אַ פּועל־יוצא פון די דעמאָלטיקע פּאָליטישע און געאָגראַפישע באַדינגונגען. איז מען געווען אַ טייל פון אַ סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון אַ באַשטימט לאַנד, האָט זיך מיט די גרענעצן פון יענעם לאַנד געענדיקט די ספּערע פון איינפלוס און מעשים. אין דער אמתן ווייסן מיר און זען מיר, אַז וואו נאָר יידישע גרופּעס האָבן געלעבט, האָבן זיי געהאַט גייסטיקע היסטאָרישע שייכותן מיט אַנדערע יידישע גרופּעס אין דער וועלט.

— „בונד" אין אמעריקע? זאָגט ער. — מע קאָן ניט האָבן א יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין אַמעריקע, ווייל עס איז ניטאָ קיין אַלגעמיינע אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. ווען עס וואָלטן געווען, למשל, צוועלף מיליאָן אַרבעטער־סאָציאַליסטן אין אַמעריקע, וואָלט געווען א פּלאַץ פאַר א האַלבן מיליאָן יידישע אַרבעטער־סאָציאַליסטן. אין איצטיגן מאָמענט האָט דער „בונד" אין אַמעריקע יידישע קולטור־אויפגאַבעס. אונדזערע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען אין אַמעריקע? — איך האַלט ניט, אַז א פּאָליטישע פּאַרטיי האָט אייביקע פאָדערונגען. נייע אומשטענדן, נייע באַדינגונגען — נייע פאָדערונגען. אויב ענגליש ווערט די שפּראַך פון די יידן אין אַמעריקע, איז דאָ א קנאַפּער פּלאַץ פאַר יידישער קולטור־טעטיקייט פון „בונד". אָבער וואָס זאָלן מיר גיין צו ווייט אין דער צוקונפט? — די אויפגאַבע איז איצט צו פאַרשפּרייטן דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק צווישן יידן, טאָן קולטור־אַרבעט. פאַר דעם דאַרף מען האָבן א באַזונדערע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל פירן אַגיטאַציע. מע דאַרף האַלטן אָרגאַניזירט די מענטשן.

מיר גייען אַריבער צו עטלעכע פראַגעס פון א מער אינטימען כאַראַקטער. ער זאָגט מיר אַזוי:

— מיין ראָל אין דער יידישער זשורנאַליסטיק? איך בין שוין א סך יאָרן א יידישער שרייבער. איך האָב געשריבן יידיש, אויך העברעאיש. איך האָב אָנגעהויבן מיין שרייבערישע קאַריערע אין 1904, אין דער אַמאָל באַרימטער צייטונג „דער פריינד", וואָס איז דערשינען אין פעטערבורג. פון דאָרט איז אויך אַרויסגעקומען מיין פּסעוודאָנים „צביון" — פון בן־ציון איז געוואָרן דער נאָמען „צביון". איך האָב אין מיינע ערשטע שרייבערשע יאָרן געאַרבעט אין העברעאישן „הזמן", אין ווילנע. אין אַמעריקע האָב איך אין 1918־1919 געשריבן אין בריינינס „התורן". געווען דער רעדאַקטאָר פון דער ערשטער העברעאישער צייטונג אין ניו־יאָרק „היום", סוף 1909, וואָס האָט עקסיסטירט דריי חדשים. איך האָב געשריבן אין העברעאיש דעם ערשטן אַרטיקל וועגן אַן עראָפּלאַן, אונטער א מליצהדיקן נאָמען „מגדל הפורח באויר". איך בין געווען א מיטגליד אין רעדאַקציע־קאָלעגיע פון דער „צוקונפט" אין 1911. מיין הויפּט־אַרבעט איז געווען במשך צענדליקער יאָרן אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס".

— איך האָב אין מיינע יונגע יאָרן ניט געפּלאַנט צו ווערן און בלייבן א יידישער שרייבער. מיך האָט געצויגן צו וויסנשאַפט. איך האָב געאַרבעט אין אַמעריקע ווי אַן עלעקטראָ־אינזשענער, געאַרבעט אין דער אויטאָמאָביל־אינדוסטריע. געקלערט זיך אומקערן

צוריק אין איירָאפּע און אַרבעטן דאָרטן אין דער אינדוסטריע. דאָס האָט ניט פּאַסירט. געבליבן אין אַמעריקע. אַריבער אויף שטענדיק צו זשורנאַליסטיק. איך קאָן אָבער ניט זאָגן, אַז איך האָב באַטראַכט מיין זשורנאַליסישע אַרבעט פאַר אַ שליחות און מיסיע, אַז איך האָב אויסגעאַרבעט אַ פּראָגראַם און געשטעלט פאַר זיך באַשטימטע אויפגאַבן. איך האָב זיך באַמיט צו טאָן גוט מיין אַרבעט, זיך באַמיט זיין וואָס בעסער, בעסער אין געדאַנק, אין דער שפּראַך, אין קלאָרקייט. מען לייענט מיך לייכט? — בין איך צופרידן, אָבער איך אַרבעט גאַנץ שווער. דער לייענער האָט מיך ניט אַנטוישט. איך האָב אַ צאָל גוטע לייענער, וואָס רופן זיך אָפּ.

ער האָט זיך — זאָגט ער — קיינמאָל ניט געהאַלטן ביחידות. ער איז געווען אַ מעורב בין הבריות. געווען טעטיק אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אַקטיוו אין דער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע. געווען איינער פון די רעדאַקטאָרן פון דער סאָציאַליסטישער „נייער וועלט", פון „פריינד" פון אַרבעטער־רינג, פון דער „נייער פּאָסט" פון די קלאָוקמאַכערס. ער דערמאָנט זיך, אַגב, אָן זיינעם אַ שטורמישן אַרטיקל אין דער „נייער פּאָסט", וואָס האָט געהייסן „לא תגנב!" לאַנגע יאָרן איז ער געווען אַ רעדאַקטאָר פון דער „גערעכטיקייט" פון אינטערנעשאָנאַל. ער האָט געשריבן די געשיכטע פון די קלאָוקמאַכערס. געווען מיט דער באַוועגונג, מיטן עולם, ניט פאַרבאַהאַלטן זיך אין יחידות.

דערלויב איך מיר, צום סוף, אים צו פרעגן:

— אַז איר גיט אַ קוק הינטער זיך, אויף אייערע אָוועקגעגאַנגענע שמונים שנה, און איר מאַכט אַ חשבון הנפש, אייער סך־הכל, וואָס באַקומט איר דעמאָלט אַרויס?

— איך קאָן אייך אויף דעם ניט ענטפערן, זאָגט ער. — איך האָב נאָך מיין סך־הכל ניט געמאַכט, קאָן איך גאָרניט זאָגן. איך האָב נאָך אַ סך צייט פאַר דעם.

אונדזער שמועס האָט זיך געצויגן אַז איבעררייס אַרום פינף שעה צייט — פון מיטן טאָג ביז שפּעט אין אָוונט, אין סי־גייט, ביים ברעג ים.

איך האָב זיך מיט אים געזעגנט. זיין געדאַנק איז אַזוי קלאָר און זיין זכרון אַזוי פריש צו אַכציק יאָר.

— פאַרשפּאָר איך אייך צו ווינטשן אריכת ימים, דאָס ליגט דאָך ניט אונטער קיין ספק — האָב איך צו אים געזאָגט.

— מיין מאַמע — זאָגט ער מיר — האָט געלעבט 86 יאָר און איר עלטערע שוועסטער, מיין מומע חיה, האָט געלעבט 97 יאָר.

— ווינטש איך אייך הונדערט און צוואַנציק.

ה. רויזנבלאט

ווען איך האָב געענדיקט דעם שמועס

מיט ה. רויזנבלאַט, האָב איך געהאַט אַ געפיל, ווי איך וואָלט אַרויס סוף זומער־צייט פון אַ היימישן סאָסנע־וואַלד, וואָס זיינע ביימער־שפּיצן זיינען איינגעטונקט אין גאָלד פון שקיעה.

מיר זיינען דורכגעגאַנגען אַ לעבן פון אַ דריי־פערטל יאָרהונדערט. געזען שאָטנס פון אַוועקגעגאַנגענע, געהערט עכאָס פון פופציק יאָר געזען שאָטנס פון אַוועקגעגאַנגענע, געהערט עכאָס פון פופציק יאָר, שוועבט צווישן רמז און וואָרהאַפּט —

„די וואָר איז די זריעה פון חלום,
דעם חלום — דער וואָרצל פון אמת..."

און איצט — ווי ברענגט מען עס אַרויס אויף געציילטע זייטלעך פּאַפּיר?

÷ ✧ ÷

ה. רויזנבלאַט, דער פינף און זיבעציק־יאָריקער, וואוינט אין אַ יונגער, שטילער, ציכטיקער שכונה פון איין־פאַמיליע־הייזלעך הינטער לאָס־אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע. אַ בוים ביים גאַניק, שטיקלעך פעלד פון ביידע זייטן הויז, אַ ביסל בלומען. אַליין באַוואַסערט מען, מע שניידט אָפּ דאָס גראָז. עס איז אַן אַמעריקאַנער שכונה — געמיטלעך, איינער קען דעם צווייטן. שלום ושלווה.

— גיי איך איינמאָל איבער אונדזער אַלייע־געסל — דערציילט מיר ה. רויזנבלאַט. — ערשט שכנים באַגריסן מיך מיט אַ נייעם נאָמען: „האַו דו יו דו, דאָקטאָר רויזנבלאַט!" וואָס עפּעס „דאָקטאָר"? זיי האָבן געהערט פון מיין מלכהן, אַז איך האָב באַקומען אַ ליטעראַטור־פּרעמיע. ווי־באַלד אַזוי, היים איך שוין מער ניט „מיסטער רויזנבלאַט", נאָר „דאָקטאָר רויזנבלאַט".

— צוויי סיבות האבן מיך געבראכט צו אייך, „דאקטאר רויזנ־בלאט", — זאג איך אים: אייער 75־יאריקער יום־טוב און אייער ניי בוך, „אין שענצטן טאג פון הארבסט".

— און סתם אזוי איז ניט גענוג?.. עס איז דא ביי מיר געווען א היפשע צייט חיים גראדע, פון וועמען איך האלט שטארק. איז ער ארומ־געלאפן איבערן צימער און געוואלדעוועט ערב זיינע לעקציעס — „אז מיין קאפ איז פוסט, וועלף לויפן ארום"... און איך האב הנאה געהאט.

— ווי שיקט זיך דאס? — פרעג איך אים — וואס איך הער אין שטאט נאר גוטס וועגן אייך, אייערע חכמות, מעשים־טובים. סטייטש, קיינער איז דאך ניט קיין נביא ביי זיך אין שטאט?

— איך קאן אייך געבן דעם רעצעפט. האט ליב מענטשן, וועלן זיי זיין אייערע פריינד. ווערסטו אין כעס אויף מענטשן, כאפ זיך אליין ביים האנט: „און דו, שיינער מענטש, ביסט א צדיק?".

— איך האב דא געהערט — זאג איך צו אים — אז איר האט דא א צייט געמאכט א לעבן פון דעם, וואס איר האט אנגעטאן א גלאנציק היטל פון אן „אשער" און געשטאנען ביי א טיר פון א לאס־אנדזשעלעסער מאווי, קאנטראלירט די בילעטן. איז דאס אמת?

— אמת — שמייכלט ער. — נאר מסתמא בין איך געווען א שלעכ־טער „אשער". מע האט מיר געהייסן אויסטאן דאס גענעראלסקע היטל, און אוועקגעשיקט. דאס איז געווען מיט צען יאר צוריק, אקוראט צו מיין 65סטן געבוירנטאג.

מיר גייען צוריק צו זיין רעצעפט — ווי אזוי צו לעבן מיט מענטשן:

ווילסטו זיך קריגן, זידלען? — טו עס פאר זיך אליין. איז געקומען א זאאיקע צום רב מיט א הארבער טענה. האט אים דער רב געזאגט: „זא־איקע זיך אוים א ביסל פון יענער זייט טיר און נאכדעם קום אריין א פארטיקער".

ער רעכנט אוים וויפל פרנסות ער האט שוין געהאט:

— געארבעט ביי „קלאוקס", געצויגן פאסטריגעס, אנגעשטעלט ביי „דראי־גודס", געווען א רייזנדער, געמאכט א ליקער־געשעפטל, גע־עפנט א רעסטאראנדל, געווען א פארזיכערונג־אגענט, געארבעט אין אן אייזן־פאבריק, געווען א קולטור־דירעקטאר ביים נאציאנאלן ארבעטער־פארבאנד.

גייען מיר ארוים א וויילע אין דרויסן, שטייען ביי זיין גאניק. ער קוקט מיט מנוחה אויף זיין קליין פעלד, אויף זיין בוים, אויף די שכנות־דיקע שטילע הייזלעך.

— איך בין אַ דאָרפישער, פון אַן אוקראַיִנישן דאָרף. די שלווה איז אין מיין געמיט. —

„גאָטס האַנט איז די, וואָס גיט,
וואָס היט און פירט בשלום
די שיפן מיינע פריי —
מיין ליד, מיין פרייד, מיין חלום..."

אין זיין הויז — אַ פּאָר אַמעריקאַנער דאָרפישע צימערלעך. דער עס־טיש — אַ פּשוטער, פון נאַטור־קאָליר. דאָס שרייב־צימער — אַ שמאָלער מיט אַ קליינעם שרייב־טיש. אַן עלטערע יידישע רעמינגטאָן־שרייב־מאַשין, פּאַפּיר און ביכער, און צווישן זיי — אַ פלעשל וויטאַמין־פּילן. דאָס גאַסט־צימער — איינפאַך מעבלירט; פאַרעלטערטע, אָבער גוט־געהאַל־טענע שטיקלעך מעבל. עטלעכע פאָטאָגראַפיעס אויף די ווענט, אויף די פּאָליצעס און שאַפעס. אַ בילד פון פרץ הירשביינס משפּחה. אַ פּאָר מאָ־לערישע צייכענונגען, געמעלן פון עלטערע יידן־טיפּן. אַ פּאָרטרעט פון ה. רויזנבלאַט, געמאָלט פון אַברהם לעוויטאַן. אַ בילד פון זיין טאָכטער און איידעם, אַלט־פרענקישע לאָמפּן, אַ ליימענער בלומען־טאָפּ, אַ בעט, אַ טיש, שטולן.

— דאָס איז מיין גאַנץ באַלעבאַטישקייט.

ער ווייזט מיר אויפן פאָטאָגראַפישן בילד פון אַברהם סוצקעווער, זיין פרוי און טעכטערל, אויף וועלכן עס איז דאָ סוצקעווערס אויפשריפט:

„די פרוי הייסט פרידע,
דאָס טאָכטערל — רינע,
און דער טאַטע — אַ יידישער שרייבער
אין דער העברעאישער מדינה".

— ווי אַזוי קומט עס, איר זאָלט זיך באַזעצן אין לאָס־אַנדזשעלעס?
— פרעג איך אים — וויט פון ניו־יאָרק, פון ליטעראַטור־צענטער...
קוקט ער מיך אָן מיט זיין גוט, קלוג פּנים. זיינע בלויע אויגן אונ־טערן ווייסן קאָפּ פאַרמאַכן זיך אַ רגע. ער טוט נאָכדעם אַ שמייכל, אַ מאַך מיט דער האַנט:
— ווייס איך וואָס, אַ לאַנגע געשיכטע. מאַכן זי קורץ? — משפּחה־ענינים... געוואָלט אַוועק פון ניו־יאָרק, קומט צו מיר יואל ענטין און זאָגט אַזוי:
— „ראַזע" — אַנשטאָט רויזנבלאַט — פאָר אַרוים איבער אַמע־ריקע לטובת דעם יידישן לערער־סעמינאַר.

ער האָט עס אָנגענומען, און אַרויסגעפאָרן. ער האָט זיך פאַרהאַלטן אין דעטראָיט, זיך דאָרטן באַזעצט אויף אַ קורצע צייט — רעדאַקטירט דאָרטן אַ וואָכן־צייטונג. זיך באַגעגנט דאָרטן מיט זיין איצטיקער פרוי, מלכה. זי איז געווען אַ קראַנקן־שוועסטער, אַ נוירס. ער האָט זיך פאַר־ליבט אין איר, חתונה געהאַט און — אין איינעם אַוועק איבער אַמעריקע, און דערגאַנגען ביז לאָס־אַנדזשעלעס. די שטאָט איז אים געפעלן געוואָרן. קיין מאַיאָנטקעס האָבן זיי ביידע אין ערגעץ ניט געהאַט, איז זאָל זיין לאָס אַנדזשעלעס. דאָס איז געווען אין יאָר 1921. זי, מלכה, איז אין דער שעה ניטאָ אין שטוב. זי אַרבעט ווי אַ קראַנקן־שוועסטער אין אַ שפּיטאָל, זיבן מייל פון דאַנען. זי וועט שפּעטער אָנקומען מיט איר אַלטער „טאַ־ראַטאַיקע”, מיט איר מאַשין.

עס איז געווען אַ גליקלעכער צופאַל מיין אַוועקגיין אַהער — זאָגט ער מיר — ניו־יאָרק איז אַ שווערע שטאָט. איך האָב דאָרטן ניט געהערט צו קיין גרופּע, געווען אַ זייטיקער, אַן עלנבויגנס. און איר ווייסט דאָך, אין ניו־יאָרק, אַז מ'איז אַן עלנבויגנס, מ'קאָן ניט שרייען, זיך שטופּן, וואָס פאַר אַ פּנים מע האָט. דאָ, אין קאַליפאָרניע, האָב איך זיך אָנגעג־וואָרעמט, אַריבערגעשפּרייזט די פינף און זיבעציק און האָף צו שפּרייזן ווייטער.

געוויינלעך שטייט ער אויף באַגינען. דער גרויער קאָפּ ווערט באַגאָסן מיט ליכט פון קאַליפאָרניער הימל. ער זיצט ביז שפּעט אין די אָוונטן איבערן שרייב־טיש, איבער ביכער און פּאַפּירן.

— „אַ קוואַל פון פרייד שלאָגט פון אָרעם און אָרעם”.

מע האָט אים אַמאָל געפרעגט, פון וואַנען ער שעפּט אַזוי פיל כוחות, האָט ער געענטפערט:

— פון מיין באָבעס סימעס קעסטל.

זאָג איך אים:

— איך הער, אַז איר זייט געקומען אין ניו־יאָרק אַ צוועלף־יאָריק יינגל. לאָמיר אַ פלי טאָן צוריק. נעמט מיך אַ ביסל צו אייער אוקראַאיניש דאָרף.

— איר מיינט אונדזער דאָרף ריסאָשע, קאַמענעץ־פּאָדאָלסקער גו־בערניע? מיין עלטער־זיידע, מיין זיידע, מיין טאַטע זיינען געווען אוק־ראַינער ישובניקעס. אַלע האָבן זיי געלעבט אין ריסאָשע. געהערט אַמאָל אַזאַ נאָמען? קיינמאָל ניט? ווי לעבט עס אַ מענטש, וואָס ווייסט ניט פון ריסאָשע?

ריסאָשע איז געווען אַ דאָרף פון דריי טויזנט אוקראַאינער און צען יידן. — אַ מנין יידן, די רויזנבלאַטס, אַלע מילנערס. זיין זיידע אלחנן־ניסן האָט געהאַט צוועלף קינדער. געזונט, הויך שטאַרק. אלחנן־ניסנס

דריטער זון, צבי־הירשע, איז געווען אַ ייד אַ גיבור, זעקס פוס הויך, מיט אַ פּאָר ברייטע, שטאַרקע פּלייצעס. געווען אַ מילנער מיט צוויי געדונגענע מילן. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ געראַטענער, שיינער יידישער טאָכ־טער פון לאַדיזשין. זי האָט געהייסן דאָבריש. געווען אַ גרויסע בריה. גע־קאָנט רעכענען און שרייבן. אַ טאָכטער פון אַ פאַבריקאַנט פון שניט־סחורה. „און אָט זיינען זיי ביידע — צבי־הירשע און דאָבריש — מיינע טאַטע־מאַמע". אַרום ריסאַשע זיינען געווען דריי גרויסע דערפער. יידן פון די אַרומיקע דערפער פלעגן קומען אַהינצו צום מנין, צו די רויזנ־בלאַטס.

ער דערציילט מיר וועגן זיינע גוטע קינדער־יאָרן, וועגן זיינע דאָר־פישע מלמדים, וועגן דעם באַהעלפער ליפּא־משה רעזיטעס.

— ער געדענקט זיך מיר גוט, אונדזער באַהעלפער. מיט אַ סך ביכער אויפן בוידעם — רוסישע ביכער, לאַטיינישע. קיינער האָט זיך ניט געקאָנט אין זיי פאַנאַדער־קלייבן, אויסער אים אַליין. אַז מע האָט געפונען זיינע ביכער, האָט ער געמוזט אַוועק. מע האָט געזאָגט, ער איז אַוועק לערנען אין אַן אָדעסער שול.

איינגעבאַקן אין זיין האַרצן איז „גבריאל דער מלאך", דער מלמד זיינער. ער האָט געהאַט אַ באָרד אַ בלאָנדע, אַ מעשענע. ער פלעגט דער־ציילן די קינדער וואונדערלעכע מעשיות. ערב חנוכה פלעגט ער אויסמאָלן קוויטלעך זיך צו שפּילן. אויף יעדן קוויטל — אַ מאָלעריי. גבריאל מלאך פלעגט זומערצייט פאַרברענגען מיט זיינע תלמידים ביים טייך, לערנען זיי שווימען. ווינטערצייט פלעגט ער אויסגיסן חנוכה־דריידלעך, אויף פורים מאַכן המן־גראַגערס, און, דער עיקר, — דערציילן מעשיות אָן אַ סוף. דער באַרימטער „מזרח" אין דער גרויסער טעפּליקער שול איז געווען זיין אַרבעט.

געענדיקט ביי די דאָרף מלמדים, האָט אים די מאַמע זיינע, דאָבריש, אַוועקגעשיקט צו אירע עלטערן אין לאַדיזשין. דאָרטן האָט ער געלערנט ביי די בעסטע מלמדים. ווען ער איז אַלט געווען אַכט יאָר ,האָט די באָבע סימנע נביאות געזאָגט, אַז ער וועט אויסוואַקסן אַ גדול בישראל.

זיין דאָרף, יענע יידן און גויים, די אוקראַאינישע פּייזאַזשן זיינען געבליבן אין זיין געמיט אויף שטענדיק. ער איז געקומען אין אַמעריקע צוזאַמען מיטן גאַנצן דאָרף יידן, ווען דער צאַר האָט פאַרווערט יידן צו האַלטן מילן אין די דערפער. ער איז דעמאָלט געווען אַ צוועלף־יאָריק יינגל. עס איז שוין אַ קימה־לן פון קנאַפּע 65 יאָר, די פייגל פון ריסאַשע פליען נאָך איצט פאַר זיינע אויגן:

— „אין מיטן העלן טאָג האָט פּלוצלונג אַ שייקע ווילדע פייגל זיך צעלאָזן איבערן דאָרף מיט אַ מעשענעם געשריי".

ער האָט שוין געזען פינף און זיבעציק פרילינגען, אָבער איינגע־באַקן אין אים איז דער פרילינג פון די „הרודעס".

וועגן דער צייט פון זיין קומען אין אַמעריקע דריקט ער זיך אַזוי אויס:

— 1891. אַ גרויסער, מוראַדיק גרויסער, ריז האָט אונדז אַלעמען, טויזנטער, צענדליק טויזנטער יידן — אַלטע, יונגע, מענער, פרויען, קינ־דער, צוזאַמענגעגראַבלט פון אַלע עקן וועלט. אַריבערגעטאַסקעט איבערן ברייטן אַטלאַנטישן אָקעאַן. אַלע אויסגעמישט אין אַ מוראַדיק גרויסן זאַק, און אַ שאָט געטאָן אויף די סאַמע ברעגן פון דער גאָלדענער מדינה, אַט ווי מען שיט אויס נאַר־וואָס אויסגעבריטע הינדלעך פון אַ רעשעטע: הוש־הוש־הוש. גייט אייך אויף גאָטס באַראָט!

זיין טאַטע, הירש דער מילנער, זיין מאַמע דאַבריש, זיין יינגערער ברודערל, זיינען שוין אויפן עולם האמת. און ער, רויזנבלאַט דער פּאָ־עט, זיצט מיט מיר אין קאַליפאָרניער דאָרף און מאַכט צוריק לעבעדיק יענע צייט.

— מיין טאַטע, דער ייד — דער גיבור, איז דאָ געוואָרן אַ פרעסער ביי מענער־קליידער. פאַרדינט צוויי דאָלאַר אַ וואָך. איך, דאָס זינדל, האָב געקראָגן אַרבעט אין דעם זעלביקן שאַפּ ווי אַ פאַסטריגע־פּאַרציער. איך האָב אויך פאַרדינט צוויי דאָלאַר, ווייל איך האָב געפונען חן אין די אויגן פון באַלעבאָס. מיין מאַמע דאַבריש האָט אַרויסגענומען אַהיים אויבער־העמדער צו פאַרענדיקן. דער באַרימטער „אַדעסער חזן" אין בראַנזוויל האָט מיך גענומען פאַר אַ משורר און פאַראויסגעזאָגט אַ גרויסע צוקונפט.

— מיין טאַטע — דערמאָנט ער זיך — האָט געהאַט אַמאָל אַ מיל, אַ טייך, אַ בריק, אַ וואַסער, אַ ראָד און זיבן שווערע שטיינער, וואָס יעדער שטיין האָט געוואויגן, אַ גוזמה, צו אַכצן פוד, דאָ האָט ער געמוזט ווערן אַ פרעסער ביי קלאָוקס.

אין צוויי יאָר אַרום, ווען ער איז שוין אַלט געווען פערצן יאָר, אַ ביסל פּרנסה איז שוין געווען אין שטוב, האָט זיך אָנגעהויבן ה. רויזנ־בלאַטס בילדונג:

— בּאַראָן הירשס שול, אַלגעמיינע „פּרעפּעראַטאָרי"־שול, דזשאַ־מייקאַ נאָרמאַל קאַלעדזש.

ער האָט זיך געלערנט צו ווערן אַן ענגליש־לערער. פון פיר פאַרטאָג ביז אַכט אינדערפרי אַרומגעלאָפן און צעטיילט צייטונגען, געהאַט אַ צייטונגס־„ראוט". נאָך אַכט אַזייגער געגאַנגען אין שול, אין קאַלעדזש.

— עס האָט מיך געצויגן די ענגלישע ליטעראַטור, דער עיקר די פּאָעזיע. איך האָב געלייענט אַ סך. געלערנט דעם „פּאַרלאָרענעם גן־עדן״ אויף אויסנווייניק.

אין דער זעלביקער צייט האָט די יידישע גאַס אין אַמעריקע געברויזט. עס זיינען אויפגעקומען די שטורעמישע „איזמען״ — אַנאַרכיזם, סאָציאַליזם, ציוניזם. מע האָט אין די שעפּער געזונגען די לידער פון עדעלשטאַט, ווינטשעווסקי, מאָריס ראָזענפעלד. גאַנצע כאָרן האָבן זיך געראָגן פון דאָרטן אין דער יידישער גאַס. אויף איסט־בראָדוויי, אין בראָנזוויל, איז געוואַקסן אַ יידישע מלוכה. ער, רויזנבלאַט, איז שוין דעמאָלט אַ צוואַנציק־יאָריקער בחור. שוין באַלד צען יאָר אין אַמעריקע. ער קען שוין לידער פון באַיראָן און שעלי, פון קיטס, קאָולרידזש, טעניסאָן, לאָנגפעלאָו, און אין דער שטיל, קיינער זאָל ניט וויסן, האָט ער שוין אַליין געשריבן יידישע לידער.

— די שטראַלן פון די גרויסע פּאָרטאַגן אויסגעביטן אויף נאַרישע פּאַסטריגעס, דעם קאַרשן־בליט — אויף פלעכטלעך וואַטע, פאַרקויפט פאַר אַ פּרוטה מיט אַ לעבעלע אויפן אַמעריקאַנער יאַריד...

„און אין האַרצן בליט פאַנאַנדער אַ ליד...״

— עס שפּראָצט אין האַרץ אַ ליד. אַ תיקון אפשר, האַ? — אפשר פאַר אונדזער וואַסער־מיל?..

÷ ✧ ÷

— דערציילט מיר וועגן אייער ערשט געדרוקט ליד — ליג איך אים פאַר.

רויזנבלאַט געדענקט עס גוט. ער איז איצט ניט אַנטציקט פאַר זיינע ערשטע לידער. זיי זיינען געווען, לויט זיין מיינונג, כאַראַקטעריסטיש פאַר אַן אַנפאַנגער. ער וואָלט זיי איצט געלאָזן גלייכער אין שופלאָד. ער האָט געשריבן באַהאַלטענערהייט. די לידער זיינען געלעגן אין שופלאָד „ווי שוועלבעלעך אין פרילינג־צייט״. געשריבן און געשריבן, ביז ער האָט געהערט ווי די לידער „וויינען אין שופלאָד, ווי קליינע קינדער אין דער נאַכט: עד מתי?״

עס איז אין אים אריין די קליפּה פון שרייבן. ער איז געקומען פון דער אַרבעט — אַלע אין מאַטנס שטוב האָבן זיך געלייגט שלאָפן, און ער האָט זיך געזעצט שרייבן. געשריבן אַ גאַנצע נאַכט. פלעגט זיך דער טאַטע אויפכאַפּן און שרייען: „אויף וואָס ברענגסטו אויס די גאַז?״ — געגאַנגען־דערלאַנגען־געפאַנגען... וואָס האָסטו דערפון? ווערסט דערפון מאַכן אַ לעבן?״ האָט ער פאַרדרייט דעם לאָמפּ און איז געלעגן

ביי דער לבנה. עס איז געווען אַ וואונדערלעכע צייט. אילוזיעס, האָפע־נונגען: מע וועט איבערקערן אַ וועלט. געחלומט: אפשר דערגרייכן ראָזענפעלדן? — ער האָט זיך גאָרניט געקאָנט פאָרשטעלן אַזאַ גדולה.

ביז ער האָט זיך אַנטשלאָסן אָוועקצוטראָגן אַ ליד צו אַ רעדאַקטאָר. עס איז געווען 1900. ער האָט אָפּגעקליבן צוויי־דריי לידער. שווער איבער־צוקלייבן, ווייל „קיין שלעכטע קינדער זיינען דאָך ביי אַ מאַמען ניטאָ". ער האָט די לידער אָוועקגעטראָגן צום דעמאָלטיקן ליטעראַרישן רעדאַק־טאָר פון „פאָרווערטס", קאַטץ. עס איז געווען אויף קריסטי סטריט, אין הויף פון אַ געדיכט־באַוואוינטן טענעמענט־הויז. פון פראָנט — די זע־צעריי: „אַ מנין יידן שטייט און פיקט מיט שוואַרצע פינגער פון קעסטלעך דעם דריבנעם שריפט..." ער האָט פאַרשעמטערהייט זיך געפרעגט ביי די זעצער אויפן רעדאַקטאָר. האָט איינער פון די זעצער אָנגעקלאַפּט אין רעדאַקטאָרס טיר: „גענאָסע קאַטץ" עס וואַרט אויף אייך אַ יונגערמאַן. געבראַכט אַ פרישן טראַנספּאָרט פּאַפּיר".

— וואָס קאָן איך טאָן פאַר אייך? — האָט געפרעגט דער רע־דאַקטאָר.

— איך שרייב לידער...

אַרויסגענומען די לידער מיט שרעק און ציטער. דאָס האַרץ האָט געפלאַטערט: „מיין גורל וויגט זיך — דרוקן צי ניט?" דער רעדאַקטאָר לייענט די לידער אין זיין קעגנוואַרט. רויזנבלאַטס יונג האַרץ שפּרינגט באַלד אַרויס. טויט צי רויט? ערשט דער רעדאַקטאָר האָט אים געזאָגט גאַנץ פריינדלעך, ער גייט דרוקן זיין ליד אין דער צייטונג. ער האָט געמיינט, ער חלשט אָוועק אויפן אָרט. עס האָט אים געשווינדלט אין קאָפּ. די סטעליע לאָזט זיך אַראָפּ אויף אים. אַרויס אויפן גאַס. די גאַס איז אים דעמאָלט ענג געווען. ער האָט געוואָלט זיין נענטער צום הימל, צו גאָט. ער האָט געשפּאַנט און געשפּאַנט, צום איסט־ריווער.

— די בריק ווערט פּלוצלונג נעלם. אויסגעכאַפּט פון אונטער די פיס. „עס הענגט אַ פּלאַטערדיקער שטערן אין דער נאַכט — אַ ליד".

ריידן מיר וועגן יענער צייט, ווען אַ נייער יידישער פּאָעט איז גע־באָרן געוואָרן. די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע איז געווען אין אירע וויקעלעך — „אַ מאָגערע ליטעראַטור מיט פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן".

— אַ קליינינקייט עפּעס — קיין עין־הרע אַזויפיל יידן, אַ ים לעזער, אַ שאַרפער הונגער נאָך אַ יידיש וואָרט. מיר האָבן דעמאָלט געלייענט אַלץ — שמר און מענדעלען, תשרקן און שלום־עליכמען, געצל זעליקאָ־וויטש און דוד פּינסקין. קיין חילוק צווישן גוט און שלעכט. אַבי מע לייענט! די מאַסע איז געווען די סאַמע שוואַרצע, פעטע ערד, אויף וועלכער עס וועט אויפגיין אַ גערעטעניש, אַ שפע, אַז גאָט און לייט

וועלן אונדז מקנא זיין. מאָרים ראָזענפעלד האָט שוין דאָס ערשטע געדבונדענע לידער־בוך. יהואשעס בוך איז געווען דאָס צווייטע. צוזאַמען מיט די שטורמישע אימיגראַציע־כוואַליעס זיינען געקומען נייע כוחות, יונגע, נייע שרייבער־פּאָעטן.

מע האָט רויזנבלאַטס לידער געדרוקט גערן, און גערן געלייענט, גערעדט וועגן זיי.

אים, ווי אַנדערע יונגע יידישע פּאָעטן פון יענער פּריליגנג־צייט, זיינען געבליבן איינגעבאַקן אין האַרצן די קאַמפן, ווי ער זאָגט, „דער רעוואָלט קעגן די עלטערע שרייבער". דערציילט ער מיר וועגן דעם. איך הער פון אים עכאָס פון יענע טענות:

— מיר זיינען שרייבער ווי ביי אַלע פעלקער...

— מע מוז ניט שרייבן דווקא שאַפּ־לידער...

— סאָציאַליסטישע לידער זיינען אַגיטאַציע...

— פאָלקס־לידער זיינען צוריקגעשטאַנענע, רעאַקציאָנער...

— מיר דאַרפן ניט קיין טעמעס, מיר דאַרפן זיין פריי...

— די גאַנצע פּאָעזיע איז נאָר אַ בענקשאַפט...

פרעג איך אים:

— זייט איר געווען מיט די „יונגע" צי מיט די „אַלטע"?

— די „יונגע" האָבן שוין מיך דעמאָלט געהאַלטן פאַר אַן אַלטן. עס האָט געהייסן, איך געהער צום חדר ראָזענפעלד־יהואש.

— און אין דער אמתן? — פרעג איך.

— איך האָב ניט געהערט צו קיין גרופּעס, ריכטונגען אין דער ליטעראַטור. איך האָב נאָר געוואָלט שרייבן, מע זאָל מיך גוט פאַרשטיין. מיין גרעסטער גענוס איז פאַרשטאַנען צו ווערן. איך האָב ניט געזוכט אין אַ כאָר.

ער גיט עס מיר אַזוי צו פאַרשטיין:

— אַ קאַליקע אַ טענצער האָב ליב צו טאַנצן אין קאַראַהאָד. ער טאַנצט גוט צי ער טאַנצט שלעכט — קיין אונטערשייד. ער האָט הנאה, אַבי ער טאַנצט. מע זעט דאָך ניט ווי ער טאַנצט. אַ גוטער טענצער אָבער טאַנצט אַליין. מע זעט זיינע פאַסטעמפּקעס, זיינע דריידלעך, זיינע העוויות. דער בציבור־טענצער האָט זיך קיינמאָל ניט אויסגעלערנט טאַנצן.

גיט ער אַ שפּרונג צו דער היינטיקער צייט:

— סוצקעווער, למשל, ער ווערט גאַנץ אָפט קאָמפּליצירט, אָבער קומט כסדר צו קלאָרקייט. איך פאַרשטיי אים. איך האָב ניט ליב דאָס, וואָס איך פאַרשטיי ניט.

— ווער זיינען היינט די נאָענטסטע צו אייך אין דער יידישער ליטעראַטור.

— נאָענטסטע? איך האָב נאָענטע, שווער צו זאָגן נאָענטסטע. עס איז מיר נאָענט דער טרעמפּ מאַנגער. איך האָב פון אים הנאה. עס זיינען מיר נאָענט לייוויק, גלאַטשטיין...

— און פון דער גוישער ליטעראַטור? — פרעג איך אים.

— שעלי איז מיר צום ליבסטן. ער ברענט מיט אַ רעוואָלוציאָנערן פייער. איך האָב ליב ראַבעט פראָסטן פאַר זיין פשטות.

— און פון דער יידישער פּראָזע?

— עס האָט מיך לעצטנס פאַרכאַפּט דער יונגער פּראָזאַאיקער י. שפּיגעל. איך האַלט פון פוקסן. אַפּאַטאָשו איז מיר צום האַרצן, דערהויפּט אין זיינע גרעסערע ווערק. איך האַלט פון מיין פריינד מילער. פון די, וואָס זיינען שוין מער ניטאָ מיט אונדז, טייל איך אוים בערגעלסאָנען.

קערן מיר זיך אום צו אים אַליין, צו רויזנבלאַטן. ער ציילט אויף אַלע זיינע ביכער, וואָס זיינען דערשינען אין פאַרלויף פון פערציק יאָר: אין 1910 — „לידער", 1915 — „געדיכטע און לידער", 1920 — „אונטער גאָטס הימל", 1926 — „בלויע פלאַמען", 1930 — „הרודעס", 1935 — „ליים", 1940 — „בעבזיק", 1944 — „אדמס קינדער", 1944 — „מיין ליכטיקע נסיעה", 1948 — „אין שאָטן פון מיין בוים", — 1953 — „אין שענצטן טאָג פון האַרבסט".

דערציילט ער מיר מיט אַ שמייכל:

— מיין בוך, וואָס איז דערשינען אין 1930, האָט זיך פאַרקויפט אין איין שמע ישראל.

מע האָט אויך זיינע לידער געזונגען. ער דערמאָנט זיך אַזאַ מעשה:

— אין 1930 בין איך געפאָרן פאַרן לערער־סעמינאַר צו אַ יידן גרין. ער האָט געהאַט אַ גרויס שוסטער־געשעפט, אייגענע מאַשינעס. אַ פאַרמעגלעכער מענטש. עס איז געווען ווינטערצייט. איך בין געקומען אַהין מיט אַ טאָג פריער פאַר דער באַשטימטער צייט. עס איז ניט געווען קיין פריי צימער אין האָטעל. האָב איך ניט געהאַט וואוהין צו גיין. מר. גרין איז געווען ברוגז: „ווער האָט אייך געהייסן קומען איצט? אָבער, מילא, איז זייט שוין דאָ..."

פירט ער אים בלית ברירה צו אים אין הויז אריין. ערשט עס איז ניט אַ הויז, נאָר אַ גאַנצער פּאַלאַץ. וואָס וועט ער טאָן אין אַזאַ רייך הויז, ביי אַזאַ אומצופרידענעם באַלעבאָס? אָבער זיין פרוי האָט געוואוסט, אַז ה. רויזנבלאַט איז דער מחבר פון דעם ליד „דן און דאַניע", און זי איז אַ זינגערין אין דער חברה, אין היימישן כאָר.

„דן האָט צוויי פּאהלעך שוואַרצע,
דאַניע האָט צוויי גאָלדענע צעפּ.
דן איז דער עלוי פון שטעטל
און דאַניע — די מלכה פון סטעפּ..."

האָט זי זיך אַרומגעכאַפּט מיט אים, זיך דערפרייט, ער איז געוואָרן ביי זיי אין הויז אַ גאַנצער בן־בית.

— „דן און דאַניע" האָבן מיך געראַטעוועט און געטאָן גוטס פאַרן לערער־סעמינאַר.

— לאָמיר אַ שמועס טאָן אַ ביסל וועגן אייערע לידער — האָב איך אים פאַרגעלייגט.

ה. רויזנבלאַט האָט זיך ניט געפוילט. ער האָט אַרויפגעלייגט אויפן טיש זיינע לידער־ביכער און געזאָגט:

— קוקט אַריין.

בלעטערן מיר די „הרודעס" און „ליים".

— איך האָב געהאַט דעם וואונטש — ענטפערט ער מיר אויף אַ פראַגע — אַריבערצוטראָגן בילדער, געשטאַלטן, איבערגעבן וואָס עס האָט זיך געוואָרעמט אין מיין זכרון פון דער פריעסטער יוגנט, עס פאַרזעצן אין דער קינסטלערישער סביבה, וואָס עס איז מיר מעגלעך געווען פאַר דעם צו שאַפן.

— עס זיינען נאָענט געווען צו מיין האַרץ די פּראָסטע, פּשוטע מענטשן, וואָס זיינען גאַנץ אין זייער פרייד, אונטערטעניק, נאָכגעביק צו זייער צער. איך האָב זיי ליב אַזוי ווי זיי זיינען, די סביבה, דעם פּייזאַזש:

„אויפן באַרג די ווינט־מיל דרייט זיך
אין אַ רעגן־ווינט, און פרייט זיך..."

ר' יאָס פּערילער, דער זקן, וואָס איז פאַרטריבן געוואָרן פון מיל און פון דאָרף, שטייט איצט פאַר זיינע אויגן:

— דער גוטער זקן מיט די ברייטע פּלייצעס און פאַרגרעבטע הענט, אין שטיוול יוכטאָווע, אין לייוונטענעם העמד, „אפילו עברי דאַוונען האָט ער ניט געקענט".

— דאָך האָט יאָס פּערילער געהערט אין דער שטילער נאַכט דאָס פּלאַפּלען פון אַלטן וואַסעראָד פון מיל און זיין עלטער־עלטער־זיידנס „שמע ישראל".

— דאָס בוך „ליים" — זאָגט ה. רויזנבלאַט — איז וועגן די יידן פון די „הרודעס", וואָס זיינען געקומען אין אַמעריקע און פון זיי האָט געהאַרפּט אויסגעקנאַטן ווערן אַן אַמעריקאַנער ייד.

פון די הרודעס און ליים זיינען געוואָרן לידער. „וואָרן וואָס זיינען לידער? — זוכסט די סטעזשקע צום סודותדיקן. גייסט אויף אַ וועג, וואָס איז אויסגעפּלאַסטערט געוואָרן מיט אַלערליי פאַרביקע סודות־שטיינדלעך".

מיר בלעטערן בוך נאָך בוך און שמועסן:

— איר וועט דאָ געפינען גאַנץ וועלט, בוים און פויגל, שוואַלבן און ציגן, זילבער־וואָלקנס און שטורעם, שאָף און רינדער, זאַנגען אין פעלד, אַ ווייענדיקע פליט און טריבן רעגן־וואַסער, אַ וואָגן מיט פריש געקאָשעט היי, אַ מידן אָקס, וואָס טרינקט וואַסער, אָזערעס, טייכן, שניי, אַ שוסטער, וואָס האָט געהאַט אַ מיאוסע טבע צו זינגען, און מענטשן, מענטשן — ווייסע און שוואַרצע, יידן און גויים, דעם עושר און דעם אָרעמען שוסטער — אַ גרויסע און שיינע וועלט.

„איך ווער נאָך אַלץ נתפּעל
פון יעדער מינדסטער זאַך:
פון שמעטערלינג אין גאָרטן,
פון בושל אויפן דאַך".

מיר קומען צו דער „ליכטיקער נסיעה", צום גרענד־פּאַ טימאַטהי מעק'גי, פון מיסיסיפּי, צו די סאַן־בערנאַדער בערג, — מיר גייען פון בוך צו בוך, פון ליד צו ליד, ביז דעם לעצטן בוך „דער שענצטער טאָג פון האַרבסט", מיר קומען צו די „מידע שעהען, צו די הינקענדיקע בעט־לער נאָך אַ רוישיקן יאַריד", צום סוף פּסוק:

„מיט אַ האַרץ אַן אויסגעלייטערט,
מיט אַ ליכטיק־גרינג געמיט,
ווי אַ תּפילה וועל איך זינגען,
לעבן מיינס, צו דיר אַ ליד".

— מע זאָגט אויף אייך — זאָג איך צו אים, — אַז וואָס עלטער איר ווערט, ווערן אייערע לידער ייִנגער און רייפער.

ווייזט ער מיר אַן אויף אַ ליד, וואָס איז זיין עפּיטאַף: „אוי, אדם יסודו מעפר וסופו לעפר, בן אדם — די וועלט איז אַ וועבשטול, דאָס לעבן — דער וועבער און דו ביסט דער פאָדעם. דער וועבער איז בלינד.

דער פּאַדעם וויינט אונטער די נעגל און פרעגט, וואָס עס איז אים באַשערט צו ווערן: אַ טאַרבע? אַ העמד? אַ זעגל?"

שטייען מיר ביי די שורות: „פאַרלעש דעם לאָמפּ, דאָס אויג מאַד צו. איך בין דיין חלום און דיין רו. אַ גוטע נאַכט".

— וואָס אַ גוטע נאַכט? ווען אַ גוטע נאַכט? דאָס לעבן איז נאָך ווייט פאַראויס, אַ בן שבעים וחמשה, און אַזוי יונג ווי איר!..

— אין זקן לעבט דאָס קינד ביזן סוף פון זיינע יאָרן. פּלוצלונג, אינמיטן דער נאַכט, וועט דאָס קינד אין זקן זיך צעוויינען.

אויף מיין פראַגע וועגן דער צוקונפט פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע ענטפערט ער מיר אַזוי:

— עס איז ניט גוט. מיר האָבן טאַקע ניט קיין סך לייענער. מיר האָבן שוין אָבער באַלד ניט קיין שרייבער. וועלן מיר האָבן אַ נייעם אַפּאַטאָשו, אַ נייעם לייוויק? אַ שרייבער קאָן אַמאָל אויסקומען אויך אָן לייענער. עס דאַרפן דאָך אָבער זיין שרייבער. כל־זמן אַ שרייבער וועט לעבן אויף דער וועלט, וועט ער ניט אויפהערן צו זיין אַ שרייבער.

ער ווערט מונטערער:

— נעמט די אַרויסגעראַטעוועטע פון פייער — חיים גראַדע, אַברהם סוצקעווער. זיי זיינען אַרויס פון פייער געלייטערטע.

ווערט ער הייסער. ברענגט ביישפּילן פון דער גריכישער ליטעראַטור, פון ווערק, וואָס לעבן נאָך ביז היינט:

— נאָך היינט וויינט מען, ווען מע דערפילט די גרויסקייט פון יענע ווערק. גרויסע ווערק גייען קיינמאָל ניט אונטער. די יידישע ליטעראַטור וועט בלייבן. מיר גייען ניט אונטער. די צאָל לייענער איז אַ קליינע? — די סקאַנדינאַווער זיינען קלענערע פעלקער, האָבן זיי אַ שלעכטע ליטעראַטור?

ער לערנט מיט מיר, אַז צעוואָרפענע מענטשן זיינען ניט קיין פעלקער. ליטעראַטור פאַראייניקט, זאַמלט צונויף. אַז אַ יידישער ליטעראַטור און קולטור זיינען מיר אויסגעריסן. מיט לשון און מיט ליטעראַטור זיינען מיר איינגעוואָרצלט.

וועגן זיין נוסח זאָגט ער מיר, ער האָט תמיד געשטעלט דעם טראָפּ אויפן פּשוטן וואָרט, אויף קלאָרקייט און גאַנצקייט פון ליד.

— מיין שטראָף פאַר אַזאַ איינשטעלונג איז געווען — „פאָלקס־טימלעכער פּאָעט", רחמנא לצלן. דאָס האָט געדאַרפט הייסן אַ נידעריקערער אין מדרגה.

ער דערמאָנט יהואַשן: „מע זאָל גובר זיין דעם גראָם, ניט שלעפּן אים ביי דער טשופּרינע". — האָט ער אָנגעזאָגט.

— וואס איז אייער מיינונג וועגן דעם אמעריקאנער יידישן ישוב — פרעג איך אים. — מיר גייען דאך פייערן דריי הונדערט יאר. פארטראכט ער זיך, און ער זאגט מיר:

— וואס האבן מיר צו ריידן וועגן דעם? וואס פאר א יידן מיר האבן, אבי יידן האבן מיר.

ער איז דרייסיק יאר אין קאליפארניע, און „זעט ווי דער יידישער ישוב האט זיך דא פאנאנדערגעוואקסן במשך די דרייסיק יאר. און ניט נאר אין צאל".

גייען מיר אריבער צו מדינת ישראל.

— איך גלויב אלע מיינע יארן אין ארץ־ישראל. איך בין ניט קיין פארטיי־מיטגליד, אבער אן ערן־מיטגליד בין איך. איך קאן ניט געהערן צו א פארטיי, ווייל איך האלט, אז יעדע יידישע באוועגונג האט איר בארעכטיקונג. עס איז מיר אויך נאענט צום הארצן דער ארבעטער־רינג מיט זיין פאלקסטימלעכקייט. ארץ־ישראל איז מיר באזונדערס נאענט. איך האב געהאפט, געחלומט. איך האב אפילו געמיינט, דורך ארץ־ישראל קאן זיך יידיש איינארדענען, א יידישע ליטעראטור — זאל אפילו זיין ניט קיין גרויסע, אבער דאך א יידישע ליטעראטור. איצט זעט עס אויס ניט פריילעך. עס כאפט מיך אמאל א שרעק, א מורא. אמאל דוכט זיך מיר, אז מדינת ישראל איז א צעשפאלטענע כלי. מע זאמלט געלט, מע פארקויפט באנדס. ווי לאנג, ווי לאנג קאן מען עס טאן? עס זיינען געקומען אהין מענטשן זוכן א היים. ניט ארץ־ישראל האט זיי געצויגן, נאר — א היים. ווען די טירן פון אמעריקע וואלטן אפן געווען, וואלט א גרויסער טייל פון זיי געגאנגען אהער. ארץ־ישראל האט זיך געקאנט בויען און קאן זיך בויען נאר אויף ליבע, אויף חלוציות. און אט קומט מען צוריק. אט איז געקומען קאדיע מאלאדאווסקי. בן־גוריון שרייט: „מיר קומען נעמען אייערע זין!" איך פארשטיי זיין געשריי, איך פיל אים מיט, אבער — עס איז ניט פריילעך.

אראפגערעדט דעם צער פון זיין הארצן, קומט ער צוריק צו שטארקערע רייד:

— נייז, נייז, ס'איז א גרויסער אויפטו, מדינת ישראל. טאמער וועט דארטן זיין שלעכט, וועלן מיר אלע זיין די אומגליקלעכסטע. עס זיינען דא נביאים פון שלעכטס, אנזאגער פון אונטערגאנג. עס זיינען דא אזעלכע, וואס ווען מען ווייזט זיי, אז עס גייט ניט צום אונטערגאנג, שפארן זיי זיך איין. זיי ווילן נאר זען אונטערגאנג. וועל איך אייך דערציילן א מעשה: עס שטייען צוויי יידן אויפן מארק, פארזארגט. וואס עפעס? „חיים דער לאנגער איז געשטארבן" — זאגט איינער. „ס'טייטש, אט

ביז איך דאָך געווען אין מרחץ און געזען חיים דעם לאַנגן אַ לעבעדיקן".
„געזען, געזען, אָבער ער איז געשטאָרבן, זאָג איך דיר". אינמיטן דערינען קומט אָן חיים דער לאַנגער. „זעסטו דאָך — זאָגט איינער פון די יידן — זעסט דאָך, אַז ער לעבט, אָט איז ער דאָך". „מסתמא ווייס ער נאָך אַליין ניט, אַז ער איז געשטאָרבן" — ענטפערט דער צווייטער ייד, דער פּעסימיסט.

חלומט ה. רויזנבלאַט: „מיר ווען לעבן, מיר וועלן ניט שטאַרבן. איך וויל פאָרן זען דאָס לאַנד מיט די אייגענע אויגן. איך האָב מורא צו פאָרן, איך וויל אָבער דאָך. איך וויל פאָרן אַהין אויף מיין לעצטן „האָני־מון". איך וויל פאָרן ניט ווי אַ שליח, עס זאָל ניט זיין אַ „אונטערנע־מונג". זען, לערנען, פילן. די אוקראַאינער זאָגן: „ניעכאַי בודי הירשע, אַבי אינטשע" — זאָל זיין ערגער, אַבי אַנדערש. אויף „אינטשע" — אַנדערש — זאָגט ער — איז ער מסכים, אָבער אויף „הירשע" — ערגער — ניט.

מיר האָבן געהערט אַ גערויש. אַן אויטאָמאָביל איז צוגעפאָרן צו זיין הויז. ער האָט זיך דערפרייט, ווי אַ יונגערמאַנטשיק:

— מלכה איז שוין געקומען — האָט ער מיר געזאָגט — איצט וועט זיין געלעבט אַ גוטן טאָג.

— „דראַיווט" איר אויך אייער מאַשין? — פרעג איך אים.

— איך „דראַיוו", איך „דראַיוו". איך האָב אַ האַרץ־„טראָבל", האָט מען מיר געהייסן אויפהערן „דראַיווען", מלכה „דראַיווט", זי איז דאָך מיט צוועלף יאָר יינגער פון מיר.

און ער קיבעצט איר אַזוי: איך פּרואוו זי זאָל זיך עלטערן און קאָן ניט אויספירן. ווען ניט מלכה, וואָלט איך געהאַט אַ „שיין" פּנים.

ער דערציילט מיר:

— טאָמער איז דאָ שלעכטע נייס אין צייטונג, זעט זי עס פריער און באַהאַלט פון מיר.

זאָגט מלכה:

— ווען עס איז געווען אין די צייטונגען, אַז י. י. זינגער איז גע־שטאָרבן, האָט ער דאָך געוויינט ווי אַ קינד. ער טאָר ניט וויינען.

— איר זייט געקומען אַהער — פרעג איך אים — אַ צוועלף־יאָריק יינגל. איר זייט שוין באַלד פינף און זעכציק יאָר אין לאַנד, ווי קומט צו אייך נאָך אַלץ דער זאַפטיקער, קערנדיקער און עכטער יידיש?

— מיר זיינען דאָך געקומען אַהער דאָס גאַנצע דאָרף. מיר זיינען געקומען דאָרף נאָך דאָרף, און אַריין אין בראַנזוויל. אויב איר האָט גע־

קענט ענגליש, זייט איר געווען א פארפאלענער ייד. ווען איז דעמאלט אנגעגאנגען צו קענען ענגליש? האב איך געלעבט צווישן סאמע יידן, וואס האבן אויפגעהאלטן זייער יידישקייט פול, עכט, גאנץ, יידן ווי ווע־לישע נים. מיין טאטע, עליו השלום, איז געשטארבן צו פיר און אכציק יאר און נים פארשטאנען קיין ענגליש. ער איז געווען און געבליבן אן אמתער דארף־ייד. אן ערלעכער ייד, א געוואלדיקער הארעפאשניק, מיט געזונטע הענט און פיס. אז ער האט ארויפגעלייגט דעם פרעס־אייזן אויפן מאנטל, דעמאלט זיינען געשען צוויי זאכן: עס איז געווען אויסגע־פרעסט און פארברענט.

ער זאגט מיר אויך א ווארט וועגן זיין באציאונג צו קאמוניזם און קאמוניסטן:

— זייער היגער ארכירייי האט זיך צו מיר געווענדט, זיי ווילן פרא־ווען מיין יובילײ. — „עס איז דאך שוין נאך מיין יובילײ" — האב איך אים געזאגט. „ווילן מיר פראווען סתם אזוי אייערן א יום־טוב" — האט ער מיר פארגעלייגט. — „כל־זמן עס זיינען דא סאוועטן — האב איך אים געזאגט, — כל־זמן יידישע שרייבער ליגן דארט אין דער ערד, קענט איר מיט מיר נים ריידן".

— זאגט מיר וועגן אייער משפחה — בעט איך אים.

— איך האב איין טאכטער, רנה, ווען איך וואלט איר געגעבן דעם נאמען שולמית, וואלט מען איר גערופן שײלא. האב איך איר א נאמען געגעבן — רנה, האט זי געקאנט ווערן נאר רינא. זי איז א לערערין אין „פאבליק סקול". זי האט חתונה געהאט מיט גבריאל סמילקסטיין, א יונגער דאקטער. איך האב דריי אייניקלעך — גרויסט ער זיך — לינדע — זעקס יאר, גלען — פיר יאר, דעני — 2 יאר. דעני איז דער ליבסטער און זיסטער. — ער בארימט זיך: מיין טאכטער קען ריידן יידיש. אבער לייענען, שרייבן — מילא, ווייסט איר דאך, אמעריקע.

— לאמיר אייך דערציילן א חכמה פון מיין טאכטער, ווען זי איז נאך געווען א קינד. איך האב איר דעמאלט געזאגט, אין א קיבעץ: „דו האסט זיך אויסגעקליבן א שלעכטן טאטן". האט זי מיר געענטפערט: „איך בין נאך דעמאלט געווען צו יונג, צו קאנען אויסקלייבן".

÷ ✧ ÷

נאכן שמועס זיינען מיר ארויס דרויסן. די זון האט זיך שוין לאנג געזעצט. איך געזעגן זיך מיט ה. רויזנבלאט. זיין קאפ זעט מיר איצט אוים, אין דער טונקל, ווייסער. זיין קלײנער קערפער — ווי געבויגן. דער בוים שטייט א שטומער פאר זיין פלויט. ניטא קיין ווינטל, שטיל.

עס קלינגט מיר אָפּ אַ שורה פון זיינס אַ ליד: „פאַראַן אַזוי פיל ציטער, צוויבער, חלום אין דער בלינדער מורא פאַרן טויט...״ — האָסטו מורא פאַר אים, חיימל פון ריסאַשע, וואָס דו ביסט געוואָרן דער שאַפער פון צען ביכער לידער אין אַמעריקע? האָסטו דאָך אַזוי געשריבן אין דער הקדמה צו דיין צענטן בוך, „שענצטער טאָג פון האַרבסט״: „הייב אויף דיין קאָפּ, און זינג צו גאָט אין שענצטן טאָג פון האַרבסט״.

אברהם רייזען

אברהם רייזען, זיין געשטאַלט — אַ מאָגערע,

אַ טונקעלע, די האָר צעשויבערט, די וואָנצעס אַראָפּגעלאָזן, דער קאָפּ און דער רוקן אביסל געבויגן, דער גאַנג שנעל, די אויגן טיף איינגעגראָבן — איז אַריינגעוואַקסן אין אונדזער סביבה. עס איז געוואָרן אַ מעשה בכל יום. אָבער אַז איך בין געזעסן אין זיין וואוינונג, אין די שלום־עליכם־הייזער אין דער בראָנקס, ביי זיין שמאָלן טיש, אויג אויף אויג, און צו אים געזאָגט: „זייט איר, אברהם רייזען, הייסט עס, אַ 75־יאָריקער״ — איז אויסגעוואַקסן פאַר מיר אַ הויכער טורעם, וואָס האָט גערודערט מיין געמיט און מיין פאַנטאַזיע: — 75 יאָר אברהם רייזען.

געוועזן דער זיידע מענדעלע, דער טאַטע פּרץ מיט זיין מזומן פון דריי אייניקלעך: אברהם רייזען, שלום אַש און ה. ד. נאָמבערג. זיץ איך איצט פּנים אל פּנים מיטן יונגן אייניקל, וואָס איז שוין אַ זקן פון 75 יאָר. אוועקגעלאָפן אַ צייט!...

יענע וואונדערלעכע פרילינג־ און־ זומער־יאָרן אין דער יידישער ליטעראַטור און אין יידישן לעבן — ווער עס האָט אייך געהאַט און ווער עס האָט אייך פאַרלאָרן! — די כוואַליעס פון יענער צייט האָבן אַ טראָג געטאָן דעם יונגן אברהם רייזען ווייט און הויך. אין די קעלערן, אויף די בוידימער, אין די וועלדער און אין די סעדער, אין די טורמעס און אין די סיבירער סטעפּעס, האָבן די יונגע זין און טעכטער פון דער צווייטער מאַקאַבייער־תקופה אין דער יידישער געשיכטע געזונגען זיינע לידער. אין גרויסע טעאַטערס, אויף פאָלקס־פאַרזאַמלונגען, האָט דעמאָלט פון די סצענעס אַראָפּ־געקוקט דער שוואַרץ־קאָפּיקער, שוואַרץ־ לאָקיקער, שלאַנקער, יונגער פּאָעט, און דאָס פאָלק האָט געשטורעמט. עס האָט זיך געטראָגן צו אים באַגייסטערונג, ליבשאַפט. פאָלקס־מאַסן האָבן זיך דעמאָלט אַ ריר געטאָן. די שוואַרצע ערד פון דער יידישער פאָלקס־געשיכטע איז פאַנאַנדערגעאַקערט געוואָרן. צרות אַרום און אַרום, נויט, באַ־גרענעצונגען? דער שונא איז שטאַרק? — מיר וועלן אים באַזיגן!

די וואנט איז הויך, אָבער מיר וועלן זי צעברעכן — „הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן..."

אצינד איז שטיל אין אברהם רייזענס צימער, אָבער איך הער אין דער שטילקייט דעם ווידערקול פון זינגענדיקע כּאָרן. — „אַך, וואָס קלינגט איר, קירכן־גלאָקן?..." עס קומען אויך אריין דער אומעט און די בענקשאַפט פון יענע יאָרן. — „און מיין לעבן איז געגליכן צו אַ לאָמפּ מיט ווייניק נאַפט — ווערן ווערט עס ניט פאַרלאָשן, ברענען האָט עס ניט קיין קראַפט..." פיל איך דעם צער און דעם חלום פון יענער וואונדערלעכער רייזענישער צייט. „לעבן ווילט זיך, אַך, דאָס לעבן האָט אין זיך אַזוי פיל חן..."

זיצנדיק ביי זיין טיש, האָב איך אויסגעזוכט אין זיין ארכיוו אַ היפּשע צאָל זיינע פאָטאָגראַפישע בילדער. 1907 — יונג. אַ שווארצע, צוויי שלייפעדיקע „בינדע" אונטער זיין קראַגן. ער אַליין — שלאַנק, הויך, טרויעריקע אויגן. מאַכט ער זיין גאַנג פון קיידאַנאָוו איבער מינסק און קאָוונע, דורך ווארשע, אין דער וועלט אריין... 1917 — צען יאָר שפּעטער — דער זעלביקער שווארצער, געדיכט־האָריקער קאָפּ, הויכער, ווייסער שטערן, שאַרפע, פאַרשלאָסענע ליפּן. אָבער אַ ביסל עלטער, טרויעריקער. ער האָט שוין דעמאָלט איינגענומען די יידישע וועלט. ער איז אין ניו־יאָרק. זיין אויפטריט אין קארנעגי האָל... און אָט האַלט איך אין מיינע הענט איינעם פון זיינע לעצטע פאָטאָגראַפישע בילדער. אברהם רייזען אַ זקן. איך ווייס ניט פאַרוואָס האָבן זיך אָנגעטראָגן די ווערטער פון רייזענס ליד מיטן ניגון: „העמערל, העמערל, קלאַפּ..." צוזאַמען מיט דעם: גרויסע טעאַטער־זאַלן, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין ווילנע, אין ביאַליסטאָק, אין ווארשע. דער געוועזענער זינגער פון דער צארישער אָפּערע, ווינאָגראַדאָוו, דונערט דאָרטן מיט די ווערטער פון „העמערל":

— „דער גבירנטעס טאָכטערלס שיך!..."

עס שטורעמט דער עולם אין זאַל צוזאַמען מיטן גרויסן זינגער. עס איז דער שטורעם פונעם הארצן פון דער יידישער אָרעמקייט.

איצטער פאַלן צו אברהם רייזענס ווערטער, געזאָגט דאָ ביים טיש, אין אַ שטילן שבת־צו־נאַכטס:

— 75 יאָר אָפּגעלעבט און 60 יאָר געשאַפן.

÷ ✧ ÷

פּרובירן מיר דורכלויפן אין שמועס מיט רייזענען, קודם־כל, זיינע יונגע יאָרן.

— איך שטאַם פון קיידאַנאָוו — זאָגט אברהם רייזען. — אַ יחוסדיק שטעטל. אַן אָרימס, אָבער אַ קלוגס. אַ האַרציקס און אַ לַמדניש...

אַמאָל, אַמאָל האָבן יידן ניט געטאָרט וואוינען אין קיידאַנאָוו, מחמת דאָרטן איז געווען אַ פּראוואָסלאווגער גלחים־סעמינאַר. ביז דער זיידע פון קב הישר האָט זיך אויסגעסטאַרעט וואוין־רעכט פאַר יידן אין קיידאַנאָוו. דער פאָטער פון קב הישר האָט געהייסן ר' שמואל קיידאַנאָוו. ער איז געווען דער גרויסער גאון, דער באַרימטער מהרשק. ער האָט געמאַכט דעם פּירוש אויף גמרא — גרויסט זיך אברהם רייזען מיט זיין בן עיר. ר' שמואל, וואָס איז נאָך גרעסער פאַרן תוספות. זיין זון האָט געהייסן ר' צבי הירש, דער מחבר פון „קב הישר"... וועלכער ייד ווייס ניט פון קב הישר?

לויט אברהם רייזען האָט זיך זיין קיידאַנאָוו אויסגעצייכנט מיט שיינע יידן, געראָטענע. אַ קליינינקייט אברהם מערלים, וואָס האָט באַהאַלטן זיינע לאַנגע פּיאות הינטער די אויערן, ווען ער איז געגאַנגען צו נאַטשאַלסטוואָ בעטן פאַר יידן, און זיי געטראָגן צווישן יידן מיטן אמתן הדרת פּנים. היינט דער גרויסער חסידישער רבי, ר' אַרעלע קיידאַנאָווער, וואָס אַרום זיין שטוב איז געווען אַ גרויסער זומפּ. מע האָט עס גערופן „מצודה". עס האָט זיך געקערט מיט אים אַ וועלט!

חוץ לַמדנים, תּלמידי חכמים, גוטע יידן, זיינען געווען אין קיידאַנאָוו משכּילים, געלערנטע, העברעאישע שרייבער. דער באַקאַנטער העברעאישער שרייבער יקנה"ז איז אויך געווען כמעט אַ קיידאַנאָווער!

גייען מיר אַריבער צו אברהם רייזענס משפּחה.

— מיין טאַטע, קלמן רייזען, איז געווען איינער פון די איינטערעסאַנטסטע יידן. אַ געלערנטער, אַ משכּיל, אַ ווערטל־זאָגער. געהאַט אייגענע רייכער רעיונות. ער איז שוין געווען ניט קיין פרומער, אָבער געפירט אַ יידישן שטאָט.

זיין טאַטע איז געווען אַן אָרעמער, אָבער ערלעכער סוחר. ניט אָפּגענאַרט קיינעם, אָבער זיך ניט געלאָזט אויך אונטערדריקן. אַ סוחר מיט תבואה און פלאַקס. ער האָט געהאַט דריי זין און צוויי טעכטער: אברהם, זלמן, הירש, און רבקה און שרה. די ברידער זלמן און הירש לעבן שוין ניט. די טאָכטער רבקה לעבט אויך שוין ניט. געבליבן זיינען, ביז הונדערט מיט צוואַנציק יאָר, אברהם און שרה.

דער טאַטע, קלמן, האָט געלאָזט לערנען זיינע קינדער. יקנה"ז איז געווען אַ לערער אין זייער משפּחה. דער פעטער הירש, אַ לַמדן, האָט מיט זיי געלערנט. געלייענט אַ סך ביכער — העברעאיש, יידיש, רוסיש.

— מיין טאַטע, ע"ה, איז געווען אַ טיפער מענטש. ער וואָלט אפילו היינט געווען אַ טיפער.

— דערמאָנט איר זיך, אברהם רייזען, — פרעג איך אים — אייער ערשט געדרוקט ליד?

— אוודאי, געדענק איך. איך האָב עס געשריבן אין 1891, מיט 60 יאָר צוריק. עס איז געווען געדרוקט אין פּרצעס „אידישע ביבליאָטעק".

און ער זאָגט מיר אָפּ גלייך אויף אויסנווייניק. זיין זכרון איז גלענצענד:

„ווען דאָס לעבן איז פאַרביטערט
און דאָס האַרץ הייבט אָן צו קלעמען,
און אַ טרער אין די אויגן ציטערט,
און דערציילן איז ניטאָ צו וועמען..."

דאָס ליד איז געווען פון צוויי פערזן. געגנוג גרוים פאַר אַ ייִנגל פון 15—16 יאָר. מער ניט, דעם צווייטן פערז האָט פּרץ אין גאַנצן איבערגעמאַכט, ניט צו דערקענען. נאָך היינט איז דערפאַר רייזען אין כעס אויף זיין ערשטן רעדאַקטאָר. ביים איבערדרוקן דאָס ליד אין אַ בוך האָט ער צוריק אויפגעשטעלט זיין אייגענעם נוסח.

דאָס צווייטע ליד איז דערשינען מיט צוויי יאָר שפּעטער, אין 1893. דאָס איז געווען דער „גמרא־ניגון". „דאָס ליד איז בעסער פאַר מיין „מאי קא משמע לן" — זאָגט אברהם רייזען.

דערציילט מיר אברהם רייזען אַ טשיקאַווע מעשה וועגן דעם, ווי אַזוי ער איז געוואָר געוואָרן, אַז זיין „גמרא־ניגון" האָט מען געדרוקט. אַנדערטהאַלבן יאָר נאָך דעם ווי ער האָט אים אָפּגעשיקט מרדכי ספּעקטאָרן. ער האָט שוין דעמאָלט געדינט אין מיליטער, אין אַ קאַוונער קאַזאַרמע. די קאַזאַרמע איז געווען אָפּגעטיילט מיט אַ הילצערנעם פּאַרקאַן פון אַ דערבייאיקן בית־מדרש. צוליב שטיפעריִשקייט, איז אברהם רייזען אַריבערגעשפּרונגען דעם פּאַרקאַן, אַריין אין בית מדרש, און דאָרטן געזען צוויי ישיבה־בחורים. ער האָט מיט זיי פאַרפירט אַ שמועס.

— ווי הייסט איר? — האָבן די ישיבה־בחורים געפרעגט.

— אברהם רייזען.

זיינען ביידע ישיבה־בחורים איבערראַשט געוואָרן. אויסגעגלאָצט די אויגן.

— אברהם רייזען? זייט איר אַ פּאָעט? איז דער „גמרא־ניגון" אייערס אַ ליד? — און פון אונטער דער גמרא האָבן זיי אַרויסגעשלעפּט זיין געדרוקט ליד.

דאָס איז געווען זיין ערשטע באַגעגעניש מיט זיינע צוויי לייענער, ישיבה־בחורים, — אין בית־מדרש ביים שטענדער — וואָס האָבן זיך געקוויקט מיט זיין „גמרא־ניגון".

— איך קאָן זיך שוין איצט ניט משער זיין מיין דעמאָלטיקע איבערראַשונג. — זאָגט אברהם רייזען.

אַ ביסל שפּעטער, אויף „אַטפּוסק" אין מינסק, האָט ער זיך באַגעגנט מיט דעם דעמאָלט נאָך יונגן סאָציאַליסט באָרים פרומקין, דעם שפּעטערדיקן מאַן פון אסתר פרומקין, דער באַרימטער בונדישער פירערין. ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון די „זשאַרגאָנאָווען" קאָמיטעטן, וואָס עס האָט אַזוי גרינדלעך באַשריבן דער פאַרשטאָרבענער אַ. ליטוואַק.

— איך זע אים אַצינד ווי ער האָט דעמאָלט אויסגעזען, דער געהיימער רעוואָלוציאָנער — זאָגט צו מיר אברהם רייזען. — אַ שוואַרץ בערדל, אַ פּנים פון אַ געלערנטן, און אַ לעזער פון מיין „גמרא־ניגון".

באָרים פרומקין, דער גרינדער פון דער יידישער ביבליאָטעק אין מינסק, איינע פון די פּאָר־פּאָזיציעס פון שפּעטערדיקן „בונד", אַ רוסישער אינטעליגענט וואָס איז געווען מלא וגדיש מיט דער רוסישער ליטעראַטור, האָט ער גערעדט צו רייזענען אַזעלכע הויכע ווערטער וועגן זיין „גמרא־ניגון", אַז עס האָט זיך אים אַזש דער קאָפּ פאַרדרייט.

— ווי לעבט איר? — האָט ער געוואָלט וויסן — אַ פּראָסטער „ריאַדאָוואָי" אין פאָלק, אַ מוזיקאַנט? — איר מוזט נעמען ביי מיר כאָטש אַ פּאָר רובל. עס וועט אייך צוניצקומען. עס וועט זיין פאַר מיר אַ גרויסער כבוד.

דערמאָנט זיך ביי דער געלעגנהייט אברהם רייזען יענע סביבה, יענע צייט, דעם ערב־פרילינג אויף דער יידישער גאַס. דעם באַגינען פון יידישן סאָציאַליזם. ער רופט אָן מענטשן פון יענער צייט, וואָס האָבן אים באַגייסטערט.

— די מינסקער מיידלעך, די רעוואָלוציאָנערקעס... גוטע, אסתרס שוועסטער, זי איז דאָך געווען אַ הייליקע, און אסתר אַליין — אַ גרויסע פּערזענליכקייט. מע דאַרף וועגן זיי שרייבן. מע טאָר זיי נישט פאַרגעסן, די מינסקער בונדיסטקעס...

עס איז דעמאָלט אויך געווען די צייט, ווען עס זיינען אויפגעגאַנגען די „שוואַרצע" אויף דער יידישער גאַס. „די קאָוונער לשכה השחורה."

דערציילט מיר אברהם רייזן, ווי אַזוי מע האָט געפירט זיין ראַטע אין באַד אַריין. מע איז געגאַנגען איבערן גאַס און געזונגען „דעווקי וו'לעס, יאַ זאַ נימי..." עס שמעקט מיט צאַרישע קאַזאַרמעס, עס הערט זיך דער ווידערקול פון סאָלדאַטסקע שטיוול־טריט, דער ריח פון פעך, מיט וועלכן די שטיוול זיינען געווען געשמירט, שינעלן... גנבעט זיך דעמאָלט אָפּ אברהם רייזען פון זיין ראַטע. אַליין האָט ער געוואָלט גיין אין באַד אַריין און צאָלן אייגענע דריי קאָפּיקעס. כאַפּט ער זיך אַריין אין אַ קאָוונער יידישער בוכהאַנדלונג. ער זוכט פּרצעס „יום־טוב בלעטלעך". דער בוכהענדלער, איינער פון דער לשכה השחורה, באַליידיקט אים, ער רופט אָן די „יום־טוב־בלעטלעך" מיט אַ מיאוסן נאָמען. „פאַר מיר איז עס גאָלד" — שריט רייזען, און זידלט אוים דעם לשכה השחורהניק.

ביי דער געלעגנהייט האָט זיך אברהם רייזען באַקענט מיט איינעם פון די דעמאָלטיקע ראַדיקאַל־סאָציאַליסטישע אינטעליגענטן, קלעבאַנאָוו. „איר האָט אים גוט אַריינגעזאָגט, דעם פינצטערלינג" — האָט קלעבאַנאָוו אים געמוטיקט, און איז געוואָרן אברהם רייזענס אַ גוטער פריינד אויף לאַנגע יאָרן, געקומען צו אים אין קאַזאַרמע אַריין. די סאָלדאַטן פלעגן אים אָנזאָגן: „באַרין פּרישאָל..."

אין יענער צייט האָט זיך אברהם רייזען פאַרבונדן אין קאָוונע מיט אַ סאָציאַליסטיש קרייזל, וואָס צו אים האָבן געהערט די שוין היינט פאַרשטאָרבענע וויקטאָר שולמאַן, אַ. ווייטער־דעוועניש סקי, שקלאַר, דמיטרי צענזאָר, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַ רוסישער פּאָעט.

— דערמאָנט איר זיך, רייזען, אייערע שטימונגען פון יענער צייט? — פרעג איך אים.

— געוויס. איך בין געווען באַאיינפלוסט פון דער רוסישער פרייהייטס־באַוועגונג, פון די גרויסע רוסישע ליריקער, באַזונדערס פון נעקראַסאָוון. איך בין געווען יידיש, זייער יידיש געשטימט. מיינע יידן, מיינע אָרעמע יידן, מיין אונטערדריקט פאָלק. איך בין געווען מיט דעם אָרימאַן. סאָציאַלע מאָטיוון און ליטעראַרישע מאָטיוון? — זיי זיינען געווען ביי מיר שטענדיק געבונדן איינע מיט די אַנדערע.

דערמאָנט ער זיך אַ ליד, וואָס ער האָט געשריבן אין יענער צייט. איידער ער האָט געשריבן דאָס ליד איז ער געשטאַנען אויף דער ליידיקער אַרענע פון מיליטערישן אָרקעסטער. דער הימל פאַרוואָלקנט,

לידיק אָרום און אָרום, דונערן, בליצן. עס האָט אויסגעבראָכן א שטורעם. האָט ער שפּעטער אזוי געשריבן:

„עס הערט זיך אַ דונער פון ווייטן,
עס בלענדט אין די אויגן אַ בליץ.
אַ, גאָט, האָב רחמנות, די אָרימע
פון בייזן געוויטער באַשיץ."

עס איז אַ געמיש פון נאַטור־בילד מיט געפילן פון רחמנות. דער נמשל — די אָרעמע פּויערים אויף די פעלדער — „די אָרימע פון בייזן געוויטער באַשיץ".

עס איז געווען ערב־שטורעם אין דער וועלט, באַזונדערס אין רוסלאַנד. ער איז געווען דורכגענומען מיט די לידער פון אוקראַיִנישן פּאָעט שעווטשענקאָ. עס איז געווען באַגינען פון רעוואָלוציע: דער פּאָעט אברהם רייזען האָט געלעבט מיט דער צייט.

— און יידן? — פרעג איך ביי אים.

— איך האָב שוין דעמאָלט פאַרבונדן יידיש פאָלק מיט דער וועלט. איך האָב ניט געהאַלטן פון די מטיפים. איך האָב מער ליב געהאַט דעם מגיד. איך האָב געהאַלטן פון ריינער ליבע צום פאָלק, אָבער ניט פון שאָוויניזם.

לויפט די צייט. עס שמעקט מיט פרילינג אין רוסלאַנד און אין אייראָפּע. אברהם רייזען איז אין סאַמע טראַנס פון שאַפן. ער דרוקט זיינע לידער אין פאַרשיידענע אויסגאַבעס. עס דערשיינען זיינע ערשטע ביכלעך.

ער רופט מיר אָן אַ צאָל לידער זיינע, ציטירט ליד נאָך ליד אויף אויסנווייניק. מיר ריידן וועגן צוויי לידער, וואָס האָבן „אָנגעצונדן וואַרשע". — דאָס ליד וועגן „ברעכן די וואַנט" — דערציילט מיר אברהם רייזען — האָב איך געשריבן נאָך אַ דעמאָנסטראַציע אויף מאַרשאַלקאָווסקע גאַס אין וואַרשע. קאַזאַקן, שווערדן, שיסעריי, בלוט ווערט פאַרגאָסן... האָב איך עס אַרויסגעבראַכט:

„די אויגן פון צאָרן פאַרגאָסן מיט בלוט,
די הערצער, זיי שלאָגן מיט קראַפט און מיט מוט.
מיר שטייען ביי אַ הויכער, געמויערטער וואַנט
מיט אייזנס, מיט לאָמען אין האַנט,
מיר ברעכן, מיר ברעכן די וואַנט..."

אין דער זעלבער צייט האָט ער געשריבן לידער פון ריינסטער ליריק, וואָס האָבן געווירקט אויפן געמיט, פשוט, קלאָר, פאַרשטענדלעך. „דאָס לעבן איז געגליכן צו אַ לאָמפּ מיט ווייניק נאַפט, וואָס ווערן ווערט עס ניט פאַרלאָשן, ברענען האָט עס ניט קיין קראַפט". — דערמאָנט ער זיך אין איינעם פון יענע לידער.

— מיר ריידן וועגן אייערע לידער, — זאָג איך אים — לאָמיר זיך אריבערכאַפּן צו אייער פּראָזע.

אברהם רייזען איז גערן דאָס צו טאָן.

זיין ערשטע נאָוועלע האָט ער געשריבן אין שטעטל סאַמאָ־כוואַלאָוויטש, אין 1893, — „אַ 60־טער טייל פון גן־עדן", אַ מעשה וועגן אַ פּרייטיק־צו־נאַכטס אין דעם אָרימען שטיבל פון ר' אברהם: ענגשאַפט, אָרימקייט, צאַנקנדיקע שבת־ליכט. דער ייד פילט אָבער אַזאַ גרויס פאַרגעניגן, אַז עס איז ביי אים אַ 60־טער טייל פון גן־עדן. עס זיינען אין דער נאָוועלע געווען עטלעכע טראָפּנס איראָניע. זי איז געדרוקט געוואָרן אין יאָר 1896, דריי יאָר שפּעטער.

אין אַ וואַרשעווער רעסטאָראַן, וואו ער איז געזעסן פון 9 אין דער פרי ביז 1 ביינאַכט, האָט ער אָנגעשריבן זיין קורצע נאָוועלע וועגן אַ שמעק טאַבאַק, וואָס האָט אוועקגעהרגעט די האָפענונג פון אַן אָרימען מלמד צו באַקומען דעם יינגל פון גביר ביי אים אין חדר. אַז ה. ד. נאָמבערג האָט איבערגעלייענט די דערציילונג, איז ער מיט איר געלאָפן צו פּרצן.

אַזוי האָט געשטעלט די ערשטע טריט דער נאָוועליסט אברהם רייזען. ער געדענקט אויך אַ סך פון זיינע נאָוועלן אויף אויסנווייניק. אין אונדזער געשפּרעך קומען אַרויס געשטאַלטן פון דער יידישער אָרימער גאַס מיט אירע זאָרגן. אומעט, צער, דורכגעוועבט מיט טרויעריקער איראָניע, מיט פּעדימלעך פון ריינעם הומאָר. עס קומען אַרויס שאָטנס, סילועטן פון אַלטע און יונגע, פרויען, מענער און קינדער. אַ טייערע, ליבע פאַרשוואונדענע וועלט. אברהם רייזען האָט דעמאָלט דערשפּירט, ווי ער זאָגט, אַז „פּראָזע איז דער עיקר."

אין אונדזער געשפּרעך מישט צונויף אברהם רייזען די טעמעס פון זיינע נאָוועלן מיט ווירקלעכע געשטאַלטן, וואָס האָבן געלעבט אין יענער צייט, וואָס מיט זיי איז ער געווען נאָענט פאַרבונדן. — אָט איז, למשל, יוסף שפּרינצאַק, היינט דער פאָרזיצער פון דער כנסת אין ירושלים, און זיין טאַטע, דער שאַרפער חסיד און הייסער ציוני. אָט איז אברהם קאָטיק מיט זיין פאַרלאַג „בילדונג" אין ביאַליסטאָק, וואו רייזען איז אַ מיטאַרבעטער. אָט זיינען ליטעראַרישע פאַרזאַמלונגען אין וואַרשע, אין מינסק. און אָט איז דער אָרימער סטאָלער אין

ווארשע, נאוואליפקי 20, אברהם רייזענס א שכן וואס לעבט אין גרוים ענגשאפט מיט א גרויסער פאמיליע. דעמאלט האט ער אנגעשריבן זיין בארימט ליד — „א געזינט זאלבעאכט און בעטן נאר צוויי. עס קומט אן די נאכט, וואו שלאפן דאן זיי?״ אט איז דאס יידישע שטעטל מיט זיינע גאסן, זיינע הייזלעך, וואו א „בערגעלע מיסט איז ביי יעדער טיר.״ מישן זיך צונויף נאוועלן מיט לידער, מיט שטעט און שטעטלעך, מיט הונגעריקע, דורשטיקע לעזער. מישן זיך צונויף מיטן דעמאלט אויפגעוואכט פאלק.

— איך זייט אומצופרידן ווען מען רופט אייך פאלקס־פאעט. פארוואס? — פרעג איך אים — אייער ליד פארן פאלק איז דאך געווען ווי א רעגן־ברכה אויף פארטריקנטע פעלדער.

— פאלקס־פאעט — זאגט ער מיר — האט מען איינגעוויקלט אין א מאדנער וויקעלע. מע מיינט אייגנטלעך מיט דעם צו זאגן „גאס־פאעזיע״. אז מען זאגט, למשל, וועגן ווארשאווסקין, אז ער איז א פאלקס־פאעט, קריוודעט מען אים. דאס הייסט ניט, אז דאס ווארט „פאלק״ קימערט מיך. פארקערט. איך בין פון פאלק, לעב מיטן פאלק, בתוך עמי אנכי יושב. וואס בין איך מער יחסן פון פאלק? יעדער אמתער פאעט האט פאלקס־מאטיוון. „קליפ־קלאפ אין גאלדן טיר, מיין זים לעבן, עפן מיר״ זיינען גאלדענע ווערטער, גרויסע פאעזיע, הגם פאלקסליד.

ער דערציילט מיר, אז אין 1908 איז ער צום ערשטן מאל געקומען קיין אמעריקע, אין 1911 — צום צווייטן מאל אין 1914 — צום דריטן מאל. און פון דעמאלט אן איז ער געבליבן א היגער. לכתחילה איז אמעריקע געווען אים אומבאקאנט. ווען ער האט געהערט דאס ווארט „טעמעני האל״, האט ער געמיינט, אז טעמעני איז עפעס א נאמען פון א מיידל. אבער ער איז נתפעל געווארן פון אמעריקע ווי נאר ער האט זי דערזען און דערשפירט.

— די יידישע אמעריקע — צעווארעמט ער זיך — אזוי פיל לעבן. איך געדענק דעם קבלת־פנים אין יעקב אדלערס טעאטער. אזוי פיל יידן, אזא ווארעמקייט און הארציקייט. איך האב דערזען די יידישע ארבעטער, דאס יידישע פראדוקטיווע לעבן. איך האב געזען קיום, איך האב געזען יידישע אינטעליגענץ. איך דערמאן זיך מאיר לאנדאן, דר. עלסבערג, דר. קאפלאן, דר. קאספע. יידישע ארבעטער־טוער, לערער, קולטור־מענטשן.

און אט זעט ער ווידער אמאל איסט־בראדוויי, די גאס פון יידישער אינטעליגענץ. יידישע דאקטוירים, יידישע שרייבער. — אמאל, אמאל...

פון אמאל ווארפן מיר זיך אריבער צום היינט.

— זעקס מיליאָן יידן זיינען אומגעקומען — רעדט אברהם רייזען — אונדזערע בעסטע, אונדזערע ליבסטע. צו זיי האָבן מיר זיך געצויגן און שטראַלן האָבן זיך געצויגן פון זיי צו אונדז... היינט זייערע שולן, זייערע קינדער. ווי האָט מען עס כוח איבער־צולעבן? א שטאָט ביאַליסטאָק, א שטאָט ווילנע, שטעט, וואָס האָבן געלויכטן מיט יידישקייט. אָבער שרייבן וועגן דעם לידער, פּאָעמעס? — איך קאָן ניט שרייבן. מן קאָן ניט. די צייט איז נאָך ניט געקומען.

ריידן מיר שוין וועגן יידישן גורל, וועגן דער יידישער שפּראַך, יידישער ליטעראַטור. — ווי זעט איר די צוקונפט? — פרעג איך אים.

— מיר לעבן אַלע מיטן טאָג. — ענטפערט ער. די גאַנצע וועלט לעבט מיטן טאָג, וויים ניט וואָס עס וועט זיין מיט איר מאָרגן. ווי קאָנען מיר, יידן, וויסן? צו לעבן היינט דאַרף מען האָבן מוט. יידיש? — פרעגט ער זיך, און ענטפערט: אָן יידיש קאָנען מיר ניט זיין קיין אמת יידיש פּאָלק. העברעאיש? — א גרויסער יחסן. אַז דער תנך איז גרויס איז דאָך אָפּגערעדט. אָבער ער געהערט ניט דווקא צו זיי, צו די העברעער, ער געהערט צום פּאָלק. מיטן תנך קאָן מען ניט שאַפן ווייטער, פּאַרזעצן קאָן מען נאָר מיטן לעבעדיקן לשון.

אברהם רייזען רעדט וועגן דעם, אַז אין ישראל ווילן זיי שאַפן א נייע יידישקייט, א ניי פּאָלק, אפילו א נייעם העברעאיש. — דאָס איז דאָך משוגע — זאָגט ער — זיי ווילן אפילו דעם „זוהר” איבערזעצן אויפן נייעם העברעאיש. ער וועט דעמאָלט פּאַרלירן דעם גאַנצן חן. דאָס נייע העברעאיש געפעלט מיר ניט. אין די נייע העברעאישע שאַפונגען איז ניטאָ קיין עכטע ליריק. מיט דער הברה הספרדית האָט מען ביאַליקן אַוועקגעהרגעט. עס מוזן גיין צוזאַמען יידיש און העברעאיש, ווי אַמאָל. יידן האָבן גערעדט יידיש און טייער געהאַלטן העברעאיש, אָבער ניט בן יהודהס העברעאיש, ניט קיין געמאַכטע, ניט קיין שפּראַך פון ווערטערבוך.

ער רעדט אויך וועגן ארץ־ישראל. ס'איז א גרויסע געשעעניש, א געוואַלדיקע טרייסט. מע מוז אָבער שלום מאַכן מיט די אַראַבער. עס דאַרף זיין א שטאַרקער שלום.

— מע רעדט דאָך אָבער — זאָג איך אים, — אַז יידיש גייט אונטער.

— ס'איז ניט ריכטיק — צעפלאַמט ער זיך. — עס רוישט נאָך אין אַמעריקע די יידישע שפּראַך, גאַנצע כוואַליעס. יידישע פרויען גייען אין די קראָמען מיט יידישע ווערטער אין זייערע מיילער. יידיש וועט לעבן. מע דאַרף אָבער קעמפן, אַרבעטן. מע דאַרף שיקן יידישע קינדער אין חדר אריין. א מלמד קאָן לערנען אויך יידיש.

מע קאָן לערנען חומש אויף יידיש. אין חדר, אין די חדרים אריין! זעט — זאָגט מיר אברהם רייזען — וויפל קינדער עס גייען נאָך אין די פאַרשיידענע יידישע שולן. זייערע אייגעלעך שיינען. וויפל נחת איך האָב שוין געהאַט אויף די שול־סיומס פון אונדזערע קינדער.

— אָבער די צוקונפט? — פרעג איך אים ווייטער, אַזוי ווי צושפּאַרנדיק צו דער וואַנט.

— צוקונפט, צוקונפט... — צעקאָכט זיך רייזען. וואָס קאָן מען איצט זאָגן וועגן דער צוקונפט, ווען יעדער איינער וויל גאָר וויסן וואָס עס זאָגט די צייטונג וועגן קאָרייע? די וועלט ווייס אַליין ניט וועגן איר צוקונפט.

— זייט איר אַ סאָציאַליסט? — פרעג איך אים.

— אַלע מאָל געווען. — ענטפערט ער. אונדזער פאָלק איז אין תוך סאָציאַליסטיש. ווען מיר זאָגן פאָלק, מיינט עס דאָס אָרימע פאָלק. סאָציאַליזם איז די שענסטע אידייע אויף דער וועלט.

— זאָגט מיר, רייזען, ווי גרויס איז אייער פאַרמעגן? וויפל פעלט אייך צו צען טויזנט דאָלער?

שמייכלט ער מיט אַלע זיינע 75 יאָר: — איך האָב גאָרניט.

ער דאַרף דאָס מיר ניט זאָגן. איך זע עס ביי אים אין שטוב, אויף זיינע מעבל. איך זע, אַז ער האָט אין באַנק גאָרניט.

איצט דערשיינט אין איין בוך אַ זאַמלונג פון אַלע זיינע לידער. אַן אוצר... ער וואָלט אויך געוואָלט ארויסגעבן אַ פּאָר ביכער פּראָזע: „הירש למדן", זלמן אויפגעקלערטער"... ער וויל שרייבן וועגן דער יידישער הילפס־באַוועגונג אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

— איך האָב נאָך וואָס צו טאָן און טאָן.

איך פיל, עס וואָלט געפּאַסט צו פאַרענדיקן אונדזער שמועס צו זיינע 75 יאָר מיט עטלעכע ווערטער וועגן זיינע פאָרגייער י. ל. פּרץ און שלום עליכם, און וועגן זיין געוועזענעם חבר, שלום אַש. „איר האָט דאָך געשריבן אין אַ ליד — זאָג איך אים — אַז איר זעט דעם הויף, די טרעפּ, די טיר, וואו פּרץ האָט געוואוינט".

— י. ל. פּרץ — זאָגט ער מיר — איז געווען גרויס, הויך אַ וואונדערלעכע פּערזענלעכקייט. — ער פאַרגלייכט אים צום רמב"ם.

— און שלום עליכם? — פרעג איך אים.

— איך האָב טענות צו אים, האַרבע טענות. ער האָט דורך זיין מנחם־מענדל פאַרחוזקט דעם יידישן סוחר. ער האָט געמאַכט

מנחם מענדלען פארן סימבאל פון יידישן פאלק. דער יידישער סוחר איז ניט געווען קיין מנחם־מענדל. מיין טאטע, למשל, א סוחר מיט תבואה און פלאקס, האט קיין פויער ניט פארדרייט דעם קאפ, קיי־נעם ניט אפגענארט. ער איז געווען אן ערלעכער ייד. דער יידישער סוחר האט א סך גוטס געטאן, טובות געטאן דעם פויערשן פאלק. געשפילט א גרויסע ראל. דאס מיינט חוזקן פון הונדערטער יארן יידישע סוחרים.

„אין פארלויף פון דער יידישער געשיכטע האט דער יידישער סוחר אויסגעוואנדערט לענדער, פארבונדן פעלקער, דורכגעשפרייזט מדינות, דורכגעפארן ימען. ניין, ער איז ניט געווען קיין מנחם־מענדל.‟

— און שלום אש? — פרעג איך אים.

— ער איז א פאעט אין פראזע — ענטפערט ער — האט איר געזען אמאל א פויער, וואס קריכט ארויס פון שייער? — היי, שטרוי, גרעזעלעך אויף זיינע קליידער, אנגעטשעפעט ארום און ארום, פאלן אראפ פון אים ווען ער באוועגט זיך. אזוי איז געווען שלום אש מיט זיין היים, מיט זיין „שטעטל‟. גייט ער אוועק פון שטעטל און טרייסלט אפ אלע שטרויעלעך, ווערט ער אויס שלום אש. ער איז אוועק פון אונדז, ווייט אוועק, אוועק פון אונדזער פאלק, פון דער יידישער ליטעראטור, פון איר גייסט.

אברהם רייזען האט נאך א סך צו ריידן וועגן יידישע שרייבער, יידישע פאעטן. ער רעדט גוטס און שארפס. ער רימט, לויט אוז, פארקערט, קריטיקירט, טאדלט.

— לאמיר בלייבן שטיין, אברהם רייזען — זאג איך צו אים. — איר האט דא אין מיטן דער נאכט ארויסגערופן צופיל גייסטער — לאמיר זיך אפרוען.

רוקט ער זיך אפ פון טיש. אנגעלענט זיך אויפן ווענטל פון דער קליינער און שמאלער קאנאפקע, אזוי ווי ער וואלט אריינגעקוקט טיף, טיף אין זיך. די ארויסגערופענע כוואליעס האבן געברויזט אין אים, און איבער זיי האט זיך געטראגן א דור. א גרויסער, וואונ־דערלעכער דור. איבער די כוואליעס האבן זיך געטראגן דונערן און בליצן. עס האבן זיך געהערט כארן, געזאנגען, זיך צונויפגעגאסן אין איין גרויסן און אייביקן שטראם פון דער יידישער ליטעראטור, פון יידישער שאפונג, פון דער יידישער געשיכטע.

— פון רמב״ם ביז פרצן ציט זיך דאך איין ליניע.

דערמאן איך זיך אברהם רייזענס בוים אויף א יידישן הויף. אט דער בוים, אברהם רייזען, איז שוין אלט 75 יאר. די צווייגן אויסגעצויגן, די בלעטער גרינען, עס בלאזט דער ווינט פון דער געשיכטע, עס שעפטשעט אונדזער גורל.

י. י. שוואַרץ

פלאָרידע, 15 מייל

פון דער שטאָט מיאַמי, שאַסי נומער 4, יעיל עוועניו 30־84. דריי אַקער לאַנד. אַ שיינער גאָרטן פון טראָפּישע ביימער, אוואָקאַדאָס און מאַנגאָס. אַ לייטיש דאָרפיש הויז... — דאָ וואוינט שוין אַ פּאָר חדשים י. י. שוואַרץ. ער איז אַוועק פון קיו־גאַרדענס, ניו־יאָרק, און זיך באַזעצט אין פלאָרידע. די דאָקטוירים האָבן געהייסן.

— שלום עליכם, שוואַרץ.

ער קאָן ניט געבן זיין האַנט צום שלום־עליכם, ווייל ער האָט זיך צוגעכאַפּט צו דער פּאַרמערדיי אין זיין „מאַיאַנטעק" און ניט געוואוסט, אַז מען דאַרף טראָגן אויף די הענט גומענע הענטשקעס. — פון וואַנען זאָל עס וויסן אַ יידישער פּאָעט? דאַרף ער איצט אונטערהיילן די הענט.

איך בין געפירט געוואָרן צו אים מיט די פריינד לילי און יוסף דונטאָוו, אין זייער מאַשין. אונטערוועגס האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט ביי שלום־אַשם ווילע. די טירן און לאַדנס זיינען געווען צוגעקלאַפּט, ווייל דער באַלעבאָס איז געווען אין אויסלאַנד. אויפן גרינעם גאָרטן־הויף איז געווען נאָר אַ שומר, און אַ הונט. שלום אַשס ווילע קוקט אַרויס מיט אַ הענגענדיקן בריקל איבער דעם בעי. דאָס ברייטע וואַסער וואַשט די ברעגן פון זיין גאָרטן.

פּאַזע דעם וועג איז דער „נייער אוניווערסיטעט" פון מיאַמי, אין דער שכונה, וואָס טראָגט דעם נאָמען „קאָראַל געיבעלס". ארץ ד'! פלאָרידעס בלויסטער הימל, הייסע זון, ברייט צעגאָסן וואַסער, איבער וועלכן עם פּאָרן שיפלעך מיט סטודענטן. גרויסע טעראַסן איבערן וואַסער. רחבות־דיקע זאַלן, ביבליאָטעקן מיט פּאַליצעס ביבער ביז דער סטעליע, און אַ צאָל. אין דעם גרויסן אוניווערסיטעט־רעסטאָראַן מיט ריזיקע פענצטער איבערן וואַסער, פאַרברענגען סטודענטן, סטודענטקעס, פּראָפעסאָרן.

מיר קומען צו י. י. שוואַרץ. עס איז פרייטיק צו ליכט־בענטשן. אין הויז ברענען פיר שבת־ליכט אין שבת־לייכטערס.

— גוט שבת. וואָס מאַכן צוויי יידן שוואַרץ?

— פיין, פיין, גאָט צו דאַנקען.

ס'איז גוט צו קוקן אויף שוואַרצן, וואָס איז פאַרמעריש אָנגעטאָן, שלאַנק, הויך, ווייסקעפּיק, גמיטלעך און עניוותדיק. ער איז שטאַרק דורכגענומען מיט זיינע אייגענע פינף צימערן און מיט די פּירות פון זיינע ביימער.

— איר זאָלט וויסן וואָס פאַר אַ מחיהדיקע מאַנגאָס עס וואַקסן אויף מיינע ביימער! היינט די אַוואָקאַדאָס, אָרענדזשעס, ציטרינען, לאַימס!

— אייער שכן, שלום אַש, האָט אַ גרעסערן פּאַלאַץ פאַר אייערן.

— רייץ איך זיך מיט אים.

— מיין שכן? — שמייכלט שוואַרץ — שלום אַש וואוינט מייל־ווייט פון מיר. זאָל אים וואויל באַקומען... איך האָדעווע דאָ פּאַפּאַ־יעס... — גרויסט ער זיך ווייטער מיט זיינע פּירות — ביי אונדז אין שטעטל האָט מען געוואוקסט נאָר ווען קאַרשנביימער, עפּלביימער, גרינע אוגערקעס.

דערמאָן איך אים, אַז ער האָט אַמאָל געשריבן אַ ליד, לויט וועלכן עפּלביימער זיינען געגליכן צו מענטשן אין אַלע זייערע תנועות. זיי פּלאָ־טערן יונגערהייט אין ווינט ווי קליינע קינדער; אין זייער יוגנטלעכן גלי זיינען זיי אויסגעצירט, ווי כלות, אין ווייסן; אויף דער עלטער ליגן זיי אויסגעריסענע פון ווינט, ווי הרוגים, אין ווייסן שניי.

— יאָ, געווען אַזאַ ליד. — זאָגט י. י. שוואַרץ.

דערציילט ער מיר, אַ פאַרליבטער אין זיין דאָרפישער כאַטע און גאָרטן, ווי אַזוי ער האָט זיך צו דעם דערשלאָגן. געהאַט אייגענע דריי טויזנט דאָלער, פאַרקויפט זיינע ביכער אין ווענעזועלאַ און באַקומען פון דאָרטן 3,300 דאָלער. האָט ער 6,300 דאָלער אָריינגעלייגט אין זיין הויז, און דאָס איבעריקע איז אָרויפגעשטעלט אויף אַ מאָרטגיידזש. ער דער־ציילט מיר אויך, אַז זיין געוועזענער איידעם, סמיט, האָט אים געגעבן אַ מתנה צוויי טויזנט דאָלער, און ער האָט איבערגעבויט זיין גאַראַזש, געמאַכט פון אים אַ באַנגאַלאָ פון צוויי צימערן. דאָס וועט ער פאַרדינ־גען ווינטער־צייט און עפּעס פון דעם אָרויסשלאָגן, לייכטער צו מאַכן די הוצאות.

— און חיונה? — פרעג איך אים.

—סיי־ווי־סיי מוז איך דאָך פאָרן אַ פּאָר חדשים איבערן לאַנד און זיין אַ מוכר ספרים. וואָס־זשע איז דען דער אונטערשייד, צי מע פאָרט פון ניו־יאָרק, צי מע פאָרט פון מיאַמי? דער דאָקטער האָט געהייסן

גלייבער זיין אין פלאָרידע. און מיטן דאָקטער מאַכט מען ניט קיין מחזקות.

עס איז געוואָרן טונקל. ס'איז פרייטיק־צו־נאַכט, פון די פיר שבת־ליכט איז שלומדיקער אויז הויז: „שלום עליכם מלאכי השרת".

— איך האָב געמיינט, איר האָט נאָר צוזאַמענגעשטעלט דעם „ספר השבת" — זאָג איך אים. — זע איך, איר פּראַוועט טאַקע שבת.

ניט נאָר האָט ער צונויפגעקליבן אין צוויי יידישע ביכער די „שבת־שאַפונגען פון אַלע דורות", ער איז טאַקע מקיים פרייטיק־צו־נאַכט מיט ליכט. שטייט אין „ספר השבת" געשריבן אין שוואַרצס אַ ליד אַזוי:

„געזאַנג און וואָרט פון אַלטע דורות־קלינגען
אַט אומעטיק באַהאַרצט און אָנגעזאַפּט מיט טרערן . . .
און ניט אַזוי די אַלטע ווערטער, ווי דער ניגון,
די האַרציקייט פון ווייטע זינגערין . . ."

דערגייט אויך צו אַט־דעם שבת־צימער מיט די שבת־ליכט, אין דער ווייטער פלאָרידע, יענער ווייטער שבת־ניגון פון י. י. שוואַרצעס ליטוויש שטעטל.

ער דערציילט מיר, גאָר איינגיכן דערשיינען זיינע צוויי נייע ביכער: איינס — לעגענדעס און מעשיות וועגן משה רבינו און דאָס צווייטע — אַ בוך פּאָעמעס „יונגע יאָרן".

— איז טאַקע די ריכטיקע צייט — זאָג איך אים — אַ שמועס צו טאָן וועגן די פאַרגאַנגענע יאָרן.

ער איז געווען זיך דורכצורייִדן.

זיינען מיר אַוועק פון די בני־בית און פון די שבתדיקע ליכט אין זיין ניי־אויסגעבויטער כאַטקע, וואָס שטייט אינמיטן גאָרטן, צו זיין ביחידות.

÷ ◆ ÷

— לאָמיר אָנהייבן — לייג איך אים פאָר — פון די אָנגעזאַמלטע קאַפּיטאַלן אין אייערע פאַרגאַנגענע שעפערישע יאָרן.

— איר מיינט חוץ מיין כאַטע? — זאָגט ער מיט אַ שמייכל. — מיינע קאַפּיטאַלן פון אַלע מיינע יאָרן זיינען — „יוליוס צעזאַר און האַמלעט", דערשינען אין 1918; „קענטאַקי", — אין 1925; דאָס בוך „אונדזער ליד פון שפּאַניע" — אין 1931; איבערזעצונגען פון ביאַליקס לידער — אין 1935; די אַנטאָלאָגיע פון העברעאישער פּאָעזיע — אין

1941; צוויי בענדער „ספר השבת" — אין 1948; און איצט, אין 1952 — מיין „משה רבינו" און „מיינע יונגע יאָרן".

בלעטערן מיר זיינע ספרים און ריידן וועגן דער גאַלעריע גרויסע יידן וואָס ער האָט, דורך יידיש, אַריינגעבראַכט אין יידישן הויז — רש"י, שלמה בן גבריאל, רב סעדיה גאון, משה אבן עזרא, יהודה הלוי. „די תפילות אויף יידיש קלינגען היימישער, וואַרעמער".

„איך וועל אויסגיסן מיין האַרץ, ווײַט אפשר לייכטער ווערן,
איך ווער דערשטיקט פון פּיין, מיין קראַפט גייט אויס..."

ווען מיר האָבן געשמועסט, איז געגאַנגען צו ימים נוראים. קלינגט עס אין י. י. שוואַרצעס בוך אַזוי:

„וואַרף דיין פּחד איבער אַלע דיינע מעשים
און דיין אימה איבער אַלץ, וואָס דו האָסט געשאַפן..."

עס זאָגט זיך אין זיין „רבי האי גאונס סליחות" אַזוי:

„פאַרוואָס־זשע, אַז מיר וויינען, איז ניטאָ קיין חסד,
און אַז מיר קלאָגן, איז ניטאָ קיין רחמים?"

עס איז אַ טיפע איבערלעבונג צו זיצן דאָ זאַלבעצווייט אין דער קליינער דירהלע אינמיטן י. י. שוואַרצעס גאָרטן און הערן נאָך אַ מאָל זיינע פּאַריידישטע ר' יהודה הלויס „ציון־לידער":

„כוואַליעס יאָגן, כוואַליעס שלאָגן,
ברויזן, רוישן אין דעם מער"...

עס ברומען די כוואַליעס, עס קראַכן תהומים. די שיף גייט אַ שיכור־טאַנץ. „בערג און טורעם טאַנצט דער שטורעם" און „דער לויתן, ווי אַ חתן, לאַדט די וואַלפיש איין צום פעסט".

מישן זיך צונויף אונדזערע ווערטער מיט בלעטער פון י. י. שוואַרצעס ביכער, היינטיקער יידישער חורבן מיט חורבן פון 900 יאָר צוריק, וועגן וועלכן קלונימוס בן יהודה האָט געשריבן זיין קינה („קינה אויף די הרוגים פון שפּייער, וואָרמס און מאַינץ").

— אין 1942 — האָב איך איבערגעקלאָגט זיין קינה: „אין טאָג פון רו, אין אַכטן טאָג פון צווייטן חודש, איז אויפגעגאַנגען אויפן בראַנד מיין שבת־קודש... עס זיינען אומגעקומען יונגע בחורים און פּראַכטיקע זקנים וואָס האָבן אַפּגעגעבן זייערע לעבנס אַלע אינאיינעם".

„גאונים פון דער וועלט, גבורים פון תורה און תפילה".

קוק איך אויף דעם הויך־געשטאַלטיקן, הדרת־פּנימדיקן י. י. שוואַרץ, וואָס גייט איבער זיין צימער אַהין און צוריק, פאַרטראַכט, אַ ביסל פאַר־זאָרגט און זאָגט אַזוי:

— אַז מען איבערזעצט, איבערזעצט מען דאָך ניט בלויז ווערטער. מען איבערזעצט דאָך אויך נשמה.

— לאָמיר אַ ביסל אַוועק פון די גבורים פון תורה און תפילה און זיך נעמען צו אייך — לייג איך אים פאָר — דערציילט מיר אַ ביסל וועגן אייער אָפּשטאַם.

ער טוט עס גערן.

— איך בין געבאָרן געוואָרן אין פּעטראַשון, דריי ווייאָרסט פון קאָוונע, ביים ניעמאַן, מיט 67 יאָר צוריק. מיין טאַטע איז געווען פּעטראַ־שונער רב, ר' יצחק אייזיק שוואַרץ.

ער גרויסט זיך מיט זיין טאַטן דעם רב:

— געווען אַ ייד אַ למדן, אַ בעל־מידות. ליב געהאַט צו טאָן טובות. געווען אַ שיינער, געשטאַלטיקער ייד.

זיין טאַטע האָט אויך גוט געקענט — ווי עס דערציילט זיין זון — די מיטלאַלטערלעכע יידישע ליטעראַטור. ער האָט געמאַכט זיין זון לייענען יהודה הלוי. „ער איז געווען אַ ייד מיט גייסט"...

— און אייער מאַמע? — פרעג איך אים.

— זי איז געווען אַ כשרע רביצין — ענטפערט ער — געבראַכט אויף דער וועלט עלף קינדער. זעקס זיינען פרי אַוועק און פינף זיינען געבליבן.

זיינע קינדער־יאָרן און בחורשע יאָרן האָט ער געלערנט אין חדרים און ישיבות. ווען ער איז אַלט געווען 15 יאָר, איז ער געווען אַ מתמיד אין דער קאָוונער שניידערשער קלויז.

— ווען איך בין אַלט געווען 16 יאָר — דערמאָנט ער זיך — האָב איך שוין אויך געלייענט פּושקינען און לערמאָנטאָוון.

ס'איז געווען אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. איבער גאַנץ רוסלאַנד און איבער דער ליטווישער קאָוונע זיינען געהאַנגען די שטערנס פון די גרויסע פּאָעטן פונעם „לאַנד פון אַלע מעגלעכקייטן". זיי האָבן אַריינגעשיינט אויך צום פּעטראַשונער בן הרב, דעם ישיבה־בחור אין דער שניידערשער קלויז. די גוישע פּאָעטן, ווי גרויס זיי זיינען ניט געווען, האָבן אָבער ניט אַריינגעדרונגען טיף אין זיין געמיט.

— חיים נחמן ביאַליק — זאָגט ער מיר — איז דער נאָענטסטער צו מיין אינערלעכער וועלט, צו מיין געפיל.

ביאַליקס „המתמיד" האָט דעמאָלט געמאַכט אויף אים אַ געוואַל־דיקן איינדרוק. ס'איז געווען אַ ליד — זאָגט ער — אויך וועגן אים גופא. דאָס ליד האָט אים געפירט צו מאַכן די ערשטע טריט אין דער יידישער ליטעראַטור. ווען ער איז אַלט געווען 19 יאָר, האָט ער איבערגעזעצט ביאַליקס „מתמיד" אויף יידיש און אַפּגעשיקט די איבערזעצונג צו ביאַ־ליקן אין אָדעס. „איך האָב באַקומען פון אים, פון ביאַליקן — דער־מאָנט ער זיך איצט מיט שטאָלץ — אַ פריינדלעכן בריוו".

דער מתמיד ביאַליק האָט געלערנט אין וואָלאָזשין, דער פּעטראַ־שונער מתמיד האָט געלערנט אין קאָוונע. זיי האָבן זיך ביידע געפונען.

— ווי־זשע קומט איר קיין אַמעריקע? — פרעג איך אים.

— אַ גויישער שטיין אין אַ יידישן קאָפּ האָט מיך געטריבן אַהער.

עס איז געווען די צייט פון פּאָגראָמען און פּאָגראָם־שטימונגען אין רוסלאַנד. אין וואַלד אַרום פּעטראַשון האָבן זיי שפּאַצירט — אַ 5־6 יונגעלייט, און עס איז אונטערגעקומען אַ „פּאַבריטשנער גוי" און איינעם פון די בחורים געוואָרפן אַ שטיין אין קאָפּ. פּאָגראָמען, שטיינער אין קאָפּ — מע דאַרף גיין אין דער נייער וועלט.

— דערצו האָב איך שוין געהאַט אַ ברודער אין אַמעריקע — זאָגט י. י. שוואַרץ. — ער איז שוין דאָ דעמאָלט געווען 5־6 יאָר און האָט שטודירט פאַר אַ דאָקטער.

וואָס איז דער תכלית צו בלייבן אין שטעטל? דעם טאַטנס שבירות פאַר רבנות איז 8־9 רובל אַ וואָך, וואָס קהל גיט אים פון אויפגעמאַנטן וואָכער. דאָס לעבן איז אָרעם, שווער און אומעטיק. וואָס קאָן דאָ טאָן אַ רבס אַ זון? — ווערן אַ מלמד. ניין, דאָס ניט, דאָס ניט, דאָס איז ניט קיין תכלית. אין קאָפּ זיינען שוין געלעגן, צוזאַמען מיט די תנאים און חכמים, אויך גרויסע רוסישע און יידישע שרייבער. חוץ פּאָעטן, האָבן גערודערט דעם געמיט די גרויסע געשעענישן אין דער וועלט און אין לאַנד, ביי יידן. קאָן ער ניט בלייבן אין טאַטע־מאַמעס שטעטל און לאָזט זיך אין דער וועלט אַריין — קיין אַמעריקע.

— איך בין געקומען קיין אַמעריקע זומערצייט, און פאַרפאָרן צו מיין ברודער אַברהם־שמואל שוואַרץ. דאָס איז געווען אין 1906.

זיין ברודער, אַ דאָקטער און אַ העברעאישער פּאָעט, וועמען ער האָט ליב, ווי ער זאָגט, אהבת נפש, האָט דעמאָלט קיין אייגענע דירה ניט געהאַט. ער האָט געלעבט ווי אַ „באָרדער" ביי חיים עפּשטיין, אויף דיוויזשאָן סטריט 141. אין פיר צימערלעך האָבן געוואוינט אַ היפּש ביסל נפשות. זיי ביידע, זיין ברודער און עפּשטיין, האָבן אין יענער צייט נאָר־וואָס געענדיקט שטודירן פאַר דאָקטוירים. ביידע זיינען זיי געשלאָפן אויף איין קאַנאַפּע. און י. י. שוואַרצן האָט מען אויך גענומען אויף דער

זעלביקער קאַנאַפּע. מע האָט אים געלייגט אין מיטן. געדענקען זיך אים יענע נעכט פון זאַלבעדריט אויף איין קאַנאַפּע:

— חיים, אפשר וואָלסטו זיך א ביסל א רוק געטאָן?

— אבהם־שמואל, אפשר וואָלסטו זיך א ביסל א קער געטאָן?

פון דער בעט זאַלבעדריט איז י. י. שוואַרץ אַנטלאָפן צו זיינעם א קרוב אין דער „קאַנטרי”, ביי וועמען ער איז געווען א 6־7 וואָכן, און „געשריבן שירים”. ער האָט שוין אָנגעהויבן שרייבן לידער אין פּעטראַשון, האָט ער ווייטער געשריבן ביים קרוב אין דער „קאַנטרי”.

— פאַרוואָס שירים? — פרעגט ער זיך אַליין. — „איך ווייס ניט פאַרוואָס. איך האָב עס דעמאָלט ניט געוואוסט און ווייס עס היינט ניט. עס האָט זיך געוואָלט שרייבן און עס האָט זיך געשריבן”.

ער דערציילט מיר, אַז נאָך איידער ער איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע, האָט ער אָפּגעשיקט זיינס א ליד צום זשורנאַל „דאָס יידישע פאָלק”, וואָס איז דערשינען אין ווילנע. ווען ער איז שוין געווען אין אַמעריקע, איז אָנגעקומען דער זשורנאַל מיט זיין דאָרטן אָפּגעדרוקט ליד.

— געדענקט איר אייער ערשט געדרוקט ליד? — פרעג איך אים.

— אפשר האָט איר עס ביי זיך, אפשר קאָן איך עס זען?

טוט ער א מאַך מיטן האַנט מיט ביטול. — „ניט נויטיק”.

ער האָט ניט געקענט לאַנג זיצן ביים קרוב אין דער „קאַנטרי” און איז געקומען צוריק אין ניו־יאָרק. מע דאַרף דאָך אָנהייבן מאַכן א לעבן.

— איך בין אויפגענומען געוואָרן פאַר א לערער אין דער בראָנזווילער תלמוד־תורה און געלערנט מיט קינדער עברי און חומש.

— ווי קומט איר צו דער בראַנזווילער תלמוד־תורה? — פרעג איך אים.

— דער באַרימטער מטיף מאַסליאַנסקי האָט מיך אַהין אַריינגעפירט.

מאַסליאַנסקי האָט אין יענער צייט געשטורעמט מיט זיינע דרשות דאָס יידישע ניו־יאָרק. ער איז געוואָרן זיין ברודערס שוואָגער און דורך אים האָט ער געקענט דעם געוועזענעם מתמיד פון פּעטראַשון.

— קנאַפּע 5 יאָר האָב איך געלערנט אין דער בראַנזווילער תלמוד־תורה.

אין דער זעלבער צייט האָט ער געלערנט אַלגעמיינע לימודים, שטודירט ענגליש. ער האָט געלערנט אין דער אַמעריקאַנער שול, געלייענט די אַמעריקאַנער ליטעראַטור. געשריבן יידישע לידער און געדרוקט זיי, דער עיקר, אין דער „צוקונפט”. עס זיינען געווען לידער וועגן דער היים,

װעגן אַמעריקע, װעגן קעמפער פאַר פריִיהייט. ער האָט אױך איבער־געזעצט ביאַליקס „מתי מדבר".

ריידן מיר װעגן „יענער צייט", דער צייט װען עס האָט זיך פאַנאַנ־דערגעבליט די יונגע יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע, דער צייט פון קאַמפן צווישן שרייבער גרופּעס און ריכטונגען.

— אָפיציעל — זאָגט ער — האָב איך געהערט צו די „יונגע". איך בין אָבער דאָרטן געװען אַ זייטיקער. איך מיש זיך ניט אין פּראַק־ציעס. איך בין ניט אין ערגעץ קיין „אייגענער מענטש". איך בין צו־פרידן אָנצושרייבן אַ גוטע שורה.

ער קערט זיך אום נאָך אַ מאָל צו ביאַליקן, װעמען ער האָט ליב מיטן גאַנצן הארצן. ער באַטראַכט ביאַליקן פאַר אַ שליח צבור פון דורות.

— איך האָב געלערנט — זאָגט ער, — אַז דווקא אין פּשטות קאָן מען דערהייבן זאַכן ביז סימבאָלן, קאָן מען גרייכן צו דער העכסטער דערהויבנקייט.

ער רעדט װעגן ביאַליקן מיט התלהבות, ווי עס רעדט אַ חסיד פון זיין רבין. ריידנדיק מיט מיר אויף יידיש, פאַלט ער אריין אויך אין העברעאיש: אין למעלה ממנו... אנחנו כורעים... ניטאָ קיין גרע־סערער פון ביאַליקן... ומשתחווים.

— פון דער טיפסטער יידישקייט האָט ער אַרויסגעבראַכט יידישע און אַלוועלטלעכע װערטן. װען איך בין נאָך געװען אין מיין קליין שטעטל, איז ביאַליק אריין מיט זיין „מתמיד" אין מיין נשמה. איך האָב האָב געוואָלט שרייבן אַזוי ווי ער.

ער דערמאָנט זיך, אַז אין ישיבה איז געשטאָרבן אַ יינגל. דער צער האָט אים דורכגענומען. באַהאַלטענערהייט האָט ער דעמאָלט געפּרואווט גיין אין ביאַליקס דרך און ער האָט אָנגעשריבן אויף העברעאיש אַ פּאָ־עמע װעגן דעם געשטאָרבענעם יינגל, און עס אַ נאָמען געגעבן „מות הנער". ער האָט די דאָזיקע פּאָעמע קיינמאָל ניט געדרוקט. ער זאָגט איצט: — „ניט װערט געװען געדרוקט צו װערן".

די יאָרן, װען ער איז אַריין אין דער יידישער ליטעראַטור אין אַמע־ריקע, זיינען, לויט זיין מיינונג, געװען דער פרוכטבאַרסטער פּעריאָד פאַר דער יידישער ליטעראַטור. עס איז געװען דער אָנהייב פון היינטיקן יאָר־הונדערט. ער האָט זיך געצויגן ביז איבער דער ערשטער װעלט־מלחמה.

—דאָס זיינען געװען אונדזערע קאַריפייען — זאָגט ער — מאָריס ראָזענפעלד, יהואש, אברהם ליעסין. זיי זיינען געקומען מיט די כוואַליעס פון דער יידישער אימיגראַציע, כוואַליעס, װאָס האָבן אויפן אַמעריקאַנער באָדן געשאַפן ניסים ונפלאות. נאָך די קאָריפייען זיינען געקומען נייע,

פרישע, יונגע כוחות, מיינע חברים. עס איז געקומען די פּלעיאַדע משה לייב האַלפּערן, מאַני לייב, ה. לייוויק, י. ראָלניק. עס זיינען געקומען די פּראָזאַאיקער — ראַבאַי, אָפּאַטאָשו, איגנאַטאָוו. יענע „יונגע צייט" קומט איצט צוריק אין זיין געמיט, און ער רעדט וועגן איר מיט באַגייס־טערונג. ער געדענקט יהואשן פון 1907, וואָס האָט „געשטראַלט פון זיך מיט דינער פיינקייט". און מאָרים ראָזענפעלד?

„...און ראָזענפעלד פון דעם נייינטן יאָר
אין בראָנקסער קלערמאָנט פּאַרק אונטער אַ בוים,
אַן אָנגעברוגזטן, צעבראָכן פון לעבן"...

און ליעסין?

„דעם מאַן פון קאַמף און ליד,
פון יידישער עקשנות און מסירת־נפש,
אַרויסרוף צו דער פיינדלעכער, פרעמדער וועלט..."

— ווער איז געווען דער נייער דור?

„אַגרויסער, שטאַרקער דור, אַן איינגעוואָרצלטער.
געקומען זיינען מיט די שיפן המונים פּליטים צום גוטן ברעג.
האָט איטלעך שיף, צוזאַמען מיט דער אָרעמקייט פון דער אַלטער היים,
געבראַכט זיין רייכן צינז צום ליד דעם יידישן".

רעדט ער וועגן דער וואונדערלעכער צייט פון אָנהייב יאָרהונדערט. די וועלט איז געווען דאַ יונג, ניי, אומבאַקאַנט. מוראַדיק, ווי אין די ערשטע זיבן טעג פון דער וועלט־באַשאַפונג. מען איז אַריין אין אַ ניי לאַנד, און פייערן האָבן זיך געצונדן אין בלוט ביי די ערשטע טריט.

— מיר זיינען געקומען הונגעריקע נאָך ליכט און פרייד. ס'איז געווען אַ מעכטיקע אַרמיי, וואָס האָט מאַרשירט מיט קלומאַקעס, מיט זעק און פּעק, צום טרערן־אינדזל.

„פּעק פון אָנגסטן און געשריי,
וואָס עס האָט וואַנדער־פאָלק געבראַכט אין נייע וועלט".

— ס'איז געווען אַ געוואַלדיקע שפּע — זאָגט ער — ס'איז ניט געווען גלאַט אַ צופאַל. ס'איז דאָך געווען אַ רעוואָלוציע אין יידישן לעבן. הונדערטער טויזנטער, מיליאָנען האָבן זיך אַריבערגעטראָגן פון מזרח קיין מערב, איבערן ים. עס איז געקומען עמך, יידן פון אַרבעט,

פון טאָן. עס האָט זיך אין אַמעריקע פּאַנאַנדערגעוואַקסן אַ יידישער אַרבעטס־קלאַס. עס האָבן זיך אויך געטראָגן אַהער יידן פון בילדונג, פון וויסן, למדנים. איז דען אַ וואונדער, וואָס פון אַ פּאָר מיליאָן יידן האָבן זיך אויסגעטיילט אַ פּאָר צענדליק שעפערישע יידן?

פון התלהבות גייט ער איבער צו ראָמאַנטישע זכרונות:

— אַז איך קוק איצט אויף אונדז, אויף אונדזער אַרעמקייט נאָך אונדזער גרויסן חורבן, און וואַרף צוריק דעם בליק צום אָנהייב יאָר־הונדערט, דאַכט זיך מיר, אַז יענע צייט איז געווען אונדזער גאָלדענע תקופה. איך זע אונדזערע דעמאָלטיקע ליטעראַטור־מיטינגען. מיר זיינען געווען צוזאַמען אפשר צוויי הונדערט עלטערע און יינגערע שרייבער, אָנערקענטע און ניט־אָנערקענטע, אָנפאַנגער, וואָס האָבן זיך געריסן אין דער ליטעראַטור אריין, געריסן מיט אַלע כוחות. טויזנטער פּלעגן קומען אונדז הערן.

— וועלכע פון אייערע ווערק האַלט איר פאַר די וויכטיקסטע — פרעג איך אים.

ער ענטפערט מיר גלייך, ניט טראַכטנדיק:

— מיין „קענטאַקי" און מיין בוך, וואָס דאַרף בקרוב דערשיינען — „יונגע יאָרן".

פרעג איך אים:

— ווי קומט איר, אַ ייד פון פּעטראַשון, אַ בן־הרב, אַ ישיבה־בחור פון שניירערשן קלויז, צו „קענטאַקי"?

— עס זיינען געווען אימיגראַנטן, וואָס זיינען געקומען קיין אַמע־ריקע אויף דערוויל. איך אָבער האָב געשטעלט מיינע פיס אין אַמעריקע מיטן געדאַנק און געפיל: להשתקע — דאָ בלייב איך. דאָ וועל איך לעבן. איך האָב אָנגעהויבן לערנען אַמעריקע, לערנען איר שפּראַך, איר קולטור, אירע שרייבערס, איר לעבן. עס האָט מיך געצויגן טיפער אין אַמעריקע אריין, אין דעם נייעם, פּאַרכאַפּנדיקן לאַנד. צוליב חיונה־סיבות, האָב איך זיך באַזעצט אין קענטאַקי און געלעבט דאָרטן אַ היפּשע ביסל יאָרן.

ער האָט דעמאָלט געשריבן: „ליב איז די ערד, אויף וועלכער איך טרעט, פריש איז די ערד, פרוכטבאַר און פעט".

די ברייטע פלאַכן פון קענטאַקי — דערציילט ער — זיינען אריין אין זיין געמיט. ער האָט ליב באַקומען דעם קענטאַקיער הויכן הימל, די קענטאַקיער ברייטע, ניט געצאַמטע, ווייטקייט. אָט זיינען אַ פּאָר שורות פון זיין בוך „קענטאַקי".

איז געקומען דער ייִד פֿון דער ווײַט און דער פֿרעמד,
מיט די וואונדיקע פֿיס, מיטן האַרצן, וואָס קלעמט,
מיטן פּאַק אויפֿן פּלייצע, מיטן שטעקן אין האַנט,
אין דעם נייעם און פֿרייען, און ריזיקן לאַנד..."

עס לעבן אויף פֿאַר אונדז, שמועסנדיק וועגן „קענטאַקי": קענ־טאַקיער פֿאָלק אין די נידעריקע הייזלעך; קענטאַקיער גאַסן; וואו קינד און קייט, אַרום די פֿייערן, לויפֿט, קלאַפּט, אין מעש, אין בלעך; די שוואַרצע פּנימער, רויט פֿאַרצויגענע, שווערע אויגן; די מענטשן מיט פּנימער שוואַרצע, ווי טשוגון.

קומען מיר צום נעגער הזשאָרדזש וואַשינגטאָן, צו די שוואַרצע מיידלעך, וואָס זינגען: „גראָבט מיין קבר מיט אַ רידל פֿון גאָלד; לאָזט מיך אַראָפּ אויף קייטן פֿון גאָלד"; צום שוואַרצן טאָמאַס, אַן אויס־געפּוצטן, מיט רויטע שטרייפֿן אויפֿן העמד, וועלכער זאָגט אַזוי: „פֿאָטער לינקאָלן, האָב דו רחמנות אויף אַן אָרעמען נעגער".

י. י. שוואַרץ האַלט, אַז זיין ניי בוך, „יונגע יאָרן", איז זיין בעסט ווערק. „אפשר בעסער ווי 'קענטאַקי' — זאָגט ער. — איך האָב אַ געפֿיל, אַז איך האָב מיט דעם עפּעס אַריינגעבראַכט אין אונדזער ליטעראַטור. איך פֿיל זיך שטאָלץ מיט דעם".

פֿאַרוואָס איז ער געגאַנגען צוריק צו זיינע יונגע יאָרן? — ער זאָגט וועגן דעם אַזוי:

„ווען סינעמט מיין טאָג צום אָוונט זיך נייגן,
גייט איבער סיהאַרץ מיט בענקעניש אין שטילער שעה
נאָך דעם, וואָס איז געוועזן און שוין מער ניטאָ".

טראָגן מיר זיך אַריבער צו בילדער פֿון זיינע „יונגע יאָרן" — צום נאָך פּסח, ווען עס פֿלעגט דער „ניעמאַן זיך שפּאַלטן, אַ שפּאַגל־בייער, אַ צוברויזטער ביי די ברעגעס"; צו שבועות „מיט די פֿאַדלאָגעס, באַ־שאָטענע מיט צעהאַקטע יעגלע"; צו די שווערע בעז־בוקעטן; צו די מעשענע לייכטער מיט די פֿינקלדיקע סטעאַרין־ליכט; צו רות פֿון מואב, וואָס פֿלעגט שבועות אַריינשוועבן אין שטוב; צו דער אומגעקומענער עדה פֿון זיין פֿאַרברענט שטעטל:

„איך נעם צונויף זיי אַלעמען, די גאַנצע עדה,
און זוך זיי ביי די שטענדערס אין דער שול,
אין בין־השמשות פֿון אַ שבתדיקן טאָג.

אין שול איז טונקל, און סיגייט אויף א יאָמער
פון טרויעריקן ניגון פון תהילים,
וואָס פאַלט ווי א געשריי פון דורות..."

ער איז מחיה מתים און קדושים אין זיינע „יונגע יאָרן" — יידן אין טליתים און תפילין, יידן, וואָס באַקרוינען זייערע קעפּ מיט „של ראש", מיט „שמע ישראל", איינגעכתיבהט אין פּאַרמעט.

עס פאַרגעסט אויך ניט:

„די שנאה פון דער וועלט, וואָס איז ווי א שוואַרצער ים,
וואָס קאָכט מיט גיפט און בלוט, און שוימט, און סמט".

קומען מיר צו דער ראָל און די אויפגאַבן פון שרייבער אין אונדזער צייט. ער איז מסכים, אַז, אַלס שרייבער, האָט ער געהאַט דעם באַוואוסט־זיין פון א שליח צבור, דאָס געפיל, אַז ער טוט אויף מיט זיין פעדער פאַר מענטשן, פאַרן יידישן פאָלק.

— מיין „ספר השבת" האָב איך צוזאַמענגעשטעלט — זאָגט ער — אויף א באַשטעלונג, וואָס ביי מיר האָט געמאַכט דער ביכער־פאַרלאַג פון נאַציאָנאַלן ארבעטער־פאַרבאַנד. איך האָב איבערגעזעצט, צוזאַמענגעשטעלט, געטאָן א נויטיקע ארבעט, אָבער אויך נויטיק צום פאַרדינען א שטיקל ברויט. איך האָב איבערגעזעצט, צוזאַמענגעשטעלט לעגענדעס און מדרשים וועגן משה רבינו, וואָס עס האָט ביי מיר באַשטעלט דער פּאָעט ב. י. ביאַלאָסטאָצקי פאַרן קראַנשטאַדט־פאָנד. מיינע אייגענע לידער און פּאָעמען האָב איך געשריבן דערפאַר, ווייל עס האָט מיך צו דעם געצויגן. מיין הארץ קוועלט פשוט פון גוטן פערז. איך האָב הנאה פון א גוטער שורה. איך בין ניט קיין שליח צבור, וואָס בעט שכר פאַר זיין שליחות. מיין שכר איז א גוט ליד. דאָס איז אַלץ.

מיר גייען אריבער צום מצב פון דער יידישער ליטעראַטור, פון דער יידישער שפּראַך, צו דער באַציאונג פון דעם נייעם דור אין אַמעריקע צו די אַלטע און גרויסע יידישע ווערטן.

— למי אני עמל? — פרעגט זיך אַליין י. י. שוואַרץ. — פאַר וועמען און צוליב וואָס? ס'איז אַן אַנגעווייטיקטע פראַגע. ניט גוט, ברודער, ניט גוט. איך קאָן מיר ניט איינריידן קיין פייגעלעך אין בוזעם. אפשר די וואָס שטייען ביי דער עפנטלעכקייט, ביי דער פרעסע, קאָנען עס, מוזן עס. אפשר זעען זיי בעסער, וויסן בעסער. איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געקאָנט געפינען אַן אָפענע טיר פאַר מיר צו דער פרעסע. זעט אויס אַז איך בין א שלים־מזל.

ער רעדט וועגן דעם, אַז זייער אָפּט פילט מען זיך איינזאַם. ניטאָ מיט וועמען צו ריידן. אפילו ניט מיט די אייגענע קינדער. זיי זיינען אַלע ווייט, זייער ווייט אַוועק. פאַר וועמען שרייבט מען? צוליב וועמען? ער רעדט וועגן דעם האַלב אויף יידיש, האַלב אויף לשון קודש.

— דער אמת איז, אַז מיר שרייבן צו זיך, צום אייגענעם געמיט. מיר לייענען זיך אַליין. בעד עצמו. יעדער איינער פון אונדז רעדט לפי נטית רוחו.

דערציילט שוואַרץ:

— אַ גאַנץ לעבן האָב איך ניט געשריבן העברעאיש. איצט שרייב איך העברעאיש. איך איבערזעץ אַליין מיין „קענטאַקי" אין העברעאיש.

ער ווייזט מיר אויף מבינות די העברעאישע איבערזעצונג פון זיין „קענטאַקי", געדרוקט אין „התקופה", אין „ספר השנה".

— ווי גייט אייער יידישע פּעדער אויף העברעאיש? — פרעג איך.

— איר זעט דאָך. מען זאָגט, אַז גוט.

האַלט עס ביי העברעאיש, קומען מיר צו מדינת ישראל און חוץ לארץ.

— עס איז פאַר מיר קיין ספק ניט — זאָגט ער, — אַז מדינת ישראל וועט האָבן אַ געוואַלדיקע ווירקונג אויפן אַמעריקאַנער יידנטום. עס האָט שוין אַ גרויסע ווירקונג. פרעמדע ווערן אייגענע, ווייטע ווערן נאָענטע. יידן אין גלות? — איך וואָלט ניט געוואָלט זיין קיין פּעסימיסט, אָבער וואו נעמט מען יוגנט? וואו איז זי און וואס איז זי אונדזער יוגנט?

—דאָך גלויב איך — זאָגט ער — אין קיום פון יידישן פאָלק אַלס פאָלק אין אַמעריקע. שלילת הגלות איז אַ אידיאָטסטווע. ווי קאָן מען אָפּרייסן דעם קאָפּ און בלייבן לעבן? קריעת ראש ולא ימות?

ער דערציילט מיר, אַז באַלד וועט ער, ווי גאַנץ אָפט, זיך אַרויס־לאָזן איבער אַמעריקע מיט זיין נייעם ספר — „יונגע יאָרן". ער וועט קאָנען זיין נאָר אין אַ טייל שטאָטן. די איבעריקע וועט ער לאָזן אויף אַ יאָר שפּעטער. דערציילט ער וועגן זיין גאַנג איבער אַמעריקע מיט זיין פּעקל ספרים, גאַנץ געמיטלעך, גוטמוטיק:

— איך האָב ניט קיין טענות. איך בין שוין געגאַנגען איבער אַמע־ריקע אַ פּאָר מאָל. עס איז מיר גוט צו זיין צווישן גוטע פריינד, און זיי, די גוטע פריינד, זיינען דאָ אומעטום. זיי נעמען מיך אויף בסבר פּנים יפות. איך דאַרף גאָרניט גיין אַליין איבער די הייזער, פאַרקויפן מיינעם אַ ספר. מיינע גוטע פריינד, מיינע טייערע יידן, טוען עס פאַר

מיר. אזוי זיינען דאַך אַמאָל־אַמאָל געגאַנגען רבנים מיט זייערע חבורים איבער יידישע ישובים. איז פאַרוואָס זאָל מען עס היינט ניט טאָן דאָ, אויב נאָר כוח איז דאָ?

— עס דאַכט זיך מיר — זאָגט ער, — אַז איך האָב זיי, די יידן, קיין שלעכטס ניט געטאָן. איך האָב זיי געגעבן ביאַליקן צו פאַרשטיין און פילן אויף יידיש. איך האָב זיי געגעבן די מיטלאַלטערלעכע יידישע פּאָעזיע, אַריינגעפירט צו זיי יהודה הלוי.

ער דערמאָנט זיך אַז שטעט, אַז מענטשן. געדענקט ווי אַזוי ער איז אין דעטראָיט אַמאָל קראַנק געוואָרן און ווי אַזוי פריינד האָבן זיך צו אים דאָרטן באַצויגן; ווי אַזוי צוויי יידן אין ווענעזועלאַ, דוד און מרים וויס, האָבן זיך צו אים גוט באַצויגן.

ער איז זיך אָבער מודה:

— יעדעס מאָל פאַר מיין אַרויספאָר קלאַפּט מיר דאַך דאָס האַרץ. ווער וויס, גיי איבער שטעט, קום צו יידן, באַדער זיי. אָבער נאָכדעם, ווען איך גיי שוין אַרויס און קום צו יידן, האָב איך נחת רוח.

דערמאָנט ער זיך:

— געדענקט איר, ווי מיר האָבן זיך באַגעגנט, מיט פיר יאָר צוריק, אין פּאָרט פון ריאָ־דע־זשאַניירא?

יאָ, איך געדענק. איך בין געפאָרן פון אַרגענטינע און ער איז געפאָרן קיין אַרגענטינע, און אין ריאָ־דע־זשאַניירא, בראַזיל, האָבן מיר זיך באַגעגנט. איך האָב אים אָנגעזאָגט: „מען וואַרט אויף אייך אין בוענאָס איירעס". צוויי יידן־גייערס איבער דער וועלט גיבן זיך שלום־עליכם.

— וואו פאָרט איר ווידער אַרויס? — פרעג איך אים.

— אין נאָוועמבער — ענטפערט ער.

— ווי פילט איר זיך אין געזונט?

— ניט איבעריק, אָבער בעסער ווי אַמאָל. איר זעט דאָך, איך האָב אַראָפּגעבראַכט מיין האַרץ קיין פלאָרידע, זיך באַזעצט אין אַן איינענער כאַטע. מיינע לעצטער וועלן לייענען ווען מיין גאָרטן אין פלאָ־רידע און וועלן מיינען, אַז איך בין געוואָרן אַ מולטי־מיליאָנער, איך האָב געירשנט מילי־מילאָסן. נו, זעט איר דאָך, האָדעווע איך גאָר פּאָ־פּאַיעס, גיב אַכטונג אויף ציטרינען, רייס קרייטעכצער און שרייב לידער.

די שבת־ליכט אין הויז האָבן שוין אויסגעברענט. מיר געזעגנען זיך.

אויף צוריקוועגס האָב איך נאָך אַלץ געזען פאַר מיינע אויגן דעם היכל, גוט־געבויטן, ווייסקעפּיקן און שוואַרץ־האָריקן י. י. שוואַרץ און די מסבה פון די גרויסע יידן פון דער גאָלדענער תקופה, פון דער שפּאַ־נישער תקופה, און דורכגעטראַכט זיינע לעצטע ווערטער: „עס דוכט זיך מיר אַמאָל, אַז איך בין אַ העברעאישער פּאָעט אויף יידיש. עס זיינען דאָ יידישע פּאָעטן, וואָס זעען פאַר זיך פּושקינען און לערמאָנטאָוון. איך זע ביאַליקן, יהודה הלוי״.

ביכער פון זעלבן מחבר

דער מחבר פאַרצייכנט לזכרון זיינע ביכער, וואָס זיינען אומגעקומען
בימי היטלער אין פוילן צוזאַמען מיט מיליאָנען
אַנדערע יידישע ביכער:

א. „בונדיסטן"
דריי ביכער: "בונדיסטן" א., "בונדיסטן" ב.,
"אויף די וועגן פון באַגינען".

ב. „דערציילונגען"
צוויי ביכער.

ג. קינדער דערציילונגען, פאָרשטעלונגען,
ביבלישע מעשהלעך פאַר קינדער

ד. „הירש לעקערט"

ה. „אַ רייזע"
ראַטן־פאַרבאַנד 1935.

אין אַמעריקע זיינען דערשינען:

א. „אַש און פייער"
עסייען וועגן אַ רייזע איבערן חרובן פוילן 1936 — 1935.

ב. „הענאָך"
אַ טאָג־בוך פון אַ ייִנגל אין געטאָ.

געזעצט און געדרוקט ביי
מאַרסטין פּרעס, אינק.,
228 איסט 45 סט., ניו-יאָרק
אייגנטימער: י. לאָנדאָן
43